STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05531

DER PROGER ARESTANT DERTSEYLT

Mordecai Oren

Permanent preservation of this book was made possible
by Jacob Julius
in honor of
Sidney Berg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי אורן

*

דער פראגער ארעסטאנט דערציילט

מרדכי אורן

דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט

ייִדיש: ד. שטאָקפיש

פארלאג
י.ל. פרץ
ביבליאטעק
תל-אביב, ישראל
1959

מרדכי אורן / דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט
פאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31
Publishing I. L. Peretz Library
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*

Mordecai Oren

THE STORY OF A POLITICAL PRISONER IN PRAGUE

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „אורלי", רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב

רעגאָן

ערשטער באנד

אַריינפיר

נאָך פיר און אַ האַלב יאָר ליידן האָבן זיך פאַר מיר אויפגעעפנט די תפיסה־מויערן אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע. ס'איז מיר דערלויבט געוואָרן זיך אומצוקערן אַהיים — אין מיין פאָטער־לאַנד, צו מיין משפחה און מיין קיבוץ, צו מיין באַוועגונג. דאָס איז געשען דעם 13־טן מאַי 1956.

דער טאָג פון מיין באַפרייונג איז אויסגעפאַלן דריי חדשים נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ראַטנפאַר־באַנד.

כ'בין באַפרייט געוואָרן אייניקע וואָכן נאָכדעם, ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט עפנטלעך דערקלערט פאַר אַלעמען, אַז אויך אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט מען אין די לעצטע יאָרן אויפן סאַמע הארבסטן אופן פאַרלעצט די „יסודות פון דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט".

כ'בין באַפרייט געוואָרן נאָכדעם ווי אויך אַנדערע פאָלקס־דעמאָ־קראַטיעס האָבן עפנטלעך געשטעמפלט די פאַרדאָרבנקייט און צעפוילטקייט אויפן יוריסדיקציע־שטח פון זייערע מדינות. נאָך אין תפיסה האָב איך געלייענט וועגן דער רעהאַביליטאַציע פון ראַיק אין אונגאַרן און פון ט. קאָסטאָוו אין בולגאַריע.

די טשעכאָסלאָוואַקישע מאַכט־אָרגאַנען וואָס האָבן אין מערץ 1956 פּראָקלאַמירט די ליקווידאַציע פון „בעריאַ־רעזשים" אין טשעכאָסלאָוואַקיע, האָבן מיך טאַקע באַפרייט פון תפיסה, אָבער זיך גופא נישט ריינגע־וואַשן פונעם עצם פאַרברעכן. מיין באַפרייונג האָבן זיי נישט באַגלייט מיט ריעהאַביליטירן מיין נאָמען און אים ריינוואַשן פון דעם בלבול, וואָס זיי האָבן צוגעשריבן מיר און דעם ווערק פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון מיין פאָלק און מיין פאַרטיי. די טשעכאָסלאָוואַקישע מאַכט האָט ליבערשט

געוואָלט מיך באַפרייען דורך מוותר זיין אויפן רעשט „שטראָף״, אָבער אָנערקענען דעם שווינדלערישן פּראָצעס, וואָס האָט מיך באַשטראָפט אויף 15 יאָר תפיסה פאַר... פיינדלעכע טאָטן מיטן ציל פון צעשטערן דעם רעזשים און פאַר שפּיאָנאַזש־טעטיקייט לטובת ענגלאַנד, ישראל און מפ״ם. ווער נאָך ווי די טשעכישע מאַכט־אָרגאַנען ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דער פּראָצעס וואָס איך בין געווען זיין קרבן, איז געווען אַן אינסצעניזירטער שקר־משפט, ווי די איבעריקע פּראָצעסן אין יענער פינצטערער תקופה אין טשעכאָסלאָוואַקיע? זיי ווייסן אויסגעצייכנט, אַז כ׳בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, נאָר געווען אַ קרבן פון אַ פאַרברעכן, וואָס איז מיט פולן באַוווסטזיין אַדורכגעפירט געוואָרן דורך דער זיכערהייטס־פּאָליציי, געריכטלעכן אַפּאַראַט און גענעראַל־פּראָקוראַטור פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק — כדי זיך צו באַנוצן מיט מיר אין אָרגאַניזירן דעם בלבול־פּראָצעס, פון וועלכן עס האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער ריח פון אַנטיסעמיטיזם; כדי צו באַשמוצן דאָס יידישן פאָלק, דעם ציוניזם, מדינת ישראל און דעם פּראָגרעסיוון לאַגער אין ישראל.

ס׳איז אָבער אויסער יעדן ספק, אַז דער אופן פון באַפרייען מיך קאָן בלויז שטאַרקן דעם איינדרוק, אַז די טשעכאָסלאָוואַקישע פירערשאַפט שטעקט נאָך אין דער ירושה פונעם אַלטן רעזשים, אין דער צעפּוילטקייט פון איר יוסטיץ און אין דער פאַרדאָרבנקייט פון איר אַפּאַראַט.

און דערפאַר איזדיעקעוועט מען זיך איבער אַ לינקן סאָציאַליסט פון ישראל אויך נאָך זיין באַפרייונג. דערפאַר איז נאָך סלאַנסקי אַלץ אַ פאַרברעכער, אַ פאַררעטער, אַ שפּיאָן און מערדער, בעת ראַיק און קאָסטאָוו האָבן זוכה געווען צו פולער רעהאַביליטאַציע און גאָמולקאַ שטייט בראש פונעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן. דערפאַר פייניקן זיך נאָך אַלץ אין טשעכאָסלאָוואַקישע תפיסות צענדליקער ציוניסטישע עסקנים „פאַר פאַראַט און שפּיאָנאַזש״.

ניין, אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט דער שניי נאָך נישט אויפגעטייעט. די פאַרקריפּלער פונעם רעכט, די פעלשער פונעם געזעץ און די רעזשי־סאָרן פון די שקר־פּראָצעסן פון דעם מין, ווי דער גענעראַל־פּראָקוראָר אורוואַלעק, — וואָס איז אין דער צווישנצייט דערהויבן געוואָרן און באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעזעס פון העכסטן געריכט אין דער מדינה — הערשן נאָך אינעם פאַטערלאַנד פון יאַן הוס.

פונדעסטוועגן בין איך נישט פאַרצווייפלט. איך געהער נישט צו יענע אין ישראל און אין דער וועלט, וואָס די אַנטפּלעקונגען פון צוואַנ־

ציקסטן קאָנגרעס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט פון די כלים און דערפירט ביז יאוש אינעם גלויבן צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. ביי מיר איז נישט אונטערגעבראָכן געוואָרן דער גלויבן, אַז די לענדער פון סאָציאַ־ליזם וועלן גובר זיין די האַרבע אַנטפּלעקונגען פון דעגענעראַציע און וועלן רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם — אַ סאָציאַליזם וואָס וועט זיינע בויער ברענגען שפע און פרייהייט, דעמאָקראַטיע און הומאַניזם, צדק און גלייכהייט.

די דעגענעראַציע פון דער יורידישער מאָראַל אין די לענדער פון סאָציאַליזם איז בלי־ספק אַן אויפטרייסלענדיקע דערשיינונג. מען דאַרף זי אָבער נישט זען ווי אַ נויטווענדיקע דערשיינונג פון סאָציאַליסטישן רעזשים אין זיין פאַרווירקלעכונג. זי איז אַ רעזולטאַט פון פעלשן דעם סאָציאַליסטישן רעזשים. די אויסרעזשיסירטע פּראָצעסן זענען נישט קיין אויסדרוק פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, זיי זענען אַ רעזולטאַט פון אַן אויפטרייסלענדיקער פעלשונג פון סאָציאַליזם, פון דער געריכטלעכער מאָראַל און פון די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם און לענינים. דאָס אייגענע גילט אויך לגבי די אַנדערע אויסדרוקן פון פאַרקריפּלונג פון דער סאָציאַ־ליסטישער וויזיע אין פּראָצעס פון איר פאַרווירקלעכונג.

ניין, כ׳האָב זיך נישט מייאש געווען פון דער צוקונפט פון סאָציאַ־ליזם אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

דער פּראָצעס פון פאַרדאַרבונג האָט נישט דערשיטערט די עצם־יסודות פון סאָציאַליסטישן בנין. די פּאָליטישע מאַכט איז אין די הענט פון אַרבעטער־קלאַס; עס זענען אומגעוואָרפן געוואָרן די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט; עס בויט זיך די סאָציאַליסטישע פּלאַן־ווירטשאַפט; עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער קלאַסן־געבוי פון דער געזעלשאַפט; די אינדוסטריע איז אַ סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַליזירטע; די לאַנדווירטשאַפט אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ סאָציאַליסטיש־קאָלעקטיווע. דער פּראָצעס פון קאָלעקטיוויזאַציע מאַכט פאָרשריט אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס זענען אַ פאָרבאַדינג פאַר דער פולער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, זענען נישט אַנגערירט געוואָרן. זיי זענען די עיקרדיקע גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דער סאָציאַליזם וועט גובר זיין זיינע ערנסטע פּגמים און זיגן אין זיין גאַנצן פאַרנעם און אין זיין פולן, אמתדיקן באַטייט.

דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס איז געווען אַן אויסדרוק פאַר די דאָזיקע ווערטפולע ענדערונגען אויך אינערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד גופא. ער האָט נאָכגעגעבן דעם דרוק פון מעכטיקע געזעלשאַפטלעכע

כוחות, וואָס האָבן געשפּראָצט און אויסגעוואַקסן אויפן שויס פון דער רעוואָלוציע און פאָדערן אַנטשלאָסן אָפּצורייניקן די רעוואָלוציע פון די פעלערן און טריי פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם „פּערזאָנען־קולט" און איינשטעלן אַ פּאָליטיק פון דעסטאַליניזאַציע. אמת, די דאָזיקע פּאָליטיק פאַרווירקלעכט זיך זיגזאַג־אַרטיק. פיל באַשלוסן פון צוואַנציקסטן קאָנגרעס וואַרטן נאָך אויף זייער רעאַליזירונג. אָבער מען קאָן שוין נישט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס, וועמענס אויסדריקער ס'איז געווען דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס.

די פאָלקס־מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, דערצויגענע אין מיליאָנען אויף דער גייסטיקער שאַפונג פון די אָנזאָגער פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע — הערצען, ביעלינסקי, טשערנישעווסקי און דאָבראָליובאָוו און די אָנזאָגער פון סאָציאַליזם און זיינע פאַרווירקלעכער — מאַרקס, ענגעלס און לענין, ווילן ווייטער פאָדערן מערער וווילשטאַנד, מערער פרייהייט, דעמאָקראַטיע, גערעכטיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג אינעם פאַרווירקלעכן די ירושה פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אויך די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט באַקומען אַ שווערן קלאַפּ דורך כרושטשאָווס אַנטפּלעקונגען אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס, וועט האָבן אַ נישט־קליינע מאָראַלישע און פּאָליטישע השפעה אויפן טעמפּאָ פונעם סאָציאַליסטישן באַנייונגס־פּראָצעס אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין ראַטנפאַרבאַנד קומען פאָר וואזנטלעכע ענדערונגען. עס איז געצוימט געוואָרן דער אַלמעכטיקער כוח פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. אַנשטאָט דער דיקטאַטאָרישער הערשאַפט פון אַ יחיד, פאַרווירקלעכט זיך אַ באַשטימטע מאָס פון קאָלעקטיווער אחריות. די תפיסות ליידיקן זיך אויס פון אומשולדיק פאַרמשפּטע. עס זענען קענטיק די סימנים פון ליבעראַליזאַציע אין דער וויסנשאַפט. עס שטאַרקט זיך דער דרוק פאַר מערער שאַפונגס־פרייהייט אין דער ליטעראַטור און קונסט. דער שטייפער עקאָנאָמישער צענטראַליזם מאַכט פּלאַץ פאַר פרווון פון ווירטשאַפטלעכער און אַדמיניסטראַטיווער ליבעראַליזאַציע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו רעפאָרמירן דעם קרימינעלן קאָדעקס. עס וועלן שוין מער נישט מעגלעך זיין „ווידויים" און רעזשיסירטע מאָנסטער־פּראָצעסן. פאַראַן אַ פעסטער יסוד צו גלייבן, אַז דער באַנייונגס־פּראָצעס אין דער סאָוועטישער פּאָליטיק וועט ווערן אַלץ טיפער און פערמאַנענטער און זיך מער נישט אָפּשטעלן.

נישט בלויז ווי אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט, נאָר אויך ווי אַ ייִדישער סאָציאַליסט, וואָס איז טרײַ אָן גרענעץ דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון זײַן פאָלק אין זײַן היסטאָרישן היימלאַנד, האָף איך אויף אַ ריינינקונג אין דער סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג אין ראַטנפאַרבאַנד. ווייל נאָר אינעם אומקערן זיך צו די אומגעפעלשטע פּרינציפּן פון סאָציאַליזם ליגט אויך די אויסזיכט צו ענדערן דעם טעותדיקן צוגאַנג פון ראַטנפאַרבאַנד צום פּראָבלעם פון ייִדישן פאָלק און זײַן נאַציאָנאַלער באַוועגונג און צו פאַריכטן די עוולה וואָס איז פון די סאַמע האַרבסטע עוולות אין דער געשיכטע פון וועלט־קאָמוניזם; די אויסזיכט, אַז ער וועט אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש פאַרן באַפרײַעדישן כאַראַקטער פון קיבוץ גלויות אין ישראל, אַז ער וועט ווידער אָנערקענען דאָס רעכט פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד צו אַ זעלבשטענדיק, נאַציאָנאַל קולטור־לעבן און געבן די ייִדן, וואָס ווילן עס — דאָס רעכט עולה צו זײַן קיין ישראל. בלויז דאָס אומקערן זיך צו די אומגעפעלשטע פּרינציפּן פון סאָציאַליזם אין דער אינערלעכער און אויסערן־פּאָליטיק אַנטהאַלט אין זיך די אויסזיכט, אַז די אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד אויפן נאָענטן מזרח וועט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ פּאָליטיק, באַזירט אויף סאָציאַליסטישע פּרינציפּן צו דינען די געבאָטן פון קאָעקזיסטענץ, שלום, פּראָגרעס און פעלקער־פאַרברידערונג אין אונדזער ראַיאָן.

*

צוריקקומענדיק אַהיים, האָב איך פאַר דער גאַרער עפנטלעכקייט דערקלערט, אַז די יאָרן פון מײַנע לײַדן אין די טשעכאָסלאָוואַקישע תפיסות האָבן נישט איינגעבראָכן מײַן טרײַשאַפט צו מײַן וועלט־אַנשויונג און סימפּאַטיע צו די פעלקער וואָס בויען סאָציאַליזם. איך גלייב, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און אויך אין טשעכאָסלאָוואַקיע וועט אַ בלאָז טאָן אַ נײַער ווינט. די אורוואַלעקס און זייערע פּאַטראָנען וועלן אָראָפּגעני־דערט ווערן פון זייער מאַכט־פּיעדעסטאַל און אָפּגעבן אַ חשבון פאַר זייערע עקלהאַפטע מעשים. איך גלייב, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג און די פּראָגרעסיווע עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט, וועלן אויף לאַנג נישט משלים זײַן מיט דער פאַרגליווערטקייט פון די טשעכאָסלאָוואַקישע מנהיגים און זייער אָפּגעשטאַנענקייט אינעם באַנײַען משפּט און צדק אין זייער לאַנד און אינעם ריינינקן די געשטאַלט פון סאָציאַליזם.

אַ געוויסע צײַט נאָך מײַן באַפרײַונג האָב איך ווידער געפאָדערט אַ באַנײַטע גערינכטלעכע באַהאַנדלונג פון מײַן ענין. די דאָזיקע פאָדערונג

מיינע האָב איך פאָרמולירט אין אן אויספירלעכן מעמאָראַנדום, וואָס כ'האָב דורך דער פאַרמיטלונג פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאַרטרעטונג אין ישראל איבערגעשיקט צום פרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפובליק, צום יוסטיץ־מיניסטער, צום פאָרזיצער פון העכסטן געריכט און צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפובליק. נאָך העכער צוויי יאָר — אין דעצעמבער 1958 — האָב איך זוכה געווען צום ענטפער פון העכסטן געריכט אין פּראָג. דער העכסטער געריכטלעכער אויטאָריטעט אין טשעכאָסלאָוואַקיע וואָגט ווידעראַמאָל פעסטצושטעלן, אַז דער אויסרעזשיסירטער, שווינדלערישער פּראָצעס, וואָס איך בין געווען זיין קרבן, איז געווען געזעצלעך און ס'איז נישטאָ קיין אָרט פונדאַסניי צו באַהאַנדלען מיין ענין. דער יוסטיץ־אַפּאַראַט פון טשעכאָסלאָוואַקיע זאָגט זיך אָבער אָפּ ריינצוּוואַשן פונעם פלעק וואָס ליגט אויף אים אַליין צוליב דער געזעץ־פאַרקריפּלונג.

זאָלן דעריבער קומען די קאַפּיטלען פון בוך און דערציילן דער וועלט וויאַזוי כ'בין געוואָרן אַ „מערבדיקער שפּיאָן", אַ „שעדיקער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע" און „שונא פון סאָציאַליזם". זאָל די וועלט וויסן די פּרטים, וויאַזוי עס האָט זיך אויסגעוועבט יענער מאָראַלישער, יורידי־שער און פּאָליטישער שווינדל, וואָס אויף מיר איז אויסגעפאַלן צו זיין זיין קרבן.

זאָל די וועלט וויסן און משפּטן.

מזרע, 1959.

מ. א.

ווען יענע טעג

נ. ס. כרושטשאָוו:

„די בעריאַ־כנופיה, וואָס איז דעמאַסקירט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי, האָט זיך באַמיט אויסצוהיטן די אַנשטאַלטן פון דער פּאָליטישער זיכערהייט־פּאָליציי פון דער קאָנטראָל מצד דער פּאַרטיי און סאָוויעטנמאַכט; צו שטעלן זיי איבער דער פּאַרטיי און רעגירונג און אויפהאַלטן אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן אַ מצב פון דעספּאָטיזם און געזעצלאָזיקייט. צוליב צייזוויליקע צילן האָט די דאָזיקע כנופיה פאַבריצירט פאַלשע באַשולדי־קונגס־אַקטן קעגן אַ ריי צענטראַלע באַאַמטע און פּשוטע סאָוויעטישע בירגער".

(פונעם אָפיציעלן באַריכט פון צוואַנציקסטן קאָנגרעס)

„...ווען ס'זענען אויסגעפאָרשט געוואָרן אייניקע פאַלן פון די, וואָס זענען געשטעמפּלט געוואָרן אַלס „שפּיאָנען" און „שעדיקער", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע אַלע פאַלן זענען געווען פאַבריצירטע. דאָס מודה זיין זיך פון פיל אַרעסטירטע, וועמען מען האָט צוגעשריבן די שולד פון פיינדלעכער טעטיקייט, איז דערגרייכט געוואָרן מיט דער הילף פון אַכזריותדיקע און אוממענטשלעכע פּייניקונגען.

...אַ וואָסערע באַווייזן זענען געבראַכט געוואָרן קעגן די באַשולדיק־טע? די ווידויים פון די באַשולדיקטע. און די אויספאָרשער האָבן אָנגענומען די דאָזיקע „ווידויים". און וויאַזוי קאָן עס מעגלעך זיין, אַז אַ מענטש זאָל זיך מודה זיין אין פאַרברעכנס, וועלכע ער איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען? דאָס איז מעגלעך נאָר אויף איין וועג: אין רעזולטאַט פון אָנווענדן מיטלען פון פיזישן דרוק און פּייניקונגען, וועלכע רויבן צו ביים באַשולדיקטן זיין באַוווסטזיין און אורטייל־פעיקייט און נעמען אים צו דאָס ערן־געפיל אַלס מענטש. אויף אַזאַ אופן זענען דערגרייכט געוואָרן די „ווידויים".

...די דאָזיקע לאַגע האָט דערפירט צו גראָבער פאַרלעצונג פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט און צו דעם, אַז פיל מענטשן, לגמרי אומשולדיקע און טרייע דעם וועג פון דער פּאַרטיי, זענען געפאַלן אַ קרבן... זיי זענען געשטעמפּלט און באַשמוצט געוואָרן. נישט האָבנדיק מער קיין

כוח אויסצוטראָגן די באַרבאַרישע פּייניקונגען, האָבן זיי אויף זיך אַליין אַרויפגעלייגט (לויט די באַפעלן פון די אויספאָרשער־פעלשער) כל מיני האַרבע און אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס.

...געוווג פעסטצושטעלן, אַז פון יאָר 1954 ביז איצט האָבן 7679 מענטשן זוכה געווען צו רעהאַביליטאַציע פונעם מיליטערישן קאָלעגיום פון העכסטן געריכט. אָבער פיל פון זיי האָבן זוכה געווען דערצו שוין נאָכדעם ווי זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן"...

(פון דער געהיימער רעדע אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס)

ו. שיראָקי (פּרעמיער פון טשעכאָסלאָוואַקיע) :

"...אין אונדזער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ד. ה. אין אַ מדינה פון סאָציאַליסטישן טיפּ, זענען אין משך פון אַ באַשטימטער תקופה, דער עיקר צווישן די יאָרן 1949—1952, פאַרגעקומען האַרבע פאַלן פון ברעכן די סאָציאַליסטישע געזעצלעכקייט. די גאַנצע פּאַרטיי און די עפנט־לעכע מיינונג פאַראורטיילן, און מיטן פולן רעכט, די דאָזיקע נעגאַטיווע דערשיינונגען...

...דאָס פאַרלעצן די סאָציאַליסטישע געזעצלעכקייט איז מעגלעך געוואָרן אויך אַדאַנק געוויסע דעפעקטן אינעם קרימינעלן קאָדעקס, אין די פאַרשריפטן, וואָס באַהאַנדלען די אויפזיכט מצד דער גענעראַל־פּראָקוראַטור און אינעם עצם קרימינעלן קאָדעקס. די איינאָרדענונגען פון אונדזער קרימינעלן געזעץ דערלויבן פּאַקטיש אַ געוויסע אויפפאַסונג פון צדק, לויט וועלכער ס'איז גענוג די ווידוי פון באַשולדיקטן, כדי פעסטצושטעלן זיין שולד. דער דאָזיקער אומנאָרמאַלער און נעגאַטיווער צושטאַנד, האָט, פאַרשטייט זיך, געהאָלפן נאָר די, וואָס האָבן באַנוצט אומ־געהעריקע שיטות".

(פון דער רעדע פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סלאָוואַקיע, 10.5.1956).

ז. גאָמולקאַ :

"...אַט די שיטה פון קולט פון אַ יחיד, וואָס האָט געהערשט ביי אונדז, האָט זיך איזדיעקעוועט אין די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און אין געזעץ. אין דער תקופה, ווען דער דאָזיקער סיסטעם האָט געוועלטיקט, זענען מענטש־לעכע כאַראַקטערן און געוויסנס געוואָרן איינגעבראָכן. מענטשן זענען צע־טראָטן געוואָרן און זייער כבוד איז פאַרשוועכט געוואָרן. דער בלבול, ליגן און פאַלשקייט און אפילו די פּראָוואָקאַציע האָבן געדינט אַלס מכשירים

פֿון געוועלטיקונג. עס זענען ביי אונדז פֿאָרגעקומען טראַגישע פֿאַלן, אַז אומשולדיקע מענטשן זענען אומגעבראַכט געוואָרן. פֿיל אַנדערע, צווישן זיי אויך קאָמוניסטן, זענען לאַנגע יאָרן געהאַלטן געוואָרן אין די תּפֿיסות, זייענדיק אינגאַנצן אומשולדיק. אַ סך מענטשן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף בעסטיאַלישע פּייניקונגען. ס'איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן פּחד און קאָרופּציע... געווען ביי אונדז אַן אייגענער בעריאַ־רעזשים. דער בעריאַ־רעזשים — דאָס איז אַ בלאַט געחתמעט מיטן שטעמפּל פֿון פּראָוואָקאַציע, בלוט, תּפֿיסות און ליידן פֿון אומשולדיקע מענטשן".

(פֿון דער רעדע פֿאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, אָקטאָבער 1956).

די סילוועסטער-נאַכט 1951

דער שנעלצוג פּראָג—וויןָ. איך בין איינער אַליין אין קופּע. כ׳האָב אַ ביסל שפּאַצירט איבערן קאָרידאָר פון וואַגאָן אין ביידע ריכטונגען. ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט נאָר וואָס איך בין איינזאַם אין גאַנצן וואַגאָן, נאָר אויך אין די דערבייאיקע וואַגאָנען, פון דער זייט און פון דער אַנדערער איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש. דער איינציקער מענטש אויף וועלכן כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אין באַן, איז געווען די קאָנדוקטאָרקע, וואָס איז געקומען אין קופּע לעכערן מיין באַן־בילעט. כ׳בין איינגעשטיגן אין באַן 8.30 אָוונט. נאָך אַ ביסל, פאַר האַלבער נאַכט, וועל איך אָנקומען צו דער טשעכאָסלאָ־וואַקיש־עסטרייכישער גרענעץ־סטאַציע און 3 פאַרטאָג וועל איך זיין אין וויןָ. דעם זעלבן טאָג וועל איך פון ווין פליען קיין ציריך און פון דאָרט קיין לוד. מאָרגן וועל איך זיין אינדערהיים.

איך בלעטער אַדורך די פיל פּרעמדשפּראַכיקע צייטונגען פון בערלין און פּראָג. מיט מער אויפמערקזאַמקייט לייען איך די ישראלדיקע צייטונגען, וואָס כ׳האָב באַקומען אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט — די ערשטע רעאַגירונגען און אָפּשאַצונגען איבערן אַרעסט פון רודאָלף סלאַנסקי, וואָס איז ביז מיט אַ האַלב יאָר צוריק געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין טאָג פון זיין אַרעסט — וויצע־פּרעמיער. כ׳האָב אַדורכגעקוקט אַ גאַנץ פּעקל צייטונגען און באַ־פרייט זיך פון דעם איבעריקן באַגאַזש. נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אַרויס־ריידן. דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון די באַן־רעדער שלעפּערט איין, אָבער דער רעש פון פאַרן לאָזט נישט אַנטשלאָפן ווערן. דורכן וואַגאָן־פענצ־טער זעסטו נישט מער ווי אַן אומענדלעך שניי־באַדעקטן פלאַכלאַנד. די באַן שטעלט זיך אָפּ ביי גרויסע סטאַציעס. נישט מען שטייגט אויס, נישט מען שטייגט איין. סילוועסטער־נאַכט פאַרט מען נישט. פאַרן אָפּפאָרן צום צוג האָב איך געגעסן אָוונט־ברויט מיטן סעקרעטאַר פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט, זאב שעק און זיין בני־בית. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט,

האָט ער מיר געגעבן צידה לדרך — אַ פלאַש ארץ־ישראלדיקן ווײַן, דוכט זיך „כרמל הוק״ — צו טרינקען צוזאַמען מיט מײַנע שכנים אין באַן אַ לחיים לכבוד דעם נײַעם יאָר, ווען ס׳וועט זײַן האַלבע נאַכט. איך פאָר אָבער אַלײן אין באַן. באַלד וועט זיך אָנהייבן דאָס נײַע יאָר. איך קוק דורך די ביכער, וואָס כ׳האָב אײַנגעקויפט אין בערלין און פּראָג. איך קלײַב אויס צו לייענען די זאַמלונג פון היינריך הײַנעס לידער.

מיר קומען אָן צו דער גרענעץ־סטאַציע פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער זײַט. אין מײַן קופּע קומען אַרײַן צאָל־באַאַמטע. זיי געפינען, אַז אַלץ איז בײַ מיר אין אָרדענונג, נאָר די פּאַטעפאָן־פּליטן, וואָס איך האָב געקויפט — אַ באַשיידענע מתנה פאַרן קרײַז קאָנצערט־ליבהאָבער פון פּליטן אין מײַן קיבוץ, — דערוועקן אין זייערע הערצער עפּעס אַ חשד. טאָמער איז דאָרט אָנגעשפּילט געוואָרן עפּעס אַנדערש, נישט די שאַפונגען פון שאָסטאַקאָוויטש און כאַטשאַטוריאַן און דאָס שפּילן פון דוד אויסטראַך. זיי נעמען אײַן פּליטע אויף קאָנטראָל, אָבער דערנאָך גיט מען זי מיר צוריק. נישט געפונען קיין פּסול. עס קומט די פּאַספּאָרטן־קאָנטראָל. צוויי אין מונדירן, ווייזט אויס, פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, קאָנטראָלירן נישט לגמרי צי די וויזע איז אין אָרדענונג. זיי פאַרהאַלטן זיך אויף דער ערשטער זײַט פון מײַן פּאַספּאָרט און פרעגן צי איז טאַקע מײַן נאָמען מרדכי אורן. ווען איך באַשטעטיק דאָס, זאָגט מיר איינער פון זיי, אַז כ׳דאַרף איבערײַסן מײַן רײַזע און מיט אַלע זאַכן אויסשטײַגן, צוליב אַ קלײנער פאָרמעלער אויפקלערונג. פונעם ווערטער־אויסטויש האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך נישט אין דער וויזע, וואָס איר גילטיקייט האָט זיך נעכטן געענדיקט. איך קלער זיי אויף, אַז איך קאָן נישט איבעררײַסן מײַן נסיעה, ווײַל איך בין פאַרבונדן מיטן פלי־קאַלענדאַר פון די עראָפּלאַנען פון ווין און פון ציריך קיין ישראל. איך פאָדער, זיי זאָלן מיך ברענגען פאַר זייער ממונה אויפצוקלערן דעם ענין. זיי גייען אַוועק און קומען צוריק מיט אַ קאַטעגאָרישער אָנווײַזונג, אַז איך מוז אַראָפּגיין פון באַן. זיי זאָגן מיר צו, אַז עס איז אַ קלײנער פאָרמעלער ענין און עס וועט אַלץ געטאָן ווערן מיך צו ברענגען קיין ווין צום אָפּפלי פון עראָפּלאַן. איך פאַרלאַנג פון זיי צום צווייטן מאָל זיי זאָלן מיך ברענגען פאַרן ממונה. זיי גייען אַוועק און קומען צוריק מיט אַ פאָרמעלן באַפעל — גיין נאָך זיי. איינער פון זיי נעמט מײַנע זאַכן, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. מיר שטײַגן אויס. די באַן רירט, ווײַזט אויס, נאָך אַ באַדײַטנדיקער פאַרשפּעטיקונג. זיי ברענגען מיך אין דער פּאָליציי־סטאַ־

ציע אויפן וואָקזאַל. דער נאָמען פון דער גרענעץ־סטאַציע — וועלניצע טשעסקע.

אַ פּאָליציייאיש ביוראָ. אַ שרייב־טיש, טעלעפאָנען, בענקלעך, פּאַ־ליצעס מיט דאָקומענטן, אַ קאַנאַפּע. די פּאָליציאַנטן ריידן פּליסיק דייטש. ווייזט אויס, געבוירענע אין גרענעץ־ראַיאָן. זיי זענען עטוואָס אין פאַר־לעגנהייט און מאַכן דעם איינדרוק פון אַ ביסל פאַרשעמטע. זיי דריקן פאַר מיר אויס זייער באַדויערונג, וואָס זיי זענען געווען געצוואונגען מיך אַראָפּ־צונעמען פון באַן און גורם זיין מיר אומאָנגענעמלעכקייט. זיכער וועל איך פאַרשטיין, אַז זיי האָבן אַזוי געהאַנדלט נאָר צוליב די בפירושע אָנווייזונגען פון זייערע עלטסטע. פון זייערע רייד ווערט קלאָר, אַז די אָנווייזונגען זענען געקומען פון אַן אינסטאַנץ, וועלכע איז נישט קיין אָרטיקע.

זיי דריקן אויס זייער זיכערקייט, אַז אָט־באַלד וועט דאָ עמעץ אַהער־קומען, די זאַך וועט זיך אויפקלערן און אינדערפרי וועל איך נאָך באַוויזן אָנצוקומען קיין ווין, כדי פאָרזעצן מיין וועג אַהיים. דאָס געשפּרעך ווערט געפירט אין אַ פריינדלעכן טאָן. מיין בליק שטויסט זיך אָן אויף אַ גרויסן וואַנט־זייגער. באַלד וועט זיין צוועלף. איך זאָג, אַז עס הייבט זיך אָן ביי זיי אַ ניי יאָר. איך נעם אַרויס פון טשעמאָדאַן דאָס פלעשל „כרמל הוק״ און לייג זיי פאָר צו טרינקען לחיים לכבוד דעם נייעם יאָר. מיר טרינקען: איך הייב אויף מיין גלעזל פאַר אַ יאָר פון גליק און פּראָגרעס פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע, און זיי — פאַר אַ יאָר פון גליק און פּראָגרעס פון מדינת ישראל. זיי לויבן זייער דעם ארץ־ישראלדיקן ווייַן. זיי אינטערעסירן זיך מיט דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין ישראל, מיט אונדזע־רע דערגרייכונגען.

זיי לייגן מיר פאָר זיך אָוועקלייגן אויף דער קאַנאַפּע זיך אָפּרוען אָדער שלאָפן, ביז מען וועט קומען און אויפקלערן מיין ענין. איך נעם אָן זייער פאָרשלאָג, מיט דער כוונה צו כאַפּן אַ לייכטן דרימל. איך שלאָף אָבער נישט איין.

איז דאָ געשען אַ באַדויערנסווערטיקע צי מינדערווערטיקע מיספאַר־שטענדעניש, אָדער איז פאַראַן אין דעם עפּעס מער ערנסטערס? וואָס האָב איך געטאָן, אַז ס׳האָט געקאָנט גורם זיין צו מיספאַרשטענדענישן, וועלכע נייטיקן זיך אין אַן אויפקלערונג?

איך פאַרטרייב די פאַרשידענע מחשבות, וועלכע באַפאַלן מיך ווי זלידנע פליגן. איך צי ווידער אַרויס מיין ביכל מיט היינעס לידער.

מיר פֿאָרן און דערווייטערן זיך פֿון גרענעץ, טיפֿער אין לאַנד. מיר קומען אָן אין אַ פּיל גרעסערער שטאָט. די שעה איז אַ פֿריע. עס איז נאָך פֿינצטער. מײַנע באַגלייטער שטופּן מיך אַרײַן אין אַ גרויסער געבײַדע, ווייזט אויס — דער בנין פֿון דער פּאָליטישער פּאָליציי אין קרייז. מען גייט אַרײַן אין אַ ליידיקן ביוראָ. איך בלײַב דאָרטן אונטער אַ וואַך. עס באַווייזן זיך אַ באַאַמטער מיט אַ מאַשיניסטקע. ער קלערט מיר אויף, אַז ער דאַרף צונויפֿשטעלן אַ קליינעם פּראָטאָקאָל און בעט ענטפֿערן אויף פֿאַרשידענע פֿראַגן בנוגע מײַן זײַן אין פּראָג, מײַנע טעטיקייטן און פֿריערדיקע באַזוכן אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער פֿאָלקס־רעפּובליק. נאָכן צונויפֿשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, פֿאָדער איך אַן אויפֿקלערונג ביים פּאָליציי־קאָמענדאַנט. עס באַווייזט זיך אַ מאַן אין ציווילער קליידונג. ער רעדט דייטש. איך פּראָטעסטיר קעגן מײַן אַרעסט. ער זאָגט, אַז כ׳בין נישט אַרעסטירט, נאָר אַז ס׳איז אָנגעקומען אַן אָנווייזונג פֿון פּראָג מיך צו פֿאַרהאַלטן, כדי אויפֿצוקלערן געוויסע פּרטים, ער ווייסט נישט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. איך שטרייך אונטער, אַז בעת מײַן זײַן אין פּראָג בין איך געווען דער גאַסט פֿון דער צענטראַלע פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און איך בעט מיר דערמעגלעכן צו פֿאַרבינדן זיך טעלעפֿאָניש מיטן פֿאָרזיצער פֿון דער עקזעקוטיווע פֿון די פּראָפֿ.־פֿאַריינען אָדער מיטן פֿאָרזיצער פֿון איר אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט טענהט, אַז ער איז נישט באַפֿולמעכטיקט צו דערלויבן מיר טעלעפֿאָנישע געשפּרעכן. איך פֿאָדער, אַלס בירגער פֿון מדינת ישראל, צו דערלויבן מיר פֿאַרבינדן זיך טעלעפֿאָניש מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפֿט. דער ענטפֿער איז אַ נעגאַטיווער. אין אַן עטוואָס ברוגזן טאָן פּראָטעסטיר איך קעגן אַזאַ אויפֿפֿירונג, וואָס זעט מיר אויס צו זײַן אומגעזעצלעך און די מעשה פֿון מײַן אַרעסט באַצייכן איך ווי אַ סקאַנדאַל, וואָס וועט נישט פֿאַרשאַפֿן קיין כבוד דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע. באַזונדערס איבעראַשט מיך, זאָג איך, אַזאַ האַנדלונג כלפּי אַ טוער פֿון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס ער איז פֿון תמיד אָן, לויט זײַנע פּרינציפּן און פּאָליטישער טעטיקייט, אַ פֿרײַנד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ער זאָגט, אַז אויב איך בין אַ פֿרײַנד פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס, שטוינט ער צו הערן פֿון מיר אַזאַ אומפֿרײַנדלעכע קריטיק אויף זייער פֿירונג. איך ענטפֿער: כ׳האָב נישט געשוווירן צו זאָגן אמן נאָך סקאַנדאַלן, ווען זיי ווערן געמאַכט דורך די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס. מײַן מיטשמועסער גייט אַרויס, איך בלײַב אין צימער אונטער אַ וואַך.

אינדרויסן רייסט זיך דורך דער טאָג, אַ נעפּלדיקער ווינטער־טאָג. מיינע וועכטער בייטן זיך אָפּט. מען האָט זיי, ווייזט אויס, באַפוילן נישט ריידן מיט מיר. איך זיץ אויפן פּאַטעל אַ שעה, צוויי, דריי. עס נעמט נישט קיין סוף. איך בעט ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל דערלויבן מיר צו רעדן מיטן שעף. מען ענטפערט נישט. איך בעט זיי ברענגען מיינע זאַכן. כ׳וויל דאָרט אַרויסנעמען אַ בוך צום לייענען. מען ענטפערט נישט. זיי האָבן מיך צעשיידט מיט מיינע זאַכן, אין וועלכע, עס ווייזט אויס, מען מאַכט אַ גענויע רעוויזיע. די שעה איז נאָענט צו מיטאָג־צייט. מען לייגט מיר נישט פאָר נישט צו טרינקען און נישט צו עסן. נישט איינמאָל האָב איך געזאָגט צו די וואָס היטן מיך — מיט דער שפּראַך פון אָנדייטונגען — אַז כ׳וואָלט וועלן טרינקען עפּעס וואַרעמס. מען ענטפערט נישט.

איין שעה יאָגט די צווייטע. די פּאָליציאַנטן היטן מיך ביי פולשטענדיקער שטומקייט. נישט אויסצורעדן מיט זיי קיין וואָרט. טראָץ מיינע כסדרדיקע ווענדונגען, ברענגען זיי נישט פון מיינע ביכער גאָרנישט. זיי זענען אָבער נישט בכוח גוזר צו זיין אויף מיינע מחשבות.

איך בין אַרעסטירט. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט טאַקע געזאָגט. אַז איך בין נישט אַרעסטירט, נאָר מען פאַרהאַלט מיך אין וועג. נאַריש־קייטן. ס׳איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז די אָנווייזונג איז פון פּראָג, דאָס הייסט, פון דער סאַמע העכסטער אינסטאַנץ: דער הויפּט־שטאַב פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. מיר שיינט, אַז מען אַרעסטירט נישט קיין מענטש אָן אַן אַרעסט־באַפעל, געחתמעט דורך דער קאָמפּעטענטער מאַכט. אויף מיינע פילמאָליקע פאָדערונגען צו ווייזן מיר אַ שריפטלעכע אָנווייזונג צי באַפעל מיך צו אַרעסטירן, איז מיר געזאָגט געוואָרן, אַז כ׳בין נישט אַרעסטירט, נאָר בלויז „פאַרהאַלטן״, אַז דאָס איז, ווייזט אויס, עפּעס אַ קליינע פאָרמאַליטעט, וואָס וועט זיך אויפקלערן און בלי־ספק וועל איך נאָך קאָנען קומען צום עראָפּלאַן, וואָס פליט אָפּ פון ווין קיין ציריך 9 פרי. אין צווישנצייט איז שוין דער עראָפּלאַן אָפּגעפלויגן פון ווין, און קיין שום ספק, אַז ער איז שוין אָנגעקומען קיין ציריך. ניין, די סיבה פון מיין אַרעסט איז נישט אין דער באַדערפעניש „אויפצוקלערן אַ קליינעם פאָרמעלן ענין״. דער פּראָטאָקאָל, וואָס איז מיט מיר צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אייניקע שעה צוריק, איז בכלל נישט נוגע קליינע פאָרמעלע פראַגן. די געשטעלטע שאלות — וואָס זענען געווען גרייט ביים פּראָטאָקאָל־צוזאַמענשטעלער — האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף ענינים, וואָס דייטן אָן אַ מער ברייטערן פּאָן

פון די סיבות פון מיין אַרעסט; מיט וועלכע טעטיקייטן האָבן איך זיך פאַרנומען אין פּראַג, מיט וועלכע מענטשן האָב איך זיך געטראָפן, וועלכע פאַרבינדונגען האָב איך געהאַט מיט די מענטשן וואָס זענען אין דער לעצטער צייט אַרעסטירט געוואָרן, מיט וועמען האָב איך זיך געטראָפן בעת מיינע פריערדיקע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע — און נאָך און נאָך. ניין, די סיבה פון מיין אַרעסט איז נישט קיין קליינער פאַרמעלער ענין. איז מען דאָ נישט אויסן אַ גרויסע אינטריגע? עס מאַכט מיר זאָרג דער פאַקט, וואָס מען דערלויבט מיר נישט טעלעפאָניש פאַרבינדן זיך מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט און אויך נישט מיט די אָנפירער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

פאַרנאַכט גיט מיר צוויסן איינער פון די פּאָליציי־שעפן, אַז לויט אַן אָנווייזונג פון אויבן דאַרף מען מיך ברענגען קיין פּראַג. אַ רייזע אין אַ קליינער מאַשין במשך 3—4 שעה. איך פאַרשטיי, אַז אַלע מיינע באַגלייטער, אַריינגערעכנט דעם שאָפער, פיר אין צאָל — זענען געהיים־אַגענטן. איך זיץ אויפן הינטערשטן פאָטעל, צווישן צוויי מיינע באַגלייטער. אויף מיין בקשה — קויפן זיי מיר אויפן וועג אַ סענדוויטש אין איינעם פון די בופעטן, די איינציקע שפּייז, וואָס איז געקומען אין מיין מויל פון נעכטן ביז איצט. זייריידן מיט מיר נישט אַרויס קיין וואָרט. איך וויל זייער שלאָפן. אין דער לעצטער נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. אויך פון די פריערדיקע נעכט האָב איך אַ דעפיציט אין שלאָפן, אָבער איך קאָן נישט איינדרימלען. אָן אַ צאָל פראַגן מאַטערן דיך און דו וואַרפסט זיי אַלע אָפּ: וואָס ווילן זיי פון מיר? צוליב וואָס בין איך אַרעסטירט געוואָרן? איך אַנאַליזיר דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אינדערפרי, און אָן שום ספק, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אָן אָנווייזונג פון פּראַג.

זענען זיי טאַקע מיך חושד, אַז בעת די פאַרשידענע באַזוכן מיינע אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־רעפּובליק האָב איך זיך פאַרנומען מיט פיינדלעכער טעטיקייט קעגן רעזשים? זענען זיי מיך טאַקע חושד, אַז איך בין אַ פיינד פון זייער אָרדענונג, אַזאַ וואָס האָט אין געהיים געפירט זיין פיינדלעכע מלאכה? פאַרדעכטיקן זיי טאַקע מיך? אַז דער ציל פון מיינע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז געווען — שפּיאָנאַזש? זיכער איז דאָ פאָרגעקומען אַ האַרבע מיספאַרשטענדעניש. אָדער אפשר האָב איך געטאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס די פּאָליטישע פּאָליציי קאָן עס טעותדיק אויסטייטשן? אפשר האָב איך געטאָן אַ זאַך, וואָס קאָן דינען אַלס סיבה צו פאַרדעכטיקן מיך, אָדער דעם מיין פון מיין טעטיקייט?

אינדערמיט נאָוועמבער — צוריק מיט אַנדערטהאַלבן חדשים — בין איך צוזאַמען מיטן כנסת־דעפּוטאַט ד״ר חנן רובין, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפּ״ם, אַרויסגעפאָרן פון ישראל קיין מזרח־בערלין, צום צוזאַמענפאָר פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. צו דעם צוזאַמענפאָר זענען מיר געשיקט געוואָרן דורך די באַרופענע אינסטאַנצן פון מפּ״ם, לויט אַן איינלאַדונג, געחתמעט דורך לואַי סאַיאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע. דער באַשלוס פון מפּ״ם איז אָנגענומען געוואָרן לויטן צוגאַנג, אַז ניִשט געקוקט וואָס די הסתדרות האָט פאַרלאָזט די וועלט־פעדעראַציע, איז וויכטיק, אַז צווישן דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט זאָל זיך געפינען אַ טייל, וואָס זאָל אָנהאַלטן פריינדשאַפט־באַציונגען מיט דער פעדעראַציע, ניִשט אָנרירנדיק די אָרגאַניזאַציאָנעלע תקנות פון דער הסתדרות. אין מיין אַרויסטרעטונג אויפן צוזאַמענפאָר האָב איך צוו. אַנד. דעקלאַרירט, אַז מפּ״ם וועט ווייטער קעמפן פאַרן צוריקקום פון דער הסתדרות אין דער וועלט־פעדעראַציע. די רעדע איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע צום סאָציאַליסטישן לאַגער. זי האָט זוכה געווען צו אַפּלאָדיסמענטן פון אַלע אָנטיילנעמער.

בעת דער קאָנפערענץ האָבן מיר זיך געטראָפן מיט וואַלטער אולבריכט, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי (פון סאָציאַליסטישער אייגהייט) אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און איר וויצע־פּרעמיער. מיר האָבן געבעטן פון דער מזרח־דייטשישער רעגירונג אַ פּאָליטישע דעקלאַראַציע, וואָס זאָל אָנערקענען דאָס רענעסאַנס־ווערק פונעם יידישן פאָלק אין ישראל, שטעמפּלען די פאַרברעכנס פונעם היטלעריסטישן רעזשים קעגן יידישן פאָלק, זיכערן די רעכט פון יידן, בירגער פון ד.ד.ר. עולה צו זיין קיין ישראל, און אויסצאָלן אַנטשעדיקונג פאַרן יידישן פאַרמעגן וואָס איז ליקווידירט געוואָרן בימי היטלער, אַלס אַ געוויסן צושטייער פאַר דער רעקאָנסטרוקציע פון דער שארית־הפּליטה אין ישראל. דער ענטפער איז ניִשט געווען אַ נעגאַטיווער און אָפּוואַרפנדיקער. אַ מיינונגס־אויסטויש האָט באַדאַרפט פאָרגעזעצט ווערן אין אַ ביסל אַ שפּעטערן טערמין — אין אַ טערמין וועלכן מיר וועלן פאָרלייגן. איך האָב זיך געטראָפן מיטן דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער פון פּוילן אין מזרח־דייטשלאַנד און מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ לענגער געשפּרעך; ער האָט אַרויסגעוויזן פיל אינטערעס צו דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין ישראל און מיט אונדזער פאָרשריט אין לאַנד. דאָס געשפּרעך האָט זיך געפירט אין אַ פריינדלעכן גייסט. אַ באַזונדערן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן לגבי דעם ווענ

פון דער פאַרייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ישראל. לויט דער איינלאַדונג פון די מזרח־דייטשישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, האָבן מיר זיך באַטייליקט אין אַן עקסקורסיע — ווי דער רוב דעלעגאַציעס צו דער קאָנפערענץ — אין אַ באַשטימטן ראַיאָן פון ד.ד.ר., דער עיקר אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אויף די פיל אויפנאַמעס האָבן מיר דערציילט די מאַסן אַרבעטער וועגן אונדזערע דערגרייכונגען אינעם בויען דאָס באַנייטע פאָטערלאַנד פונעם יידישן פאָלק און די דעראָבערונגען פונעם ישראלדיקן אַרבעטער. מיט דער הסכמה פון אונדזערע אינסטרוקטאָרן פון דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אין זייער אָנוועזנהייט, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די פּאָרזיצערס פון די יידישע קהילות אין אייניקע שטעט און מיטן פּאָרזיצער פון דער פאַרייניקונג פון יידישע קהילות אין דייטשלאַנד (אגב איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, ענלעך צו אַנדערע רעליגיעזע איסטיטוציעס, געווען אַ פאַרייניקטע אָרגאַניזאַציע פון גאַנץ דייטשלאַנד), ד״ר י. מאיר, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט (פּאַרטיי פון סאָציאַליסטישער איינהייט) און דעפּוטאַט אין מזרח־דייטשישן פּאַרלאַמענט.

פאַרוואָס האָב איך זיך פאַרהאַלטן אין פּראָג? פאַר אונדזער אַרויספאָר קיין בערלין האָבן מיר באַקומען אַ מעלדונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפ.־פאַריינען, אַז מיר דאַרפן פאָרן קיין בערלין איבער פּראָג און דאָרט וועלן מיר באַקומען די וויזע קיין מזרח־דייטשלאַנד. און אַזוי איז געווען. אויפן וועג קיין בערלין האָבן מיר אַ האַלבן טאָג זיך פאַרהאַלטן אין פּראָג אין דער געזעלשאַפט פון פאָרשטייער פון די טשעכישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אויךביים צוריקפאָרן זענען מיר געווען געצוווּנגען אַדורכצופאָרן פּראָג. חנן רובין האָט זיך איין טאָג אָפּגעשטעלט אין פּראָג און געפאָרן קיין שווייץ און פראַנקרייך און פון דאָרט — קיין ישראל. איך האָב זיך עטלעכע טעג פאַרהאַלטן אין פּראָג צוליב אַנדערע סיבות: כדי זיך טרעפן מיטן ראש פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפ.־פאַריינען, באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אינטערוועניץ לטובת עסקנים פון אונדזער באַוועגונג און אַנדערע, וואָס זענען די לעצטע וואָכן אַרעסטירט געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט אין דער ישראל־געזאַנדשאַפט. אויסער דעם בין איך פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ צוזאַמענטרעף וואָס דער סעקרעטאַריאַט פון דער פעדעראַציע האָט געזאָלט איינאָרדענען אין ווין איבער פּראָגן פון נאָענטן מזרח. מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט מען מיר צוווּיסן געבן קיין פּראָג וועגן גענויעם טערמין פון צוזאַמענטרעף. און נאָך עפּעס:

כ׳האָב געהאַט בדעה פון פּראַג זיך אומצוקערן קיין בערלין, כדי צו פאַר־ענדיקן — ווי אָפּגערעדט — די פאַרהאַנדלונגען מיט וו. אולבריכט איבער דער דעקלאַראַציע פון זיין רעגירונג אין דער ישראל־פראַגע, עליה און אַנטשעדיקונג. דאָס זענען געווען די סיבות צוליב וועלכע כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן אין פּראַג.

און וואָס האָב איך געטאָן אין פּראַג? כ׳בין געווען דער גאַסט פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין דער זעלבער צייט האָבן אין פּראַג געווײלט אויך דעלעגאַציעס פון פּראָפ.־פאַריינען פון אַנדערע לענדער (פראַנקרייך, מעקסיקע), מיט וועמען איך פלעג זיך טרעפן אין האָטעל און אויף אייניקע אויספלוגן אין פּראַג — אונטער דער אָנפירונג פון חברים פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג פון דער פּראָפ.־צענ־טראַלע. כמעט יעדן טאָג האָב איך זיך געטראָפן מיטן פאָרזיצער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָטיילונג, ד״ר יאַן קעבאַרעק. צוויי מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיטן פאָרזיצער פון דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — פראַנטשישעק זופּקאַ, די צענטראַלע פּערזענלעכקייט אין דער פּראָפ.־באַוועגונג, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער טשעכאָסלאָ־וואַקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעפּוטאַט. ביי דער באַגעגעניש מיט ביידע האָב איך באַרירט דעם ענין פון די אַסירי־ציון און געבעטן זייער אינטערווענץ פאַר דער באַפרייונג. ביי דער געלעגנהייט האָב איך אויך פּראָטעסטירט קעגן אַנטיסעמיטישע אָפּזאַצן אין דער לעצטער רעדע פון פּרעמיער אַ. זאַפּאָטאָצקי. איך האָב אויך פּראָטעסטירט קעגן דער אַנטי־יידישער העצע, וואָס האָט אָנגענומען די פאָרם פון באַשמוצן אין דער פּרעסע דעם ציוניזם און פעלשן זיין געשטאַלט. איך האָב אויך איראָניזירט די בולטע טענדענץ אין דער פּרעסע צו פאַרוואַנדלען סלאַנסקין, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט צוויי וואָכן צוריק — דעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־ציוניסט סלאַנסקי — אין אַ ציוניסט און „אַגענט״ פון ציוניזם.

כ׳בין עטלעכע מאָל געווען אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט. דעם אַמבאַסאַדאָר ד״ר קובאָווי האָב איך פּערזענלעך געקענט פון דער צייט פון אונדזער בשותפותדיקער אָנגעהעריקייט צו דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. כ׳בין אַפילו צוויי מאָל פאַרבעטן געוואָרן צו אים אַהיים אויף אָונטברויט. דעסגלייכן האָב איך זיך געטראָפן מיטן סעקרע־טאַר פון דער געזאַנדשאַפט זאב שעק און זיין בני־בית, וואָס איך האָב זיי פּערזענלעך געקענט פון מיינע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע סוף 1945.

כ׳האָב זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע פון פאַרבייטן מיט מגן־דודס די צלמים אויף די קברים פון די ארץ־ישראלדיקע פּאַראַשוטיסטן חביבה רייק און רפאל רייס, וועלכע זענען דורך די נאַציס דערשאָסן געוואָרן אין סלאָוואַקיע. די פייערונג איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט אויפן פּראַגער בית־הקברות. עס האָבן דאָרט גערעדט ד״ר זיכער, דער הויפּט־רב פון פּראָג און דער ישראל־געזאַנדטער. איך פלעג באַזוכן די געזאַנדשאַפט, כדי אויך לייענען די פּרעסע וואָס פלעגט אָנקומען פון ישראל. פון פּראָג האָב איך געשיקט קיין מזרח־דייטשלאַנד אַ דעקלאַראַציע וואָס זאָל דינען אַלס באַזע צו פאַרענדיקן די אונטערהאַנדלונגען מיט אולבריכטן. פאַר דער ענדגילטיקער פאָרמולירונג האָב איך זיך טעלעפאָניש באַראַטן מיט מ. יערי, וואָס האָט דעמאָלט זיך געפונען אין שווייץ צוליב הייל־צוועקן. כ׳בין אויך בייגעווען אויף אַן עפנטלעכער חנוכה־פייערונג אין פּראָג אין איינעם פון די גרויסע זאַלן אין שטאָט, אָרגאַניזירט דורך דער יידישער קהילה. אויך דאָ האָט גערעדט דער פּראַגער הויפּט־רב, ד״ר זיכער. סיי בעת דער צערעמאָניע אויפן בית־הקברות, ביי די קברים פון די פּאַראַשוטיסטן, און סיי דאָ, אויף דער חנוכה־פייערונג — האָב איך נישט פאַרשטאַנען זיינע מיינסטע רייד, געזאָגט אין טשעכיש. כ׳האָב בלויז פאַרשטאַנען, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע איז געוואָרן באַפרייט און וועט דערגיין צו סאָציאַליזם דער עיקר מיט דער הילף פון צוויי פאַקטאָרן: הקדוש־ברוך־הוא און סטאַלין.

...מיר פאָרן נאָך אַלץ. אָוונט. פראָסט. מיינע באַגלייטער אין אויטאָ זענען פאַרטיפט אין אַ רוישיק געשפּרעך. איך פאַרשטיי נישט וועגן וואָס מען רעדט. הגם דאָ און דאָרט כאַפּ איך עפּעס אַ וואָרט וואָס זעט מיר אויס פאַרשטענדלעך. ווען וועלן מיר ענדלעך אָנקומען קיין פּראָג? איך וויל זייער שלאָפן. איך באַמי זיך איינצודרימלען, איך באַוויז עס נישט. ווייזט אויס, כ׳בין צופיל אויפגערודערט.

איך דערמאָן זיך ווייטער אַלץ וואָס כ׳האָב געטאָן אין דער לעצטער תקופה.

מיין אויפהאַלט אין פּראַג איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דער רייזע קיין ווין, אויף דער איינלאַדונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס איר זיץ־אָרט איז ווין. כ׳האָב זיך באַטייליקט אינעם צוזאַמענטרעף פון פאַרשטייער

פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון די לענדער פון מיטעלן מזרח (וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ אין בערלין). כ׳האָב פיל געשמועסט מיט סאַיאַן און אַנדערע חברים פון סעקרעטאַריאַט פון דער פעדעראַציע. כ׳האָב זיך באַטייליקט אין דער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט גופא. כ׳האָב באַזוכט אין קן פון השומר הצעיר. כ׳בין אַרויסגעטראָטן אויף אַן עפנטלעכער חנוכה־פייערונג, איינגעאָרדנט דורך אונדזער באַוועגונג. כ׳האָב זיך געטראָפן מיטן ישראלדיקן קאָנסול. כ׳האָב באַזוכט די צענ־טראַלע פון די לינקע סאָציאַליסטן אין עסטרייך און זיך געטראָפן מיטן חבר שאַרף, פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט און דעפּוטאַט און מיטן רעדאַקטאָר פון זייער צייטונג. עס איז מיט מיר אַדורכגעפירט געוואָרן אַן אינטערוויו פאַר זייער צייטונג איבער פּאָליטישע פּראָבלעמען פון ישראל און דעם וועג פון מפ״ם. כ׳האָב זיך געטראָפן מיט אַ מיטגליד פון דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייערשאַפט אין עסטרייך. כ׳האָב געשמועסט מיט אים איבער פּראַגן, פאַרבונדענע מיטן לעבן פון די יידן אין סאָוויעטישן ראַיאָן: אומקערן דאָס יידישע פאַרמעגן, וואָס איז בשעתו קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די נאַציס, עליה און אַנד. פון ווין האָב איך אויף אייניקע טעג זיך אומגעקערט קיין פּראַג. אין טאָג פון פאַרלאָזן פּראַג בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן, און אָט פירט מען מיך צוריק קיין פּראַג.

וואָס וויל מען פון מיר? וואָס האָט זיי געקאָנט דינען אַלס אָנהאַלט־פּונקט מיר צוצושרייבן שלעכטע כוונות אָדער פיינדלעכע טאַטן קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע? מיינע באַזוכן אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט אָדער אין דער וווינונג פון געזאַנדטן? מיין אינטערווענץ לטובת די אַרעסטירטע ציוניסטן? דער דעקלאַראַציע־פּראָיעקט, געשיקט דורך דער פּאָסט צו אולבריכטן קיין בערלין? דער פּראָטאָקאָלן־צונויפשטעלער האָט מיך אינדערפרי געפרעגט עטלעכע מאָל, אויב כ׳האָב זיך ווען געטראָפן מיט סלאַנסקין — און ער איז זייער געוועזן אַנטוישט פון מיין נעגאַטיוון ענטפער. אַנטקעגן דעם האָט ער מיט באַפרידיקונג אויפגענומען מיין פּאָ־זיטיוון ענטפער אויף זיין פראַגע, אויב איך קאָן קלעמענטיסן, דעם געווע־זענעם אויסערן־מיניסטער און צי כ׳האָב זיך מיט אים געטראָפן. שוין אַ יאָר ווי קלעמענטיס איז פאַרשפאַרט אין תפיסה אונטער דער באַשולדי־קונג פון „שפּיאָנאַזש" און „מלוכה־פאַראַט". אפשר ווילן זיי פון מיר הערן פּרטים פון מיינע געשפּרעכן מיט קלעמענטיסן? אָבער דאָס האָבן זיי געקאָנט דערגרייכן פאַר מיין פאַרלאָזן פּראַג, נישט פאַרהאַלטנדיק מיך אויף דער גרענעץ. כ׳וואָלט זיי גערן דערציילט וועגן די דאָזיקע צוזאַ־

מענטרעפן. עס איז אין זיי נישט געווען קיין שום זאַך צו פאַרדעכטיקן קלעמענטיסן אָדער אים גורם זיין אומאַנגענעמלעכקייט. אין זיינע צוזאַ־מענטרעפן מיט מיר האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אַ טרייער פאַרשטייער פון דער פאַרטיי־ליניע. ער האָט אויסגעדריקט די פריינדלעכע שטעלונג פון זיין רעגירונג אין פאַרשידענע עטאַפּן פון אונדזער געראַנגל און באַ־זונדערס אין דער תקופה פון באַפרייונגס־קריג פון מדינת ישראל. אפשר האָבן גורם געווען צו מיין אַרעסט מיינע שאַרפע ווערטער קעגן די אַנטי־סעמיטישע אַפּזאַצן אין דער רעדע פון טשעכאָסלאָוואַקישן פרעמיער? די קריטיק, וועלכע כ׳האָב געלאָזט הערן פאַרן ראש פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען? זייענדיק אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָב איך אין דער אָרטיקער פּרעסע זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אומגעצוימטער העץ־ און באַשמוצונגס־קאַמפּאַניע קעגן ציוניזם, אַ העצע און באַשמוצונג מיט אַן אַנטיסעמיטישער באַפאַרבונג. דער ציוניזם איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַ שעדיקערישער כוח, ווי אַן אימפּעריאַליסטישע אַגענטור און מכשיר אומ־צוברענגען דעם סאָציאַליזם. דער אַרעסט פון סלאַנסקין און אַנדערע קאָמו־ניסטישע מנהיגים פון יידישן אָפּשטאַם האָבן געדינט אַלס מקור פאַר אומ־אָפיציעלער, אַנטיסעמיטישער פליסטער־פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט אַן שום ספק אַרומגענומען פיל שיכטן פון דער באַפעלקערונג. איך געדענק ווי אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין דער דאָזי־קער אַטמאָספער וואָס ווערט אַלץ געדיכטער און ענגער איז מיין זיצן אין פּראַג און מיין אינטערווענץ לטובת די אסירי־ציון אַ צופיל געוואַגטער און געפערלעכער שריט. אויך אין דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט מען מיר אויף אַ דעליקאַטן אופן געגעבן אָנצוהערן, אַז די אַטמאָספער כלפּי יידן ענדערט זיך אַזוי, אַז ס׳איז נישט געוווּנטשן כ׳זאָל זיך צופיל פאַרהאַלטן אין פּראַג און ווירקן פאַר דער באַפרייונג פון די אַרעסטירטע ציוניסטן. פונדעסטוועגן האָב איך געהאַלטן, אַז ס׳איז מיין חוב צו טאָן אַלץ כדי צו באַפרייען אונדזערע אַרעסטירטע. וואָס וועל איך ענטפערן ביים צוריקקערן זיך אַהיים פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אַז מען וועט מיך פרעגן: האָסטו עפּעס געטאָן פאַר דער באַפרייונג פון אונדזערע חברים? איז דאָס נישט קיין מענטשלעכער, ציוניסטישער און פאַרטייאישער חוב צו טאָן עפּעס פאַר דער באַפרייונג פון אומשולדיקע מענטשן? אפשר בין איך צוליב דעם פאַרהאַלטן געוואָרן?

די מאַשין פאָרט אַריין אין אַ ליכט־פאַרפלייצטן ראַיאָן. אַ קוואַרטאַל אין דער פעריפעריע פון דער הויפּט־שטאָט פּראַג.

די ערשטע אויספאָרשונג

פּראָג. ווידער אַן אַמט. דער איינדרוק פון אַ ציוויל־ביוראָ, אָבער אויף די טרעפּ און קאָרידאָרן האָב איך באַמערקט אַ סך פּאָליציאַנטן. ווייזט אויס, איך געפין זיך אין אַן אַמט פון דער קאָמאַנדאָ פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. איך בין געזעסן אונטער אַ וואָך צוויי אָדער דריי שעה. כ׳וויל זייער שלאָפן. כ׳קאָן אָבער נישט איינדרימלען. מען דערלויבט מיר נישט אַרויסנעמען פון טשעמאָדאַן עפּעס צו לייענען. צום סוף קומען אַוועק מיינע טשעמאָדאַנעס און טעקעס. זיי האָבן אַ חשש, טאָמער וועל איך עפּעס פאַרניכטן, וואָס קאָן זיי נויטיק זיין. צום סוף קומען אַריין פאַרשידענע מענטשן: איינער, צוויי, אַ דריטער, אַ פערטער און אפשר מערער. אַלע אין ציוויל קליידונג. צוויי פון זיי רעדן דייטש. זיי מעלדן מיר, אַז זיי דאַרפן מיך אויספאָרשן אין עטלעכע פראַגן און מיטן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג וועט נישט זיין קיין שום מניעה פאָרצוזעצן מיין רייזע. זיי ליידיקן אויס מיינע קעשענעס. איך פּראָטעסטיר קעגן דעם פאַרהאַלטן מיך. אויב ס׳איז געווען נויטיק מיך אויסצופאָרשן, האָבן זיי דאָס געקאָנט טאָן בעת מיין זיין אין פּראָג און נישט ווען כ׳בין שוין געווען אויפן וועג אַהיים.

זייער שפּראַך — אַן אומהעפלעכע, אָפטמאָל — אַ גראָבע. זיי מאַכן מיר אויפמערקזאַם, אַז כ׳גיב זיך ווייזט אויס נישט אָפּ קיין דין־וחשבון אין וועמענס הענט כ׳געפין זיך. אַנדערש וואָלט איך גאָרנישט אַזויפיל געפאָדערט און פּראָטעסטירט. איך ענטפער: כ׳ווייס, און דערפאַר בין איך איבעראַשט פון זייער פירונג, און איך חזר איבער מיט מער אייפער מיינע פּראָטעסטן און פאָדערונגען. איך האָב אַ לעגיטים רעכט צוויסן צו געבן דער געזאַנדשאַפט פון מיין מדינה, אַז כ׳בין אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן פאַרהאַלטן געוואָרן. אויך האָב איך אַ רעכט צוויסן צו טאָן די, וועמענס גאַסט איך בין געווען אין פּראַג, וועגן מיין אַרעסט. זיי זאָגן אָפּ. זיי דערלאַנגען מיר פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און פאָדערן כ׳זאָל זיי שרייבן מיין ביאָגראַפיע. איך באַמערק, אַז כ׳וועל גאָרנישט נישט שרייבן, ביז זיי וועלן מיך נישט צולאָזן צו זייער ממונה. דער דאָזיקער ווערטער־אויסטויש ציט זיך אַ נישט־קליינע צייט. זיי הויבן אָן ברויזן, דראָען, איינער פון זיי הייבט אויף די פויסט מיך אָנצושרעקן. איך באַמערק אים, אַז ער זאָל אויף מיר נישט הייבן קיין האַנט. איך פאַרשטיי, אַז כ׳געפין זיך אין די הענט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי פון אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישער מדינה; איך וואָלט נישט געוואָלט צווייפלען אין דעם דאָזיקן פאַקט און

טראַכטן, אַז איך בין גאָר אַריינגעפאַלן אין די הענט פון כוליגאַנעס. אינדערזאמתן זעט נישט אויס דער רוב פון זיי ווי באַאַמטע פון מלוכהשן אַפּאַראַט. אין זייערע פּרצופים און גראָבער באַנעמונג איז דאָ עפּעס נאָענטס צו כוליגאַניזם.

איך פאַרענדיק דעם ווערטער־שטרייט, וואָס איז אַלץ וואַרעמער געוואָרן. איך נעם דאָס פּאַפּיר און בליישטיפט און הייב אָן שרייבן. זיי זעצן זיך אַוועק אין אַן אַנדער ווינקל און לאָזן מיך צורו, מיינענדיק, אַז כ׳האָב אָנגעהויבן שרייבן מיין „ביאָגראַפיע״. איך שרייב נישט מיין ביאָגראַפיע, נאָר אַ פּראָטעסט־בריוו צום ראש פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. אַ פּראָטעסט קעגן מיין אַרעסט און דער אומהעפלעכע פירונג פון מיינע פאַרהאַלטער. איך פאָדער אויך מיך לאָזן טעלעפאָנירן אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט און צו דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פּראַג. איך שרייב דייטש.

איך דערלאַנג זיי דאָס אָנגעשריבענע. די געהיים־אַגענטן זענען איבעראַשט. זיי נעמען די שריפט. איינער פון זיי גייט דערמיט אַוועק — ווייזט אויס צו זייער ממונה. די פאַרבליבענע טרייבן מיך אונטער צו שרייבן מיין ביאָגראַפיע. איך זאָג זיך אָפּ. כל־זמן כ׳וועל נישט רעדן מיט וועמען פון זייערע עלטסטע, וועל איך נישט שרייבן. עס קומט אַריין אַ העכערער אָפיציר. ער האַלט אין האַנט מיין בריוו. ער רעדט אַ נישט־פּליסיקן דייטש. אָבער מען קאָן פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. איך חזר איבער מיינע פּראָטעסטן און פאַרלאַנגען. ער רעדט העפלעך. ער באַמיט זיך מיך צו באַרויקן. זיי דאַרפן ביי מיר אויפקלערן עטלעכע זאַכן. ביי אַזאַ לאַגע קאָן ער מיר נישט דערלויבן וועלכן ס׳איז טעלעפאָנישע געשפּרעכן. דאָס איז אַן ענין פון אַ טאָג־צוויי. איך דאַרף זיך האַלטן אין דער ליניע פון נאָכגעביקייט לגבי די פאָדערונגען פון מענטשן, אויף וועמען עס ליגט די אויפגאַבע פון אויפקלערונג. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז אין אַ טאָג־צוויי וועט מיר אָן שטערונגען געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו פאָרן אַהיים.

דער מענטש דערוועקט נישט אין מיר קיין צוטרוי. ווער איז ער? דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר מיין אַרעסט, אָדער סתם אַ פּאָליציי־אָפיציר וואָס איז נישט באַהאַוונט אין דער זאַך און ער דאַרף פאָלגן אָנווייזונגען פון אויבן, נישט קענענדיק די באַוועגער הינטער זיי? און אפשר

איז ער נאָענט צו דער זאַך און ער נאַרט מיך נישט? אפשר איז עס טאַקע אַן ענין פון אַ טאָג־צוויי?

אפשר וועל איך אַליין פאַרלענגערן די צייט פון מיין אַרעסט, אויב כ׳וועל אָנווענדן אַ ליניע פון נישט אַנטקעגנקומען זייערע אָנשטרענגונגען „אויפצוקלערן" זאַכן וועלכע פאָדערן, לויט זייער מיינונג, אַן אויפקלערונג? איך באַפריי זיך נישט פונעם פאַרדאַכט, אַז אַרום מיר וועבט זיך עפּעס ערנסטס. אָבער פאַרוואָס זאָל איך נישט אָננעמען זייער איינשטעלונג, אַז דאָס איז אַ קליינער ענין, אַז ס׳איז נויטיק עפּעס־וואָס „אויפצוקלערן", אַז אין אַ טאָג־צוויי וועט מען מיך לאָזן אַהיימפאָרן. כ׳וועל זיי העלפן צואיילן די אויפקלערונג. וויפל טעג קאָן דאָס דויערן? אויב כ׳וועל זיי העלפן — קאָן עס דויערן אפילו וויניקער פון אַ טאָג־צוויי. אַזוי אַרום וועט אויך מיר קלאָר ווערן וואָס זיי ווילן פון מיר, צי איז דער ענין „קליין" אָדער גרויס.

ווייזט אויס, אַז כ׳האָב איינגעדרימלט אויף עטלעכע מינוט זיבצנ־דיק אויפן בענקל, טראָץ דעם וואָס כ׳בין געווען אַרומגעשטעלט מיט אַ גרופּע טומלדיקע געהיים־פּאָליציסטן. זיי האָבן מיך אויפגעוועקט. עס איז שוין זיכער אַ שפּעטע נאַכט־שעה (דעם זייגער האָבן זיי פון מיר אָוועק־גענומען צוזאַמען מיט די פּערזענלעכע זאַכן, וואָס כ׳האָב מיט זיך געהאַט). איך בעט זיי זאָלן מיך לאָזן אַביסל שלאָפן. כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג, אַ טאָג און אַ האַלבע נאַכט. נאָכדעם ווי כ׳וועל אָנשרייבן מיין ביאָגראַפיע, וועלן זיי מיך לאָזן שלאָפן. איך שרייב. אַביסל דאַטעס, פאַקטן. צום סוף ברענג איך אַרויס מיין אָנגעהעריקייט און פּאָזיציע אין מפּ״ם. אין אייניקע ווערטער שילדער איך דעם כאַראַקטער פון מפּ״ם אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע, ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי. זיי לייענען מיין חיבור און באַטראַכטן זיך. זיי דערלאַנגען מיר שוואַרצע קאַווע. איך ווער עטוואָס מונטערער. פלוצים ווער איך באַוואָרפן מיט אַ האָגל פראַגן: ווער איז ביכלער, וואַנאַ, שטערן און רייך? אַ וואָסערע זענען מיינע פאַר־בינדונגען מיט זיי? פאַרוואָס האָב איך זיך מיט זיי אַזוי אינטערעסירט, בעת מיין זיין אין פּראַג? פונוואַנען קען איך זיי? וויאַזוי האָב איך זיך דערוווּסט וועגן זייער אַרעסט? נאָכוואָס בין איך אַוועק צו פּ. זופקא, דעם פאָרזיצער פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און גע־בעטן זיין אַריינמישונג פאַר זייערטוועגן? ווייס איך צוליב וועלכע פאַר־ברעכנס זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן? פאַרוואָס אינטערעסיר איך זיך מיטן באַפרייען ציוניסטישע פאַרברעכער און שונאים פון סאָציאַליזם?

פאַרוואָס מיש איך זיך אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע ?

אַזעלכע און צענדליקער אַנדערע פראַגן שיטן זיך אויף מיר פון אַלע זייטן. די פראַגן פליִצן אין אַ ברוגזן טאָן. אינעם קלאַנג פון זייערע רייד פילט זיך אויך אַרויס די שנאה צו די פיר אַרעסטירטע, וועמענס נעמען זיי האָבן דערמאָנט און צו מיר. די שנאה, וואָס רייסט זיך אַרויס פון זייערע ווערטער איז יידן־האַס.

איך ענטפער אויף די פראַגן. ביים איבערזעצן מיינע ענטפערס, פּרוּוו איך זיך אַליין קלאָר מאַכן, וואָס באַווייזן די דאָזיקע, מיר געשטעלטע פראַגן. וואָס באַדייטן זיי, וואָס שטעקט הינטער זיי. טאָמער איז אין זיי פאַראַן אַ דערקלערונג פאַר די סיבות פון מיין אַרעסט.

איצט איז מיר קלאָר.

מען האָט מיך אַרעסטירט אין שייכות מיט מיין אינטערווענץ לטובת די אַסירי־ציון. זיי ווייסן די פּרטי־פּרטים פון מיין אינטערווענץ ביי פּ. זופּקאָ. אויב אַזוי, בין אויך איך אין זייערע אויגן אַ פאַרברעכער, אַ שונא פון סאָציאַליזם און פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אפשר זענען זיי באמת נישט מערער אויסן ווי אַרויסצובאַקומען פון מיר נאָך עטלעכע פּרטים פון דער „פאַרברעכערישער" טעטיקייט פון די דאָזיקע פיר אַרעסטירטע ? איך קען זיי נישט פערזענלעך. איך ווייס אָבער גוט, אַז זייער ציוניסטישע טעטיקייט איז אויסן געווען רענעסאַנס פון יידישן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד און נישט אונטערגראָבונג אונטער די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. דער נידערטרעכטיקער בלבול אויפן ציוניזם — כאילו זיין פאַרבאָרגענע פּאָליטיק איז אונטערצורייסן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, — איז זייער פאַרשפּרייט געווען אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּרעסע אין יענער תקופה צווישן אַרעסט פון סלאַנסקי און מיינעם. ניין, זיי מיינען נישט צו באַקומען פון מיר נאָך פּרטים וועגן דער טעטיקייט פון די פיר אַסירי־ציון. זיי ווילן מיך פאַרוואַנדלען אין אַ „ציוניסטישן פאַרברעכער". פון זייערע פראַגן ווערט מיר קלאָר, אַז ביי אין „פאַרברעך" קעגן דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע בין איך שוין „געכאַפּט געוואָרן" און דאָס איז : מיין אינטערווענץ צו באַפרייען די פיר אסירי־ציון. ווייזט אויס, זיי זוכן ביי מיר נאָך „פאַרברעכנס".

איך ענטפער אויף זייערע פראַגן לויט דער ריי. נאָך איידער איך וויל צוגיין צו ענטפערן אויף דער צווייטער און דריטער פראַגע ווער איך פאַרפּלייצט מיט נאָך שאלות. מיינע ענטפערס ווערן פאַרשריבן מיט

דער שרייב־מאַשין. איך ענטפער: אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַרעסט פון די ציוניסטן. איך קען זיי נישט פּערזענלעך. צוויי פון זיי זענען צענטראַלע חברים פון אונדזער באַוועגונג. אַלע פיר זענען געווען טוער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע און זיך פאַרנומען מיט ציוניסטישער טעטיקייט, וואָס איז געווען אַ לעגאַלע. ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן די ציוניסטישע טעטיקייט, האָבן די דאָזיקע מענטשן זיך פאַרנומען מיטן ליקווידירן די ענינים לויטן געזעץ און זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ישראל. זיי האָבן גאָרנישט געטאָן קעגן נייעם רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר פאַר דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד דורך דערציונג, איינפלאַנצן די העברעישע שפּראַך, זאַמלען שפּענדונגען און עליה — אין איינקלאַנג מיטן סטאַטוט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, באַשטעטיקט דורך די אָפיציעלע טשעכאָסלאָוואַקישע מאַכט־אָרגאַנען. באַצייכענען די נאַציאָנאַלע רענעסאַנס־באַוועגונג פונעם יידישן פאָלק ווי אַ פאַרברעכן און אירע טוער ווי פאַרברעכער — איז אַ דורכויס ליגנערישער בלבול. די דאָזיקע עצם־פאָרמולירונג איז אַ פאַרברעכן. כ׳האָב געהאַלטן פאַר מיין נאַציאָנאַלן, מענטשלעכן און געזעלשאַפטלעכן חוב צו טאָן אַלץ, כדי אויפצוקלערן דעם ענין און באַפרייען די פיר ציוניסטישע עסקנים. כ׳בין אַוועק צו פּ. זופקא, דערפאַר ווייל כ׳האָב אים געקענט און זיך געהאַט מיט אים געטראָפן אין יענע טעג אויך וועגן אַנדערע ענינים. איך האָב געוווּסט, אַז ער פאַרנעמט אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער פּראָפ.־באַוועגונג, אין דער פּאַרטיי, אין פּאַרלאַמענט, כ׳האָב געגלויבט צו געפונען ביי אים פאַרשטענדעניש פאַר מיין איינשטעלונג, אַז די ציוניסטישע טוער זענען אומשולדיק און אַז זייער אַרעסט קאָן אַרויסרופן אין ישראל פיינדשאַפט צו דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע און אויך דערלאַנגען אַ שטאַרקן קלאַפּ דעם פּראָגרעסיוון לאַגער אין ישראל.

מען דערלאַנגט מיר אַ מיטאָג־עסן. איך פאַרשטיי, — עס איז געבראַכט געוואָרן פון דרויסן. און אפשר פון קיך פון דער שכנותדיקער תפיסה. כ׳האָב בכלל נישט געשפּירט אַז ס׳איז שוין מיטאָג־צייט. עס קומען צוריק צוויי פון די אויספאָרשער, וואָס האָבן זיך ווייזט אויס אָפּגעטראָגן ביינאַכט צי אינדערפרי, ווען צוויי אַנדערע האָבן זיי פאַרביטן. זיי זעען אויס פרישע, ווי נאָך אַ זיסן שלאָף, אָפּראַזירטע. איצט טראָגן זיך אָפּ אַנדערע. די וואָס האָבן זיך אומגעקערט, לייענען די פאַרשריבענע פּראָטאָקאָלן. איך בעט זיי מיך לאָזן שלאָפן. ניין. זיי איילן זיך. אויך איך

דאַרף זיין פאַראינטערעסירט אין אַ שנעלער אויפקלערונג פון די ענינים — זאָגן זיי. וואָס שנעלער כ׳וועל פאַרענדיקן, וועל איך קאָנען ממשיך זיין מיין נסיעה אַהיים.

עפּעס גלויב איך זיי נישט. איך פיל, אַז זיי זאָגן נישט קיין אמת. און אפשר טרייב איך איבער? סוף־כל־סוף בין איך נישט אין תפיסה, נאָר אין אַ באַשטימטן אַמט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. וואָלטן זיי געהאַט ענדגילטיק באַשלאָסן מיך צו אַרעסטירן, וואָלטן זיי מיך פאַר־שפּאַרט אין תפיסה. אפשר איז דאָס אַ פּאַראויספאָרשונג, פון וועמענס אויסגאַנג עס איז אָפּהענגיק צי מען וועט מיך איינזעצן, אָדער דערמעגלעכן ממשיך זיין די נסיעה אַהיים. אויף אַלע מיינע פראַגן פאַרוואָס בין איך אַרעסטירט געוואָרן, אויף אַלע מיינע פּראָטעסטן קעגן דעם אַרעסט, חזרן זיי איבער און לייקענען: כ׳בין נישט אַרעסטירט, כ׳בין בלויז פאַרהאַלטן. עס פרעגט זיך אָבער אַ פראַגע: צי ווייסן די אויספאָרשער פאַרוואָס כ׳בין פאַרהאַלטן געוואָרן? זיי מאַכן דעם איינדרוק פון פּשוטע מענטשן, אייניקע פון זיי, אפילו אָן דורכשניטלעכער בילדונג. נישט זיי האָבן באַשלאָסן וועגן מיין אַרעסט. זיי האָבן באַקומען אָנווייזונגען מיך צו פאַרהאַלטן און אויס־צופאָרשן. און נישט זיי וועלן אַנטשיידן וואָס טאָן מיט מיר. ווייזט אויס, אַז נישט פון זיי וועל איך זיך דערוויסן וואָס מען וויל פון מיר. איך נעם אָן, אַז זיי אַליין ווייסן דאָס אויך נישט. זיי דאַרפן עמעצן אַ העכערן דער־לאַנגען אַ באַריכט וועגן די רעזולטאַטן פון זייערע אויספאָרשונגען און דאָרט, אויבן, וועט אַנטשידן ווערן וואָס טאָן מיט מיר. נאָר פון זייערע רייד און פונעם אופן פון פרעגן, איז קענטיק איין זאַך: אַזוי ווי כ׳בין פאַרהאַלטן געוואָרן און היות זיי איז באַוווּסט, אַז כ׳האָב זיך באַמיט פאַר דער באַ־פרייונג פון מענטשן, וואָס לויט דער אָפיציעלער ווערסיע, זענען זיי פאַר־ברעכער און פיינד פון סאָציאַליזם, בין איך געוויס איינער פון זיי. זיי פאָרשן מיך מיט דער הנחה, אַז איך בין אַ שונא פון רעזשים, אַ פיינד פון סאָציאַליזם וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ביי פאַרברעכנס און באַמי זיך נישט מודה צו זיין. פונדאַנען נעמט זיך אויך דער פיינדלעכער קלאַנג אין זייערע רייד. דאָס פעלן פון יעטוועדער העפלעכקייט.

די אויספאָרשונג ווערט פאַרגעזעצט. די פראַגן זענען פון אַן אַנדערן תחום. מיט וועלכע מענטשן האָב איך זיך געטראָפן בעת מיין זיין אין פּראַג? איך רעכן זיי אויס: פ. זופקא, פאָרזיצער פון דער פּראָפ.־צענטראַלע, מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; דער ישראלדיקער

געזאַנדטער ד״ר קובאָווי, דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער געזאַנד־שאַפט, זאב שעק, מיטגלידער פון די פּראָפּ.־דעלעגאַציעס פון מעקסיקע און פראַנקרייך, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון פּראָגרעסיווע זשורנאַליסטן, ד״ר י. הרונעק (וועלכער איז אגב דער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג „פּראַצאַ״, אַרויסגעגעבן דורך די פּראָפעסיאָנעלע פּאַריינען) און נאָך. יעדער נאָמען וועלכן כ׳דערמאָן, ברענגט מיט זיך אַ שפּע נייע פראַגן. פאַרוואָס האָב איך זיך מיט זיי געטראָפן, וועגן וואָס האָב איך געשמועסט, וואָס טוען זיי, וויאַזוי איז זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט־סדר, גלייך כ׳וואָלט געלעבט מיט די מענטשן צענדליקער יאָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, גלייך עס וואָלט געווען מיין אויפגאַבע נאָכצופאָלגן יעדן טאָג נאָך זייערע מעשים, זייערע צוזאַמענטרעפן און געשפּרעכן. אין אַ געוויסן עטאַפּ פון דער אויספאָרשונג דערמאָן איך זיי, אַז כ׳בין אַן אַרבעטער־טוער פון ישראל און נישט אַ געדונגענער אַגענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּאָליטישער פּאָליציי און זאָלן זיי מיך נישט מאַטערן מיט אַזעלכע פראַגן. זיי מאַכן אַן אָנשטעל פון נאַיוו־באַליידיקטע און רעאַגירן אויף אַ גראָבן אופן. פאַר מיין טובה וועגן — זאָגט מען מיר — זאָל איך זיי אַלץ אַנטפּלעקן אין איצטיקן עטאַפּ; ווייל אויב נישט, וועלן זיי פון מיר אַרויסבאַקומען די ידיעות וועלכע כ׳באַהאַלט אויס, אויף אַן אַנדער אָרט און דורך אַנדערע וועגן. אַ צופעליקער זאַג וואָס דעקט אויף אַ סך. די ערשטע אָנדייטונג אויף תפיסה און אויספאָרשונגען פון אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע.

וואָס וועט זיין מיין סוף?

די אויספאָרשונג ציט זיך ביז שפּעטער נאַכט. זי איז דורכגעפלאָכטן מיט אַ שווערן ווערטער־אויסטויש. מיינע אויגן שליסן זיך. שוין די דריטע נאַכט ווי מען לאָזט נישט צוטאָן אַן אויג. איך בעט מיך לאָזן שלאָפן ווינציקסטנס אַ שעה־צוויי. אַן אָפּזאָג. אָנשטאָט שלאָף דערלאַנגט מען מיר שוואַרצע קאַווע. אויך סיגאַרעטן, נאָכדעם ווי מיינע האָבן זיך אויסגעלאָזט. ווידער טראָגן זיך אָפּ אייניקע אויספאָרשער און די, וואָס זענען פאַרשוווּנדן מיטאָג־צייט, קומען צוריק אויסגערוטע, מונטערע און זעצן פאָר די אויספאָרשונג מיט פולן שוווּנג. מען לאָזט מיך נישט קיין סעקונדע אָפּרוען, טראַכטן.

זענען דאָס טאַקע די שליחים פונעם גערעכטיקייט־אַפּאַראַט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע? אַזוי דאַרף מען עס פאַרשן? פעלשן זיי נישט אַמאָל דעם ווילן פון די וואָס שיקן זיי? איז אין די „הויכע פענצטער" באַוווּסט, אַז די אַדורכפירונג פון זייער רצון ליגט אין די הענט פון סאַדיסטן? אָדער טוען זיי דאָס לויטן ווילן פון די, וואָס שיקן זיי?

די אויספאָרשונג גייט ווייטער. די צענטראַלע פראַגע איז איצט: אַ וואָסער שייכות האָב איך צו דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט? צו וואָס פלעג איך דאָרט באַזוכן? וואָס האָב איך געטאָן אין דער פּריוואַטער וווינונג פון געזאַנדטן? צוליב וואָס האָב איך זיך געטראָפן מיטן ערשטן סעקרעטאַר? ווער זענען דאָס די מיטגלידער און אירע אָנגעשטעלטע פון דער געזאַנדשאַפט? וואָס טוט יעדער איינער פון זיי? און נאָך און נאָך דעטאַלירטע פראַגן, גלייך כ׳וואָלט געלעבט און געאַרבעט אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט זינט איר אַנטשטייונג אין די טעג פון אונדזער באַפרייונגס־קריג. איך דערקלער די סיבות פון מיינע באַזוכן דאָרט און די טרעפונגען מיטן געזאַנדטן און דעם ערשטן סעקרעטאַר: אַ פאָרמעלע פליכט, אויך אַ פּשוטע אַנשטענדיקייט, פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט און דער ווילן צו לייענען ישראלדיקע צייטונגען, וואָס קומען אַהין אָן; זיי ווילן פון מיר הערן וועגן די לעצטע געשעענישן אין ישראל און אויך איך וויל פון זיי הערן וועגן די ישראל־טשעכאָסלאָוואַקישע באַציונגען וועגן עליה־אויסזיכטן פון די יידן. ווער זענען אַלע מיטגלידער פון דער געזאַנדשאַפט — ווייס איך נישט און דער רוב פון זיי איז מיר אומבאַקאַנט. דאָס קאָנען זיי אָן שום ספק באַקומען פונעם דיפּלאָמאַטישן פּראָטאָקאָל פון זייער אויסערן־מיניסטעריום. וואָס יעדער פון זיי טוט — דאָס איז נישט מיין אויפגאַבע צו וויסן און זיי דערציילן. און ווידער גיב איך זיי אָנצוהערן, אַז כ׳בין נישט זייערס אַ געהיים־אַגענט.

פון זייערע פראַגן ווערט קלאָר, אַז זיי זענען מיך חושד אין פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש און אַז מיינע באַזוכן אין דער געזאַנדשאַפט און אין דער דירה פונעם געזאַנדטן, ווי אויך מיינע געשפּרעכן מיט אייניקע מיטגלידער פונעם פּערסאָנאַל זענען געווען דערמיט פאַרבונדן. גלויבן זיי טאַקע אין דעם? גלויבן אין דעם אויך די, וועלכע האָבן פאַראָרדנט מיך אויסצופאָרשן אין דער דאָזיקער ריכטונג? איך צווייפל אין דעם.

דורכן פענצטער רייסט זיך אַריין דאָס ליכט פון אַ ווינטערדיקן, נעפּלדיק־גרויען טאָג. היות מיינע אויגן פאַרמאַכן זיך אָן אַן אויפהער —

טראַץ דעם אָפטן טרינקען קאַווע — דערלויבט מען מיר זיך אַ ביסל צולייגן אויף אַ קאַנאַפּע און שלאָפן. מען וועקט מיך איבער. מער ווי אַ שעה בין איך נישט געשלאָפן. זיי פאַרענטפערן זיך און זאָגן, אַז דאָס איז פאַר מיין טובה וועגן, אַז די אויספאָרשונג זאָל זיך שנעל פאַר־ענדיקן. וואָס גיכער כ׳וועל אַלץ אויפקלערן, אַזוי וועל איך שנעלער קומען אַהיים. די פראַגן זענען פון אַ נייעם שטח: מיינע פריערדיקע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. מיט וועמען האָב איך זיך געטראָפן; וועגן וואָס האָבן מיר געשמועסט; מיינע צילן אין די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן; צי האָב איך אויך באַזוכט אַנדערע לענדער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, און נאָך און נאָך. איך דערציייל זיי וועגן מיינע פאַרשידענע באַזוכן אין די יאָרן 1945/6, 1947, 1948; וועגן מיינע צוזאַמענטרעפן אין שליחות פון מיין פאַרטיי מיט די אָנפירנדיקע טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, מיטן פּרעמיער זאַפּאָטאָצקי, מיטן אויסערן־מיניסטער קלעמענטיס און אַנדערע פּערזענלעכקייטן, כדי אויפצוקלערן די רעגירונגס־לייט און דער עפנטלעכער מיינונג דעם פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון אונדזער נאַציאָ־נאַלן געראַנגל און דעם כאַראַקטער פון אונדזער באַפרייונגס־מלחמה — מיטן אַנטשטיין פון מדינת־ישראל — און געווינען די הילף פון טשע־כאָסלאָוואַקיע און די סימפּאַטיע פון דער עפנטלעכקייט פאַר אונדזער קאַמף (מיינע אַרויסטרעטונגען אין ראַדיאָ פּראַג און אויף פּרעסע־קאָנפערענצן, אָרגאַניזירטע אויף דער איניציאַטיוו פון טשעכאָסלאָוואַקישן אויסערן־מיניסטעריום).

איך דערציייל אויך וועגן מיינע באַזוכן אין די אויבנדערמאָנטע יאָרן אין אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס (אונגאַרן, פּוילן, בולגאַריע, יוגאָ־סלאַוויע, רומעניע, ד. ד. ר.) און וועגן מיינע באַגעגענישן מיט צענטראַלע אַרבעטער־פּערזענלעכקייטן פון די דאָזיקע לענדער און מיט פאַרשידענע מיניסטאָרן (ראַקאָשי, בערמאַן, קאָסטאָוו, אַנאַ פּאַוקער, אולבריכט און אַנדע־רע). איך שטרייך אונטער דעם פאַקט, אַז אין דער תקופה פון ישראלס באַפרייונגס־קריג האָב איך אין די אַלע לענדער געפונען די פולע אונטער־שטיצונג פאַר דער פאַרטיידיקונגס־מלחמה פון ישראל און באַזונדערס אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע האָט אונדז דערלאַנגט הילף אין דער אַנטשיידנ־דיקער פאָרם פון געווער־צושטעל. איך שטרייך אונטער, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אויסגעדריקט די ליניע פון אַלע סאָציאַליסטישע לענדער אונטער דער אָנפירונג פון ראַטנפאַרבאַנד.

די פראַגן און ענטפערס ציען זיך אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצן אָוונט, ביז

שפּעט ביינאַכט. ספּעציעל קאָנצענטרירן זיי זיך אַרום מיינע צוזאַמענטרעפן מיט קלעמענטיסן. לויט ווי מיר איז באַוווּסט, איז ער שוין אַ גאַנץ יאָר אין אַרעסט — אונטער דער באַשולדיקונג פון „פּאַראַט" און „שפּיאָנאַזש לטובת דעם מערב". זיי פאָרשן דעם דאָזיקן ענין פון אַלע מעגלעכע זייטן. נאָכוואָס האָב איך זיך מיט אים געטראָפן? וויאַזוי פלעגן מיר זיך טרעפן? דער אינהאַלט פון אונדזערע געשפּרעכן? מיינע ענטפערס באַפרידיקן זיי נישט. נישט בלויז כדי מיך צו פאַרדעכטיקן; אדרבה, פאַראַן עפּעס אין זיי, צו שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם אַרעסט פון קלעמענטיס. זיי באַציען זיך מיט אומצוטרוי צו מיינע ענטפערס. זיי מאַכן דעם אָנשטעל, גלייך כ'וואָלט אויסבאַהאַלטן דעם עיקר: דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון אונדזערע געשפּרעכן. אַנטקעגן דעם פאַרלייקענען זיי מיין באַקאַנטשאַפט מיטן פרעמיער זאַפּאָטאָצקי. כאילו גלויבן זיי נישט, אַז כ'האָב זיך מיט אים געטראָפן. ער איז נאָך אַלץ פרעמיער — און נישט אין תפיסה.

איך פיל ווי זיי איז נישט באַקוועם הלמאי כ'האָב זיך אויך געטראָפן מיט זאַפּאָטאָצקין און מיט אים באַהאַנדלט ענינים, וועלכע כ'האָב אויך באַרירט מיט קלעמענטיסן: הילף פאַר מדינת ישראל אין איר באַפרייונגס־מלחמה. זיי זענען אַנטוישט, הערנדיק פון מיר, אַז בייביידע האָב איך געפונען אַן ענלעכע באַציונג: סימפּאַטיע און הילף פאַר אונדזער געראַנגל. דאָס איז זיי נישט באַקוועם. דערפאַר גייען זיי מיט ביטול אַריבער צו דער טאָג־אָרדענונג איבער דער דאָזיקער אומבאַקוועמער פּרשה. זיי גייען נישט אַריין אין קיין פּרטים זיי ווילן נישט וויסן פון דעם גאַנצן ענין, גלייך כ'וואָלט אים אויסגעטראַכט. און ווידער קערן זיי זיך אום צום ענין סלאַנסקי. ווען האָב איך זיך מיט אים געטראָפן? ווו? וועגן וואָס האָב איך געשמועסט מיט אים? איך חזר איבער, אַז כ'קאָן אים בכלל נישט און האָב זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיט אים. זיי גלייבן נישט. זיי מאַכן אַן אָנשטעל אַז זיי גלייבן נישט. עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז כ'זאָל זיך נישט האָבן מיט אים געטראָפן אאז"וו. איך טענה מיינס. זיי פרעגן איצט שרייענדיק. דער טאָן ווערט אַלץ כעסדיקער און ברוגזער. איך זאָג מיינס: כ'קאָן נישט סלאַנסקין. ווייזט אויס, זיי זענען אַנטוישט, וואָס זייער כעס, רוגז און געשרייען זענען נישט גענוג אויף צו ענדערן די פאַקטן, פאַרוואַנדלען דעם פאַקט וואָס איך קען נישט סלאַנסקין אין אַ פאַקט, אַז איך קען אים יאָ. עס איז שוין שפּעט ביינאַכט, אַפּנים, אַז איך דערגיי צו פולשטענדיקער דערשעפּונג. מיט יעדן איבערייס צווישן אַן

ענטפּער און אַ פֿראַגע ווער איך אַנטדרימלט. עס געשעט, אַז איך דרימל איין בעת זייער רעדן און אפילו בעת מיינע רייד.

די אויספֿאָרשער באַראַטן זיך. צום סוף זאָגן זיי מיר, אַז איך קאָן זיך צולייגן אויף דער קאַנאַפּע און שלאָפֿן. זיי גיבן מיר אָנצוהערן, אַז זיי האָבן פֿאַרענדיקט זייער מלאכה; נאָך עטלעכע טעג — וועל איך ווידער זיין אינדערהיים. אין האַרצן גלייב איך נישט. איך פֿרעג אויף אַ דערלויבעניש צו טעלעפֿאָנירן אין דער געזאַנדשאַפֿט און בעט צוּוויסן געבן אינדערהיים, אַז כ׳בין געזונט און אינגיכן קום איך צוריק. זיי זאָגן זיך אָפּ דאָס צו דערלויבן. זיי ווילן אָבער נישט זיין קעגן דעם, אַז כ׳זאָל אַהיים־שיקן אַ טעלעגראַם דירעקט אַהיים: די צווייטע וואָך קום איך צוריק. הגם איך גלויב נישט, בעט איך פּאַפּיר מיט אַ פּעדער און שרייב אַהיים אַ דעפּעשע, אַז די צווייטע וואָך קום איך. זיי זאָגן מיר צו דאָס אַוועקשיקן באַלד אינדערפֿרי. איך ליג אויף דער קאַנאַפּע און דרימל איין.

איך וועק זיך איבער. דוכט זיך, אַז מ׳האָט מיך אויפֿגעוועקט. כ׳וואָלט זייער געוואָלט שלאָפֿן נאָך און נאָך. קיינמאָל איז מיר דער שלאָף נישט געווען אַזוי אָנגענעם ווי דאָסמאָל. דורכן פֿענצטער רייסט זיך אַריין דאָס ליכט פֿון אַ העלן ווינטער־טאָג, פֿול מיט זון. ווייזט אויס, אַז ס׳איז שוין מיטאָג־צייט. איינער פֿון די צוויי אויספֿאָרשער, וואָס געפֿינט זיך אין צימער, באַגעגנט מיך מיט אַ גוט־מאָרגן, מיט אַ צוגאָב פֿון אַ געקינצלטן שמייכל, וועלכער געפֿעלט מיר נישט. ער זאָגט, אַז איך קאָן זיך אָפּראַזירן און אָפּוואַשן; באַלד וועט מען מיר ברענגען מיטאָג־עסן. ביים ראַזירן, אַנטדעק איך אין שפּיגל, צו מיין גרויסער איבעראַשונג, אַז איניקע טעג האָב איך זיך נישט געגאָלט. אַ פּרוי — ווייזט אויס אַן אויפֿרוימערין — ברענגט עסן פֿאַר ביידע. איינער פֿון די אויספֿאָרשער זעצט זיך מיט מיר צום טיש. דער צווייטער זיצט ביים שרייב־טיש און שרייבט. דער אויספֿאָרשער וואָס עסט מיט מיר, קען אַ ביסל דייטש. עס הייבט זיך אָן אַ געשפּרעך וועגן דאָס און יענץ. איך אינטערעסיר זיך מיט די טעכנישע פּרטים, פֿאַרבונדענע מיט מיין נסיעה אַהיים, אויסבאַהאַלטנדיק די ספֿקות בנוגע דעם וואָס מ׳האָט מיר ביינאַכט געזאָגט וועגן גיכן אַהיים פֿאָרן. ער באַרויקט מיך: אַלץ וועט זיך איינאָרדענען און נאָך איניקע טעג וועל איך זיין אינדערהיים. די טעלעגראַמע צו מיין משפּחה האָט מען שוין אַוועקגעשיקט. אויך זיי באַדויערן וואָס מ׳איז געווען געצוווּנגען מיך צו פֿאַרהאַלטן און גורם זיין אַ ביסל אומאַנגענעמלעכקייט. נאָר דאָס איז געווען נויט־

וועגדיק. ער אינטערעסירט זיך מיט פאַרשידענע קלייניקייטן, מיין פאַמי־ליע־באַשטאַנד, מיין אַרבעט אין ישראל, אַלגעמיינע ישראלדיקע פּראָב־לעמען (פּאַרטייען, יידן און אַראַבער, קיבוצים). פּלוצים גיט ער מיך אַ פרעג — און ווידער זע איך אויף זיין פּנים יענץ געקינצלט שמייכעלע וואָס געפעלט מיר נישט — צי כ׳וואָלט נישט געוואָלט אַהערברענגען דאָ מיין משפחה. דעם נעגאַטיוון ענטפער מיינעם ברענג איך אַרויס דורך אַ שאלה: נאָכוואָס אַהערברענגען מיין פאַמיליע? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום קום איך צוריק אַהיים. דער אויספאָרשער ווערט עטוואָס צעטומלט און שטאַמלענדיק דערקלערט ער, דאָס ער האָט געמיינט, אַז מיין משפחה וועט קאָנען אויסנוצן די געלעגנהייט וואָס איך געפין זיך אין טשעכאָסלאָוואַקיע, באַזוכן דאָ און זען דאָס דאָזיקע שיינע לאַנד. נאָר אייגנטלעך — זאָגט ער — אפשר בין איך גערעכט. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ נאַרישע פראַגע־פאַרשלאָג. דער אויס־פאָרשער האָט — נישט ווייסנדיק — אויפגעדעקט דעם סוד: אַז זיי האָבן בדעה מיך צו האַלטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אַז די אַלע רייד וועגן מיין אומקערן זיך אַהיים אין איניקע טעג אַרום און זייער צוזאָג צו שיקן מיין טעלעגראַם — איז נישט אמת. מיר איז נישט פאַרשטענדלעך די דאָזיקע גאַנצע נאַרישע שפּיל.

פאַרוואָס וואָגן זיי נישט מיר פּשוט צו זאָגן, אַז מ׳האָט מיך אַרעס־טירט — לאָמיר אָננעמען אויס חשד, אַז כ׳האָב זיך פאַרנומען מיט אַ טעטיקייט וואָס האָט געשאַדנט דעם רעזשים? נאָכוואָס דער דאָזיקער שווינדלערישער וועג? נאָכוואָס די דאָזיקע שפּיל מיט דער טעלעג־ראַמע אַהיים, וועלכע איז זיכער נישט געשיקט געוואָרן און וועט נישט גע־שיקט ווערן? פאַרוואָס זאָלן זיי אָפן און פּשוט נישט זאָגן וועגן מיין לאַגע? און צי וועל איך פראַקטיש קאָנען אַרויסווייזן וועלכע ס׳איז קעגנערשאַפט צו מיין פאַרהאַלט און אַרעסט? און צי וועל איך קאָנען צונישט מאַכן זייערע כוונות, אויב טאַקע זיי האָבן בדעה מיך אָוועקצוזעצן הינטער די קראַטן? צוואָס די דאָזיקע שפּיל?

— דרך אגב — פרעגט ער מיך פּלוצים — טענהט איר די גאַנצע צייט, אַז איר זענט אַ לינקער סאָציאַליסט און אידענטיפיצירט זיך מיטן וועג פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס; פאַרוואָס זאָלט איר נישט קומען לעבן ביי אונדז, אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע? אויב אייך איז ליבערשט דער סאָציאַליזם ווי דער קאַפּיטאַליזם, וועט אייך זיכער נישט שווער זיין צו פאַרלאָזן ישראל, וואָס איז אַ קאַפּיטאַליסטישע

מדינה און זיך באַזעצן ביי אונדז, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס געפינט זיך אויפן וועג צום סאָציאַליזם. ברענגט אַהער די משפחה און איר וועט זיך דאָ גוט פילן; איר וועט אויך באַווייזן, אַז איר זענט אַן אמתדיקער סאָציאַליסט. — איך זאָג, אַז זיין פּראַגע איבעראַשט מיך. אַן ערנסטער סאָציאַליסט שטעלט נישט אַזאַ פּראַגע. איך דאַרף נישט אים און נישט עמעצן אַנדערש באַווייזן, אַז כ׳בין אַ סאָציאַליסט. אדרבה, די אויפפירונג פון אים און זיינע חברים דערוועקן אין מיין האַרץ אַ ספק, אויב זיי זענען סאָציאַליסטן. און מיין ענטפער צו זיין עצם פּראַגע, איז, פאַרשטייט זיך — נאָ, מיט אַן אלף. כ׳בין נישט קיין קאָסמאָפּאָליט, נאָר אַ יידישער לינקער סאָציאַליסט. מיין אויפגאַבע איז נישט זיך איינצואָרדענען אין וועלכער ס׳איז סאָציאַליסטישער מדינה, נאָר באַמיען זיך איינצוזאַמלען מיין צעשפּרייט פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד און אין אים קעמפן פאַרן סאָציאַליזם — סאָלידאַריש און בשותפות מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם אומעטום. צי וועט ער פראַנצויזישע, ענגלישע צי איטאַליענישע קאָמוניסטן פאַרלייגן צו פאַרלאָזן דעם קאַמף אין זייערע לענדער און עמיגרירן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע? לויט זיין מיינונג האָבן די טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמוניסטן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געדאַרפט פאַרלאָזן זייער קאַפּיטאַליסטיש פאָטערלאַנד און עמיגרירן קיין ראַטנפאַרבאַנד. מיין מיטשמועסער פילט, אַז ער איז געשטרויכלט געוואָרן מיט אַן אומרייפן געדאַנק און באַווייזט קוים קוים אויס צו באַהאַלטן זיין פאַרלעגנהייט. ער ווענדט אָפּ דעם שמועס אין אַ צווייטער ריכטונג: איז דאָס עסן געשמאַק? וואָס עסט מען אין ישראל?

מיר פאַרענדיקן דאָס מאָלצייט. דער צווייטער אויספאָרשער ענדיקט זיין שרייבן. ער דערנענטערט זיך צו מיר און ווייזט די רשימה מיט מיינע זאַכן, פאַרשריבענע אויף אַ שרייבמאַשין. ער דערקלערט, אַז די רשימה האָט ער צוזאַמענגעשטעלט, כדי פעסטצושטעלן צי ס׳איז מיר נישט עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען. ער גייט מיט מיר אַדורך די רשימה. אַלץ שטימט, אויסער איין פּונקט: יאַפּאַנישע זילבער־מטבעות. איך טענה, אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין יאַפּאַנישע מטבעות, נאָר געהאַלטן ביי זיך עטלעכע ישראלדיקע זילבער־מטבעות (אויף קליינע אויסגאַבן, אין טאָג פון מיין אומקערן זיך אַהיים). ער ברענגט די מטבעות. דאָס זענען, פאַרשטייט זיך, די ישראלדיקע מטבעות. דער אויספאָרשער פאַרענטפערט זיך און זאָגט, אַז די שריפט אויף די מטבעות האָט אים אויסגעזען יאַפּאַניש און דערפאַר

האָט ער זיי פאַרשריבן אַלס אַזעלכע. ער בעט אונטערשרייבן דעם צעטל פון די זאַכן. איך בעט מען זאָל מיר געבן די טשעמאָדאַנעס מיט די זאַכן. זיי באַמערקן אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט, אַז אין דער געהעריקער צייט וועל איך באַקומען די טשעמאָדאַנעס. איך פאַרשטיי, אַז די רשימה האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט נישט כּדי מיר אומצוקערן די זאַכן, נאָר פאַרקערט: די זאַכן וועלן, ווייזט אויס, ערגעץ־ווו באַהאַלטן ווערן, ביז מיין צוריקקומען אַהיים. ווער ווייסט ווען דאָס וועט געשען.

פאַרנאַכט גיט מען צו וויסן, כ׳זאָל אָנטאָן דעם מאַנטל און גיין. מיינע זאַכן געפינען זיך שוין אין דער מאַשין. מיר גייען איבער — זאָגן זיי — אויף אַן אַנדער אָרט און דאָרט וועט זיך אַלץ פאַרענדיקן. מיינע פראַגן ווו מיר פאָרן, פאַרוואָס גיבן זיי נישט צוריק מיין זייגער, די אייביקע פעדער אדג״ל — בלייבן אָן אַן ענטפער. מיר שטייגן איין אין אויטאָ. אויסער מיר — פיר באַגלייטער. איך זיץ צווישן צוויי. פּלוצים טוט מען מיר אָן ברילן, באַדעקטע מיט שוואַרצער לייוונט. איך זע נישט קיין שום זאַך. כ׳באַמי זיך אַראָפּצונעמען די ברילן. איך פּראָטעסטיר. זיי כאַפּן מיך אָן פאַר די אָרעמס און דראָען אָנצוטאָן קייטעלעך אויף די הענט, אויב כ׳וועל מאַכן וועלכע ס׳איז באַוועגונג. פונדעסטוועגן באַמי איך זיך צו באַפרייען מיינע הענט. אָן דערפאָלג. צום סוף לאָז איך צורו. זיי זאָגן, אַז אַזוי איז ביי זיי איינגעפירט אין אַזעלכע פאַלן און באַפעלן נישט רעדן און נישט פרעגן. מיר פאָרן. איך הער דעם געפּיק פון אויטאָס און טראַמווייען. מיר פאָרן איבער די גאַסן פון פּראַג. איך בין אינגאַנצן אויפגערודערט צוליב די טונקעלע ברילן.

צום ערשט האָב איך דאָס געפיל פון אַ הארבער באַליידיקונג. כ׳ווייס נישט געענוי — פאַרוואָס דווקא דאָס געפיל פון באַליידיקונג. אויך דאָס דערדריקנדיקע געפיל פון זיין הפקר. איצט קאָנען זיי טאָן מיט מיר וואָס זיי געפעלט און כ׳וועל בכלל נישט וויסן. זיכער פירן זיי מיך צו דער גרענעץ. וווהין? אין תּפיסה? און טאָמער נישט? אפשר גאָר אויסער דער שטאָט? טאָמער ווילן זיי אויף וועלכן ס׳איז אופן פון מיר פּטור ווערן?

מיר פאָרן, ביידע באַגלייטער פון רעכטס און פון לינקס האַלטן מיך, גלייך כ׳וואָלט געווען אַ פאַרברעכער, וואָס מ׳האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט. איך זע גאָרנישט.

מיטאַמאָל דערמאָן איך זיך אָן די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן וועלכע ס׳האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז זיי זענען פאַרשוווּנדן.

האָט מען אויך זיי געפּירט מיט פּאַרמאַכטע אויגן, ביזן נעלם ווערן? זענען אויך די בונדישע טוער, אַלטער און ערליך, וועלכע זענען פאַרשוווּנדן בעת דער מלחמה, געפּירט געוואָרן פאַרן אומקום מיט פאַרבונדענע אויגן?

די מאַשין פאָרט. מיינע באַגלייטער שווייגן. עס הערשט אַ געהיימניש־פולע אַטמאָספער.

איך ווייס נישט וויפל שעה מיר פאָרן שוין. צו דער רייזע נעמט נישט קיין סוף. נאָך פיל זוכענישן וועט פעסטגעשטעלט ווערן, אַז כ׳בין „פאַרשוווּנדן״: די גרענעצן פון טשעכאָסלאָוואַקיע האָב איך פאַרלאָזט דעם און דעם טערמין, אין דער און דער שעה. נאָכדעם ווי כ׳בין אַריבער די גרענעץ, האָט מען מיך שוין מערער נישט געזען אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איך שטוין, וואָס כ׳האָב נישט קיין פּחד. כ׳פיל אָבער אַ טיפן געפיל פון צער. וואָס טוט איצט רעגאַ? זיכער פילט זי שוין, אַז עפּעס איז מיט מיר פאָרגעקומען — אויב כ׳האָב זיך נישט אומגעקערט דעם טאָג, ווען כ׳האָב באַדאַרפט קומען. זי האָט טיפע פאָרגעפילן. איך דערמאָן זיך, ווי זי האָט מיר דאָסמאָל געראָטן נישט אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. איז דאָס געווען אַ פאָרויספילן די צוקונפט? וואָס טוט איצט רעגאַ? מיר שיינט, אַז הייַנט איז ערב־שבת. פּועה און משה *) פאַרברענגען איצט אין אונדזער צימער און רעגאַ שפּילט זיך מיט זיי, נישט אַנטפּלעקנדיק פאַר זיי אירע געפילן פון זאָרג. וואָס וועט איר טאָן, מיינע טייערע, אויב כ׳וועל נישט צוריק־קומען די צווייטע וואָך און אויך נישט אין די קומענדיקע וואָכן און חדשים? וואָס וועט איר טאָן, אויב נאָך פיל זוכענישן וועט פעסטגעשטעלט ווערן, אַז — דער טאַטע איז פאַרשוווּנדן און איז מער נישטאָ. וועט איר ווייסן וואָס מיר איז געשען? וועט די באַוועגונג וויסן, וואָס ס׳האָט פּאַסירט?

מיר פאָרן און פאָרן. כ׳האָב נישט קיין באַגריף ווי לאַנג מיר פאָרן שוין. זיי שווייגן. אפשר ציט איינער פון זיי אין דעם מאָמענט אַרויס זיין רעוואָלווער? אפשר דערנענטערן מיר זיך צו דער תפיסה? איך פּרוביר באַפרייען איינע פון מיינע הענט. זיי האַלטן מיך אָבער ווי אין אייזערנע צוואַנגען. מיר שיינט, אַז ווען כ׳וואָלט באַוויזן צו באַפרייען די האַנט און אַראָפּנעמען די ברילן פון מיינע אויגן — וואָלטן פאַרענט־

---

*) רעגאַ — די פרוי פון מ. אורן; פּועה און משה — זייערע קינדער (באַמ. פון איב.).

פערט געוואָרן אַלע פראַגן וואָס מאַטערן מיך איצט. מיר שיינט, ווען איך וואָלט געוואָרפן אַ בליק אויפן פרצוף פון איינעם פון מיינע באַגלייטער, וואָלט איך פאַרשטאַנען, וואָס מיר שטייט פאָר, וואַהין מען פירט מיך — אין תפיסה אָדער צו באַלדיקער ליקווידאַציע. מיר געלונגט אָבער נישט צו באַפרייען די האַנט. יעטוועדע באַוועגונג מיינע ברענגט מיט זיך אַ געשריי אויף טשעכיש, וואָס איך פאַרשטיי נישט זיין גענויעם באַטייט. מיר פאָרן ווייטער. איך בין ווי געבלענדט.

אַ שווייגעניש. מען הערט נישט דאָס פייפן פון אויטאָס און טראַמווייען.

ווו זענען מיר? אויב זיי פירן מיך אין תפיסה, פאַרוואָס האָבן זיי דאָס נישט געזאָגט? זיי האָבן נישט געקאָנט חושד זיין, אַז כ'וועל אַנטלויפן. איינער אַנטקעגן פיר. זיי זענען זיכער באַוואָפנט. זיי ווייסן גוט, אַז איך בין אומבאַוואָפנט. פאַרוואָס־זשע האָבן זיי מיר נישט געזאָגט, אַז מען פירט מיך אין תפיסה? אויב אַזוי מיינט עס פאָרט ליקווידאַציע? ניין און ניין. פונעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג קאָן דיר נאָר קלאָר זיין איינס: אַז איך בין זיי נויטיק צו עפּעס אַזעלכעס, וואָס זיי ווילן וויסן אַרום קלעמענטיסן און סלאַנסקין. אפשר דערוואַרט מיך ליקווידאַציע אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פאַרשווערונג — אָבער די דאָזיקע שעה איז נאָך נישט געקומען.

זיי נעמען זיך סודען, אַ שאָד וואָס איך פאַרשטיי נישט זייער שפּראַך. דער אויטאָ פאַרלאַנגזאַמט זיין פאָרן. ער שטעלט זיך אָפּ. זיי שלעפּן מיך אַרויס פון דער מאַשין. מען פירט מיך, אונטערגעשפּאַרט פון אַלע זייטן, ווי כ'וואָלט געווען אַ שטערבלעך קראַנקער, וואָס איז נישט מסוגל צו גיין מיט אייגענע כוחות. מיר גייען אַרויף אויף עטלעכע טרעפּ און איך שפּיר אַז כ'גיי אַריין אין אַ טויער פון אַ געביידע. אַ תפיסה־טויער? איך דערמאָן זיך מיטאַמאָל דעם גהינום־טויער פון דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע", גענויער — די אויפשריפט אויפן גהינום־טויער; אַן אויפשריפט וואָס זאָגט אָן יעדן אַריינגייער, אַז ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון יעטוועדער האָפענונג.

מען פירט מיך איבער פאַרשידענע קאָרידאָרן און די ברילן זענען נאָך אויף מיינע אויגן. אַ תפיסה — אָדער עפּעס אַנדערש? מען פירט מיך דורך פאַרשידענע טירן. אין איין צימער שטעלן מיר זיך אָפּ. זיי פליסטערן. נאָך אַ פערטל שעה נעמט מען אַראָפּ די ברילן פון מיינע אויגן. איך געפין

זיך אין אַ מין מאַגאַזין־קאַנצעלאַריע. אַנטקעגן מיר שטייט אַ מונדירטער פּאָליציאַנט. מיינע באַגלייטער האָבן זיך אָפּגעטראָגן און מען זעט זיי נישט. דער פּאָליציאַנט פאַרשטייט נישט גאָרנישט, אויסער טשעכיש. ער דער־לאַנגט מיר וועש און אַרעסטאַנטן־בגדים. ער גיט מיר אָנצוהערן, כ׳זאָל אויסטאָן די ציווילע מלבושים און אַריינקריכן אין די אַרעסטאַנטן־קליידער. מיינע טשעמאָדאַנעס שטייען אין ווינקל. מען דערלויבט מיר נישט גאָרנישט נעמען פון זיי. אויך נישט דאָס ציין־בערשטל און די ציין־פּאַסטע. מען פירט מיך אַריין אין דערבייאיקן צימער: אַ ביורא. עס נעמט מיך אויף אַן אַנדערער פּאָליציאַנט. ער וויסט געציילטע דייטשישע ווערטער, אָבער נישט ביז רעדן. כ׳האָב נאָר פאַרשטאַנען, אַז כ׳בין אין אַ תפיסה, אַן אַרעס־טאַנט אין אויספאָרשונג. מען גיט מיר אַ נומער: 2446. אויך דאָס האָב איך פאַרשטאַנען: מיר איז פאַרבאָטן צו אַנטפּלעקן מיין נאָמען די וועכטער אָדער עמעצן אַנדערש, אויסער די אויספאָרשער. צוליב אידענטיפיצירונג מוז איך זיך באַנוצן מיט מיין נומער. אַנדערש וועל איך באַשטראָפט ווערן. דער דעזשורנע וועכטער איז געקומען מיך נעמען. ער פאַרבינדט מיר די אויגן מיטן האַנטעך, וואָס כ׳האָב באַקומען און פירט מיך ביי דער האַנט ווי אַ בלינדן. נאָכן וואַנדערן איבער אַ לאַנגן קאָרידאָר, עפנט ער אַן איי־זערנע טיר, שטויסט מיך אַריין אינעווייניק, נעמט מיר אַראָפּ דאָס האַנטעך פון די אויגן און פאַרשליסט די טיר מיט אַ שטאַרקן סקריפּ. איך קוק זיך אַרום: אַ ליידיקע, וויסטע, גרויע קאַמער. אַ תפיסה־הויז.

די ערשטע נאַכט אין תפיסה

נישטאָ קיין מענטש אין קאַמער. זי איז קליין, בערך 3x2 מעטער. בין־השמשות. אין די ווענט זעט מען אייזערנע טאָוולען פון צוויי בעטן. אַ טיש און צוויי בענקלעך. ווייזט אויס, אַז דאָס אַלץ עפנט זיך אויף אינדרויסן. איצט — אַלץ איינגעשרויפט אין די ווענט. אַ שמאָל פענצטער — איבער דער הייך פון אַ מענטש. אַ בלינדע שויב. אַ ראָזעווע דיל. אַ פּאָדלאָגע, ווי פון איין גוס. אַן עלעקטריש לעמפּל. אין ווינקל — אַ קלאָזעט־גרוב אָן אַ בענקל, מיט אַן אַפּאַראַטור אראָפּצולאָזן דאָס וואַסער. איבערן קלאָזעט — אַ וואַסער־קראַן, וואָס ווערט געלאָזט אין באַוועגונג

דורך אַ מרעט־פּוס אונטן, נאָענט צום דיל. אין דער אייזערנער טיר זעט זיך אַ קליין, קיילעכדיק אונטערקוק־פענצטערל פאַרן וועכטער. פונ־דרויסן איז עס באַדעקט. אונטער דעם פענצטער — אַן אייזערנע נעץ, הינטער וועלכער ס׳געפינט זיך צענטראַל־באַהייצונג. איצט איז זי נישט טעטיק. ס׳איז זייער קאַלט. עס ווערט מיר קלאָר, אַז דער פאַרשלוס פון פענצטער איז קאַליע. אינדרויסן ווילדעוועט, ווייזט אויס, אַ שטורעם און כוואַליעס קעלט רייסן זיך אַריין אין קאַמער אָן אויפהער. ס׳איז זייער קאַלט. איך באַטראַכט מיין נייע קליידונג. די הויזן און דער מאַנטל זענען געמאַכט פון דינער יוטע. איצט איז יאַנואַר, דער אמתער ווינטער אין מיטל־איראָפּע. דער מאַנטל איז אָפן ביים האַלדז, און דעסגלייכן די בלוזע אונטערן מאַנטל. נישטאָ אויף זיי קיין קנעפּל. אויף מיינע פיס — לייכטע לייוונטע שטעק־שיך, וואָס פאַר־דעקן בלויז דעם פאָדערשטן טייל פונעם פוס. קיין סקאַרפּעטן האָב איך נישט באַקומען. מיין אָנטאָן איז גוט פאַר כאַמסיניקע זומער־טעג. איך בין פאַרשטאַרט פון קעלט. אַלע עטלעכע מינוט הערט מען אַ לייכטן רויש אין טיר. אין פענצטערל פון דער טיר באַווייזט זיך אַן אויג — דאָס נאָכשפּירנ־דיקע אויג פונעם וועכטער.

נישטאָ אויף וואָס צו זיצן. די בענקלעך זענען אין דער וואַנט. מן־הסתם האָט מען פאַרגעסן זיי אַרויסצונעמען פון דאָרט. צו דעם דאַרף מען האָבן אַ ספּעציעלן שליסל. איך הייב אָן שפּאַצירן. ווינציקע טריט — און כ׳בין דורכגעגאַנגען די קאַמער אין דער לענג, אַהין און צוריק. איך קוק זיך אַרום: איינמאָל, נאָכאַמאָל, אומצאָליקע מאָל. ליידיקע ווענט. דער קלאָזעט אין ווינקל. אַן אייזערנע טיר אָן אַ ווענטל. איז דאָס אַ חלום? איז דאָס ווירקלעכקייט? איך קוק זיך אָן, אַ מאָדנע קליידונג, אַרעסטאַנטן־בגדים, שטעק־שיך. ווירקלעכקייט אָדער חלום? איך קוק זיך ווידער אַרום: די זעלבע וויסטע ווענט, דאָס זעלבע פאַרקראַטעוועטע פענצטער, די זעלבע אייזערנע טיר אָן אַ הענטל. און אין דער טיר — אַ רונדיק פענצ־טערל און דאָרט עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך אַן אויג, דאָס אויג פונעם וועכטער.

איז דאָס אַלץ ממשותדיק, ווירקלעכקייט? אָדער איז עס דאָך אַ בייזער חלום, אַ שרעקלעך געשפּענסט?

איך רייב זיך די אויגן און קוק זיך אַרום נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אומצאָליקע מאָל.

אפשר האָב איך פאַרלוירן די גלייכגעוויכט און זע עפּעס פאַנטאַס־טישס און אומרעאַלס? וויאַזוי זאָל איך גלויבן, אַז דאָס איז ווירקלעכקייט,

גשמיותדיקע, אָביעקטיווע רעאַליטעט? איז דאָס נישט די פּרוכט פון אַ קרענקלעכער פאַנטאַזיע? בין איך טאַקע אין תפיסה? אויך די לעצטע פינף טעג זעען אויס אין מיינע אויגן נישט ווי קיין ווירקלעכקייט, נאָר ווי אַ שרעקלעכער חלום.

צום סוף אָבער איבערצייג איך זיך: יאָ, כ׳בין אין אַ תפיסה־קאַמער. אַ וויסטער חלום אָדער אַ ממשותדיקע ווירקלעכקייט? ביידע צוזאַמען: אַ וויסטער חלום, וואָס איז געוואָרן ווירקלעכקייט.

איך לעב. כ׳בין נישט ליקווידירט. אומזיסט האָב איך אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט צוגעלאָזן בעת דער געהיימפולער נסיעה מיט פאַרבונדענע אויגן. איצט בין איך פאַרשפאַרט אין תפיסה. אויף אַ וואָסער יסוד? טראָץ מיינע פילמאָליקע פאָדערונגען, האָט מען נישט געוויזן דעם אַרעסט־באַפעל, אונטערגעשריבן דורך דער באַפולמעכטיקטער אינסטאַנץ. אדרבה, די גאַנצע צייט האָבן זיי געלייקנט, דאָס איך בין אַרעסטירט. ווונדערבאַרע שווינדלער. נאָך נעכטן האָבן זיי מיך גענאַרט, פאָרלייגנדיק צו דעפּעשירן אַהיים, אַז די צווייטע וואָך וועל איך זיך אומקערן. כ׳האָב בשעת־מעשה געוווסט, אַז דאָס איז אַ שווינדל. און דעסגלייכן האָב איך געפילט די אָפּנאַרעריי, ווען זיי האָבן מיר צוויסן געטאָן, אַז די טעלעגראַמע איז שוין געשיקט געוואָרן אויפן אַדרעס. פאַרוואָס דער דאָזיקער וועג פון שווינדל? אַזוי אַרעסטירט מען עס אין די לענדער פון סאָציאַליזם? אָן אַ באַרעכטיקטער סיבה, אָן אַ פעסטן יסוד צו פאַרדעכטיקן אין באַגאַנגענעם פאַרברעכן? אָן אַן אַרעסט־באַפעל? אָנעם געבן דעם אַרעסטירטן די מעגלעכקייט צוויסן צו געבן זיין משפחה (אין מיין פאַל: דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט), אַז ער איז פאַרהאַלטן? אָנעם לאָזן צוויסן דעם פאַרהאַלטענעם גופא, אַז ער איז אַרעסטירט? אויב זיי וואַגן אַזוי זיך נוהג צו זיין כלפּי אַ פרעמדן בירגער — איז אָנצונעמען, אַז מיט מער האַרבקייט זענען זיי זיך נוהג כלפּי זייערע אייגענע בירגער.

פאַר אַזאַ אופן פון אַרעסטירן אַ מענטש האָב איך בלויז איין באַצייכענונג: סאַדיסטיש איזדיעקעווען זיך איבערן אַרעסטירטן און זיין משפחה. געפאַלנקייט. חוזק איבער יעטוועדער געזעץ און משפּט.

מיר דערמאָנט זיך דאָס יאָר 1930. כ׳בין דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן אין ארץ־ישראל — אין אַ מאַנדאַטאָריש לאַנד. כ׳בין געווען סעקרעטאַר פונעם אַרבעטער־ראַט אין נס־ציונה. דער אַרבעטער־ראַט האָט אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינע גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון די אָרטיקע אַרבעטער

קעגן בויקאָטירן דעם יידישן אַרבעטער. איינִיקע דעמאָנסטראַנטן האָבן געוואָרפן שטיינער אין די פאַרמאַכטע פענצטער פון די פּרדסים־אייגנטימער און צענדליקער שויבן זענען צעקלאַפּט געוואָרן. די קנאַפּע צאָל פּאָליציאַנטן אין דער מושבה האָבן נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן די דעמאָנסטראַנטן. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט דער ראָל פון פּאַסיווע צושויער. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך פאַרענדיקט, נאָך איידער ס'איז אָנגעקומען פּאָליציישע פאַרשטאַרקונג פון די אַרומיקע ערטער. צומאָרגנס אינדערפרי האָט פּאָליציי אָנגעהויבן צו אַרעסטירן אַרבעטער, וואָס זענען געגאַנגען אין די גאַסן פון דער מושבה צו דער אַרבעט. ביי אַ 15 אַרבעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן. אַלס סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט האָב איך געהאַלטן פאַר מיין פליכט צו קומען אין דער פּאָליציי און פּראָטעסטירן קעגן די ווילקירלעכע אַרעסטן פון מענטשן, וואָס גייען צו דער אַרבעט. און אַזוי האָב איך געטאָן. בין אויך איך אַרעסטירט געוואָרן — ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַן „אומלעגאַלער דעמאָנסטראַציע" און פאַר „טעראָראַקטן". אויפן אָרט האָבן זיך אויך געפונען צוויי אַראַבישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן מיך „אידענטיפיצירט" און דערביי אויסגעטראַכט, אַז זיי האָבן מיך געזען וואַרפן שטיינער אין די פענצטער פון די פּרדסנים. די פּאָליטישע באַשולדיקונג (פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציע) איז געווען אַ באַרעכטיקטע; אָבער די באַשולדיקונג איז געווען געבויט אויף שקר. נאָר דער אופן פון אַרעסטירן איז געווען אַן אָנשטענדיקער. עס איז נישט אָנגעווענדט געוואָרן קיין שום שווינדל. מ'האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז כ'בין אַרעסטירט. מ'האָט מיר בפירוש געזאָגט, אין וואָס כ'ווער באַשולדיקט מען האָט מיר נישט געשטערט צוויסן געבן אַהיים, אַז כ'בין אַרעסטירט. אַז מען האָט מיך געפירט פון נס־ציונה, האָט מען מיר נישט פאַרבונדן די אויגן און מען האָט מיר און די איבעריקע אַרעסטירטע געזאָגט אַז מען פירט אונדז אין תּפיסה קיין רמלה. אַזוי בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון אַן אימפּעריאַליסטישער מדינה.

איך שפּאַציר איבער דער קאַמער. די קאַמער איז פאַר צוויי אַרעסטאַנטן. ווער מען מיר געבן אַ שותּף צו דער קאַמער? איך באַגער זייער צו רייכערן. אָבער אין ביוראַ האָט מען מיר נישט דערלויבט אַרויסצונעמען קיין שום זאַך פון טשעמאָדאַן, אפילו אַ פּעקל סיגאַרעטן. דאָס ליכט האָט זיך אָנגעצונדן פונדרויסן. זייער אַ שוואַך ליכט. איך שפּאַציר ווייטער.

איך וויל שלאָפֿן. איך קאָן נישט פֿאַרטראָגן די קעלט. פּלוצים רייסן זיך אַריין צוויי מונדירטע וועכטער. זיי שרייען צו מיר עפּעס. איך פֿאַרשטיי נישט וואָס זיי ווילן. דער קאָרידאָר־וועכטער מאַכט זיי אויף עפּעס אויפֿמערקזאַם. איינער פֿון זיי דרייט מיך אויס אַזוי, איך זאָל שטיין מיטן פּנים צום וואַנט. ווייזט אויס, אַז דאָס זענען זיי אויסן געווען מיט זייערע געשרייען. איך פֿאַרשטיי נישט פֿאַרוואָס. איך שטיי מיטן פּנים צום וואַנט. צו מיינע אויערן דערגייט דער רעש פֿון אַ שטאַרקן קלאַפּ. זיי גייען אַרויס און זאָגן מיר ווידער עפּעס. איך דריי זיך אויס. אויפֿן דיל שטייט אַ בעט. אַן אייזערנער טאָוול מיט אַ דינעם מאַטראַץ, צוגעפּעסטיקט אויף אייניקע ערטער צום אייזן און באַדעקט מיט צוויי דינע מיליטערישע קאָלדרעס. קיין ליילעך, קיין קישן. איך נעם אָן, ס'איז געקומען די צייט פֿון שלאָפֿן. איך לייג זיך אַוועק אין מיין אָנטאָן, וואָס זעט מיר אויס ווי עפּעס אַ פּידזשאַמע און דעק זיך איבער מיטביידע קאָלדרעס. אַ סברה, איך בין באַלד איינגעדרימלט געוואָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום וועק איך זיך איבער. דער וועכטער שטייט איבער מיר. ווינקט מיר אָן כ'זאָל אַראָפּגיין פֿון בעט און זאָגט מיר עפּעס וואָס איך פֿאַרשטיי נישט. ווי נישט איז גיט ער מיר צו פֿאַרשטיין, אַז ס'וועט זיין אַ קלונג צום שלאָפֿן און אַז לייגן זיך דאַרף מען בלויז אין דער וועש. דערווייל איז מיר דערלויבט צו זיצן אויפֿן בעט.

איך זיץ אויפֿן בעט. כ'בין הונגעריק. כ'בין פֿאַרשטאַרט פֿון קעלט. דער עיקר, איך וויל זייער שלאָפֿן. פֿאַראַן ביי מיר אַ דעפּיציט אין שלאָף פֿון עטלעכע נעכט.

איך דערמאָן זיך דעם פֿילם וועגן דרייפֿוסן (מיט פּאָול מוני אין דער ראָל פֿון עמיל זאָלאַ). דאָס בילד פֿון זיין אַריינגיין אין תּפֿיסה נאָכן אַרעסט. די טיר פֿון קאַמער איז געווען פֿון קראַטן און דעם גאַנצן תּפֿיסה־קאָרידאָר האָט מען געזען דורכן טיר. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אָן די קראַטן און אָן אויפֿהער געשריען אין קאָרידאָר: „איך בין אומשולדיק!" — „איך בין אומשולדיק!" — „איך בין אומשולדיק!". די פֿאַרבייגייענדיקע וועכטער אין קאָרידאָר נעמען זיך נישט איבער פֿון זיינע געשרייען און לאָזן אים ליאַרמען. ביז זיין שטים ווערט הייזעריק און איינגעשטילט. דאָ איז די טיר פֿון קאַמער אינגאַנצן פֿון אייזן. קיינער וועט נישט הערן מיין קול. דאָס וועט אויך נישט העלפֿן, פּונקט ווי עס האָט נישט געהאָלפֿן דרייפֿוסן. קיינער וועט נישט פֿאַרשטיין די שפּראַך פֿון מיין געשריי און איר אינהאַלט.

איך שריי נישט. נאָר מיין האַרץ שרייט אָן אויפהער די פראַגע:
פאַר וועלכע זינד? פאַר וועלכע פאַרברעכנס? פאַרוואָס בין איך דאָ?

אַ קלינגען פון אַ גלאָק. איך טו זיך אויס און גיי אַרויף אויף דער פּריטשע. מיר איז אומבאַקוועם אָן אַ קישן. מיין זייער דין אָנטועכץ לייג איך אַרונטער אונטערן קאָפּ. כ׳וועל גלייך אַנטשלאָפן. און ווידער וועקט מיך איבער דער וועכטער. דאָס אָנטאָן דאַרף מען שיין צוזאַמענלייגן און לאָזן אויף דער פאָדלאָגע נעבן בעט. דאָס אָנטאָן דאַרף ווערן צונויפגעלייגט קוואַדראַט־אַרטיק, מיט שאַרפע ווינקלען. דאָס שוואַכע עלעקטרישע ליכט בלייבט ברענען די גאַנצע צייט. אייניקע מאָל וועקט מען מיך אויף: מען טאָר נישט האַלטן די הענט אונטער דער קאָלדרע אָדער אונטערן קאָפּ. זיי דאַרפן זיין איבער דער קאָלדרע, גלייך. שווער זיך צוגעוווינען צו אַזאַ אופן שלאָפן. אָן ליילעכער, אָן אַ קישן, מיט אויסגעגלייכטע הענט איבער דער קאָלדרע. פאַר קעלט אַנטלויפן די הענט אונטער די קאָלדרעס. אַלע מאָל וועקט מען מיך איבער. מען דראָט מיר. אויך ווען מ׳וועקט מיך נישט, כאַפּ איך זיך אויף פונעם קלאַפּן פון די טירן אין די שכנותדיקע קאַמערן און פון די אומאויפהערלעכע געשרייען פון די וועכטער: „די הענט איבער די קאָלדרעס״. אַ גאַנצע נאַכט. ווייזט אויס, אַז אויך אַנדערע אַרעסטירטע זענען נישט געוווינט צו אַזאַ שלאָף. אומצאָליקע מאָל וועק איך זיך איבער במשך דער ערשטער נאַכט צווישן די תפיסה־מויערן.

הגם כ׳בין זייער דורשטיק נאָך שלאָף — שלאָף איך שלעכט, אָדער ער ווערט מיט כוח איבערגעריסן דורך די וועכטער, וואָס ציטערן איבערן אופן ליגן פון מיינע אומדיסציפּלינירטע הענט.

עס איז נאַריש צו גלייבן, אַז מיין טעלעגראַם איז אָפּגעשיקט גע־וואָרן, אַז מען וועט מיך לאָזן אַהיימפאָרן די צווייטע וואָך. פונעם וועכ־טערס רייד, וועלכער האָט מיך אויפגענומען אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ׳בין נישט געבראַכט געוואָרן אַהער אויף איי־ניקע טעג. מען האָט מיר געגעבן אַ נומער. ער האָט מיר אויפגעקלערט — כאָטש כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען זיינע מיינסטע רייד — עטלעכע פאַר־שריפטן און מנהגים אין תפיסה. מיין נאָמען — אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען, איז מיר דערלויבט צו דערמאָנען נאָר פאַר מיינע אויספאַרשער. הייסט עס, אַז די אויספאָרשונג איז נאָך נישט פאַרענדיקט. זי דאַרף זיך ערשט אָנ־הייבן. וואָס איך האָב פאַרזוכט ביז איצט, איז בלויז געווען די פאַרשפּייז פאַרן מאָלצייט. מען האָט מיך אָנגעטאָן אין אַרעסטאַנטן־קליידער. אַלע זאַכן האָט מען מיר צוגענומען. בלויז אויף עטלעכע טעג וואָלטן זיי מיך

נישט פאַרשפּאַרט אין תפיסה. כל־זמן זיי האָבן געמיינט, אַז כ׳וועל אין זייערע הענט זײַן נאָר געציילטע טעג, האָבן זיי מיך געהאַלטן און געפּאָרשט אין אַ מין ביורא. אויב זיי האָבן מיך פאַרשפּאַרט אין תפיסה איז אַ סימן, אַז כ׳בין דאָ געבר׳ענגגט געוואָרן אויף פיל טעג. וויפל צייט קאָן זיך דאָס ציען?

מיר איז באַוווּסט, אַז קלעמענטיס ווערט שוין העכער אַ יאָר גע־האַלטן אין תפיסה, נישט ווערנדיק געברענגט פאַר אַ געריכט. דאָס הייסט, אַז העכער אַ יאָר ווערט ער געהאַלטן אין פאָרש־אַרעסט. וואָס דערוואַרט מיך? מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? אַ וואָסער פאַרברעכן האָב איך אָפּ־געטאָן? ווו בין איך? איך בין נישט בקי אין די טשעכאָסלאָוואַקישע תפיסות. נאָר וועגן איינער פון זיי האָב איך געהערט פון פאַרשידענע מענטשן: די רוזין־תפיסה, הינטער פּראָג — נישט ווייט פונעם פּראָגער ציווילן פלי־פעלד. נישט איינמאָל בין איך געקומען און אַרויסגעפאָרן דורכן דאָזיקן פלי־פעלד, וואָס הייסט אויך רוזין. איך דערמאָן זיך, אַז מען האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דער דאָזיקער תפיסה, ווען דאָס געשפּרעך האָט זיך געפירט וועגן גורל פון קלעמענטיסן וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן מיט העכער אַ יאָר צוריק און וועגן גורל פון סלאַנסקין, אַרעסטירט מיט עטלעכע וואָכן צוריק. און ווער ס׳האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון דער דאָזיקער תפיסה האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַ ביטערער גורל דערוואַרט זיי צווישן אירע ווענט, אַז פון דעם אָרט גייט מען אַרויס אַלס „מתוודה״; אַז פון דער תפיסה גייט מען טאַקע אַרויס — אָבער זייער אָפט צו דער תליה, אָדער אין בעסערן פאַל — מיט לאַנג־טערמיניקע אורטיילן. און ווער עס האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון דער דאָזיקער תפיסה, פלעגט זיך אָפּקערן אָן אַ זייט, כדי פעסטצושטעלן, אַז אַ פרעמד אויער האָט נישט געהערט די דאָזיקע רייד. גלייך דאָס בלויזע דערמאָנען דעם נאָמען וואָלט געווען אַ פאַרברעך.

אין משך פון אַלע אָוונט־שעהן און נאַכט־שעהן, וואָס גייען אַדורך אין דרימל־נישט־דרימל פון געשטערטן שלאָף אָדער נישט־שלאָפן, דער־טראָגט זיך צו מיינע אויערן דער גערויש פון אַ כמעט אומאויפהערלעכער עראָפּלאַנען־באַוועגונג. איך הער דעם רעש פון עראָפּלאַנען וואָס הייבן זיך אויף און לאַנדן. איך בין נאָענט צו אַ פלי־פעלד.

איז דאָס מעגלעך, אַז כ׳געפין זיך אין רוזין? מיר שיינט, אַז די מאַשין, וועלכע האָט מיך אַוועקגעפירט איז געפאָרן פיל שעהן; דוכט זיך, אַז פון פּראָג האָט זי מיך איבערגעפירט אויף זייער אַ ווייט אָרט. אפשר

האָב איך אַ טעות געהאַט. קאָן זיין, אַז די נסיעה איז געווען אַ קורצע, נאָר מיין גייסטיקער צושטאַנד — די אומזיכערקייט ווי מען פירט מיך, וואָס מיך דערוואַרט, די געדיכטע טראַכטענישן — האָבן גורם געווען דערצו, אַז אויך אַ קורצע נסיעה האָט מיר אויסגעזען אומענדלעך.

כ׳האָב מורא, אַז כ׳געפין זיך אין אַ תפיסה, וואָס איר נאָמען אין טשעכאָסלאָוואַקיע ווערט דערמאָנט אין שרעק און פחד — אין דער רוזינער תפיסה. דאָ ברענגט מען נישט קיין מענטשן אויף אויפצוקלערן עפּעס אומוויכטיקס. אין דעם מאָמענט דערמאָן איך זיך, אַז נעכטן בין איך מיט פאַרבונדענע אויגן איבערגעטרעטן די שוועל פון תפיסה, נישט זעענדיק דאָס טויער. איך דערמאָן זיך ווידער די אויפשריפט איבערן טויער פון דאַנטעס גיהנום: דער וואָס קומט אַריין אין דעם טויער — זאָל זיך אָפּזאָגן פון יעטוועדער האָפענונג.

אַ שטאַרקער, לאַנגדויערנדיקער קלונג אין תפיסה־קאָרידאָר וועקט מיך אויף. כ׳בין נישט זיכער, אַז כ׳בין געשלאָפן, מיר שיינט, אַז כ׳האָב זיך געפונען אין אַ האַלב־דרימל. דאָס שוואַכע ליכט האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט. איך ווייס נישט וואָס דער דאָזיקער קלונג באַטייט. אפשר דאַרף מען אויפשטיין. אינדרויסן איז נאָך אַלץ פינצטער. זיכער איז שוין אינדערפרי. איך לערן זיך טרעפן: די שעה איז צווישן 5 און 6. נאָך איידער איך באַוויז צו באַשליסן וואָס צו טאָן הער איך אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר. אינעם פענצטערל באַוויזט זיך אַן אויג, דאָס אויג פונעם וועכטער. איך הער אַ געשריי, וואָס זיין אינהאַלט פאַרשטיי איך: מען דאַרף אויפשטיין. איך הייב זיך אויף און טו זיך אָן. אַ שרעקלעכע קעלט. די צענטראַלע באַהייצונג אַרבעט, אָבער די קנאַפּע וואַרעמקייט אַנטלויפט דורכן האַלב־אָפענעם פענצטער. באַלד דערנאָך קומט אַריין דער וועכטער און גיט מיר אַ לעקציע וויאַזוי צונויפלייגן די קאָלדרעס אויפן בעט, וואָס וועט דערנאָך ווייזט אויס, זיך איינשליסן אין וואַנט. אויסער דעם גיט ער מיר אָנצוגע־הערן, אַז פונעם ענגער אויפן קאָרידאָר, נעבן דער טיר פון מיין קאַמער, זאָל איך אַראָפּנעמען דאָס האַנטעך און וואַשן דאָס פּנים. ער דערלאַנגט מיר אויך אַ שטיקל וואַש־זייף (מיינע וואַש־כלים האָבן זיי מיר אָפּגעזאָגט צו געבן, ווען כ׳בין אַנגענומען געוואָרן אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע). איך בין אַ געוואַשענער. וואָס איצטער טאָן? איך וויל זייער רויכערן. כ׳האָב אָבער נישט קיין סיגאַרעטן, מ׳האָט נעכטן מיר אָפּגעזאָגט זיי צו געבן. איך וויל שפּאַצירן איבער דער קאַמער. אָבער דאָס בעט איז נאָך נישט איינ־געשלאָסן אין דער וואַנט. עס איז אויפגעשטעלט איבער דער גאַנצער

ברייט פון דער קאַמער און צעטיילט זי אויף צוויי. איך זעץ זיך אויפן בעט און וואַרט. אין וואַנט זע איך אַ צווייט בעט און אויך צוויי בענקלעך פון ביידע זייטן טיש. הייסט דאָס, אַז די קאַמער איז פאַר צוויי. וועט מען מיר געבן אַ שותּף? אָדער בין איך פאַרמשפּט אויף איינזאַמקייט? די אויסזיכט צו זיין איינזאַם אין קאַמער — וואַרפט אויף מיר אָן אַ שרעק. וועל איך נישט האָבן מיט וועמען אַרויסצורעדן אַ וואָרט? וועל איך איינער אַליין פאַרבלייבן צווישן די דאָזיקע פיר ווענט פון דער גראָער קאַמער? און ווער ווייסט וויפל צייט?

די טיר פון מיין קאַמער עפנט זיך מיט אַ ראַשיקן טומל און אינעווייניק שפּרינגען אַריין צוויי מונדירטע וועכטער. זיי שרייען ווידער. איך פאַרשטיי, אַז כ׳דאַרף זיך אויסדרייען צום וואַנט, כ׳זאָל חלילה נישט זען וואָס און וויאַזוי זיי טוען. זיי שרייען ווייטער. דער קאָרידאָר־וועכטער, וועלכער ווייסט, אַז כ׳בין אַ „גרינער", דערקלערט מיר עפּעס, נאָר איך פאַרשטיי נישט. זיי גייען אַרויס און איך זע די פּרוכט פון זייער אַרבעט: דאָס בעט איז אין דער וואַנט, דער טיש און איין בענקל האָבן זיך אויפגעעפנט און שטייען ביי דער צווייטער וואַנט. שמאָלע קוואַדראַט־טאָוולען, באַדעקטע מיט בלעך און אַריינגענומענע אין אייזערנע ראַמען מיט שאַרפע ווינקלען. מען קאָן ווידער שפּאַצירן איבער דער קאַמער. איך הייב אָן דעם פרימאָרגן־שפּאַציר. איינציקע טריט לענגאויס דער קאַמער און דיזעלבע צאָל — צוריק. איך מאַרשיר און מאַרשיר. איך גליווער פון קעלט.

ווידער עפנט זיך די טיר. איך דאַרף צוריקלייגן דאָס האַנטעך אויפן הענגער און דעם זייף אויף דער פּאָליצע וואָס אין קאָרידאָר ביי דער טיר פון מיין קאַמער. און דאָס דאַרף מען מאַכן נישט אַרויסגייענדיק פון קאַמער — בלויז דורך אויסציִען די האַנט און טאַפּן אין דער פינצטער.

איך שפּאַציר ווייטער אין קאַמער, אפשר וועט מיך דאָס באַוועגן אַ ביסל דערוואַרעמען. איך הער אָבער נישט אויף צו ציטערן פון קעלט. נישט קיין וווּנדער, אינדרויסן איז אַ שטאַרקער פראָסט. דאָס פענצטער איז האַלב אָפן. די צענטראַלע באַהייצונג אַרבעט שוין נישט. ווייזט אויס, אַז זי איז טעטיק בלויז אַ קורצע צייט, אויף יוצא צו זיין. מיין קליידונג איז לייכט שבלייכט. דאָס העמד און דער מאַנטל לאָזן זיך נישט פאַרקנעפּלען. מיינע פיס, אָן סקאַרפּעטן, שטעקן אין האַלבע שטעקשיך פון לייכטן לייוונט. איך שפּרייז אָן אַן אויפהער, כדי פון זיך צו פאַרטרייבן די קעלט וואָס מאַכט מיך אינגאַנצן ציטערן — אָבער עס העלפט נישט. די טיר עפנט זיך ווידער. אַ שטיקל ברויט און אַ פאַרענדיקע משקה, ענלעך צו שוואַרצער

קאַווע. איך בין הונגעריק, נאָר דער עיקר פריי איך זיך מיטן געטראַנק, פון וועלכן עס שלאָגט אַ פּאַרע. פונעם וועכטערס רייד פאַרשטיי איך, אַז דאָס ברויט איז פאַר אַ גאַנצן טאָג. דאָס שטיקל ברויט קלעקט אָבער קוים פאַר אַ בלויזן פרישטיק. איך שלאָג זיך נאָך מיט דער דעה וויפל ברויט איבער־צולאָזן פאַר די אַנדערע מאָלצייטן — און דאָס ברויט איז פאַרשוווּנדן. וואָס מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַלס קאַווע, איז נישט מער ווי אַן אָרעמער ערזאַץ פון קאַווע. ער איז אָבער זיס און הייס. די טיר עפנט זיך. איך פאַרשטיי, אַז כ׳דאַרף אומקערן די כלים אין קאָרידאָר. איך שפּאַציר ווייטער איבער דער קאַמער. כ׳האָב זיך עטוואָס דערוואָרעמט מיטן טרינקען די „קאַווע״. מיר דערקוטשעט זייער וואָס כ׳האָב נישט וואָס צו רייכערן. זיכער טאָר מען נישט רייכערן. ווייל אויב יאָ, וואָלטן זיי מיר נעכטן דערלויבט מיטצונעמען אַ ביסל פון די סיגאַרעטן וואָס כ׳האָב געהאַט מיט זיך אין טשעמאָדאַן. וואָס טאָן? איך באַניי מיין שפּאַציר איבער דער קאַמער.

וואָס טוען מיינע טייערע אינדערהיים? דוכט זיך, אַז היינט איז שבת. זיי האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז כ׳האָב אינמיטן פאַבריקע וואָך זיך באַדאַרפט אומקערן אַהיים. כ׳האָב טעלעפאָניש גערעדט מיט דער היים — און פאַרן פאַרלאָזן פּראָג אויך טעלעגראַפירט וועגן אַהיימקומען אין דער דאָזיקער צייט. זיכער זענען זיי געווען אויפן פלי־פעלד. און כ׳בין נישט אָנגעקומען. וואָלטן זיי מיר כאָטש דערלויבט צוּוויסן צו געבן, אַז צוליב פאַרשידענע סיבות בין איך נאָך געבליבן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. וואָס טראַכט מען אינדערהיים? זיכער, האָט מיך געטראָפן אַן אומגליק, ווייל זיי קאָנען מיך אַלס געאָרדנטן מענטש. אָן שום ספק וואָלט איך צוּוויסן געטאָן וועגן יעדער ענדערונג אין טערמין פון מיין אַהיימקומען.

וואָס טאָן?

אַ באַגעגעניש

די טיר פון קאַמער עפנט זיך. צוויי וועכטער שטייען ביים אַריינגאַנג. איינער פון זיי, אין אַ ראַנג, דערקלערט מיר מיט האַנט־באַוועגונגען, כ׳זאָל נעמען דאָס האַנטעך מיטן זייף פון דער פּאָליצע און גיין נאָך זיי. מיר גייען דורך לאַנגע, געדרייטע קאָרידאָרן. אַ שרעקלעך געפיל דאָס גיין מיט פאַרבונדענע אויגן. קודם־כל — דאָס געפיל פון באַליידיקונג און דערני־דעריקונג און אויך דאָס געפיל פון פיזישער אומזיכערקייט. במילא שטיצסטו

זיך נישט אויף די, וועלכע פירן דיך: טאָמער איז פאַר דיר — אַ גרוב, אַ טרעפּל אַרויף צי אַראָפּ, אַ וואַנט. דו ווייסט נישט וויאַזוי און וווּאַהין דו גייסט. אויסער דעם: זיי קאָנען מיט דיר גרינג טאָן וואָס זיי פאַלט איין, און דו זאָלסט גאָרנישט וויסן. יעדן טריט שטעל איך, גלייך אַ שד וואָלט מיך דערצו געצווונגען. זיי פירן מיך טאַקע הינטער ביידע הענט, אָבער איך שטעל אַוועק דעם פוס ערשט נאָכדעם, ווי כ׳האָב מיט אים שנעל אויסגעטאַפּט דעם באָדן. אייגנטלעך, שלעפּן זיי מיך טריט נאָך טריט. זיי פאָדערן צו גיין שנעלער. זיי באַרויקן מיך, אַז כ׳קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

מיר גייען דורך קאָרידאָרן, שטייגן איין אין אַ ווינדע. מיר קומען אַרויס אין אַ נייעם קאָרידאָר, איך הער, אַז איינער פון זיי עפנט פאַרשידענע טירן. צום סוף לאָזט מען זיך אַראָפּ אין דער ווינדע. וווּאַהין פירן זיי מיך? אין ביוראָ? אין אַן אַנדערער קאַמער? און אפשר צו אַן אויספאָרשונג? מיר פאַרהאַלטן זיך ווידער. איין טיר עפנט זיך און שליסט זיך. ווידער עפנט זיך אַ טיר. זיי באַפעלן מיר אַריינגיין. טאַפּנדיק, גיי איך אַריין מיט זייער הילף. זיי נעמען אַראָפּ דאָס האַנטעך פון מיינע אויגן. די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער מיר. איך קוק זיך אַרום: אַ קאַמער ווי מיין פריערדיקע. פאַר מיר שטייט אַ מענטש. אַ לעבעדיקער מענטש, אַן אַרעסטאַנט. אויף זיין פּנים — אַ מענטשלעכער שמייכל. אַ טרויעריקער שמייכל. אַ האַרציקער שמייכל. ער דערלאַנגט מיר זיין האַנט צום באַגריסן. ער זאָגט מיר זיין נומער. איך זאָג אים מיין נאָמען. פון צופיל איבערלעבונג פאַרגעס איך, אַז כ׳טאָר נישט אַנטפּלעקן מיין נאָמען. כ׳בין זייער צערודערט. ווידער זע איך אַ לעבעדיקן מענטש. איך פיל, גלייך ס׳וואָלט אַדורך אַ תּקופה פון יאָרן, נישט האָבנדיק געזען אַ מענטש — נישט פון דער חברותא סאַדיסטן און וועכטער, וועלכע האָבן במשך די לעצטע פינף טעג, בייטאָג און ביינאַכט, פאַרפולט דעם חלל פון מיין וועלט. כ׳בין זייער אויפגערודערט. ווידער אַ מענטש אין מיין מחיצה. נאָכמער: אַ מענטש אַזוי ווי איך, אַן אַרעסטאַנט ווי איך. געמיינזאַמקייט פון גורל. אייגנטלעך, איז די קאַמער אַזוי ווי די פריערדיקע מיינע, וויסט און גראָ, אָבער פונדעסטוועגן זעט זי דאָך אויס ליכטיקער, ווייניקער וויסט. איך פיל דאָס אָטעמען פון אַ מענטש אין מיין מחיצה. ער איז געקליידט אַזוי ווי איך. נישט ראַזירט. אַ געל געזיכט. אַ האַרציקער, מענטשלעכער שמייכל איז אויף אים אויסגעגאָסן. אויך איך שמייכל צו אים, אַ שטראַל פון גליק, אַ באַגעגעניש מיט אַ מענטש, אַן אומבאַקאַנטער, וועמען איך קאָן נישט ביז איצט. נאָר מיטן ערשטן האַנט־דרוק ווייסן מיר ביידע איינס וועגן זיך: פאַראַן ביי אונדז איין שותּפותדיקע זאַך — די זעלבע ליידן, די זעלבע יסורים.

איך ווייס נאָך נישט ווער ער איז, פאַרוואָס ער „געפינט זיך דאָ; איז ער אַ גנב, אָדער אַ מערדער, אַ שפּיאָן אָדער אַ שעדיקער. און אפשר אַן אומ־שולדיקער ווי איך. געגוג אָבער וואָס איך ווייס, אַז מיר זענען נאָענט איינער דעם אַנדערן: צוויי ליידנדיקע מענטשן צווישן תפיסה־מויערן. און דאָס איז דער באַדייט פון דעם פּשוטן מענטשלעכן שמייכל, וואָס באַגלייט דעם אָנהייב פון אונדזער באַקענען זיך, נאָך איידער מיר האָבן אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט.

ער איז פון מאָראַוויע. דערפאַר פאַרשטייט ער אַ ביסל פּויליש. אויך די דייטשישע שפּראַך איז אים נישט לגמרי פרעמד. מיר וועלן דעריבער זיך קאָנען אַדורכרעדן. ווי גוט איז נישט צו זיין אײנזאַם צווישן די ווענט, נישט זיין פאַרמשפּט צו אַווירקלעכקייט, וואָס רייסט דיינע נערוון פון מחשבות און רעפלעקסן אויף דער אײנאָונאײנציקער טעמע: נאָך וואָס בין איך דאָ? פאַר וועלכע חטאים?

מיר זעצן זיך אויף ביידע פּירעקעדיקע בענקלעך, באַפעסטיקטע צו דער וואַנט, ביים קוואַדראַט־טיש, וואָס איז אויך באַהאָפטן צו דער וואַנט. דאָס ליכט, וואָס דרינגט אַריין דורך דער בלינדער, מאַטער שויב אין פענצ־טער — איז זייער שוואַך. עס איז פאַרמיטאָג־צייט, אָבער די קאַמער איז איינגעהילט אין פאַרנאַכט־דעמערונג.

ער שטוינט צו הערן, אַז איך בין אומשולדיק. אויף מיין בקשה, דערקלערט ער מיר דעם סדר דאָ אין תפיסה. ער באַשטעטיקט מיין השערה, אַז מיר געפינען זיך אין דער באַוווסטער תפיסה רוזין הינטער פּראָג. די דאָזיקע תפיסה אונטערליגט דער דירעקטער קאָמפּעטענץ פונעם הויפּט־שטאַב פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. אַהער ברענגט מען די סאַמע וויכטיק־סטע פּאָליטישע פאַלן. דאָ גרייט מען צו די גרויסע מאָנסטער־פּראָצעסן. דאָ זיצן סלאַנסקי און קלעמענטיס — אין אַ קאַמער, ממש ווי אונדזערע. די איינ־אָרדענונגען זענען אַזעלכע: אַזייגער 6, מיטן קלונג, שטייט מען אויף, און 9 אָוונט (אויך מיטן קלונג) גייט מען שלאָפן. בייטאָג מעג מען זיצן אויפן בענקל אָדער שפּאַצירן אין קאַמער. מען טאָר נישט צומאַכן אַן אויג, אפילו זיצנדיק. עסן באַקומט מען דריי מאָל: אינדערפרי, מיטאָג־צייט און פאַרנאַכט. הונגער־פּאַרציעס. אונדזער אַפּטייל איז די אָפּטייל פון די אויסגעהונגערטע — די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט מודה געווען, אָדער נישט מודה געווען פול. אין צוויי־דריי טעג אַרום וועט איר אָנהייבן פילן, וואָס אַזוינס ס'איז הונגער — זאָגט ער מיר. איינמאָל אין וואָך באַקומט מען ריינע וועש. יעדן אינדערפרי פירט מען דורך דעם אַפּעל: אַן אָפיציר גייט פאַרביי אַלע

קאַמערן און פרעגט צי ס׳זענען דאָ אַנקלאַגעס אָדער בקשות. אָבער דאָס האָט נישט קיין ממשותדיקע ווערט, סיידן דו גיסט צו וויסן וועגן אַ קראַנקייט. און דעסגלייכן וועט מען גיך דערפילן דיין בקשה צו ברענגען דיך פאַרן אויספאָרשער: אין פאַל ווען דו ווילסט זיך מודה זיין. ווען די וועכטער קומען אינדערפרי אין קאַמער צושליסן די בעטן צום וואַנט און פון דאָרט אַרויס־ציען דעם טיש און בענקלעך, און אין אָוונט, צו טאָן דאָס פאַרקערטע — דאַרפן מיר שטיין אופן ראַנד פון קלאָזעט־בענקעלע, אויסגעדרייט מיטן פנים צום וואַנט און אויסרופן די נומערן און זאָגן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. יעדעס מאָל ווען דער וועכטער עפנט די טיר פון קאַמער, דאַרף מען זיך אַוועקשטעלן אויף אַכטונג און סאַלוטירן. מיין שותף אין קאַמער זאָגט מיר, אַז ער, אַלס עלטערער איינוווינער, וועט זיין דער אויסרופער. מאָרגן־איבער־מאָרגן וועט מען מיך זיכער ברענגען פאַרן אויספאָרשער און ס׳וועט זיך אָנהייבן מיין אויספאָרשונג. איך פרעג וועגן שרייבן בריוו אַהיים, וועגן לייענען, רייכערן, פאַרבינדונג מיט אַן אַדוואָקאַט. ער לאַכט: פאַרבינדונג מיט אַן אַדוואָקאַט? — נישטאָ אַזוינס. אויב מען וועט מיך שטעלן פאַר אַ געריכט, וועט מען מיר באַשטימען אַן אַדוואָקאַט און ער וועט צו דיר קומען אויף אַ געכאַפּטן שמועס אַ טאָג־צוויי פאַרן פּראָצעס. שרייבן אַהיים, רייכערן, לייענען ביכער — דאָס אַלץ זענען „פאַרלייכטערונגען״, וואָס ווערן געגעבן די אויסגעפאָרשטע אין דער מאָס ווי זיי זענען זיך מודה. צו די דאָזיקע פאַרלייכטערונגען געהערט אויך אַ פאַרשטאַרקטע צי דאָפּלטע שפּייז־פּאָרציע, ווי אויך 20־מינוטיקע שפּאַצירן אויפן הויף. ער אַליין זיצט שוין באַלד אַ יאָר אין תפיסה און ביז איצט האָט ער נאָך נישט זוכה געווען צו קיין איינער פון די „פאַרלייכטערונגען״, הגם ער האָט זיך שוין מודה געווען אין פיל זאַכן. די פאַרב פון זיין פנים איז אַ בלאַסע, ער איז דאַר, זיינע הענט און פיס — דינע. ער האָט שוין פאַרלוירן 20 קילאָ פון זיין וואָג.

ביידע הייבן מיר אָן „שפּאַצירן״ איבער דער קאַמער. ס׳איז טאַקע פאַראַן צענטראַלע באַהייצונג — קלערט ער מיר אויף — נאָר זי אַרבעט צוויי אָדער דריי מאָל: אינדערפרי, מיטאָג־צייט און פאַרנאַכט, און תמיד אַ ביסעלע. אינדערפרי איז נויטווענדיק אין דערזעלבער שעה צו עפענען דאָס פענצטער און דורכלופטערן. גלייך מיטן ענדיקן די באַהייצונג, הערשט פונדאָסניי אַ קעלט. מען קאָן זיך נישט דערוואַרעמען. ער האָט זיך שוין צו־געוווינט און ליידט נישט ספּעציעל. מיר איז שווער זיך צוגעוווינען צו דער איראָפּעישער קעלט, פון וועלכער כ׳האָב זיך אַנטוויינט מערער ווי צוויי צענדליק יאָר.

שבת נאָכמיטאָג און זונטיק — זאָגט ער מיר — קומען נישט פאָר קיין אויספאָרשונגען און דערפאַר וועלן מיר האָבן שטיל ביז מאָנטיק. מיט מיר, ווייזט אויס, וועט מען זיך נעמען „מטפל" זיין מאָנטיק — איבערמאָרגן.

דער רעשט שבת און דער גאַנצער זונטיקדיקער טאָג, גייען אונדז אַדורך אויף אומאויפהערלעכע געשפּרעכן. איך דערצייל אים מיין פאַרגאַנגענהייט, וועגן לאַנד, מיין משפּחה. ער דערציילט מיר פון זיין לעבן. אויך וועגן דער אַנטוויקלונג, וואָס האָט אים דערפירט אַהער, אין תּפיסה.

פראַגמענטן פון זיין דערציילונג צעוויקלען פאַר מיר אַ באַלערנדיק בילד — וועגן דער אונטערגראָבונג פון די רעאַקציאָנערע כּוחות, וואָס זענען נאָך פאַראַן אין דער מדינה, אונטערן נייעם, דורך זיי פאַרהאַסטן רעזשים, און זייער גרייטן זיך צום שעת־הכּושר אַראָפּצוואַרפן דעם רעזשים מיט דער הילף פון אויסערלעכע, פיינדלעכע כּוחות.

ער איז נישט אומשולדיק. ער איז געווען קאַפּיטאַן אינעם פאַראַשוטיסטן־מיליטער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַרמיי. ער האָט דעזערטירט פון אַקטיוון דינסט און אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד — אין מערב־דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש. ער איז געווען דער פאַרבינדלער צווישן די פאַרשידענע אונטערערדישע קעמערלעך אינערהאַלב טשעכאָסלאָוואַקיע. עטלעכע מאָל איז ער דורכגעגאַנגען די גרענעץ. ביז מ'האָט אים געכאַפּט מיט געווער אין האַנט. ס'האָט נישט געהאַט קיין זין צו פאַרלייקענען דעם אמת. ער האָט נישט קיין אילוזיעס. ער ווייסט, אַז אים דערוואַרט דער שטריק, דאָס מיינט — די תּליה. אַן אָפיציר זאָל דעזערטירן פון דער אַרמיי, פירן אַ טעטיקייט אין אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט, זיין אַ פאַרבינדלער מיט אונטערגרונט־קעמערלעך, געכאַפּט ווערן ביים גנבענען די גרענעץ מיט געווער אין האַנט — דאָס אַלץ זענען נישט קיין קלייניקייטן. ער איז מיך מקנא, וואָס איך בין אַ פרעמדער בירגער, דערצו אַן אומשולדיקער. נייז, ער נאַרט זיך נישט. אים דערוואַרט דער עשאַפאָט. וואָס שייך מיר, דערוואַרט מיך דאָ אַ שווער לעבן, אויב כ'וועל זיך נישט מודה זיין אין אַלעמען, וואָס זיי ווילן. אפילו ווען אין דעם וועט נישט זיין קיין טראָפּן אמת. זאָל איך זיך נישט איינרעדן, אַז כ'וועל פונדאַנען אַרויסגיין אַן גאָרנישט. פונדאַנען גייט מען נישט אַרויס אַן גאָרנישט. פונדאַנען גייט מען אַוועק אָדער אויף דער תּליה אָדער מיט אַן אורטייל נישט ווינציקער פון צען יאָר תּפיסה. דאָס איז נישט סתם אַ תּפיסה. מיר זענען אין רוזין. רוזין איז אַ שם־דבר ביי אונדז אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

די דריטע נאַכט ווי איך געפין זיך דאָ, כ׳האָב זיך אָבער נאָך נישט צוגעוווינט צו דעם ספּעציפישן שלאָף־רעזשים: האַלטן די הענט אויסגע־גלייכט איבער די קאָלדרעס. איך מאַך די גרעסטע אָנשטרענגונגען, נאָר אַן דערפאָלג. מיטן איינדרימלען, אַנטלויפן זיי, ווייזט אויס, אונטער דער קאָלדרע. מיר ש׳ינט, אַז ס׳איז נישט לייכט זיך אָפּצוגעוווינען פון אַ פּיליאַריקער גע־וווינהייט. אויסער דעם אַנטלויפן די הענט פאַר דער קעלט און זוכן שוץ אונטער די קאָלדרעס. אָבער אויך אונטער די צוויי דינע קאָלדרעס — איז די וואַרעמקייט זייער רעלאַטיוו. די וועכטער וועקן מיך אויף פון צייט צו צייט. זייערע געשרייען אין קאָרידאָר און דאָס אומאויפהערלעכע האַקן פון די טירן, די כסדר איבערחזרטע געשרייען — „הענט אַרויס״ — האַלטן אונדז אין איין איבערוועקן. דעם גרעסטן טייל נאַכט לאָזט מען אונדז נישט שלאָפן. מיין חבר אין קאַמער דערקלערט מיר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. לויט זיין מיינונג זענען פאַראַן צוויי סיבות פאַר דער דאָזיקער מאָדנע־פאַרשריפט: ס׳האָבן פּאַסירט אייניקע פאַלן, װז אַרעסטאַנטן האָבן זיך מיט עפּעס צעשניטן די אָדערן פון ד׳ הענט. זיי האָבן דאָס געטאָן ביינאַכט — אונטער דער קאָלדרע. אָבער די עיקרדיקע כוונה, לויט זיין מיינונג, איז צו־רויבן פון די אַרעסטאַנטן דעם שלאָף, כדי ווי מעגלעך זיי אָפּשוואַכן און איינברעכן זייער האַלטונג פאַר די אויספאָרשער. אין די נאָענטסטע טעג — זאָגט ער — וועסטו דאָס דערפילן.

יעדן אינדערפרי שטיי איך אויף אַ דורשטיקער נאָך שלאָף, אַ מידער און צעבראָכענער און אַ גאַנצן טאָג טאָר מען נישט צומאַכן קיין אויג. ביים אָוועקזעצן זיך במשך דעם טאָג אויפן בענקל — מיד פונעם כסדרדיקן שפּאַנען איבער דער קאַמער און פונעם שמועסן מיטן שכן — טרעפט נישט איינמאָל, אַז די אויגן מאַכן זיך צו. אַ גראָב קלאַפּן אין טיר טרייסלט מיך אויף. איך דערזע אינעם פּענצטערל אַן אויג — דאָס אויג פונעם וועכטער. צו מיינע אויערן דערטראָגן זיך וואָרענונגס־ווערטער אָדער אַ געשריי: נישט שלאָפן. אזוי אויך, נישט איינמאָל, ווען איך זיץ אויפן בענקל, פאַרזונקען אין מחשבות, ווען מיין אומבאַוועגלעכער בליק איז קאָנצענטרירט אויף אַ באַ־שטימטן פּונקט אויף דער פּאָדלאָגע. איך ווער אויפגעציטערט פונעם גראָבן זעץ אין טיר און הער ווידער דעם באַפעל: נישט שלאָפן, גיין! דעם וועכטער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך שלאָף. הגם ביסט זייער מיד פונעם געשטערטן שלאָף ביינאַכט, האַלטסטו זיך אָפּ פון זיצן בייטאָג, אויס מורא, קוים וועסטו איינדרימלען, אָדער ס׳וועט זיך אויסווייזן דעם וועכטער, אַז כאַפּסט אַ דרימל.

בעסער דעריבער אַרומצוגיין, טראָץ דער מידקייט. און אַזוי גייסטו אַרום גאַנצע שעהן און ווערסט נאָך מידער.

זייער קאַלט. הונגער. די שפּייז־פּאָרציעס זענען ווי פאַר זויגלינגען. דורשט נאָך שלאָף, מידקייט. דער איינציקער ליכטיקער פּונקט: ביסט נישט איינזאַם. נאָך אַ לעבעדיק נפש פאַראַן מיט דיר אין דער פינצטערער קאַמער.

מיין שכן איז שוין פאַרשפּאַרט כמעט אַ יאָר. זינט דעם אַרעסט איז ער נאָך נישט געווען אויף קיין פרישער לופט. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז לויט מיינע בעסטע ידיעות איז אַן אַלגעמיינע פליכט אין די תפיסות אויף דער גאַנצער וועלט אַרויסצונעמען די אַרעסטאַנטן יעדן טאָג אויף דער פרישער לופט, אויף אַ באַשטימטער צייט, אפילו די סאַמע קורצע. איך דערמאָן זיך אויך די צייט פון מיין זיצן אין רמהלער תפיסה. טאָג־טעגלעך האָבן מיר אַ שעה־צוויי פאַרברענגט אויפן תפיסה־הויף. ער ענט־פערט דערויף, אַז „דאָ איז אַנדערש". און נישט נאָר אויף דעם געביט. ביזן היינטיקן טאָג האָט מען אים נישט דערלויבט צוזויסן צו געבן זיין אַלטער מאַמען, אַז ער לעבט. פּונקט אַזוי ווייסט ער נישט וואָס עס טוט זיין מוטער. נאָכמער: ער איז אַ פאַרברענטער רייכערער, אָבער אין אַלגע־מיין איז פאַראַן אַ פאַרבאָט צו רייכערן. די אויספאָרשער — זיי ווערן דאָ גערופן רעפערענטן — זענען באַפולמעכטיקט דערלויבן צו רייכערן. דאָס איז אָפּהענגיק פון דער אויפפירונג פונעם געפאַרשטן, אויב ער איז זיך מודה אין אמתע צי אויסגעטראַכטע חטאים, וועלכע מען שרייבט אים צו. פון דעם זענען אָפּהענגיק אויך אַנדערע „פאַרלייכטערונגען", וואָס ווערן געגעבן דעם געפאַרשטן: אַ שפּאַציר אויף דער פרישער לופט איבערן תפיסה־הויף, לייענען ביכער (פאַראַן דאָ אַ ביבליאָטעק פאַר אַרעסטירטע), אָנשטענדיקע פאָרציעס עסן. ער האָט נאָך ביז איצט נישט זוכה געווען צו קיין איינע פון די דאָזיקע פאַרלייכטערונגען. די אויספאָרשער איז נישט גענוג זיינע אמתדיקע חטאים: זיי ווילן צולייגן נאָך. אויסער דעם פאָדערן זיי פון אים אויסצוגעבן מענטשן און אַדרעסן, וואָס ער ווייסט נישט.

אין צווייטן אָדער דריטן טאָג פון אונדזער באַקאַנטשאַפט — און אין תפיסה איז אַזאַ תקופה פון באַקאַנטשאַפט גלייך צו אַ סך חדשים אויף דער פריי — וואָג איך פרעגן: פאַרוואָס האָט איר דעזערטירט פון דער אַרמיי און זיך פאַרקויפט צום אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש קעגן אייער פאָטער־לאַנד? ער ענטפערט מיר אָפנהאַרציק: איך האָס דעם קאָמוניזם. איך בין

נישט קיין פּאַרעטער פֿון מיין פּאַטערלאַנד. מיין היימלאַנד איז פּאַרקנעכטעט צו די רוסן — און דאָס צוליב אַ קליינער גרופּע, וואָס אַרבעטן מיט, זיי רופן זיך קאָמוניסטן. איך בין אַ טשעכאָסלאָוואַקישער פּאַטריאָט און דערפּיל בלויז מיין פּאַטריאָטישע פליכט צו העלפן מיט אַלע מעגלעכע וועגן צו באַפרייען מיין פּאַטערלאַנד פון די רוסן און פון קאָמוניזם. און ס'זענען פּאַראַן אַ סך אַזעלכע ווי איך. מיר זענען נישט קיין פּאַרעטער, נאָר פּאַט־ריאָטן. ווען כ'האָב באַשלאָסן צו גיין אויפן דאָזיקן וועג האָב איך געוווּסט, אַז מיך דערוואַרט אַ טויט־אורטייל אויב כ'וועל געכאַפּט ווערן. איצט בין איך געכאַפּט געוואָרן און כ'גיי רויק אַנטקעגן דעם וואָס מיך דערוואַרט. כ'האָב נישט געהאַט קיין מזל. מילא, וואָס קאָן מען טאָן?

ער פרעגט מיך מיין מיינונג וועגן קאָמוניזם, וועגן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז אין דעם פּרט די לאַגע אין ישראל. ביז איצט האָבן מיר אין אונדזערע לאַנגדויערנדיקע געשפּרעכן נישט באַרירט די פראַגן פון וועלט־אַנשויונג און פּאָליטיק. אין אַלגעמיינע שטריכן דערקלער איך אים מיין וועלט־אַנשויונג און מיין מיינונג וועגן ראַטנפאַרבאַנד אדג"ל.

אונדז ביידע ווערט קלאָר, אַז מיר באַלאַנגען צו צוויי פאַרשידענע לאַגערן. דאָס געשפּרעך ווערט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן. ער טראַכט וועגן דעם וואָס ער האָט פון מיר געהערט. נאָך אַ קורצן איבערייס זאָגט ער מיר: מיר שטייען אין פאַרשידענע מחנות. דאָ ווילן מיר נישט דיסקוטירן איבער די דאָזיקע פראַגן. אין תפיסה וועט איר אַ סך לערנען וועגן כאַראַק־טער פון קאָמוניזם און פאָלקס־דעמאָקראַטיע. איר וועט דערלערנען זאַכן, וועלכע איר האָט נישט געקאָנט דערקענען אינדרויסן. דאָ ווילן מיר זיך נישט אַמפּערן איבער די דאָזיקע פּראָבלעמען. דאָ ווילן מיר צוזאַמען ליידן.

ער איז אַ יונגער מענטש, אַ נישט־פאַרהייראַטער. ווייזט אויס, אַ פעיקער מיליטער־מאַן, אויב אין דעם יונגן עלטער איז ער דערגאַנגען צו אַזאַ הויכן מיליטערישן ראַנג. ער איז אַ שפּיאָן קעגן זיין פּאַטערלאַנד. ער האָסט דעם סאָציאַליזם — ביז איינשטעלן דאָס לעבן. ער ווייסט, אַז אים דערוואַרט די תליה. ער גייט איר רויק אַנטקעגן. נאָר אויף זיין אויסגעמאַ־טערט פּנים זענען קענטיק טיפע, גייסטיקע ליידן.

איך קלער אַ סך איבער דער פראַגע, וואָסערע באַציונגען איינשטעלן צווישן אונדז.

ער איז אַן אויסגעשפּראָכענער שונא פון סאָציאַליזם און איך גלייב אין סאָציאַליזם. מיר שטייען אויף צוויי זייטן באַריקאַדע. אָבער ביידע געפינען מיר זיך אין אַ קליינער קאַמער פון 3×2 מעטער. אַ בעט נעבן אַ

בעט. מיר עסן צוזאמען. דער עיקר — מיר ליידן צוזאמען. און וואס וויכ־טיקער: פאַקטיש איז ער שוין פאַרמשפּט צום עשאַפאָט און ער ווייסט דאָס. קאָן מען מיט אים דיסקוטירן איבער די פראַגן? איז מעגלעך פּרובירן אים דערוויַיזן, אַז ער וועט אומקומען פאַר אַ פאַלשן, אַבסורדאַלן וועג? וועל איך נישט אויף אַ ברוטאַלן אופן פּוגע זיין אין זיינע געפילן, די געפילן פון אַ צום טויט פאַרמשפּטן מענטש? מיר געפינען זיך אויףביידע פּאָלוסן פונעם גרויסן וועלט־געראַנגל. נאָר אין איצטיקן מאָמענט — זענען מיר ביידע הינטער דער זעלבער קראַטע, אונטערגעוואָרפן די זעלבע ליידן. און נישט דאָס דעצידירט, אַז ער האָט געזינדיקט און איך האָב נישט געזינ־דיקט. כ׳וועל אויסמיידן פּאָליטישע געשפּרעכן. כ׳וועל זיך באַמיען אים דערמוטיקן, צו מאַכן אים פאַרגעסן — אויב ס׳איז מעגלעך — דעם גורל, וואָס אים דערוואַרט. אין מיר קריסטאַליזירט זיך אויס אַ מין געפיל פון שותפותדיקן גורל פון ליידנדיקע.

מיר שיינט, אַז דאָס איז די ריכטיקע ליניע. כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז אויך ער איז דערגאַנגען צו אַן ענלעכער מסקנה. נישט איינמאָל טרייסט ער מיך: אויב כ׳האָב טאַקע נישט געטאָן קיין שום זאַך קעגן זיי, וועט במשך דער צייט דער ענין זיך אויפקלערן און כ׳וועל ווערן אָפּגעשיקט אַהיים, באַזונדערס, ווען איך בין אַ פרעמדער בירגער. איך פיל אָבער גוט, אַז ער זאָגט נישט דאָס וואָס ביי אים אין האַרץ. ער וויל מיך דערמוטיקן.

זייענדיק אויף דער פריי, האָב איך נישט איינמאָל געלייענט אָפיציע־לע מעלדונגען פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס וועגן אַנטדעקטע כנופיות שפּיאָנען און סאַבאָטאַזשיסטן, וואָס ווערן געשיקט אין זייערע גרענעצן דורך פרעמדע מדינות. כ׳בין געוווינט געווען אָפּצו־שאַצן די אויבנדערמאָנטע באַקאַנטמאַכונגען ווי איבערגעטריבענע.

אָט איז פאַר דיר אַ לעבעדיקער באַווייז. אַ ביישפּיל פון בלוט און פלייש. איינער פון די דאָזיקע שפּיאָנען־כנופיות און פון דער אונטערערד — רעשטלעך פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעאַקציע, וואָס האָט נאָך נישט רעזיגנירט, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט אינסטיטוציעס פון אַ פרעמדער מאַכט, וועלכע האָט נישט משלים געווען מיטן אומאויפהערלעכן פאָרויס־מאַרש פונעם סאָציאַליזם אין דער וועלט און איז דעצידירט צו טאָן אַלץ, כדי צוריקדרייען די רעדער פון דער געשיכטע. פאַר מיר — אַ לעבעדיקער באַווייז פון אַ מענטש פונעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן לאַגער אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דער אַלוועלטלעכער קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס אָרגאַניזירט אונטערערדישע קעמערלעך, זאַמלט איין

געוועזן און גרייט זיך צו אַ שעת־הכושר — אַ וועלט־מלחמה — כדי צו שטירצן דעם נייעם רעזשים און צוריקשטעלן דעם אַלטן. די זיכערהייט־פּאָליציי האָט אים געכאַפּט מיט געווער אין האַנט — ביים אומלעגאַלן איבערגיין די גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, זייענדיק אין דינסט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער עמיגראַציע און אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש. מ׳האָט אים געכאַפּט און איינגעזעצט אין תפיסה.

אָבער נאָכוואָס האָט מען אויך מיך פאַרשפּאַרט אין דער דאָזיקער תפיסה?

אַ „שפּראַכן־מחלוקה"

ווידער פירט מען מיך מיט פאַרבונדענע אויגן איבער אַ לאַנגן קאָרידאָר. מען נעמט מיך אַרויף אין אַ ווינדע עטלעכע שטאָק. די געביידע, ווייזט אויס, איז אַ פילשטאָקיקע. אין דער ווינדע געפינט זיך נאָך אַן אַרעסטירטער און זיין באַגלייטער. און ווידער אַ לאַנגער קאָרידאָר, מען פירט מיך אַריין אין אַ צימער. מען זאָגט מיר עפּעס, וואָס איך שטויס זיך אָן דעם מיין: אַראָפּנעמען דאָס האַנטעך פון די אויגן. איך געפין זיך אין אַ קאַנצעלאַריע. נעבן שרייבטיש שטייען צוויי מענטשן: איינער מונדירט, דער צווייטער אין ציווילער קליידונג. דער אין מונדיר ווענדט זיך צו מיר מיט אַ געשריי כ׳זאָל זיך זעצן. מיטן פינגער ווייזט ער מיר אָן אַ ווינקל צווישן צוויי ווענט. דאָרט דאַרף איך זיך זעצן. פאַראַן דאָרט אַ מין זיצאָרט: אַ דרייעק איןביידע ווענט אין ווינקל. אונטן איז בולט פון וואַנט אַן אייזערנער רינג. ווען נויטיק, קאָן מען דעם אַרעסטירטן צובינדן מיט אַ קייט צו דער וואַנט. דער אין מונדיר איז אַ בלאָנדער, דער צווייטער — אַ שוואַרצער. אין דער לאַץ פון דעם מונדירטנס מאַנטל שטעקט די אָפּצייכענונג פון אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויך אין דער לאַץ פונעם צווייטנס מאַנטל — אַן אָפּצייכענונג. אויף דער וואַנט אַנטקעגן מיר הענגען צוויי בילדער: אַ שמייכלענדיקער סטאַלין און דער העלאָווי־גיקער גאָטוואַלד, פּרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. בילדער פון דער קאַטעגאָריע, וואָס הענגען אין די אָפיציעלע אַמטן. די טיר איז אויסגעבעט. צוויי פענצטער. די שויבן זענען ביז אין דער העלפט פאַרשמירט מיט ווייסער פאַרב. נעבן מיר — אַן אייזערנער קאַסטן, פון אַן איילבירטן־פאַרב. נעבן שרייבטיש אַ קליין טישל אויף וועלכן עס גע־

פינט זיך אַ שרייבמאַשין. אויף דער צווייטער וואַנט הענגט אַ פּלאַקאַט. אַ לאָזונג אין טשעכיש, אונטערגעשריבן פון פעליקס דזשערזשינסקי, פון די גרינדער פון דער סאָוויעטישער פּאָליטישער פּאָליציי. וויזט אויס, אַז דאָס איז אַ ציטאַטע פון זיינער אַ וויכטיקער רעדע.

דער מונדירטער מאַן איז דער אויספאָרשער. ער ווענדט זיך צו מיר אין טשעכיש. איך ענטפער אים אין דייטש, אַז כ׳פאַרשטיי נישט. דער אויספאָרשער זאָגט עפּעס דעם מאַן אין ציווילער קליידונג. דער ווענדט זיך צו מיר אין אַ שלעכטן ענגליש, וועלכן כ׳האָב קוים פאַרשטאַנען און ער קלערט מיר אויף, אַז די אויספאָרשונג וועט געפירט ווערן אין דער טשעכישער שפּראַך. איך זאָג, אַז כ׳פאַרשטיי נישט קיין טשעכיש. כ׳האָב אַ רעכט צו פאָדערן, אַז די אויספאָרשונג זאָל זיך פירן דורך אַן איבערזעצער פון עברית. נאָר אויב צוליב טעכנישע סיבות לאָזט זיך עס נישט אַדורכפירן, פאָדער איך, אַז די אויספאָרשונג זאָל פאָרקומען אין יעטוועדער אַנדערער פאַר מיר פאַרשטענדלעכער שפּראַך, וועלכע איך קאָן ריידן. דער אויספאָרשער הייבט זיך אָן ברוגזן, נאָכדעם ווי דער איבער־זעצער דערקלערט אים מיינע רייד. ער נעמט שרייען און פּסקנט אָפּ: איר זענט אַרעסטירט געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דערפאַר וועלן מיר רעדן טשעכיש. איר דאַרפט פאַרשטיין און רעדן טשעכיש. דער פאַראַנטוואָרטלעכער אי־בערזעצער וועט אייך דאָ און דאָרט דערקלערן אייניקע ווערטער. איר דאַרפט זיך באַמיען צו רעדן טשעכיש. אויב עס פעלט אייך אויס אַ טשע־כיש וואָרט, באַנוצט זיך מיט אַן ענגלישן אויסדרוק און ער וועט מיר ווערן איבערגעזעצט. אָבער די אויספאָרשונג־שפּראַך וועט זיין טשעכיש. איר זענט דאָ אין טשעכאָסלאָוואַקיע און נישט אין ישראל און אין קיין שום אַנדער לאַנד. איר מוזט משלים זיין מיטן דאָזיקן פאַקט. דעריבער וועלן מיר רעדן טשעכיש.

אַ דערשטוינטער שטיי איך אַנטקעגן דער דאָזיקער משונהדיקער לאָגיק און נאַרישן פאַרלאַנג פונעם אויספאָרשער. זיכער בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר ביז איצט האָב איך נישט געהערט, אַז דער פאַקט פון אַרעסט זאָל אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן צוואַנגען דעם אַרעסטירטן די שפּראַך פונעם לאַנד, ווו ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן. איך פּרוביר דערקלערן דעם אויספאָרשער די פאַלשע לאָגיק אין זיין צוגאַנג און די נאַרישקייט פון זיינע רייד. איך טו דאָס אין ענגליש. נאָר ער רייסט מיר איבער אָן אַן אויפהער און פאָדערט צו רעדן טשעכיש. ער דערלויבט נישט דעם איבערזעצער צו פאַרטייטשן מיינע ווערטער. דרך־אגב ווערט מיר

קלאָר, אַז נישט אַלץ פאַרשטייט דער איבערזעצער וואָס איך זאָג. ער שטעלט זיך אָפּ אויף איניקע ווערטער, וועמענס באַדייטונג ער ווייסט נישט. פון צייט צו צייט רייסט ער מיר איבער און הייבט אָן בלעטערן דאָס ווערטער־בוך, וואָס ליגט ביי אים אויפן טיש. דער אויספאָרשער שלאָגט מיר איבער די רייד אָן אַן אויפהער, איך דאַרף רעדן טשעכיש. ער וועט נישט דערלויבן, כ׳זאָל סאַבאָטירן דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג. כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, כ׳זיץ אין אַ טשעכאָסלאָוואַקישער תפיסה, דערפאַר דאַרף איך רעדן טשעכיש. דאָס אַלץ פאַרשטיי איך נאָך ווי נישט איז פון די פראַגמענטאַרע איבערזעצונגען פוגעם דאָלמעטשער. איך דערקלער, אַז איך אַליין בין מער פון יעדן פאַראינטערעסירט אין אַ שנעלן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג. כ׳האָב נישט קיין שום אינטערעס צו שעדיקן אינעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג. איך פאַרשטיי אָבער נישט און רעד נישט קיין טשעכיש. איך בין נישט קיין טשעכאָסלאָוואַקישער בירגער און כ׳האָב קיינמאָל נישט געלעבט אין דער דאָזיקער מדינה. די איבערזעצונג פון איינצלנע ווערטער איז נישט גענוג. מען דאַרף מיר אַלץ איבערזעצן און אויך דאַרף מען איבערזעצן בשלימות מיינע רייד. כ׳האָב קיינמאָל נישט געלערנט די טשעכישע שפּראַך. ס׳איז אַ שטות צו פאָדערן פון מיר כ׳זאָל פאַרשטיין און רעדן טשעכיש.

איך רעד ענגליש, כ׳ווער געשטערט און איבערגעריסן די גאַנצע צייט דורכן אויספאָרשער, וועלכער פאָדערט פון מיר צו רעדן טשעכיש. צום סוף ווענד איך זיך צום איבערזעצער און בעט אים צו פרעגן דעם אויספאָרשער וואָס וואָלט געשען ווען ער, דער אויספאָרשער, ווערט אַרעסטירט אין ישראל: צי וואָלט ער גלייך אַרויסגעוויזן אַ מיסטעריעזן טאַלאַנט צו רעדן עברית? מיינט ער, אַז די ישראלדיקע אויספאָרשער וואָלטן אים געצוווּנגען צו פאַרשטיין און רעדן עברית? דער איבערזעצער פאַרטייטשט אים מיין פראַגע. כ׳האָב בכלל נישט געוווּסט, אַז אין מיין פראַגע איז פאַראַן הוצפה אָדער פון פוגע בכבוד זיין. דאָס פּנים פון אויספאָרשער ווערט רויט. ער צעשטורעמט זיך מיט שוים אויף די ליפּן און פון זיין מויל טוט אַ פלייץ אַ מבול זידלערייען — וואָס זייער גענויע באַדייטונג פאַרשטיי איך נישט — ער כאַפּט מיך אָן ביים לאַץ פון מאַנטל און העמד און גיט מיר עטלעכע שטאַרקע טרייסלען. דערביי שרייט ער משונהדיק, ביזן הייזעריק ווערן. דער איבערזעצער דערקלערט מיר, אַז מיין פראַגע איז געווען אַ פּראָוואָצירנדיקע און חוצפּהדיקע; אַז איך האָב פוגע־בכבוד געווען אין דער זיכערהייט־פּאָליציי. און איך האָב תמימותדיק געמיינט, אַז מיין

פראַגע איז אַ לאָגישע; אַ פראַגע, וואָס קאָן טאַקע אַנטפּלעקן די נאַרישקייט פונעם אויספאָרשערס פאָדערונג צו פאַרשטיין און צו רעדן טשעכיש. מיט דראָונגען וואַרפט ער מיך אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע, גלייך ער וואָלט געוועץ זאָגן: איך וועל דיך לערנען אַ פרשה אויפפירונג כלפּי די פאַרשטייער פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, איך וועל דיך צווינגען צו רעדן טשעכיש. און מיך אינטערעסירט נישט בכלל צי דו קענסט יאָ אָדער נישט טשעכיש.

איך קער זיך אום אין קאַמער.

די „שפּראַך־מחלוקה" ווערט פאַרגעזעצט אויף עטלעכע אויספאַרש־זיצונגען. מיינע באַגרינדונגען גיבן גאָרנישט. דער אויספאָרשער האַלט זיך ביים זייניקן: כ'בין אַרעסטירט געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, דאַרף איך דעריבער רעדן און פאַרשטיין טשעכיש. איך זאָג אויך, אַז כ'בין אַ ישראלדיקער בירגער. די געזעצן פון ישראל פאַרפליכטן נישט אירע בירגער צו לערנען טשעכיש. נאָר ער — דאָס זייניקע: נישט וויכטיק וואָס איך בין אַ ישראל־בירגער. דאָס באַשטימענדיקע איז, אַז כ'בין אַרעסטירט געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און די שפּראַכן פון דער מדינה זענען טשעכיש און סלאָוואַקיש.

וואָס טאָן? איך פאָדער פונעם אויספאָרשער ער זאָל מיר געבן אַ לערנבוך פון דער טשעכישער שפּראַך; אַזויווי איך לערן שנעל שפּראַכן, פאַרפליכט איך זיך אויסצולערנען טשעכיש אין אַ קורצער צייט. דער אויספאָרשער ענטפערט: דאָ איז נישט קיין שול פאַר שפּראַכן, דאָ איז אַ תפיסה. איר געפינט זיך אין אַ תפיסה פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איר וועט נאָך רעדן און רעדן טשעכיש אָן אַ בוך. איך וועל אייך דאָס באַווייזן מאָרגן — אויב נישט היינט; איבערמאָרגן — אויב נישט מאָרגן; איר וועט נאָך רעדן און רעדן טשעכיש. אויך איר דאַרפט זיין פאַראינטערעסירט גיך צו פאַרענדיקן די אויספאָרשונג. וואָס פריער זי וועט זיך ענדיקן, אַלץ פריער פאָרט איר אַהיים.

וואָס טאָן, אַז איך קען נישט קיין טשעכיש? בין איך אין אַ משוגעים־הויז? צי איז דער אויספאָרשער אַראָפּ פון זינען? און טאָמער פאַרדעכטיקט ער, אַז כ'קען די שפּראַך? אפשר איז ער חושד, אז איך פאַרמעסט זיך שעדיקן די אויספאָרשונג? ווי ווייט מעגלעך — זי פאַרשלעפּן, צו געווינען צייט?

איך בעט מיך ברענגען פאַרן ממונה איבערן אויספאָרשונגס־אַפּאַראַט אָדער פאַרן דירעקטאָר פון תפיסה. כ'וויל אים אויפקלערן דעם עניין און זיך באַקלאָגן אויף דער מאָדנער אויפפירונג פונעם אויספאָרשער בנוגע

שפּראַך. דער אויספאָרשער וואַרפט אָפּ מיין פאָדערונג. צום הונדערטסטן מאָל חזרט ער איבער דאָס זייניקע: כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן אין טשע־כאָסלאָוואַקיע אאז״וו.

מיטאַמאָל אַנטפּלעק איך, אַז כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין אייניקע זאַצן פון אויספאָרשערס רייד: דאָס הייסט, די זאַצן, וואָס חזרן זיך כסדר איבער אין זיינע דיבורים. נאָר פונדאַנען ביז פאַרשטיין זיינע ווערטער — איז נאָך אַ ווייטער וועג. איך נעם אָן, אַז יעדן טאָג וועל איך אויפכאַפּן אַ צאָל ווערטער. אָבער וויאַזוי וועל איך רעדן טשעכיש? כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט צוזאַמענגעשטעלט אַ זאַץ אין דער דאָזיקער שפּראַך. כ׳ווייס נישט מער ווי אייניקע אויסדרוקן, וועלכע זענען באַקאַנט יעדן איינעם וואָס האָט וועגן באַזוכט טשעכאָסלאָוואַקיע: גוט־מאָרגן, אַ דאַנק, אַנטשולדיקט, צום ווידערזען. וויאַזוי וועל איך רעדן טשעכיש?

אין קאַמער טראַכט איך וועגן דער „שפּראַכן־מחלוקה״ צווישן מיר און אויספאָרשער. די מחלוקה ציט זיך שוין צוויי טעג און מערער. בייטאָג און ביינאַכט שלעפּט מען מיך אייניקע מאָל צום אויספאָרשער אויף אַ שעה־צוויי און מען ברענגט מיך צוריק אין קאַמער. דער אויספאָרשער פירט זיך גראָב. ער זידלט און באַליידיקט מיך אָן אַן אָפּהאַלט. איך פאַרשטיי נישט דעם באַטייט פון די זידלערייען. איך כאַפּ אָבער אויף זייער „גייסט״ — אויב זידלערייען האָבן גייסט — לויטן בייזן פּנים פון אויספאָרשער, לויט אַלע זיינע העוויות. אַלע מיינע טענות זענען אַרויסגעוואָרפענע. דער אויספאָרשער פאַרוועהרט דעם איבערזעצער צו פאַרטייטשן מיינע רייד. העכסטנס דערלויבט ער אים דאָ און דאָרט צו דערקלערן דעם עיקר פון זיינע רייד. אין זיינע רייד האַלט זיך אין איין איבערחזרן, מיט אַן אַלץ שטייגנדיקער תקיפות די באַשולדיקונג, אַז איך שעדיק דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג. פון איין זייט קערט ער זיך אום צו דער דראָונג, אַז ער וועט אָנווענדן די מיטלען, וועלכע שטייען אין זיין רשות, כדי מיך צווינגען צו רעדן; פון דער צווייטער זייט האַלט ער זיך אין אַ פאַרקערטער ליניע: איר ווילט נישט רעדן — רעדט נישט. ווילט איר דאָ זיצן אין תפיסה — אין הונגער, קעלט, אָפּגעריסן פון דער משפחה — ביטע זייער. ווייזט אויס, אַז ס׳איז אייך אָנגענעם דאָ. איך וועל נישט אונטעריאָגן. אויב איר האָט נישט קיין אינטערעס צוצואײַלן די אויספאָרשונג און איר פאַרענדיקונג — קאָנען מיר זיכער וואַרטן. מיר האָבן אוודאי צייט. מיר האָבן אַ ים פון צייט. אינדערזאַמתן אָבער הייבט דער אויספאָרשער אָן אָנצוווענדן פאַרשידענע דרוקמיטלען, כדי מיך „ווייכער״ צו מאַכן. במשך דער נאַכט נעמט מען

מיך עטלעכע מאָל אַראָפּ פון געלעגער און מען ברענגט מיך אין ביוראָ פון אויספאָרשער. ער שטעלט מיך אַוועק אַנטקעגן דער וואַנט, בעת מיינע אויגן זענען פאַרבונדן מיטן האַנטעך. יעדע האַלבע שעה בערך פרעגט ער מיך צי כ׳בין גרייט צו רעדן. איך הייב אָן דערקלערן, אין ענגליש, אַז כ׳פאַר־שטיי נישט. ער האַקט מיר איבער. און אַזוי אַלע האַלבע שעה. אָפּטמאָל לאָזט ער מיך אַזוי שטיין — מיט פאַרבונדענע אויגן — אַ שעה־צוויי, נישט פרעגנדיק אַ וואָרט. נישט איינמאָל שטעלט ער מיך אַוועק אינמיטן נאַכט — מיט פאַרבונדענע אויגן — אינעם קאָרידאָר אַנטקעגן אַן אָפן פענצטער ביי שטאַרקע צוג־ווינטן, אויף אַ שעה־צוויי. איך פיל, אַז דער וועכטער איז געבליבן נעבן מיר אויף צו היטן. איך טאָר זיך נישט אָנלענען אָן דער וואַנט. מיין גאַנצער קערפּער ציטערט פון קעלט. איך בין שטאַרק שלעפעריק. די פיס הייבן אָן ווי טאָן. נישט אַנדערש, אַז דאָס אַלץ, ווייזט אויס, קומט דערפון, מיך דערפירן צו רעדן טשעכיש, צו רעדן אַ שפּראַך, וועלכע איך קען נישט.

איך בין הילפלאָז אַנטקעגן דעם דאָזיקן איזדיעקעוען זיך. דער אויספאָרשער זאָגט אָפּ צו ברענגען מיך פאַרן ממונה. ער נעמט ביי מיר צו יעטוועדע מעגלעכקייט צו אַפּעלירן קעגן דעם איזדיעקעווען זיך. ער גופא פאַרשטאָפּט זיינע אויערן צו הערן מיינע טענות. ווייזט אויס, אַז אַזוי פירט ער זיך נישט אויף דער אייגענער איניציאַטיוו. איך בין דערשטוינט פון אַזאַ נאַרישער עקשנות. איך בין טיף פאַרשעמט זעענדיק אין לאַך פון אויספאָרשערס מאַנטל די אָפּצייכענונג פון אָנגעהעריקייט צו דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי. וואָס פאַראַ שייכות האָט קאָמוניזם מיט דעם דאָזיקן סאַדיזם, וואָס האָט נישט קיין שום געוויסנס־העמונגען ?

די דאָזיקע דורכדרינגלעכע פראַגע — וואָס האָט קאָמוניזם צו סאַדיזם ? — עקבערט אין מוח בעתן אַרומשפּאַצירן אין קאַמער, ליגנדיק ביינאַכט אויף דער פּריטשע, צווישן איין „אויספאָרשונג״ און דער צווייטער. ווען עס עפנט זיך די טיר פון מיין קאַמער און כ׳ווער גערופן צו אַן אויס־פאָרשונג — נעמט מיך אַרום אַן עקל־געפיל : ווידער קער איך זיך אום צו יענעם שענדלעכן ספּעקטאַקל, וואָס אַ מאַן, וועלכער טראָגט אין זיין לאַץ די רומפולע אָפּצייכענונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, איזדעקע־וועט זיך איבער זיין שוצלאָזן קרבן.

דעם חבר אין קאַמער דערצייל איך וועגן גאַנג פון דער אויספאָרשונג און רעד זיך אַראָפּ פון האַרצן. ער זאָגט : „אַזוי איז עס ביי אונדז״ און גיט

צו מיט אַ שמייכל: „דאָס זענען דאָך דיינע פריינד". מיט דעם ווערט אי־בערגעריסן דאָס געשפּרעך.

ביידע שפּאַצירן מיר אין קאַמער: איינער הינטערן אַנדערן. אין קאַמער איז חושכדיק. זייער ווינציק טאָג־ליכט דרינגט אַריין דורך דער מאַטער שויב פון פענצטער. קאַלט. דער הונגער נאָגט. און איבער אַלעמען — נישטאָ קיין סיגאַרעט. ווייזט אויס, אַז מיין חבר אין קאַמער איז פאַר־זונקען אין מחשבות. נישט קוקנדיק אויף מיר זאָגט ער: „אויב ער וויל זאָלסט רעדן טשעכיש, וועסטו נישט האָבן קיין ברירה. וועסט דאַרפן רעדן טשעכיש, אפילו ווען דו ווייסט נישט". מיר שפּאַצירן ווייטער. ער הייבט אָן זינגען אַן אומעטיק טשעכיש ליד.

אין קאַמער הערשט אַ פינצטערקייט. אויך אין מיין האַרץ.

וואָס פאַרא טעם האָט אָנצוגיין מיט דעם געראַנגל? דאָס קאָן זיך ציען ווער ווייסט ווי לאַנג. פאַרוואָס זאָל איך אויסשעפּן מיינע כוחות צוליב אַזאַ נאַרישקייט? אָבער וויאַזוי רעדן טשעכיש, אַז איך קען נישט די דאָזיקע שפּראַך?

איך הייב אָן מאַכן אַן איבערבליק איבער די טשעכישע ווערטער, וועלכע כ'האָב אויפגעכאַפּט בעת די „אויספאָרשונגען" און אין די גע־שפּרעכן מיט מיין חבר אין קאַמער. איך בין איבעראַשט פון דעם פאַקט, אַז זייער צאָל איז שוין דערגאַנגען צו אייניקע צענדליק. די מיינסטע פון זיי האָבן אַ בשותפותדיקן שורש מיט די פּאַראַלעלע ווערטער אין דער פּוילישער שפּראַך. די באַדייטונג פון אַ טייל פון זיי האָב איך אויפגעכאַפּט אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָפטמאָל איבערגעחזרט אינעם אויספאָר־שערס רייד. וועגן באַדייט פון אויספאָרשערס אייניקע ווערטער פרעג איך מיין חבר. ער דערקלערט מיר. די מיינסטע פון זיי זענען זידל־ווערטער: אייזל, חזיר, בהמה, טיפּש, שטשור אדג"ל. איך הייב ביי אים אָן לערנען אויף שנעל פאַרשידענע ווערטער. אויך דאָס איז נישט לייכט. ער קען נישט גוט פּויליש און דייטש. פונדעסטוועגן לערן איך פון אים אַ גאַנצע ריי שליסל־ווערטער, אין וועלכע כ'וועל זיך זיכער נייטיקן בעת דער אויספאָרשונג.

איך באַטראַכט די פראַגע פון דער פּראַקטישער זייט.

אויב כ'וועל ממשיך זיין אין מיין געראַנגל, — וואָס איז בלי ספק גערעכט, — קאָן זיך דאָס פאַרציען זייער לאַנג. זיי האָבן „אַ ים פון צייט" — האָט מיר געזאָגט דער אויספאָרשער. דערווייל וועלן זיך מיר אויסלאָזן

די כוחות, איידער כ׳וועל דערגיין צו דער עצם־אויספאָרשונג. מיין לעבנס־וויכטיקער ענין איז, אַז די ממשותדיקע אויספאָרשונג זאָל זיך אָנהייבן און פאָרענדיקן וואָס גיכער. איך שטויס זיך טאַקע אָן, אַז זיי וועבן אַרום מיר עפּעס פּינצטערס, נאָר פּינדעסטוועגן וועלן זיי נישט קאָנען סתם אַזוי אַריבערגיין צום טאָג־אָרדענונג איבער פעסטע פאַקטן, וואָס וועלן זיך אויפקלערן אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג און באַווייזן מיין אומשולד. וואָס טאָן? כ׳וועל „רעדן" טשעכיש. כ׳וועל זיך אָנשטרענגען ווי אָמבעסטן, כדי פאַרשטייק דעם מאַקסימום אין אויספאָרשערס רייד. כ׳וועל זיך זייער אָנשטרענגען צו „רעדן" טשעכיש. די צאָל ווערטער, וועלכע כ׳האָב אין צווישנצייט געלערנט און די וואָס כ׳וועל טאָג־טעגלעך לערנען פונעם אויספאָרשער און פון מיין חבר אין קאַמער, וועל איך איבערקנעטן. כ׳וועל צו זיי צוגעבן פוילישע ווערטער אין טשעכישער אַקצענטירונג. כ׳וועל אויך אַריינפלעכטן דייטשישע און ענגלישע אויסדרוקן. איך האָף, אַז אויך דער איבערזעצער וועט מיר דאָ און דאָרט צוהעלפן. דערצו איז ער דאָך געבראַכט געוואָרן אַהער. בקיצור: איך וועל רעדן טשעכיש. דאָס וועט אָן שום ספק זיין אַ גאַר מאָדנער טשעכיש, וואָס קאָן אויפרודערן אין זייערע קברים די וווּנדערבאַרע באַשאַפער פונעם טשעכישן לשון. דאָס וועט זיין אַ טשעכיש פון אַ סאָציאַליסט פון אויסלאַנד, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געלעבט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געלערנט די דאָזיקע שפּראַך, נאָר איז געצוווּנגען זי צו רעדן צוליבן סאַדיסטישן איזדיעקעווען פונעם אויספאָרשער, וואָס טראָגט אין זיין לאַץ דעם אָפּצייכן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איך רעד טשעכיש

שוין אַ וואָך צייט ווי איך רעד טשעכיש. דער איבערזעצער האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט אַרויסהעלפן ביי די ווערטער, וואָס זענען מיר אומפאַרשטענדלעך, אָבער אפילו דעם צוזאָג האַלט ער נישט. אָפטמאָל פאַרשטיי איך נישט אינגאַנצן די פראַגע. דער איבערזעצער בלעטערט ענערגיש דאָס ווערטערבוך. איך ווייס נישט וועלכע פרעמדע שפּראַכן ער פאַרשטייט. ענגליש — נישט, הגם ער גייט אָן אַלס ענגליש־איבערזעצער — ווייזט אויס אין

זכות פונעם ענגלישן ווערטערבוך, וואָס איך זיין האַנט. עס ווערט מיר אָבער קלאָר, אַז ער ווייסט נישט אפילו וויאַזוי ריכטיק צו באַנוצן דאָס ווערטער־בוך. איך הייב אָן פיל פרעגן וועגן דער באַדייטונג פון פאַרשידענע ווערטער פונעם אויספאַרשער. אָבער זייער זעלטן ווייסט ער צו ענטפערן. אָפּטמאָל זעצט ער אַזוי איבער, אַז די באַדייטונג פון זאַץ, וואָס איך דאַרף פאַרשטיין אָדער איך גרייט זיך צו זאָגן, קומט אַרויס פאַרדרייט אָדער אומפאַרשטענד־לעך. מיין רעדן טשעכיש איז אַ חוזק. יעדער זאַץ — אַ משונהדיקער געמיש פון ווערטער פון אַלע שפּראַכן, וועלכע איך קען — מיט אַ קליינעם פּראָ־צענט טשעכישע אויסדרוקן, וואָס כ׳האָב באַוויזן זיך אויסצולערנען אין גאַנג פון די אויספאַרשונגען גופא און אין די געשפּרעכן מיט מיין חבר אין קאַמער. כ׳בין נאָך קיינמאָל נישט געשטאַנען פאַר יסורים פון דעם מין — געצוווּנגענערהייט רעדן אָן אומבאַקאַנטע פאַר מיר שפּראַך. דער חוש פון לשון, דער חוש פון סטיל און דער חוש פון גראַמאַטיק בונטעווען זיך אין מיר און שטייען אויף קעגן יעטוועדן זאַץ, וואָס כ׳לאָז אַרויס פון מויל. עס טרעפט, אַז כ׳פאַרשטיי נישט פאַרשידענע ווערטער, טראַץ די קאָמפּליצירטע און אומגעלונגענע אויפקלערונגען פונעם איבערזעצער. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט העלפט זיך אַרויס דער אויספאַרשער מיט זיינע פויסטן, וואָס צילן אין פאַרשידענע ערטער פון מיין קערפּער. ער האַלט אַ סברה, אַז דער דאָזיקער דידאַקטישער סיסטעם וועט העלפן אויפכאַפּן די באַדייטונג פון די מיר אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. דאָס באַנוצן זיך מיט די פויסטן איז באַגלייט מיט אַ מבול באַליידיקנדיקע ווערטער און זידלערייען. אָפּטמאָל איז מיין קאָפּ דער געוווּנטשענער אָביעקט פאַר דער טעטיקייט פון אויס־פאַרשערס פויסטן. נאָר דער עיקר לייד איך פון דער דערנידעריקונג פונעם אויספאַרשערס איזדיעקעווען זיך איבער מיין מענטשלעכן כבוד.

די אויספאַרשונגען הערן אויף צו זיין אַזוי אָפּט ווי געווען. ווייזט אויס, אַז דאָ האָט משפּיע געווען מיין גרייטקייט צו „פאַרשטיין" און צו „רעדן" טשעכיש. פונדעסטוועגן גייט נישט אַריבער קיין טאָג אָן איין צי צוויי אויספאַרשונגען. בלויז גאָר זעלטן לאָזט מען מיך שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, נישט אויפוועקנדיק מיך צו אַן אויספאַרשונג. און אויך דעמאָלט ווערט דער שלאָף געשטערט אויף אַ טראַפאַרעטן אופן מצד די וועכטער, וואָס היטן אָפּ, אַז „די־הענט זאָלן זיין איבער דער קאָלדרע".

כ׳מוז מודה זיין, אַז אין לערנען די שפּראַך מאַך איך פאַרשריט, דער עיקר ביי די אויספאַרשונגען. אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט פון די ווערטע־רען זענען זידלערייען.

אַ מאָדנער וועג צו לערנען אַ פרעמדע שפּראַך. יידיש האָב איך גע־לערנט אין דער היים פון מיינע עלטערן; פּויליש — אויף דער שול־באַנק; דייטש — אין דער עסטרייכיש־אונגאַרישער הויפּטשטאָט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה; עברית — אין קן פון השומר־הצעיר אין גאַליציע; ענגליש — האָב איך טאַקע אָנגעהויבן לערנען אין תפיסה אין רמלה, אָבער פון אַ לערנבוך, וואָס כ׳האָב באַקומען מיט דערלויבעניש. כ׳האָב ווייטער געלערנט פירנדיק אַן אויפקלערונגס־טעטיקייט צווישן באַשטימטע קרייזן פון דער בריטישער אַרבעטער־באַוועגונג. פראַנצויזיש האָב איך געלערנט ביי מיין אַרבעט אין שליחות פון דער באַוועגונג אין זשענעווע און פּאַריז. אַ ביסל רוסיש האָב איך געלערנט אין לאַנד, פון לייענען סאָוויעטישע צייטונגען, מיט דער הילף פון אַ ווערטערבוך. נאָר צום ערשטן מאָל אין לעבן איז מיר אויסגעפאַלן צו לערנען אַ שפּראַך, אין וועלכער כ׳האָב נישט קיין ספּעציעלן אינטערעס און אין די סאַמע מאָדנע און אוממענטשלעכע באַ־דינגונגען: אין אַ צוואַנגס־רעזשים פון אויספאָרשונגען, אָן אַ בוך צי צייַ־טונג, אָן אַ גראַמאַטיק; אינמיטן אַ פיזישן, פּסיכישן און אינטעלעקטועלן געראַנגל, וואָס קאָן באַשטימען מיין גורל; אין אַ רעזשים פון טעראָר און סיסטעמאַטישן איזדיעקעווען זיך איבער מיין קערפּער און גייסט.

עפּעס טונקלס וועבט זיך אַרום מיר. איך פיל, אַז דער אויספאָרשער פירט דורך אַן אַטענטאַט איבער מיין גוף, מיין גורל, מיין צוקונפט. כ׳מוז זיך פאַרטיידיקן. אויפקלערן. שטיין אויף דער וואַך. נאָר מיין צונג איז געבונדן. מיר איז פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט מיין שפּראַך, וועלכע איך רייד און דענק זינט 25 יאָר, אין העברעיש. מיר איז פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט יעדער אַנדערער שפּראַך, אין וועלכער איך קאָן מיט דער אָדער יענער מאָס פרייהייט אויסדריקן מיינע געדאַנקען. עס קומט מיר אויס צו שטיין אין דאָזיקן געראַנגל, ווען מיין צונג איז געבונדן און איך בין גע־צוווּנגען צו רעדן שטום־לשון. ווען מען צווינגט מיר אויף צו הערן און רעדן אַ שפּראַך, וואָס כ׳מוז לערנען אין דערזעלבער צייט גופא. מיר שיינט, אַז כ׳איז שווער געווען אויסצוגעפינען אַ מער האַרבערע פאָרם פון איזדיעקע־ווען זיך איבער אַ מענטש און פון אינטעלעקטועלע ליידן. איך בין אָבער שוצלאָז, כ׳בין הפקר. כ׳בין געצוווּנגען צו שטיין פאַרן דאָזיקן עקזאַמען.

איך גיב איבער דעם אויספאָרשער אַ ריי פאָדערונגען: ער זאָל מיר דערלויבן זיך פאַרבינדן מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט, כדי געבן

אַ סימן פון לעבן מיין משפחה אין ישראל; ער זאָל מיר דערלויבן זיך פאַר־בינדן מיט דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פּראַג, כדי איר צוויסן טאָן וועגן מיין אַרעסט און פאָדערן זייער אינטערווענץ. דער אויספאָרשער זאָגט אָפּ. ער גיט צו, אַז זיכער וועט דאָ איינגיכן דערשיינען זיין ממונה. אים וועל איך קאָנען איבערגעבן די דאָזיקע בקשה. איך פאָדער מען זאָל מיר ווייזן אַן אַרעסט־באַפעל, אויף וועלכן יסוד כ׳בין פאַרהאַלטן געוואָרן. דער אויספאָרשער ענטפערט מיט אַ געלעכטער: אויב די פּאָליציי אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אַרעסטירט עמעצן — זענען דערפאַר פאַראַן באַרעכטיקטע סיבות. בלויז אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער זענען מעגלעך ווילקירלעכע אַרעסטן. איך טענה מיינס, אַז אויך אין דער פאָלקס־דעמאָ־קראַטיע דאַרף מען זיכער אַרויסגעבן אַן אַרעסט־באַפעל קעגן אַ מענטש, וועמען מ׳האָט בדעה צו אַרעסטירן. מיין אַרעסט באַטראַכט איך פאַר אַ אומרעכטלעכער טאַט, כל־זמן איך וועל נישט באַקומען דעם אַרעסט־באַפעל אונטערגעשריבן דורך אַ קאָמפּעטענטער אינסטאַנץ. דער אויספאָרשער באַ־פעלט נישט ריידן קיין „ווערטער פון פּראָוואָקאַטאָרישן כאַראַקטער".

איך גיב אים צו וויסן, אַז דאָס עסן, וואָס איך באַקום, איז אַ הונגער־באַשפּייזונג. די פּאָרציעס זענען ווי באַשטימט פאַר זויג־קינדער. ער ענט־פערט, אַז כ׳וועל באַקומען עסן צו דער זעט נאָכדעם ווי כ׳וועל דערציילן דעם גאַנצן אמת וועגן מיינע פאַרברעכערישע טעטיקייטן אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע און אין אַנדערע לענדער. דאָס איז אויך זיין ענטפער אויף מיין פאָ־דערונג צו באַקומען פון מיינע זאַכן דאָס צאָן־בערשטל און די פּאַסטע; די איינלאַגעס פון מיינע שיך (מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַנוצט 15 יאָר) נאָכדעם ווי די פּיס האָבן מיר אָנגעהויבן ווי טאָן. די דאָזיקע זאַכן — ענטפערט דער אויספאָרשער, געהערן צו די „פאַרלייכטערונגען", וואָס ווערן געגעבן אַרעסטאַנטן, נאָכדעם ווי זיי דערציילן דעם פולן אמת וועגן זייערע חטאים און פאַרברעכנס. דערווייל זענען מיר אין אָנהויב פון דער אויס־פאָרשונג.

דער אָנהויב פון דער אויספאָרשונג. דאָס איז לגמרי נישט קיין אויספאָרשונג. אייגנטלעך איז עס אַן אָן־סופיקער דועל פון פראַגן און ענט־פערס. די פיל פראַגן זענען פאַרשידענע וואַריאַנטן פון איין פאָדערונג: איך זאָל דערציילן די פאַרברעכנס, וואָס איך בין באַגאַנגען אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע קעגן דער מדינה און דעם רעזשים, בעת מיין לעצטן באַזוך און בעת די פריערדיקע באַזוכן אין דעם דאָזיקן לאַנד. איך ענטפער ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל, צום הונדערטסטן און וויפלטן מאָל, דעם איינציקן סטערעאָ־

טיפּישן ענטפער: כ׳האָב נישט געטאָן קיין זאַך קעגן דער מדינה און דעם רעזשים, נישט בעתן לעצטן באַזוך און נישט בעת די פריערדיקע באַזוכן. אַלע מיינע האַנדלונגען זענען געווען ווי ס׳געהער זיך צו אַ ישראלדיקן אַרבעטער־טוער, וואָס שטייט אויף דער באַזע פון די גרויסע פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, ראַטנפאַרבאַנד און פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. דער אויספאָרשער פאַרווערט מיר אַרויסצוברענגען אויף די „אומריינע" ליפּן די נעמען ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

אין פאַרשידענע פאָרמען פּראָטעסטיר איך קעגן דער דאָזיקער סתמי־קער באַשולדיקונג. איך פּראָטעסטיר קעגן דעם מאָדנעם אופן פון פאָרשן. ער דאַרף מיר זאָגן — וועלכע „פאַרברעכנס" מען שרייבט מיר צו, אויב זיי זענען בכלל פאַראַן. אַ שטראָם זידלערייען גיט אַ פליִיץ פון זיין מויל. נישט איך דאַרף אים לערנען וויאַזוי צו פאָרשן. אויב כ׳וועל ווייטער אָנגיין מיט אַזעלכע פּראָוואָקאַטאָרישע רייד, דערוואַרט מיך אַ דיסציפּלינאַר־שטראָף. ער און נישט איך באַשטימען די וועגן פון דער אויספאָרשונג. דאָס, וואָס איך דערלויבט זיך — שרייט ער מיר אין די אויערן — איז בלויז טיפּישע יידישע חוצפה. איר פאַרגעסט, ווייזט אויס, אַז איר זענט נישט אין ישראל, נאָר אין די הענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־דעמאָקראַטישער זיכערהייט־פּאָליציי. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז מיר שיינט דאָס ער האָט פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן טשעכאָסלאָ־וואַקיע, ווו, לויט מיינע בעסטע ידיעות, איז אַנטיסעמיטיזם פאַרבאָטן. זיין ענטפער — גראָבע באַליידיקונגען. כ׳האָב אָנגערירט זיין כבוד, דעם כבוד פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. ער באַשטראָפט מיך: אַוועקשטעלן זיך אויף אַכטונג. אויב כ׳וועל זיך אויף להבא נישט צוימען, שיקט ער מיך אין קאַרצער. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז כ׳דאַרף זיך אויפהויבן און אַוועקשטעלן. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז כ׳מוז שטיין אויף אַכטונג לויטן מיליטע־רישן שטייגער. איך הייב זיך אויף און בלייב שטיין געוויינלעך ווי אַ ציווילער. ער באַפעלט מיך מיט זיינע האַרטע פויסטן און שטעלט מיך אַוועק גלייך, מיליטעריש. צווישן מיינע ביידע פיס בלייבט נאָך אַ ביסל אָרט. מיט דער גאַנצער לאַסט פון זיינע שווערע שטיוול טרעט ער אויף מיינע פיס, באַשיכטע מיט לייוונטענע שטעק־שיך און לערנט מיך, אַז די שפּיצן פון די פיס דאַרפן צוגיין איינער צום אַנדערן, אָן וועלכן ס׳איז אָפּשטאַנד.

איך שטיי אויף אַכטונג. ער באַנייט זיין „אויספאָרשונג": כ׳זאָל דערציילן די פאַרברעכנס וואָס כ׳בין באַגאַנגען קעגן זייער רעזשים. מיין תשובה: כ׳האָב נישט וואָס צו ענטפערן; אין די לעצטע אויספאָרשונגען

האָב איך שוין הונדערט מאָל געענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע. ע ר דאַרף מ י ר זאָגן, וועלכע פאַרברעכנס ער שרייבט מיר צו. „כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן דורך אייך. איר דאַרפט מיר זאָגן פאַרוואָס״. ער חזרט איבער זיין וואָרענונג כ׳זאָל נישט רעדן אויף אַ באַליידיקנדיקן אופן.

צענדליקער מאָל חזרט ער איבער זיין פאַרלאַנג. דאָסמאָל — נישט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, נאָר אין איין נוסח, אין דעמזעלבן אַקצענט. איך הער אויף ענטפערן. דאָס שטערט אים נישט איבערצוחזרן נאָך און באַכאַמאָל זיין פאָדערונג מיט די זעלבע ווערטער, דעם זעלבן קלאַנג. איך שטיי אויף אַכטונג. כ׳הייב אויף די האַנט צו פאַרטרייבן אַ זלידנע פליג פון מיין פנים. ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה שפּרינגט דער אויספאָרשער אויף פון זיין בענקל. ער לאָזט אין באַוועגונג זיין פויסט. ווער האָט מיר דערלויבט אויפ־הייבן די האַנט בעתן שטיין אויף אַכטונג? אַ מבול פון זידלערייען, און צווישן זיי — „שמוציקער משה״. דאָסזעלבע ווען כ׳הייב אויף מיין האַנט (און אין איר, אַ פערטל פון אַ נאָזטיכל, וואָס כ׳האָב באַקומען צוזאַמען מיט דער אַרעסטאַנטן־קליידונג), כדי אָפּצווישן די נאָז. זידלעריי און פויסטן. עס איז מיר געגעבן געוואָרן צו זען זיינע הענט פון דער נאָענט, די הענט פון אַן אַרבעטער.

די הענט פון אַן אַרבעטער. אַזעלכע הענט זעט מען ביי די אַרבע־טער פון דער שווערער אינדוסטריע. אַזעלכע הענט זענען זיכער געוווינט געווען צו האַרעפּאַשנער מי, וואָס שאַפט ווערטן. איצט זענען עס הענט פון אַ סאַדיסט, וואָס איזדיעקעוועט זיך איבער אַן אומשולדיקן מענטש. סאַראַ שוידערלעכע פאַרענדערונג: אַן אַרבעטער, וואָס איז געוואָרן אַ סאַדיסט, אַריינטרעטנדיק אינעם אויספאָרש־אַפּאַראַט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי.

איך ווייס נישט וויפל צייט כ׳בין געשטאַנען גלייך. זיכער, נישט וויניק שעהן. מיר שיינט, אַז כ׳האָב זיך איינגעבראָכן און אומגעפאַלן. מ׳האָט מיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפירט אין קאַמער. איך פּיל אַ שטאַר־קן ווייטיק אין פיס. איך ליג אויף מיין טאַפּטשאַן און פּרוביר איינדרימ־לען. נאָר אָט קלינגט דער גלאָק. מען דאַרף שוין אויפשטיין. מיין חבר אין קאַמער זאָגט, אַז אויך ער האָט זיך אומגעקערט דאָ מיט אַ האַלבער שעה צוריק און נישט באַוויזן איינצודרימלען. אויך ער האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט. די פּאָליציי האָט געכאַפּט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט מיט אים פאַרבינדונגען. די אויספאָר־שער פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל אויסגעבן נאָך און נאָך מענטשן. ער האָט געהאַט אַ שרעקלעכע נאַכט.

מיינע פיס טוען ווי. איך וויל זייער שלאָפן. כ׳האָב שוין אַ ריזיקן דעפיציט אין שלאָף. כ׳טאָר אָבער נישט זיצן, קוים וועל איך אַ ווײַלע איינדרימלען און דער וועכטער אין קאָרידאָר וועט מיך כאַפּן ביי דער עבירה און ווידער באַשטראָפן מיט שטיין אויף אַכטונג. מען דאַרף דעריי־בער שפּאַצירן איבער דער קאַמער. איך וואַקל זיך אין גאַנג. מען דאַרף שפּאַצירן. און איך שפּאַציר. מיינע טריט זענען געגליכן צום געפּלאָנטערטן גאַנג פון אַ שיכור אין די גאַסן.

אַ טאָג יאָגט דעם צווייטן. אַ נאַכט יאָגט אַ נאַכט. דער הונגער ווערט שטאַרקער. אין שפּאַנונג וואַרט איך אויף יעדער מאָלצייט. גלייכ־צייטיק ווייס איך, אַז נאָכן עסן וועל איך זיין הונגעריק ווי כ׳בין געווען פאַר דעם. ניין, כ׳וועל נישט שטאַרבן פון הונגער. איך בין פאַרמשפּט אויף הונגער־יסורים, אָבער נישט אויף אַ הונגער־טויט. דאָס איז, ווייזט אויס, אַ וויכטיקער עלעמענט אין דעם היגן פאַרש־סיסטעם.

דאָס ערשטע מאָל ווי איך פיל ממשותדיק דעם טעם פון הונגער. וויפל מאָל באַנוצן מיר אומזיסט דאָס דאָזיקע וואָרט, זייענדיק אויף דער פריי. איצט האָב איך קענען געלערנט וואָס הונגער איז. ווי אויף צו להכעיס, פאַרטיף איך זיך אַלץ אָפטער אין געדאַנקען וועגן גוטע מאכלים. נישט איינמאָל וואַרט איך אַ געשפּאַנטער אויף דער מיטאָג־שעה. כ׳מיין, אַז זי איז זייער נאָענט. כ׳בין זיכער, אַז באַלד הער איך אין קאָרידאָר די טריט פון די דערלאַנגער — די אַרעסטאַנטן, וואָס ברענגען דאָס עסן. נאָך אַ ביסל וועט זיך עפענען די טיר פון קאַמער און כ׳וועל באַקומען די הונגער־פּאַרציע, וואָס איך קוק אַזוי אויס.

און אָט עפנט זיך טאַקע די טיר. נאָר דער וועכטער רופט... צו אַן אויספאָרשונג. און פון דאָרט קום איך צוריק נאָענט צום אָוונט־ברויט. נישט איינמאָל קער איך זיך אום אינמיטן נאַכט, אָדער אפילו אינדערפרי און נעבן דעם קאַמער געפין איך מיין עסן פון היינט־נעכטן. אָפטמאָל קום איך צוריק אין אַזאַ פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד אַז טראַץ דעם נאָגנ־דיקן הונגער, ריר איך זיך נישט צו צום עסן, נאָר אייל זיך אַרויפצוקריכן אויף דער פּריטשע, כדי צו באַוויזן אַריינכאַפּן אַ שעה אָדער אפילו אַ האַלבע שעה שלאָף: ווייל נאָך אַ ביסל — און מען וועט הערן דעם פרי־מאָרגן־קלונג.

אַ גאַנצע וואָך פּילסטו, גלייך וואָלסט אַריינגעפּאַלן אין שדים־געווירבל. ווערסט געשלעפּט אויף אַן אויספאָרשונג און צוריקגעבראַכט אין קאַמער אייניקע מאָל אין משך פון טאָג, אין משך פון דער נאַכט. אַלע פרייע שעהן געפינסטו זיך אין עפּעס אַ געווירבל. אַ געווירבל פון אויספאָרשונגען. דעם חבר פון קאַמער זעסטו נישט כמעט. אויך ער איז אויף אויספאָרשונגען. ווען ער קומט צוריק אין קאַמער, געפינט ער מיך נישט, ווייל איך בין דאָ „אינדערהייך" — אויף אַן אויספאָרשונג. און אַז ביסט דאָ אַליין אין קאַמער, איז אַקוראַט דו וואָלסט אין גייסט פאַרגעזעצט דיין גערעַנגל מיטן אויספאָרשער. דו פירסט ווייטער די דיאַלאָגן וואָס מאַטערן דיך. דו זוכסט תחבולות, וויאַזוי אַרויסצוקומען פון דעם לאַבירינט אין וועלכן ביסט אַריינגעפּאַלן, וויאַזוי אַדורכבּרעכן די בלינדע וואַנט פאַר וועלכער דו שטייסט. יענער סאַדיסט „אויבן" וויל פון דיר נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר זאָלסט אים דערציילן וועגן פאַרברעכנס וואָס זאָלסט כלומרשט האָבן באַגאַנגען קעגן רעזשים פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־רעפּובליק. נישט איינמאָל גיט ער צו „און אויך אין אַנדערע לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, ווו איר האָט באַזוכט אין פאַרשידענע צייטן".

אַלע טעג פון וואָך ביסטו אַריינגעוואָרפן אין אַ מין געווירבל, אַ מין בראַטפּאַן. שבת נאָכמיטאָג און זונטיק — נישטאָ קיין אויספאָרשונגען. דער סמבטיון רוט פון זיין מלאכה. מוצאי־שבת געפינסטו זיך אַ גאַנצע נאַכט אין בעט. ווערסט נישט גערופן אויף קיין שום אויספאָרשונגען. דאָסזעלבע אויך אין דער נאַכט פון זונטיק. קומסט אַביסל צו זיך. דו שלאָפסט — הגם דיין שלאָף ווערט אויף אַ טראַפּאַרעטן אויפן געשטערט דורך די וועכטער. פאַראַן אויך גוטהאַרציקע וועכטער, וואָס היטן נישט אַזוי אָפּ דיינע האַנט־באַוועגונגען. זיי שוינען אפשר דיין שלאָף, ווייל זיי ווייסן, וויפל נעכט ביסט נישט געשלאָפן אין משך דער פאַרגאַנגענער וואָך. זונטיק גיט מען צום מיטאָג אויך אַ ברעקל פלייש. דאָס אָונטברויט באַקומסטו צוזאַמען מיטן מיטאָג. דער הונגער צווינגט דיך גלייך אויפצועסן אויך דאָס אָוונברויט. דאָס איז דאָס איינציקע מאָל אין וואָך אַז ביסט ווייניקער הונגעריק — און פונדעסטוועגן הונגעריק.

זונטיק אַ גאַנצן טאָג געפינסטו זיך מיטן חבר אין קאַמער. מען קאָן שמועסן. איינער דערציילט דעם אַנדערן וועגן פאַרלויף פון אונדזערע אויספאָרשונגען. איך לערן פון אים פיל נייע טשעכישע ווערטער. מיר שמועסן וועגן דעם און יענעם. ביידע זענען מיר געוואָרנט אויסצומיידן

פּאָליטישע פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות צום רעזשים. ער דערציילט מיר פיל וועגן פּאַראַשוטיזם, וועגן דער טעכניק פון אַראָפּלאָזן זיך פון עראָפּלאַן, פּאַרשידענע פּרטים וועגן אויסאיבן אונדזערע בחורים־פּאַראַשוטיסטן בעת אונדזער באַפרייונגס־מלחמה. איך דערצייל אים אַ סך וועגן ישראל און וועגן די אייראָפּעיִשע לענדער וואָס כ'האָב באַזוכט.

ער דערציילט מיר פּאַרשידענע קאַפּיטלען פון זיין אונטערערדי־שער טעטיקייט, קאַפּיטלען וואָס זענען שוין באַוווּסט זיינע אויספאָרשער. פון זיינע רייד לערן איך, אַז אַ פאַרצווייגטע נעץ פּאַרשידענע אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציעס איז אויסגעשפּרייט איבער דער מדינה, אין אַלע אירע טיילן. אויס קאָנספּיראַטיווע טעמים קען ער נישט קיין קיין סך מענטשן, נאָר זייער ווינציקע, און זיי זענען שוין אין די הענט פון דער פּאָליציי. מען האָט שוין מיט אים אַדורכגעפירט אַ גאַנצע ריי קאָנפראָנטאַציעס. פּאַראַן פּאַרשידענע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען נישט פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער. יעדע איינע פון זיי איז פאַרבונדן מיט אַ מערבדיקער מדינה, מיט דער טשעכאָסלאָוואַקישער עמיגראַציע, מיט מערבדיקע שפּיאָנאַזש־דינסטן. פּאַראַן טאַקע אַ שטאַרקע שמירה ביי די גרענעצן אָבער צענדליקער און הונדערטער מענטשן, געדונגענע דורכן מערב, געלונגט צו גבֿנענען די גרענעץ איןביידע ריכטונגען. די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קעמערלעך זענען אַוועקגעשטעלט לויט די בעסטע אָר־גאַניזאַציאָנעלע כללים פון אונטערערד. יעדער איינער קען נישט מערער ווי דריי ביז פינף מיטגלידער. די דיסציפּלין איז אַ מיליטערישע. געהיימע ראַדיאָ־סטאַציעס זענען טעטיק איבערן גאַנצן לאַנד. געווער ווערט גע־זאַמלט אין פּאַרשידענע מאַגאַזינען.

איך פרעג אים אויף וואָס שטיצן זיך די אַלע הכנות. ער ענטפערט: אַלע סימנים זאָגן עדות, אַז אַ נייע וועלט־מלחמה איז אומפאַרמיידלעך, אַ מלחמה צווישן מזרח און מערב, צווישן ביידע בלאָקן, אין וועמענס שפּיץ עס שטייען דאָ די פאַרייניקטע שטאַטן און דאָרט — דער ראַטנפאַרבאַנד. די שעה פון פונאַנדערפּלאַקערן דעם קריג קומט אָן און איז נאָענט. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה וועלן די אַמעריקאַנער דאָ אַהערקומען אין געציילטע שעהן. מיטן אויסברוך פון קריג וועלן אויך מיר אויפשטיין און העלפן אונדזערע פּאַרבינדעטע.

פאַר מיר זיצט אַ מענטש וואָס האָט פיינד דעם סאָציאַליזם, דעם אַרבעטער־קלאַס פון זיין לאַנד; אַ מאַן וואָס פאַרדינגט זיך צו אַ פרעמ־דער גרויסמאַכט קעגן זיין פאָלק און פאָטערלאַנד; אַ פּאַראינטערעסירטער

אין אַ וועלט־מלחמה, מיטן גאַנצן לייד און חורבן וואָס דערוואַרטן זיין פאָלק און אַנדערע פעלקער, כדי אומקערן אין זיין לאַנד דעם קאַפּיטאַ־ליזם, עקספּלאָאַטאַציע, אָרימקייט, אַרבעטלאָזיקייט. ביידע פּייניקן מיר זיך אין דערזעלבער תפיסה. אָבער טראָץ דער געמיינזאַמקייט פון די לײַדן — זענען מיר פיינד איינער דעם אַנדערן. ביידע האַסן מיר טאַקע אונדזערע סאַדיסטישע אויספאָרשער. אָבער ער איז אַ שונא פון סאָציאַ־ליזם, איך וויל זיין נצחון. מיר געפינען זיך אין צוויי קעגנזעצלעכע לאַ־גערן, טראָץ אונדזערע געמיינזאַמע לײַדן.

נאַכט-באַזוכן

ווידער אַ נאַכט־אויספאָרשונג. דער זייגער איז שוין זיבער צוויי אָדער דריי. כ׳בין געשטאַנען אויף אַכטונג עטלעכע שעה. די פיס טוען ווײ. מ׳האָט מיר דערלויבט זיך אַוועקזעצן.

מיט גרויסע אָנשטרענגונגען האַלט איך אָפן מיינע אויגן. פון די ווענט קוקן אויף מיר עקשנותדיק סטאַלין און גאָטוואַלד. אייניקע מעת־לעת פּייניקט מיך דער אויספאָרשער מיט דער זיך איבערגעחזרטער פאָ־דערונג: „דערצייל וועגן דיין פאַרברעכערישער טעטיקייט אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע!״ איך חזר אַלץ איבער דעם ענטפער: „כ׳האָב נישט וואָס צו דער־ציילן וועגן פאַרברעכערישער טעטיקייט, ווייל כ׳האָב זי קיינמאָל נישט געפירט״. אַלע מיינע פּרוּוון צו דערציילן די אמתדיקע טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע רייסט ער מיר איבער מיט זידלערייען און פאַרשי־דענע אופנים פון איזדיעקעווען.

אַ טויטער פונקט. די אויספאָרשונג רירט זיך נישט אַ טריט פאָרויס.

ווי לאַנג וועט דער אויספאָרשער זיך איזדיעקעווען? און אַז ער וועט ממשיך זיין — וויפל צייט וועל איך קאָנען שטיין אין דעם געראַנגל? וועל איך אים אויסהאַלטן ביזן סוף? כ׳וועל נישט אויסהאַלטן. דו הרגעסט זיך נאָר אַליין אַוועק. ער איז זאַט — און דו הונגעריק. ער איז געגוג גע־שלאָפן — דו, כמעט וואָס שלאָפסט נישט. ער איז אָנגעטאָן אין וואַרעמע מלבושים — דו ווערסט געפרוירן פון קעלט. ער זעט יעדן טאָג זיין פרוי און קינדער — דו ווייסט נישט אפילו וואָס זיי מאַכן, נאָכדעם ווי דו ביסט „נעלם״ געוואָרן און דיינע שפורן זענען פאַרלוירן. דו ביסט אָפּגע־

שניטן פון דער וועלט. אין דער אונטערשטער שורה וועלן זיי דיך איינ־ברעכן. דאָס איז אַ זאַך פון צייט. זיי קאָנען אַזוי ציען וואָכן, חדשים. ביסט דאָ פאַראַן בלויז צוויי וואָכן. וועסט נישט אויסהאַלטן ביזן סוף. ס'איז אָן אַ צוועק. זיי וועלן דיך איינברעכן.

די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין אַן אָפיציר. איך בין נישט בקי אין זייערע ראַנגעס. ער איז, ווייזט אויס, אַ קאַפּיטאַן אָדער אַ מאַיאָר פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. מיין אויספאָרשער ציט זיך אויס ווי אַ סטרו־נע, גיט אַ שפּאַן פאָרויס און גיט צו וויסן, אַז ער פאָרשט דעם פאַרהאַלטע־נעם מרדכי אורן. מיט אַ געשריי באַפעלט מיר דער אויספאָרשער זיך אויפשטעלן און אויף אַכטונג מעלדן מיין נאָמען און נומער. איך „שטעל זיך אַליין פאָר", אַזויווי מען האָט געפאָדערט.

דער אָפיציר דערלויבט מיר זיך אַוועקזעצן. ער זעצט זיך ביים טיש און קוקט אויף מיר. ער נעמט נישט אַראָפּ פון מיר זיין בליק. דער אויספאָרשער איז ממשיך זיין אויספאָרשונג. די טעמע — אַן אַלטע: מיין פאַרברעכערישע טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. און איך, פאַרשטייט זיך, — דאָס מייניקע. דאָס ציט זיך אַזוי אַ לאַנגע צייט. דער אָפיציר קוקט אויף מיר די גאַנצע צייט: צענדליקער מאָל חזרט איבער דער אויספאָרשער זיין פראַגע, נישט ענדערנדיק די פאָרם און דעם נוסח. איך הער אויף ענטפערן. עס הערשט אַ שטילקייט. דער אָפיציר מישט זיך אַריין.

— אורן, פאַרוואָס זאָגט איר זיך אָפּ צו דערציילן וועגן פאַרברעכנס קעגן אונדזער מדינה און איר רעזשים?

— איך זאָג זיך אָפּ צו דערציילן וועגן פאַרברעכנס, וואָס כ'בין נישט באַגאַנגען. איך בין גרייט צו דערציילן וועגן מיין טעטיקייט, אָבער נישט וועגן אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס, וואָס כ'האָב נישט אָפּגעטאָן.

— איר ווילט אונדז דערציילן פאַרשידענע באָבע־מעשיות, אָבער די אינטערעסירן אונדז נישט. אונדז אינטערעסירן אייערע פאַרברעכנס.

— כ'האָב נישט וואָס צו דערציילן וועגן פאַרברעכנס.

— איר וועט אונדז נאָך דערציילן און דערציילן. מיר ווייסן אַלץ וועגן אייך. מיר ווייסן, אַז מיר האָבן געפאַנגענען אַן אַפּעריסט פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם, אַ ציוניסטישן שווינדלער, אַ געשוווירענעם שונא פון אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם.

— דאָס זענען פּוסטע רייד.

— זייט נישט חוצפּהדיק, אורן. ביי אונדז ווערט מען באַשטראָפט פאַר חוצפּה. מיר ווייסן נאָך וואָס איר זענט געקומען קיין טשעכאָסלאָוואַקיע: שפּיאָנירן אונדז, סאַבאָטירן אונדזער רעזשים, דערלאַנגען אַ האַנט די גרויסע פאַרברעכער, וואָס זענען אין דער לעצטער צייט דעמאַסקירט געוואָרן אין אונדזערע רייען. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז נישט צופעליק זענט איר דאָ אַהערגעקומען. נאָר מיר האָבן אייך נאָך געכאַפּט אין דער צייט. ס׳וועט נישט העלפן קיין שום זאַך. אייגנוויליק צי געצוווּנגענערהייט וועט איר אונדז אַלץ אַנטדעקן פון א׳ ביז ת׳.

— נישטאָ קיין קערנדל אמת אין די אַלע רייד. דעם אמת וועגן מיין טעטיקייט דערלויבט מיר נישט דער אויספאָרשער צו דערציילן.

— איך ווייס וועלכן אמת איר ווילט דערציילן. אייער אמת וועט זיין אינגאַנצן שקר וכזב. איצט זענט איר אין אונדזערע הענט. אין די הענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער, פאָלקס־דעמאָקראַטישער זיכערהייט־פּאָליציי. דאָ וועט איר אונדז דאַרפן דערציילן דעם אמת אַזוי־ווי מיר זענען אים גורס. נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשיות וועט איר אונדז דערציילן, נאָר דעם אמת וועגן אייערע פאַרברעכנס — די פאַרברעכנס פון אַ ציוניסטישן טוער און אַ שונא פון סאָציאַליזם — קעגן אונדזער מדינה, קעגן אונדזער רעזשים.

ווידעראַמאָל ברענג איך אַרויס מיין פּרינציפּיעלע אַפּעלאַציע קעגן זייער פאָרש־סיסטעם: — איך בין נישט בקי אין קאָדעקס, און אוודאי נישט אין אייערע געזעצן. איך בין אָבער זיכער, אַז אפילו לויט אייערע געזעץ, איז נישט אין אָרדענונג דער פאָרש־סיסטעם וועלכן איר ווענדט אָן כלפּי מיר. ווו איז דער אַרעסט־באַפעל, וואָס אויף זיין יסוד בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן אומגערעכט און אין קעגנזאַץ צום געזעץ? איר פאָרשט מיך איבער פאַרברעכנס, וואָס כ׳בין נישט באַגאַנגען. שוין העכער צוויי וואָכן פאָדערט איר פון מיר צו דערציילן וועגן נישט אַדורכגעפירטע פאַרברעכנס. מיין געוויסן איז ריין. איר האָט מיך אַרעסטירט און אייער פליכט איז צו זאָגן, וועלכע חטאים כ׳בין כלומרשט באַגאַנגען און צוליב זיי בין איך אַרעסטירט.

דער אָפיציר דערנענטערט זיך צו מיר. זיינע ווערטער — אויפגערעגטע און בייזע. ער הייבט אָן זידלען און מיך שטיקן. — איר זענט אַ שווינדלער, אַפּעריסט, פאַרברעכער. איר וועט אונדז נישט לערנען וויאַזוי אייך פאָרשן און נישט פּרעדיקן קיין מאָראַל. ביי אונדז איז די דיסציפּלין אַ מיליטערישע. אַז מען באַפעלט דערציילן דעם אמת, מוז מען פאָלגן

און נישט לערנען אונדז אַ פּרשה געזעץ און אויספאָרשונג. ווייזט אויס, אַז איר האָט נישט קיין גענוגנדיקע ידיעות אין וועלכער לאַגע איר געפינט זיך. איר האַלט מסתמא, אַז איר געפינט זיך אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך באַנוצן מיט די פאַרפוילטע פאָרש־סיסטעמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. ביי אונדז איז נישטאָ קיין רחמנות פאַר פאַרברעכער און שונאים פון אונדזער רעזשים. בעסער זאָלט איר זאָרגן פאַר אייער האַלדז. פאַראַן ביי אונדז איבערגענוג שטריק. מיר וועלן זיך נישט שפּילן מיט אייך. מיר וועלן פון אייך אַרויסבאַקומען און דערגיין דעם אמת, דעם אמת, וויאַזוי . מיר פאַרשטייען אים. דאָס איז מיין וואָרענונג.

דער אָפיציר גייט אַרויס. דער אויספאָרשער סאַלוטירט.

ער דערנענטערט זיך צו מיר. ער רעדט אַ מער מענטשלעכן לשון:

— דאָס איז געווען אַ וויכטיקער מענטש. איר האָט פון אים געהערט אַ האַרבע וואָרענונג. נישט כדאי איר זאָלט זיך האַלטן ביים ווידערשטאַנד. ער האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן כוח אייך צו צווינגען צו ריידן און דערציילן דעם אמת וועגן אייערע פאַרברעכנס. צוואָס דאָס איינשטעלן זיך אָן אַ תכלית? ס'איז נאָך ביי אונדז נישט געשען, אַז עמעץ אין תפיסה זאָל זיך איינעקשנען אויף אַ לאַנגער צייט. פיל פּרוּוון דאָס טאָן, אַזוי ווי איר. אָבער נאָך אייניקע טעג ווערן זיי פאַרשטענדיק און הייבן אָן ריידן. אונדז האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז עמעץ זאָל אַרויס פונדאַנען און מיר זאָלן נישט האָבן פון אים אַרויסבאַקומען — מיט גוטן צי מיט בייזן — דעם גאַנצן אמת פון זיין טעטיקייט. אויב איר ענדערט נישט אייער צוגאַנג — וועט איר זיך בלויז אַליין שאָדן ברענגען. טראַכט וועגן דעם.

ער שיקט מיך צוריק אין מיין קאַמער.

אויף די טאָג־אויספאָרשונגען האַלט איך זיך ביים זעלבן. איך בין גרייט צו דערציילן וועגן מיינע טעטיקייטן. זאָל ער, דער אויספאָרשער, אָפּשאַצן אויב ס'איז אין זיי געווען עפּעס פאַרברעכערישס. איך קאָן נישט ד'ערציילן וועגן פאַרברעכנס. זיכער וויל ער נישט — זאָג איך — כ'זאָל אַליין אויסטראַכטן כלומרשטע חטאים, וועלכע האָבן נישט קיין שייכות צום אמת.

ער באַפאַלט מיך מיט גרימצאָרן. וויאַזוי וואַג איך זיי, אַ מלוכהשן אָרגאַן, צושרייבן אַזאַ נאַרישן געדאַנק? ער וויל נישט פון מיר קיין אויסגעטראַכטע מעשיות, נאָר דעם אמת. דאָס וויל איך זיי די גאַנצע צייט באַשווינדלען מיט פאַנטאַסטישע דערציילונגען. ער וויל פון מיר גאָרנישט

באַר דעם אמתדיקן אמת. דעם אמת נוסח פּראַג און נישט דעם אמת נוסח ירושלים, וואָס איז בכלל נישט קיין אמת:

— מיר ווייסן אויסגעצייכנט וואָס מיינט ירושלימער אמת. אויך איר ווייסט עס. ביי אונדז אמת איז טאַקע אמת. נישט אַזוי ווי ביי אייך אין ירושלים.

דער אויספאָרשער, אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. איך ענטפער אים מיט אויפרעגונג:

— וואָס שייך דעם אמת נוסח פּראַג און נוסח ירושלים, וועל איך באַר זאָגן אַט־וואָס: ווען אין ירושלים זענען אַרומגעגאַנגען די נביאים און געטראָגן די בשורה פון דערהויבענע מענטשלעכע אידעאַלן פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט — און דאָס איז געווען מער ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק — האָט נאָך פּראָג נישט עקזיסטירט. אויף איר אָרט זענען געווען וויסטע וועלדער, ווו ס׳האָבן זיך געפּאַשעט ווילדע חזרים. איך נויטיק זיך נישט, אַז איר זאָלט מיך לערנען וואָס מיינט אַזוינס אמת.

דער אויספאָרשער גיסט אויס אַ ביסל זאַפּטיקע באַליידיקונגען און איז ממש ווילד צוליב מיין „חוצפּהדיקער" באַמערקונג. איך פאַרזוך דעם טעם פון זיינע פויסטן.

— איך וועל אייך אָנלערנען — גוואַלדעוועט ער — נישט צו ריידן פּראָוואָקאַטיוו און נישט פּוגע צו זיין די טשעכאָסלאָוואַקישע מדינה און איר הויפּטשטאָט. —

מיט גראָבע באַוועגונגען פאַרבינדט מיר דער אויספאָרשער די אויגן און מיט קלעפּ וואַרפט ער מיך אַרויס פון ביוראָ אין קאָרידאָר. ביז דער קאַמער שלעפּט ער מיך מיט אומאויפהערלעכער זידלעריי.

די טיר פון קאַמער עפנט זיך. דער וועכטער גיט מיר אָנצוגעהערן צו נעמען דאָס האַנטעך און זיך פאַרבינדן די אויגן. די ווינדע הייבט זיך אויף אייניקע שטאָק. דער וועכטער פירט מיך אַריין אין עפּעס אַ צימער און זעצט מיך אַוועק אויף אַ בענקל. ער מאַכט מיך אויפמערקזאַם, כ׳זאָל נישט אַרויסלאָזן דעם אָטעם פון מויל. איך הער הוסטן נאָך מענטשן. כ׳בין זיכער, אַז דאָס זענען אַרעסטירטע. די טיר עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך. איך הער ווי מענטשן גייען אַרויס און קומען אַריין. נאָך אַ געוויסער צייט, שטעלט מיך אויף דער וועכטער און פירט מיך אַריין אין אַ צווייט צימער. ער נעמט אַרונטער דאָס האַנטעך און פליסטערט, כ׳זאָל אויסרופן מיין נומער. איך טו אַזוי.

כ׳געפין זיך אין אַן אַמבולאַטאָריע. פאַר מיר שטייט אַ מאַן אין אַ ווייסן כאַלאַט. אונטער אים — אַ שיינער מונדיר. ער איז אַן אָפיציר, אַ דאָקטאָר. די אַמבולאַטאָריע איז אַ ציכטיקע און שיין אויסגעשטאַט, ווי אין אַ גרויסער שטאָט. אויך רענטגען. ער פרעגט מיך וועגן מיינע קראַנקהייטן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אויף וואָס איך האָב געקרענקט אין דער לעצטער צייט? עס קומען אַריין צוויי שוועסטער. דער וועכטער פאַרלאָזט נישט דאָס צימער. אין דייטש מאַך איך אויפמערקזאַם דעם דאָקטאָר, אַז כ׳בין אַ פרעמדער בירגער און פרעג אים צי ער וועט מיר דערלויבן רעדן דייטש. ער דערלויבט.

ער חזרט איבער זיינע פראַגן אין דייטש. איך ענטפער. אַלץ ווערט פאַרשריבן. ווייזט אויס, אַז ער עפנט מיר אויף אַ בלאַט אינעם „באַפעלקערונגס־בוך” פון דער תפיסה־אַמבולאַטאָריע. ער אונטערזוכט מיך גרינטלעך און אַלזייטיק. אויך אַ רענטגען־דורכלייכטונג. ער פרעגט מיך צי איצט דערקוטשעט מיר עפּעס. איך ענטפער: „בישט אין שטח פון געזונט”. איך באַמערק אים נאָר, אַז איך באַקום אַ הונגער־דערנערונג; אַז מען לאָזט מיך נישט שלאָפן. ער ענטפערט, אַז דאָס איז די זאַך פון די אויספאָרשער. דאָס געהערט נישט צו זיינע קאָמפּעטענצן. איך באַמערק אים, אַז דער אויספאָרשער וויל מיר נישט אומקערן די איינלאַגעס וואָס כ׳האָב געטראָגן 15 יאָר און אַז די לעצטע צייט טוען מיר ווי די פיס; באַזונדערס ווען איך דאַרף אומגעציילטע שעהן שטיין אויף אַכטונג. אויך זאָגט ער מיר אָפּ צו געבן דאָס ציין־בערשטל און די ציין־פּאַסטע. איך מיין, אַז צוליב טעמים פון היגיענע און געזונטהייט דאַרף מען מיר געבן די דאָזיקע זאַכן. איך מאַך אים אויפמערקזאַם אויף דעם, אַז כ׳בין געקומען פון אַ סוב־טראָפּישלאַנד און לייד פון קעלט. איך בעט ווינטערדיקע אַרעסטאַנטן־קליידער. דער דאָקטאָר גיט אַ הילפלאָזן מאַך מיט דער האַנט און באַמערקט, אַז דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק פונעם אויספאָרשער.

דער וועכטער פירט מיך צוריק אין קאַמער.

מיין חבר אין קאַמער פילט זיך נישט גוט. ער הוסט. אים שיינט, אַז אין זיין פלעגמע זענען פאַראַן סימנים פון בלוט. בעתן אַפּעל בעט ער אים ברענגען פאַרן דאָקטאָר. ער באַקומט טראָפּנס און פילן.

ווידער רופט מיך דער וועכטער גיין מיט אים. ער פירט מיך אין אַן אומבאַקאַנטער פאַר מיר ריכטונג. ווידער פיל איך זיך אויף אַ ניי אָרט. נאָכן אַראָפּנעמען דאָס האַנטעך פון די אויגן — זע איך זיך אין אַן אַטעליע

פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאָטאָגראַפיסט. ער זעצט מיך אַוועק אויף אַ דריי־שטול. ער הענגט דאָרט אויף מיין נומער. גרויסע ציפערן: 2446. ער פאָטאָגראַפירט מיך אין פראָנט און פּראָפיל. איינמאָל און נאָכאַמאָל. ער פרעגט מיך איניקע פראַגן און דאַטעס און שרייבט אריין די ענטפערס אין אַן אַנקעטע־בויגן. צום סוף צווינגט ער מיך אַרויפלייגן מיינע פינגער־אָפּדרוקן אויפן בויגן, גלייך כ׳וואָלט געווען אַ דערוויזענער פאַרברעכער.

נאָכט. איך ציטער אינגאַנצן פון קעלט. דער הונגער מאַטערט מיך. כ׳וואָלט זייער געוואָלט שלאָפן. דער אויספאָרשער ברענגט צוויי שאָלן דאַמפּיקע קאַפע — איינע פאַר זיך און די אַנדערע פאַרן איבערזעצער. פון זייערע טעקעס נעמען זיי אַרויס פעטע אָוונט־עסנס. זיי לענען זיך אונטער די הערצער. מיטן פאַרענדיקן די סעודה, ווענדט זיך צו מיר דער אויס־פאָרשער און פרעגט, צי כ׳בין הונגעריק. איך ענטפער: יאָ. ער פאַרויכערט אַ סיגאַרעט, דערנענטערט זיך צו מיר גאָר נאָענט ווי נאָר מעגלעך און דעם רויך פון סיגאַרעט לאָזט ער אין מיינע נאָזלעכער. ער פרעגט צי עס מאַטערט מיך וואָס מען לאָזט מיך נישט רייכערן. איך ענטפער: יאָ. ער זעצט פאָר: צי שלאָף איך גענוג? איך ענטפער, אַז ער ווייסט גוט וויפל צייט איך שלאָף. צי איז גענוג וואַרעם אין די דאָזיקע קליידער? איך זאָג, אַז ס׳איז מיר זייער קאַלט; אַז פשוט אויס מענטשלעכע מאָטיוון דאַרפן זיי מיר געבן ווינטער־קליידער. איבער 20 יאָר לעב איך אין אַ סוב־טראָפּישן קלימאַט און פון אייראָפּעישן ווינטער לייד איך פיל מערער ווי אַ טשעכי־שער אַרעסטאַנט, וועלכער איז צוגעוווינט צום היגן קלימאַט. ער פרעגט ווייטער צי בין איך געוווינט צו לייענען ביכער. מיין ענטפער: יאָ. ער באַמערקט: פאַראַן דאָ ביי אונדז אַ ביבליאָטעק פון טויזנטער ביכער, אין אַלע שפּראַכן.

ער רעזומירט: איר אַליין זענט שולדיק אין אייער לאַגע דאָ. וואָלט איר זיך אַנדערש אויפגעפירט, דורך ענטפערן אייגנוויליק, וואָלט איר געגאָסן פון די אַלע פאַרלייכטערונגען. אויך דאָס ציין־בערשטל און די ציין־פּאַסטע וואָלט איר באַקומען. אָבער איר זענט נישט פאַרשטענדיק. איר זענט אַן עקשן. דערפאַר באַקומט איר נישט קיין זאַך. איר ווילט אַ סיגאַ־רעט?

איך ענטפער נישט. דעם רויך פון זיין סיגאַרעט לאָזט ער אין דער ריכטונג פון מיינע נאָזלעכער.

די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין אַ מאַן אין ציווילער קליידונג. דער אויספאָרשער ציט זיך אויס, סאַלוטירט און שטייענדיק אויף אַכטונג, מעלדעט ער, אַז ער פאָרשט דעם פאַרהאַלטענעם מרדכי אורן. איך פאַר־שטיי, אַז אויך דער דאָזיקער מאַן איז אַן אָפיציר, פון די ממונים איבער מיין אויספאָרשער. ער דרייט זיך אַרום איבערן חדר, הין און צוריק, און קוקט אויף מיר אָן איבעררייס. ער פרעגט דעם אויספאָרשער ווי איז די לאַגע. דער ענטפער: ער האַלט זיך ביים זייניקן; ער וויל נישט דערציילן וועגן זיינע פאַרברעכנס. דער אָפיציר — אַ בלאָנדער, העלע אויגן, גרויסע ציין, דער אָפצייכן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין לאַץ פון זיין מאַנטל. ער שטעלט זיך אָפּ נעבן מיר.

— פאַרוואָס זאָגט איר זיך אָפּ צו רעדן? מיר ווייסן וועך איר זענט. מיר ווייסן, אַז אַ גרויסער פיש איז אַריינגעפאַלן אין אונדזער נעץ. אונדז איז אַלץ באַוווסט וועגן אייך, אייער טעטיקייט. מיר ווייסן נאָכוואָס איר זענט געקומען צו אונדז. מיט וועמען איר האָט זיך געטראָפן, וועגן וואָס איר האָט גערעדט מיט וויכטיקע מענטשן. וועלכע זענען געווען אייערע פּלענער. עס האָט נישט קיין טעם איר זאָלט פרווון דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר אונדז. מיר האָבן אַ שאַנק מיט דאָקומענטן. מיר האָבן צענדליקער עדות קעגן אייך. צוואָס עקשנט איר זיך? נאָכוואָס ליידט איר אומזיסט?

מיין ענטפער:

— נישט ריכטיק אַז איך זאָג זיך אָפּ צו רעדן. דאָס זאָגט זיך אָפּ דער אויספאָרשער מיך אויסצוהערן. איך בין גרייט צו דערציילן וועגן אַלע מיינע אַקטיוויטעטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. כ׳האָב נישט וואָס אויסצובאַ־האַלטן. יעדעס מאָל בין איך דאָ אַהערגעקומען אין שליחות פון אַ ישראל־דיקער אַרבעטער־פאַרטיי. איך בין אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט, דער־פאַר וויל איך דעם זיג פון סאָציאַליזם ביי אייך, גענוי ווי איך וויל זיין נצחון אין מיין לאַנד. ביז היינט ווייס איך נישט פאַרוואָס מ׳האָט מיך אַרעסטירט. כ׳בין זיכער, אַז מיין אַרעסט איז אַן אומגעזעצלעכער, אפילו לויט אייערע געזעצן. קאָן זיין אַז כ׳בין פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן סמך פון אַ האַרבער מיספאַרשטענדעניש. און אפשר בין איך אַרעסטירט געוואָרן דערפאַר, וואָס כ׳בין דאָ נייטיק צו עפּעס פאַרדעכטיקס אין מיינע אויגן? אויך די אויספאָרשונג איז נישט אין אָרדענונג. מיין פּשוטער שכל זאָגט מיר, אַז דער אויספאָרשער דאַרף מיר דערקלערן צוליב וועלכע עבירות און חטאים כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן. באַזונדערס ווען איך האַלט אין איין טענהן, אַז כ׳האָב מיט גאָרנישט געזינדיקט. אינדעראמתן, ווער איך בכלל

נישט געפּאַרשט. כ׳בין נאָר אַ שוצלאָזער אָביעקט פאַר איזדיעקעוועז זיך, זידלערייען און קלעפּ. איר זאָגט, אַז אייך איז אַלץ באַוווסט וועגן מיר: אויב ס׳איז פאַראַן ממשותדיקס אין אייערער רייד, פאַרוואָס זאָלט איר נישט ברענגען די דאָקומענטן? פאַרוואָס זאָלט איר נישט ברענגען אַלע עדות קעגן מיר, וואָס זאָלן אויפדעקן מיין כלומרשטע פאַרברעכערישע טעטי־קייט? איך זאָג אייך אָפן: איך גלייב נישט אין דעם. מיר שיינט, דאָס איר ווייסט נישט ביז איצט אין וואָס מיך באַשולדיקן. איר ווילט, כ׳זאָל אייך צושטעלן אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען קעגן זיך אַליין. כדי מיך דערצו דערפירן, הונגערט איר מיך אויס, איר רויבט צו מיין שלאָף, לאָזט מיך פרירן אין קעלט און איזדיעקעוועט זיך בעת דער אויספאָרשונג. אַזאַ אויפ־פירונג באַטראַכט איך ווי אַן אוממענטשלעכע און נישט־סאָציאַליסטישע. דאָס וועט אייך נישט גיין גרינג.

דער אָפיציר הערט זיך צו. ער רעגט זיך נישט אויף. ער שרייט נישט.

— אייער גאַנצער צוגאַנג — זאָגט ער — איז פון גרונט אויס אַ טעותדיקער. עס כאַפּט אַן אַ געלעכטער צו הערן פון אייער מויל, אַז איר זענט אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט. מיר ווייסן, אַז איר זענט אַ שונא פון סאָציאַליזם, אַז אייער פּאַרטיי איז אַן אַנטי־סאָציאַליסטישע. אייערע רייד זאָגן עדות, אַז אין פראַגן פון געזעץ און אויספאָרשונג למשל, זענט איר געפאַנגען פון בורזשואַזע אַנשויונגען. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם, האָט אַ שווערע האַנט כלפּי זיינע שונאים. די בורזשואַזיע איז צעפוילט. זי האָט נישט גענוג כוח צו קעמפן מיט אירע פיינט. דערפון די אַנדערשקייט אין אונדזערע געזעצן, אין אונדזער באַגיין זיך מיט די שונאים. אויך אינעם אויספאָרש־סיסטעם. איר זענט נישט דער איינציקער וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. מיר האָבן הונדערטער און טויזנטער אַזעלכע פאַלן. מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו שפּילן זיך מיט אייך. איר ווילט אונדז נאַרן און באַשווינדלען. איר וועט נישט מצליח זיין. כ׳בין זיך מודה, אַז איר זענט אַ שווערער פאַל. נאָך נישטאָ קיין אייך פּראָטאָקאָל אונטערגעשריבן דורך אייך. איך באַדויער זייער אַזאַ אויפ־פירונג. מיר וואָלטן געקאָנט גיין פאָרויס, ביי אָנשטענדיקע באַציונגען, ווען איר וואָלט זיך נישט געקלאַמערט אין דער ליניע פון ווידערשטאַנד. כ׳וויל קלאָר מאַכן אייך זאַך: איר זענט אַ פרעמדער בירגער. מיר האָבן נישט קיין אינטערעס איר זאָלט ביי אונדז זיצן אַ לאַנגע צייט. מיר האָבן נישט קיין שום כוונה אייך צו הענגען אָדער באַשטראָפן מיט אייביקער תפיסה,

אפילו ווען, לויט אונדזערע געזעצן, קומט אַזאַ שטראָף. אונדזער ווילן איז ווי אַמשנעלסטן אייך אַהיימשיקן. דאָס וואָס מיר ווילן פון אייך איז, איר זאָלט אונדז דערציילן דעם אמת וועגן אייערע פאַרברעכנס. דאָס קאָן אונדז העלפן אויפדעקן אונדזערע שונאים, וועלכע זענען אונדזערע בירגער און וואָס אין זייער אַנטשיידנדיקער מערהייט זענען זיי שוין אין אונדזערע הענט, אפילו אין דער דאָזיקער תפיסה. דאָס איז די איינציקע זאַך וואָס מיר ווילן פון אייך. איר האָט שוין געקאָנט זיין אינדערהיים. איך ווייס, אַז איר האָט אַ פרוי מיט קינדער. כ׳בין זיכער, אַז זיי קוקן זיך אויס די אויגן אין דערוואַרטונג. צוליב פאַרעקשנטע פרינציפּן זענט איר אַן אַכזר לגבי זיי און איר פאַרלענגערט זייערע יסורים. איר אַליין ליידט זיכער פון הונגער־קעלט, נישט רויכערן, נישט גענוגנדיקן שלאָף, פון נישט לייענען קיין ביכער. דאָס אַלץ קאָן זיין אַנדערש. נאָר איר זענט אַן עקשן און אומפּאַר־שטענדיק, צוליב אייער קלאַמערן זיך אין פרינציפּן, וועלכע זענען אַ פּרוכט פון בורזשואַזער דערציונג און בורזשואַזע אַנשויונגען. ענדערט אייער אויפפירונג און אייער גאַנצע לאַגע וועט זיך ענדערן. ס׳וועט צונויפגע־שטעלט ווערן אַ פּראָטאָקאָל און אין געציילטע טעג אַרום וועט איר קאָנען צוריקפאָרן אַהיים. טראַכט וועגן דעם. איך האָף, אַז איר וועט ענדערן אייער צוגאַנג.

איך וויל אים ענטפערן. ער ווענדעט זיך אָבער צום אויספאָרשער:

— ס׳איז שוין זייער שפּעט. פירט אים אַוועק אין קאַמער. זאָל ער נאָך באַווייזן אַ ביסל שלאָפן.

ער פאַרלאָזט דאָס ביוראָ. דער אויספאָרשער פירט מיך אַוועק אין קאַמער.

וואָס איז געשען, אַז מען רופט מיך נישט היינט צו קיין אויספאָר־שונג? מיין חבר איז שוין דאָרט אַוועק. די קאַמער איז קאַלט, פינצטער. ווי געוויינלעך, קאָן זיין, אַז אינדרויסן לייכט די זון. אָבער אין קאַמער איז דאָס אינגאַנצן נישט קענטיק. דאָ איז בין־השמשות. איך שפּאַציר איבער דער קאַמער. עס דערקוטשעט מיר די קעלט, הונגער. די פיס טוען וויי. זיי זענען אָנגעשוואָלן פון שטיין אויף אַכטונג, וואָס נעמט נישט קיין סוף. איך וויל שלאָפן. איצט בין איך אַליין אין קאַמער, איינזאַם מיט מיין טרויער, מיינע אינערלעכע ראַנגלענישן, מיט מיין בענקשאַפט אַהיים.

וואָס איז דער גורל פון מיינע טייערע אין דער היים? ווייסן זיי וואָס מיך האָט געטראָפן? טוט עפּעס די באַוועגונג, כדי אַנטדעקן מיינע שפורן? וועלן זיי באַווייזן מיך צו באַפרייען, איידער מ׳וועט מיך דאָ איינברעכן?

צי האָבן זיי בכלל באַוויזן צו דערגיין, אַז כ׳בין אַרעסטירט? אייניקע מאָל האָט מען מיר געגעבן אָנצוגעהערן, אַז אין ישראל האָט זיך כאילו אויס־קריסטאַליזירט אַ מיינונג, אַז ס׳איז מיר געשען אַן אומגליק אויסער די גרענעצן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איך האָף, אַז דאָס ביוראָ פון „אל־על" אין ווין האָט צווויסן געגעבן קיין ישראל, אַז כ׳בין בכלל נישט געקומען קיין עסטרייך. אַז דער ישראלדיקער קאָנסולאַט אין ווין האָט דורך אָפיציעלע קאַנאַלן פעסטגעשטעלט, אַז אין יענער סילוועסטער־נאַכט בין איך נישט אַריבער די עסטרייכישע גרענעץ. דאָס מיינט, אַז מיט מיר האָט עפּעס פּאַסירט אין תחום פון טשעכאָסלאָוואַקיע גופא. איך בין זיכער, אַז מיינע חברים אין ישראל וועלן האָבן דעם פּאָליטישן חוש אויף צו אַנטפּלעקן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן מיין „פאַרשווינדן" און דער כוואַליע פון אַרעסטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין יענער תקופה און דער ווילדער אַנטי־ציוניסטישער העצע אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּרעסע. דאָס הייסט, אַז אויב כ׳בין נעלם געוואָרן אין שטח פון טשעכאָסלאָוואַקיע, איז עס נישט סתם־אַזוי, נאָר כ׳בין אַרעסטירט. איז מעגלעך, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע זאָל אָפּלייקענען, אַז כ׳געפין זיך אין תפיסה? ווידער דערמאָן איך זיך אין „פאַרשוווּנדענע" מענטשן און ביז היינט ווייסט מען נישט זייערע שפּורן. די גרויסע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. אַלטער און ערליך בעת דער מלחמה. אַ שוועדישער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען יידן אין אונגאַרן.

אַ וואָסער גורל דערוואַרט מיך? איז מעגלעך, אַז מיך דערוואַרט אַן ענלעכער שיקזאַל אין טשעכאָסלאָוואַקיע, מיט איר הומאַנישער טראַדיציע? איז דאָך נישט איצט מלחמה־צייט מיט דעם כאַראַקטעריסטישן תוהו־ובוהו. אויך נישט די צייט פון סוף־מלחמה, ווען אַלץ וואָס באַלאַנגט צום געביט פון משפט, אונטערליגט דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, וואָס היט נישט איבעריק אָפּ די פאָרמאַליטעטן פון געזעץ און רעכט אין באַציונגען מיט מענטשן.

וויאַזוי פירט מען אַריבער וועלכע ס׳איז ידיעה אַהיים, קיין ישראל? צומווינציקסטן אַ סימן פון לעבן, כדי באַרויקן מיין בני־בית, מיט אַ צוגאָב־רמז, אַז כ׳בין אַרעסטירט? אויב זייער כוונה איז איינצוברעכן מיין האַלטונג, כדי פון מיר צו דערגרייכן „אַ ווידוי איבער מיינע פאַר־ברעכערישע מעשים" — און מיר שיינט, אַז דאָס זענען זיי אויסן — דאַרפן, ווייזט אויס, די פּסיכישע פּייניקונגען וואָס מען טוט אָן דעם אַרעס־טירטן דערמיט, וואָס מען דערלויבט אים נישט צו שיקן אַ סימן פון לעבן

צו זיין משפּחה, וואָס ציטערט איבער זיין גורל, און דערמיט וואָס מען דערלויבט נישט אים צו באַקומען פון זיי אַ לעבנס־סימן, — דערפילן אַ געוויסע אויפגאַבע. גייסטיקע פּייניקונגען זענען נישט קלענערע — אויב נישט שווערערע — פון פיזישע ליידן (הונגער, נישט־שלאָפן, קעלט, קלעפּ).

קאָן געמאָלט זיין אַזאַ דעגענעראַציע פון דער מענטשלעכער מאָראַל אין אַ רעזשים וואָס שטרעבט צו סאָציאַליזם? מיין פאָדערונג צו אַן אָנשטענדיקער מענטשלעכער באַציאונג, מיין טריישאַפט צום אמת, מיין קעגנערשאַפט צו אַזאַ פּאַרש־סיסטעם, וואָס שטיצט זיך אויף איזדיעקוווען זיך איבערן אַרעסטירטן — דאָס אַלץ באַצייכענען זיי אַלס רעשטלעך פון דער בורזשואַזער מענטאַליטעט, אין רעזולטאַט פון דערציונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער מדינה. דער שווינדל, דער טעראָר לגבי דעם אַרעסטירטן, דער הונגער־רעזשים, דאָס צורייבן דעם שלאָף, בקיצור — דער רעזשים פון פיזישן און גייסטיקן צוואַנג, אָנגעווענדט כלפּי דעם אַרעסטירטן, כדי אים דערפירן אויסצוטראַכטן אויף זיך פאַרברעכנס, וועלכע ר׳איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען — דאָס אַלץ באַצייכענען זיי ווי געזעץ און משפּט פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער בויט דעם סאָציאַליזם. קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ מער האַרבערע פעלשונג פון סאָציאַליזם און זיינע פּרינציפּן? קאָן נאָך מעגלעך זיין אַ גרעסערע, מער שרייענדיקע פאַרשוועכונג פונעם נאָמען פון סאָציאַליזם?

זיי זעען אין מיר, אָדער מאַכן דעם אָנשטעל אַז זיי זעען אין מיר, אַ פיינד וואָס איז געקומען קיין טשעכאָסלאָוואַקיע כדי אונטערצוגראָבן דעם רעזשים. איך פיל, אַז זיי האָבן בדעה מיך אַריינצופלעכטן אין אַ געוועב פון אַ פּאָליטישער אינטריגע אין גרויסן פאַרנעם. נאָר וואָס איז די אינטריגע? און וואָס איז איר תכלית? און אין וואָס קאָנען זיי זיך אָנהאַלטן, כדי מיך באַשולדיקן אין גראָבן אונטערן רעזשים? זיי פאַרלאַנגען פון מיר איך זאָל דערציילן וועגן פאַרברעכנס וואָס כ׳בין באַגאַנגען קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע און איר פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים. דאָס מיינט, אַז ביז איצט איז זיי נישט קלאָר אין וואָס מיך צו באַשולדיקן. אייגנטלעך ווילן זיי כ׳זאָל זיי אין דעם צוהעלפן. כ׳בין איבערצייגט, דאָס זיי ווייסן גוט אַז כ׳צין אומשולדיק. אָבער וואָס אייגנטלעך בין איך אַזוי זיכער דערין? טאָבער פאַרדעכטיקן זיי פאַרט אַז איך בין אַ פיינד? עס דערמאָנען זיך מיר די באַשמוצנדיקע און העצערישע אַרטיקלען קעגן ציוניזם בכלל,

וואָס מ׳האָט מיר איבערגעזעצט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּרעסע אין די לעצטע טעג פון מיין זיין אין פּראָג — פאַרן אַרעסט. דער ציוניזם איז דאָרט פאַרגעשטעלט געוואָרן נישט נאָר ווי עפּעס רעאַקציאָנערס, ווי ס׳איז פון שטענדיק אָנגענומען אין די קאָמוניסטישע קרייזן. ער איז געשילדערט געוואָרן ווי אַ באַוועגונג, וועמענס עיקרדיקע טענדענץ עס איז צו צעשטערן דעם סאָציאַליזם, אונטערטרייסלען דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים. ווער ס׳האָט געשריבן די דאָזיקע אַרטיקלען, ווייסט זיכער אַז דאָס איז בלויז אַ פאַרדרייאונג, אַ פאַרברעכערישער בלבול. פונדעסטוועגן ווירקט די דאָזיקע העצע, זי דערציט, זי געשטאַלטיקט די עפנטלעכע מיינונג. בפרט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט אָפּצולייקענען די דאָזיקע פאַרשוועררונג פאַר דערזעלבער עפנטלעכער מיינונג, נישטאָ דאָ קיין מעגלעכקייט אויפצודעקן דעם דאָזיקן שווינדל אין ליכט פון פאַקטן.

אַלנפאַלס, זייער טענדענץ — „מאַכן" פון מיר אַ פּאָליטישן פאַרברעכער, א שונא פון סאָציאַליזם, אַ פיינד פון זייער רעזשים. זיי ווילן נאָר אַז איך אַליין זאָל זיי ליפערן די ציגל צום ליגנערישן בנין, וואָס זיי האָבן בדעה אויפצושטעלן. און לויט ווי איך זע, ווילן זיי מיך דערפירן דערצו דורך דעם פאַרש־סיסטעם וואָס איז בכלל קיין אויספאָרשונג, נאָר אַ צונויפשטעל פון פיזישע און גייסטיקע פייניקונגען. פאַרלויפיק האַלט איך זיך נאָך. וועל איך אָבער האָבן גענוג כוח, אויב דאָס געשפּענסטיקע לעבן וועט זיך נאָך ציען וואָכן און חדשים? איך דאַרף זיך מיט זיי ראַנגלען ווי לאַנג די כוחות דינען מיר.

די אָפיצירן וואָס האָבן מיך באַזוכט ביינאַכט, האָבן געזאָגט, אַז ס׳האָט נאָך נישט געטראָפן אין דער דאָזיקער תפיסה, אַז אַן אַרעסטירטער זאָל נישט רעדן: דאָס הייסט, ער זאָל נישט זאָגן דאָס וואָס זיי ווילן. איך דערמאָן זיך די ווידויים אויף די מאָסקווער פּראָצעסן, וועגן וועלכע כ׳האָב בשעתו געשריבן זייער שאַרפע ווערטער. דער צווייטער אָפיציר האָט מיר געזאָגט, אַז אויב כ׳זאָג זיי אַלץ, וועט מען מיך שיקן אַהיים. איך גלויב נישט. זיי וועלן מיך נישט אַהיימשיקן, דאָרט וועל איך גלייך קאָנען אויפדעקן זייער גאַנצן שווינדל פון דער „ווידוי". איך דאַרף זיך מיט זיי ראַנגלען. אפשר וועט מיין עקשנותדיקע האַלטונג פאַרט צוימען. אפשר וועלן זיי זיך פאַרט דערמאָנען, אַז כ׳בין אַ פרעמדער בירגער און זיי דאַרפן אומגיין פאָרזיכטיק מיט מיר. איך נעם אָן, אַז מיינע חברים אין ישראל וועלן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און לאָזן אין גאַנג פאַרשיידענע פאַקטאָרן, כדי אויפקלערן די „מיספאַרשטענדעניש" וואָס איז דאָ

פֿאַרגעקומען. איך גלויב, אַז עס וועט קומען אַ וועלכע ס'איז אינטערווענץ לטובת מיר. איך מוז אויסהאַלטן.

מען נישטערט אין מיין ביאָגראַפֿיע

נאָכדעם ווי די אויספֿאָרשונג אין נוסח „דערצייל אונדז וועגן דיינע פֿאַרברעכנס קעגן אונדזער רעזשים" האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן פֿון איר טויטן פּונקט, איז, ווייזט אויס, באַשלאָסן געוואָרן אַנצוווענדן אַן אַנדערע ליניע. זיי הייבן אָן נישטערן אין מיין „ביאָגראַפֿיע": סאָציאַלער אָפּשטאַם, דערציִונג, כאַראַקטער פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט, פֿון די יוגנט־יאָרן אָן, כדי צו אַנטפּלעקן אָנהאַלט־פּונקטן פֿאַר זייער ווערסיע, אַז איך בין אַ פֿיינד פֿון סאָציאַליזם. זייער פֿראָנטאַלע אַטאַקע איז אַדורכגעפֿאַלן. זיי גייען איבער צו אַ טאַקטיק פֿון פֿלאַנקירונג.

כ'ווער אויפֿגעפֿאָדערט צו דערציילן גענוי וועגן מיין לעבן. איך דערצייל.

דער אויספֿאָרשער שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ אויפֿן סאָציאַלן שטאַנד פֿון מיינע עלטערן. זייער באַשעפֿטיקונג. די אַטמאָספֿער אין שטוב.

— מיט וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען אייערע עלטערן?

— מיין פֿאָטער האָט געהאַט אַ שענק און געהאַנדלט מיט ווייַן.

— וויפֿל לוין־אַרבעטער האָט ער באַשעפֿטיקט?

— אַפֿילו נישט קיין איינעם. אויך מיין מוטער האָט געאַרבעט אין געשעפֿט, אויסער דער אָנפֿירונג פֿון דער שטוב־ווירטשאַפֿט. זיי האָבן זיך מפרנס געווען פֿון אייגענער אַרבעט. אַז ס'איז נייטיק געווען, האָבן אויך די גרויסע קינדער צוגעהאָלפֿן.

— ווילט איר זאָגן, אַז זיי זענען געווען פּראָלעטאַריער?

— איך זאָג דאָס נישט. אין אונדזער שטעטל זענען בכלל נישט געווען קיין פֿאַבריקן און ס'איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַריאַט. איך זאָג נאָר, אַז מיינע עלטערן האָבן נישט געלעבט פֿון עקספּלואַטירן לוין־אַרבעטער און דער לעבנס־ניווא פֿון מיין פֿאַמיליע איז געווען אַ גענוג נידעריקער.

— ווו זענען איצט אייערע עלטערן?

— מיינע עלטערן, צוויי ברידער און אַ שוועסטער זענען אומגעקו־

מען בעת דער נאַצי־תקופה אין פּוילן. איינער פון מיינע ברידער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און ער לעבט איצט מיט זיין משפחה אין קאַליפאָרניע.

— אַ וואָסער אַטמאָספער האָט געהערשט אין שטוב פון די על־טערן ?

— מיין טאַטע־מאַמע זענען געווען רעליגיעזע. אויסער דעם האָט אין שטוב געהערשט אַ נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אַטמאָספער.

— דאָס הייסט, אַז איר האָט אינדערהיים באַקומען אַ רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטיש־רעאַקציאָנערע דערציונג ?

— ריכטיק, אַז אין די קינדער־יאָרן האָב איך זיך דערצויגן אויפן שויס פון דער רעליגיעזער טראַדיציע, אָבער די דאָזיקע דערציונג איז געווען אַ ליבעראַלע. און אַזוי, אין פריען עלטער (זייענדיק 15—16 יאָר אַלט), איז מיר בכלל נישט שווער געווען צו באַפרייען זיך פון רעליגיעזע באַגריפן און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן מיט וועלטלעכע קאַטעגאָריעס, אונ־טערן איינפלוס פון דער שול און פון דער באַוועגונג „השומר הצעיר”. די נאַציאָנאַלע דערציונג אין הויז פון מיינע עלטערן איז נישט געווען קיין נאַציאָנאַליסטיש־רעאַקציאָנערע, נאָר אַ דערציונג אין גייסט פון פאַרבינדונג צווישן יידישן יחיד און זיין פאָלק, אין גייסט פון ליבע צום עבר פון פאָלק און צוגעבונדנקייט צו דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג פון מיין פאָלק אין ארץ־ישראל — און אין דעם איז נישט פאַראַן קיין נאַציאָנאַליזם און נישט קיין רעאַקציע.

— אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז איר זענט נישט פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. דאָס מאַכט דעריבער צונישט אייער טענה, אַז איר זענט אַ סאָציאַליסט.

— ס׳איז מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַ סאָציאַליסט, אפילו ווען ער איז נישט פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. מאַרקס און ענגעלס, ווי באַוווּסט, זענען נישט געווען פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג...

דער אויספאָרשער שוימט אויף : — כ׳וועל נישט דערלויבן אַ פאַר־ברעכער און אַ פיינד פון סאָציאַליזם ווי איר, צו פאַרשוועכן די נעמען פון פערזענלעכקייטן, וואָס זענען פאַרהייליקט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. — אויסער דעם, טענהט ער, אַז מיינע ווערטער זענען נאַרישקייטן און דעמאַגאָגיע. אויב כ׳וועל זיך ווייטער באַנוצן מיט דעמאַגאָגישע רייד, וועט ער מיך באַשטראָפן און אַריינוואַרפן אין קאַרצער.

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל רעזומירט ער אויף אַזאַ אופן : — איר זענט פון אַ נישט־פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. דערצויגן זיך אין נאַציאָנאַל־

רעאַקציאָנערן און נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישן גייסט. דאָס גיט אונדז דעם שליסל פעסטצושטעלן אייער טעטיקייט, אייער כאַראַקטער, ווי אַ שונא פון אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם.

איך פּראָטעסטיר קעגן דעם דאָזיקן „וויסנשאַפטלעכן" אויספיר. דער אויספאָרשער שטילט מיך אָבער איין, ער פאַרצייכנט עפּעס אין זיין העפט.

די דאָזיקע ווערטער זענען נישט מער ווי אַ תמציתדיקער קיצור פון אַן אויספאָרשונג, וואָס האָט זיך געצויגן אייניקע טעג און נעכט. און נאָך ווערט די אויספאָרשונג פאָרגעזעצט — אויף דער תקופה פון דער גימנאַזיע און מיין צושטיין צו דער באַוועגונג פון „השומר הצעיר". אויף דעם פאַרלאַנג פון אויספאָרשער דערצייל איך ווייטער. איך ענטפער אויף שאלות.

— אין עלטער פון 15 יאָר האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין דער „השומר הצעיר"־באַוועגונג אין מיין געבורטס־שטאָט (פּאָדהייצע, מזרח־גאַליציע). איך קלער אויף דעם אויספאָרשער, אויף זיין פאַרלאַנג, דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער באַוועגונג און אירע טענדענצן אין יענע טעג: נאַציאָנאַל, חלוציש, סקויטיש.

— דאָס הייסט — „רעזומירט" דער אויספאָרשער — אַ נאַציאָנאַ־ליסטיש־רעאַקציאָנערע באַוועגונג.

איך ענטפער: — ניין, אַ באַוועגונג, וואָס וועקט די יידישע יוגנט צו נאַציאָנאַל־פאָלקסטימלעכן באַוווסטזיין און צו האַסן פּאַראַזיטישקייט פון אַלע מינים... זי האָט אויך געווירקט צווישן טשעכישן פאָלק — אין דער תקופה פון פאַרקנעכטונג צו די האַבסבורגער. אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, ביי דער אינספּיראַציע פון די בעסטע שרייבער און גייסט־מענטשן, קעגן די פּראָצעסן פון אַסימילאַציע און דעגענעראַציע — און פאַר דעם אידעאַל פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פונעם טשעכישן פאָלק.

דער אויספאָרשער רייסט מיר איבער מיט אַ שטראָם זידלערייען. ער באַשולדיקט מיך ווידער אין דעמאַגאָגישע רייד. די באַליידיקונגען דינען אים אַלס ערזאַץ פאַר אַרגומענטן. איך צווייפל, צי ער האָט אין זיין לעבן געלייענט אַמאָל עפּעס טעאָרעטישס. וואָרשיינלעך, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט אַריינגעבליקט אין אַ בוך פון מאַרקסן צי מאַרקסיזם. אַנטקעגן דעם זעט מיר אויס, אַז ער האָט פון אויסנווייניק געלערנט די העץ־אַרטיקלען קעגן ציוניזם, וואָס ווערן מן־הסתם נאָך איצט פאַרעפנטלעכט. יעדן טאָג

באַמערק איך אין זיינע רייד אַ נייעם נוסח פון שמוץ און בלבולים קעגן ציוניזם און דאָס קאָן נישט זיין קיין פּרוכט פון זיינע מחשבות. ער טראַכט נישט.

אינטערעסאַנט, אַז די זידל־ווערטער קעגן ציוניזם זענען אין מיינסטע פאַלן צוגעטשעפּעט צו די נעמען פון סלאַנסקי און קלעמענטיס. אָפט דערמאָנט ער אגב־אורחא די נעמען פון געמינדער, פישעל, פרייקע, אַנדרע סימאָן (אָטאָ כץ), מרגליות און ער באַצייכנט זיי אַלס „אָפּעריסטן", „פאַרברעכער", „ציוניסטישע שווינדלער", „פאַררעטער פון סאָציאַליזם", „מערבדיקע שפּיאָנען".

אין אַזעלכע פאַלן פאַרגעסט ער נישט אָנצוּווייזן אויף זייער ייִדיש־קייט (אויסער קלעמענטיס, וועלכער האָט זיך בלויז „פאַרקויפט" צו ייִדן) און נאָך צוגעבן זאַפּטיקע, אַנטיסעמיטישע זידלערייען. נישט איינמאָל באַמערקט ער, אַז זיי זענען מיינע שותּפים צום פאַרברעכן און אָן שום ספק קען איך זיי אַלע גוט פון אונדזער געמיינזאַמער טעטיקייט. פון דעם לערן איך, אַז זיי אַלע — וואָס בלויז קלעמענטיסן קען איך פערזענלעך — זענען פאַרשפּאַרט אין תּפיסה.

עס גייט זיך דאָ „פאַרקאָכן" אַ גראַנדיעזער מאָנסטער־פּראָצעס. אויב משפּטן לויט די באַצייכענונגען פונעם אויספאָרשער, וועט דעם פּראָצעס צוגעגעבן ווערן אַן אַנטי־ייִדישע, אַנטיסעמיטישע און אַנטי־ציוניסטישע באַפאַרבונג. אָבער די דאָזיקע אַלע מענטשן זענען מיר באַקאַנט ווי אָרטאָדאָקסאַלע אַסימילאַטאָרן, ווי אויסגעשפּראָכענע אַנטי־ציוניסטן, ווי מענטשן, וועלכע האָבן פאַרנומען צענטראַלע אַמטן אינעם פּאַרטייאישן און מלוכהשן אַפּאַראַט. ווי אַזוי וועלן זיי פאַר דער עפנטלעכער מיינונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין דער וועלט פאַרגעשטעלט ווערן אַלס ציוניסטן? די גאַנצע וועלט וועט דאָך לאַכן פון דעם דאָזיקן פאַרס! נישטאָ דאָך עפּעס גרינגערס ווי אָפּפרעגן די טענה, אַז אָט די קאָמוניסטן און אַנטי־ציוניסטן זענען געוועזן אַגענטן פון ציוניזם! און נאָך: קאָן געמאָלט זיין אַן אָפיציעלע אַנטיסעמיטישע העצע אין אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיע? אַן אָפיציעלע אַנטי־סעמיטישע העצע, אַן אָפענע פאַר דער גאַנצער וועלט? מיר איז שווער דערין צו גלייבן. אפשר זענען דעם אויספאָרשערס רייד בלויז באַווירקט פון אַן אויספאָרש־שיטה? אפשר זענען דאָס בלויז אומפאַרזיכטיק אַרויס־געכאַפּטע ווערטער? נאָר וואָס מיך באַאומרויקט, איז באַשיינפּערלעך, אַז זיי פּלאַנירן מיך אַריינפלעכטן אין דעם דאָזיקן פינצטערן סקאַנדאַל.

דער אויספאָרשער פרעגט מיך וועגן ציל פון סקויטינג אין דער השומר־הצעיר־באַוועגונג. איך קלער אים אויף. ער פאַרצייכנט אין זיין העפט און גיט אַ זאָג: „דאָס הייסט, ערשטע איבונגען אין דער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט: די גאַנצע סקויטישע יוגנט־באַוועגונג איז אַ שול פאַר שפּיאָ־נאַזש". אַלע מיינע אויפקלערונגען זענען צו גאָרנישט. „איר וועט נישט באַווייזן מיך אָפּצונאַרן" — פּסקנט ער, און גייט איבער צו אַנדערע פּונקטן.

ער אינטערעסירט זיך מיט וואָס כ'האָב זיך פאַרנומען אין דער צייט פון לערנען אין גימנאַזיע (6—7 קלאַס) אין בזשעזשאַני (אַ שטאָט לעבן מיין געבורטס־אָרט). צווישן אַנדערן דערצייל איך, אַז די אַטמאָספער אין גימנאַזיע איז געווען אַן אַנטיסעמיטישע סיי צווישן די לערער און סיי צווישן די פּוילישע שילער. ער באַמערקט: „אומעטום האָט מען אייך פיינד, און מיט רעכט".

כ'בין געווען טעטיק צווישן די יידישע שילער קעגן די אַסימילאַ־טאָרישע טענדענצן און געפּלעגט צווישן זיי נאַציאָנאַל־ציוניסטישן באַ־וווסטזיין. — קלאָר, דעריבער, אַז שוין פון די יוגנט־יאָרן האָט איר געאַר־אין אַ רעאַקציאָנערער ריכטונג — באַמערקט דער אויספאָרשער.

איך דערצייל, אַז אין דער באַהאַנדלטער תקופה האָב איך אין בזשעזשאַני אָרגאַניזירט אומלעגאַל אַ קן פון השומר הצעיר, וואָס איז צוויי אָדער דריי יאָר פריער אויפגעלייזט געוואָרן דורך דער מאַכט.

— דאָס הייסט, אַז שוין דעמאָלט זענט איר געווען טעטיק קעגן געזעץ — פּסקנט ער און פאַרווערט מיר צו רעאַגירן אויף זיינע נאַרישע רייד. אויך די דאָזיקע אַנטפּלעקונג פון מיין פאַרברעכערישער פאַרגאַנ־גענהייט פאַרצייכנט ער אין זיין העפט.

דאָס דערווײַלן מיך אין דער צענטראַלער אָנפירונג פון השומר הצעיר און דערנאָך אין דער הויפּט־אָנפירונג פון דער וועלט־באַוועגונג פאַרשרייבט דער אויספאָרשער אין זיין העפט ווי אַן אויפשטייג אויף די שטאַפּלען פון מיין קאַריערע אין דער רעאַקציאָנערער טעטיקייט און ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען פאַר ציוניסטישער אונטערגראָ־בונגס־אַרבעט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. עס ווערט קלאָר, אַז שוין דעמאָלט, אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן, האָב איך פאָרויסגעזען ווייט, אַז ס'וועט קומען אַ צווייטע וועלט־מלחמה און מיט איר פאַרענדיקונג וועט אין די פערציקער יאָרן אַנטשטיין אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אַנדערע לענדער אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיע און אַז אויף מיר וועט מען אַרויפלייגן די פליכט צו באַזוכן אין די דאָזיקע לענדער. און דערפאַר האָב איך דעמאָלט

אָנגעקניפּט „אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען", כדי כ'זאָל אין צוואַנציק יאָר אַרום קאָנען ווירקן קעגן די פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס און פּאַרן צוריק־שטעלן דעם אַלטן רעזשים אין די מדינות.

אויף דער אידישער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער השומר־הצעיר־באַוועגונג, ווען זי איז אין די צוואַנציקער יאָרן דערגאַנגען צום סינטעז פון אירע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע יסודות מיט דער מאַרקסיס־טישער און סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויונג, רעאַגירט ער מיט אַ ביטול־דיקן מאַך מיטן האַנט: „דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ קאַמופלאַזש. מיר באַזיצן הונדערטער באַגלויבטע דאָקומענטן, אַז ביזן היינטיקן טאָג איז דער אמתדיקער, פאַרבאָרגענער פּראָגראַם פון אייער דערציערישער באַוועגונג און פון אייער פּאַרטיי אַ רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישע. דאָס פּראָגראַם כלפּי־חוץ וואָס באַנוצט זיך מיטן סאָציאַליזם און מאַרקסיזם, איז נישט מער ווי מאַסקירונג און שווינדל. דאָס איז אייך נייטיק, כדי איר זאָלט זיך קאָנען אַריינגנבענען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און פאַרדעקן אייערע שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָטאַזש־מעשים קעגן סאָציאַליזם".

איך צעלאַך זיך, און מיין סוף — אַ היפּשע פּאַרציע קלעפּ, באַגלייט מיט אַ מבול זידלערייען.

ס'האָט נישט קיין טעם צו רעאַגירן. ס'האָט נישט קיין צוועק דער וויכוח. דאָס איז נישט קיין יורידישע אויספאָרשונג. דאָס איז אַ געוויסנלאָז איזדיעקעווען זיך. אַ ברוטאַלער טעראָר.

דער „היפּנאָטיזירנדיקער" אויספאָרשער

מיין האָפענונג, אַז דאָס באַשעפטיקן זיך מיט מיין „ביאָגראַפיע", וועט געמאַכט ווערן בלויז אין טאָג־אויספאָרשונגען, (אַזוי איז געווען די לעצטע וואָך), ווערט אויסגערונען. ווידער וועקט מיך איבער דער וועכטער אינמיטן נאַכט, נאָענט צו חצות. ער פירט מיך אַוועק אין אַנדערן פליגל, נישט דעם וואָס כ'בין געווען געווּינט. כ'נעם אַראָפּ דאָס האַנטעך פון מיינע אויגן און קוק זיך אַרום. אַן אַנדערע פאָרש־קאַנצעלאַריע. אַן אַנדערער אויספאָרשער.

אַן אַנדער ביוראַ, אָבער די מעבלירונג און די אויסשטאַטונג זענען איינגאַנצן ענלעך צום אָרט פון מיינע פריערדיקע אויספאָרשונגען. דער אויספאָרשער איז אַ נידעריקער. די פּנים־שטריכן ווייניקער גראָבע. אויך ער איז אין אַ מונדיר. ער הייסט מיך אַוועקזעצן אין ווינקל, באַשטימט פאַרן געפאָרשטן. ער עפנט נישט דאָס מויל. ער קוקט נאָר אויף מיר. איך קוק אויף אים. דאָס ציט זיך אַזוי אַ לאַנגע צייט. ער זיצט הינטערן שרייב־טיש און קוקט אויף מיר אָן אַן אויפהער, נישט אַרויסלאָזנדיק די פּאָרע פון מויל.

עס שטאַרקט זיך אין מיר אַ מאָדנע געפיל, אַז ער וויל מיך היפּ־נאָטיזירן. ער קוקט אויף מיר אָן אַן אויפהער. איך הער אויף קוקן אויף אים און שיק מיינע בליקן אויף אַנדערע ערטער. אַנטקעגן מיר אויף דער וואַנט — די בילדער פון סטאַלין און גאָטוואַלד. אין סטאַלינס קאָפּ — אַ ביסל גראָע האָר. ער שמייכלט. דער שמייכל זעט מיר אויס עטוואָס אַ צינישער. צענדליקער און הונדערטער אומשולדיקע מענטשן וואָס פּייניקן זיך אין דער דאָזיקער תפיסה, שטויסן זיך אָן, ווייזט אויס, אין דעם שמייכל פון סטאַלין. איז ער נישט אין אַ באַשטימטער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס מיך האָט געטראָפן? איך כאַפּ אַ בליק אויפן אויספאָרשער. ער זיצט כמעט פאַרשטיינערט און קוקט אויף מיר.

און אָט דאָס בילד פון גאָטוואַלדן.

אין 1947, ווען ער איז געווען פּרעמיער, האָבן מיר איינער דעם צווייטן געדריקט די הענט, ווען כ'האָב זיך באַטייליקט — ווי אַ מיטגליד פון דער הסתדרות־דעלעגאַציע צום צוזאַמענפאָר פון דער וועלט־פעדעראַ־ציע פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פּראַג — אין אַ קבלת פּנים, וועלכן גאָטוואַלד, אַלס פּרעמיער, האָט איינגעאָרדנט אין זיין פּאַלאַץ לכבוד די דעלעגאַטן. זאַפּאַטאָצקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער ראש פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, האָט מיך פאָר אים פאָרגע־שטעלט. איצט איז גאָטוואַלד פּרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. טאָג און נעכט זעט ער, כאילו מיטן אויסדרוק פון סאַטיספאַקציע, וויאַזוי סאַדיסטן, וואָס רופן זיך אויספאָרשער, איזדיעקעווען זיך אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע איבער אַן אומשול־דיקן ישראלדיקן סאָציאַליסט. ווייסט גאָטוואַלד, דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, וועגן די פאַרברעכנס פון זיינע אויספאָרשער איבער אומשול־דיקע קרבנות? צי ווייסט ער וועגן די ליידן און פּיין פון מענטשן וואָס האָבן געטאָן דאָס בעסטע פאַרן סאָציאַליזם און פאַרן רענעסאַנס פון זייער פאָלק,

וואָס זענען צוליב וואָס עס איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די שליחים פון זיין פּאָליטישער פּאָליציי? צי ווייסט גאָטוואַלד, וויאַזוי דער סאָציאַליזם ווערט פאַרקריפּלט און פאַראומרייניקט דורך זיינע מענטשן אין די גהינום־קאַנצעלאַריעס פון דער רוזינער תפיסה און אַנדערע תפיסות אין זיין מדינה?

איך קער ווידער אויס דעם בליק אויף מיין אויספאָרשער. ער קוקט נאָך אַלץ אויף מיר, אָן איבעררייס.

ווי לאַנג וועט ער אַזוי קוקן, נישט אַרויסרעדנדיק אַ וואָרט? וואָס אייגנטלעך וויל ער פון מיר? מיינט ער מיך צו פאַרשן? פאַרוואָס הייבט ער נישט אָן? אפשר איז ער טאַקע אַ ספּעציאַליסט פאַר היפּנאָז? כ׳קאָן זיך נישט באַפרייען פונעם געפיל, אַז ער פּרובירט מיך היפּנאָטיזירן.

זיין אופן פון קוקן איז אייגנאַרטיק. ער איז אַ דעמאָנסטראַטיווער, אַן אונטערשטרייכנדיקער. ער קוקט אויף מיר גלייך, מיט אַ פיזישן און גייסטיקן אָנשטרענג, אויס העכסטער גייסטיקער קאָנצענטראַציע. זיינע אויגן קריכן ממש אַרויס פון די לעכער. זיין בליק נעמט מיך נישט אַרום אינגאַנצן. די גאַנצע צייט ריכטעט ער אים אין איין פּונקט — צו מיינע אויגן. איך קוק קעגן זיך.

אונטער די בילדער פון סטאַלין און גאָטוואַלד הענגט אין אַ רעמל אַ לאָזונג מיט אַ ציטאַטע פון פעליקס דזשערזשינסקיס רייד, דעם גרינדער פון ג.פ.או. אין ראַטנפאַרבאַנד. איצט פאַרשטיי איך שוין צו דעשיפרירן דעם אינהאַלט פון דעם געלייענטן. דאָס איז דער אינהאַלט:

„אַ קאַלטער קאָפּ, אַ גליענדיק האַרץ און אַבסאָלוט ריינע הענט".

ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע ווערטער פון דזשערזשינסקין דאַרפן עס דינען אַלס לייט־מאָטיוו פאַר דער אויפפירונג פון די אויספאָרשער אין דער סאָציאַליסטישער וועלט.

איך ווייס נישט אויב זייער קאָפּ איז קאַלט און דאָס האַרץ איז גליענדיק. כ׳ווייס נאָר, אַז זיי זענען פול מיט פאַרברעכערישע כוונות לגבי מיר. „אַבסאָלוט ריינע הענט?" די הענט פון מיין אויספאָרשער האָב איך זייער גוט קענען געלערנט: ביינערדיקע, כוליגאַנישע פויסטן.

בעת איך טראַכט נאָך וועגן דזשערזשינסקיס רייד, הער איך דאָס קול פונעם אויספאָרשער. ער רופט מיך צוצוגיין צום שרייבטיש. ער לייגט פאַר מיר אַוועק אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר און הייסט מיך אונטערשרייבן דעם נאָמען. איך שרייב אונטער. ער גיט מיר אָנצוגעהערן כ׳זאָל צוריקגיין אויף

מיין אָרט. ער קוקט אַ ווײַלע אויף מיין אונטערשריפט און שטעלט זיך אויף, ער הייבט אָן שפּאַצירן לענגאויס דעם צימער, מיטן בליק געווענדעט אויף מיר, ווי פריער, אויף אַן אונטערשטרייכנדיקן אופן און אָנגעשטרענגט קאָנצענטרירט, אפילו ווען ער גייט פאַרביי אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן, איז זיין פּנים געריכטעט אויף מיר ביים אומאויפהערלעכן קוקן אויף מיר. אַז ער דרייט זיך אויס, טוט ער דאָס בליץ־שנעל, כדי מיך זען אויך ביים אויסדרייען. ער דערמאָנט מיר די באַוועגונג פון אַ באַלעט־טענצעריןָ, אָפּטמאָל זעט ער מיר אויס ווי אַ קונצנמאַכער. איך קוק אין פאַרשידענע ריכטונגען, בעת דער אויספאָרשער איז עקשנותדיק ממשיך מיט זיינע מאָדנע איבונגען.

דאָס ציט זיך שעהן. אָן אייזערן געדולד פאַרמאָגט ער, דער אויס־פאָרשער. צום סוף פאַרהאַלט ער זיך, ממש פאַר מיר — אין אַ מרחק נישט מער ווי אַ האַלבן מעטער. זיין בליק — ווידער פון אַ היפּנאָטיזירער. ער שטייט און קוקט אין מיינע אויגן. זיין בליק פון אַזאַ נאָענטקייט וואַרפט אויף מיר אָן עפּעס שווידערלעכס. וואָס וויל ער פון מיר? ער שטייט אַזוי נאָענט, אַז איך קאָן נישט זען קיין אַנדערע זאַך אויסער זיין אָנגעשטרענגט געזיכט און אויגן וואָס שיקן אין מיין פּנים פיילן. אַ טייוולאָנישער בליק.

וואָס וויל ער? וואָס איז ער אויסן? וואָס טאָן מיט זיך? זאָל ער שוין סוף־סוף אָנהייבן רעדן, פרעגן, פאָרשן. ווי לאַנג וועט ער מיך פּייניקן מיט זיין טייוולאָנישן בליק?

איך פאַרגעס אַלץ: דעם נאַגנדיקן הונגער, די קעלט וואָס דרינגט אַריין אין אַלע אברים. אדרבה, מיר שיינט, אַז ס׳ווערט מיר הייס. כ׳פּיל, גלייך כ׳וואָלט אָנגעהויבן שוויצן. איך ציטער אינגאַנצן. איך זע נישט קיין זאַך. נישט די זאכן אין ביורא, נישט די בילדער פון סטאַלין און גאָטוואַלד. נישט דעם אויספאָרשער וואָס שטייט פאַר מיר, אויך נישט זיין פּנים. איין זאַך זע איך: שטומע, גרויסע, ברייט־צעעפנטע אויגן. אויגן וואָס דרינגען אַריין אין מיינע ווי שאַרפע מעסערס. מיר שיינט, אַז באַלד וועל איך אויס־ברעכן אין אַ געשריי: לאָז אָפּ, אוממענטש, תלין!

אין מאָמענט ווען מיר ווייזט זיך אויס, אַז כ׳וועל שוין נישט קאָנען מערער איבערטראָגן די דאָזיקע שרעקלעכע שווייגעניש, ווען איך פּיל, אַז עפּעס גייט אויסברעכן אין מיר — הער איך פון זיין מויל רייד. רייד וואָס באַרויקן דעם שטורעם:

— אַלזאָ, אורן, דערציילט וועגן אייערע פאַרברעכנס. — זיין בליק איז געוואָרן ווייניקער אָנגעשטרענגט, ווייניקער קאָנצענטרירט. דער זאַץ וואָס איז מיר אַזוי נמאס געוואָרן אין משך פון צענדליקער אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט, קלינגט איצט אין מיינע אויערן ווי עפּעס וואָס באַרויקט, עפּעס אָנגענעמס. די גייסטיקע שפּאַנונג, די נערוון־שפּאַנונג אין וועלכער כ׳האָב זיך געפונען אין די דאָזיקע שעהן — ווי לאַנג די דאָזיקע נאַכט דויערט! — ווערט לויזער. דאָס איז, ווייזט אויס, געוועזן אַ רעזולטאַט פון אומזיכערקייט, פון נישט וויסן, וואָס וויל פון מיר דער אויספאָרשער מיט זיין טייוולאָנישן בליק, וואָס לעכערט מיך אין משך פון שעהן. ווען כ׳דערהער די מיר אַזוי גוט באַקאַנטע פראַגע, ווערט מיר אַלץ קלאָר. דער ערשטער אויספאָרשער וויל פון מיר דערגרייכן אַ ווידוי איבער פאַרברעכנס אונטערן דרוק פון רייד; מיטן פיינלעכן איבערחזרן די פראַגע־פאָדערונג הונדערטער און טויזנטער מאָל. דער דאָזיקער אויספאָרשער איז, ווייזט אויס, אַ מומחה פאַר אַן אַנדערן סיסטעם פון „פאַרשן״: פון זיין אויסגעהונגערטן, אויסגעפרירטן, דערדריקטן און שלאָף־דורשטיקן קרבן דערגרייכן די ווידוי דורך אַ לאַנגדויערנדיק שווייגן, וואָס איז, לויט ווי ס׳ווערט מיר קלאָר, נישט ווייניקער פיינלעך, דערדריקנדיק, צעשטערעריש; דורך אַ שווייגן וואָס ציט זיך שעהן און דורך פליקן די נערוון מיטן כוח פון טייוולאָנישע אויגן וואָס שטעכן און שניידן.

אַ סברה, כ׳האָב נישט געענטפערט אויף זיין פראַגע. איך הער זיין פאָדערונג זיך איבערחזרן: „אורן, כ׳האָב אייך געזאָגט איר זאָלט מיר דערציילן וועגן אייערע פאַרברעכנס. פאַרוואָס ענטפערט איר נישט?״.

איצט כאַפּ איך זיך, אַז דער קלאַנג פון זיין שטים איז נישט מער אָנגענעם און באַרויקנדיק ווי כ׳האָב זיך פריער פאָרגעשטעלט. ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט געביטן זיין שטים. ווידער קוקן אויף מיר זיינע אויגן, גלייך זיי וואָלטן מיך געוואָלט אַדורכשטעכן. איך גיב מיין טראַפאַרעטן ענטפער: „כ׳בין נישט באַגאַנגען קיין שום חטא און ס׳איז נישטאָ וואָס צו דערציילן פון מיינע פאַרברעכנס״.

— מיך וועט איר נישט נאַרן. אויף אייער געוויסן דריקן שווערע פאַרברעכנס. איר וועט נאָך וועגן זיי אַלע דערציילן. איר וועט זען: אויב נישט היינט, וועט איר דערציילן מאָרגן. אויב נישט מאָרגן, וועט איר דערציילן איבערמאָרגן. מיר וועט איר דערציילן. איר וועט זען און זיך איבערצייגן. מיר וועלן זיך נאָך זען.

ער גיט מיר אָנצוגעהערן כ׳זאָל אַרומוויקלען דאָס האַנטעך איבער מיינע אויגן און פירט מיך אַוועק אין קאַמער. אין קאָרידאָר הערט זיך דער פרימאָרגן־קלונג.

ס׳האָט זיך פאַרענדיקט נאָך איין נאַכטיק געשפּענסט. וואָס וועט ברענגען דער טאָג?

בייטאָג. איך זיץ אין דער פּאַרש־ביוראָ פון אויספאָרשער א׳. די טעמע: מיין ביאָגראַפיע. מיין עליה אין לאַנד און די ערשטע טעטיקייטן. איך דערצייל וועגן דערוויילן מיך אין אַקציאָנס־קאָמיטעט פון הקיבוץ־הארצי, מיין אָרטיקער טעטיקייט — אין די הסתדרות־ראַמען — אין נס־ציונה. די מלחמה פון יידישן אַרבעטער פאַר אַרבעט, פאַר מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען. דער קאַמף פאַר אַ בשותפותדיקער אָרגאַניזאַציע פון יידישע און אַראַבישע אַרבעטער. דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, פּאַסט זיך נישט צום בילד פון מיין כאַראַקטער, וואָס ביי אים איז עס דאָס בילד פון אַ מענטש, וועלכער איז פון זיין פריסטער יוגנט טעטיק קעגן אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם. דער אויספאָרשער לעזט די דאָזיקע פראַגע מיט אַן איבער־ראַשנדיקער לייכטקייט. ער באַשליסט דאָס נישט צו פאַרצייכענען אין זיין העפט, זאָגנדיק: „די געשמאַקלאָזע מעשיות אינטערעסירן מיך נישט. מיר ווייסן וועגן אייך אַלץ. אויך אין ארץ־ישראל זענט איר געווען טעטיק קעגן אַרבעטער־קלאַס. דערציילט וועגן דעם״.

איך דערצייל וועגן די געשעענישן אין נס־ציונה אין יאָר 1930, ווען כ׳האָב פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון נס־ציונער אַרבעטער־ראַט, וועגן זיצן אין רמלהער תפיסה מיט נאָך 15 אַרבעטער — אין רע־זולטאַט פון דער שטורמישער, אומלעגאַלער דעמאָנסטראַציע פון די אָרטיקע אַרבעטער קעגן די פּרדסים־אייגנטימער, וועלכע האָבן אויסגעהונגערט דעם יידישן אַרבעטער. איך וואַרט אין שפּאַנונג וויאַזוי דער אויספאָרשער וועט זיך „איינאָרדענען״ מיט דעם דאָזיקן פאַקט, אַז כ׳בין געווען פאַר־שפּאַרט אין תפיסה אין אַ לאַנד, אונטערגעוואָרפן דער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט — וועגן מיין טעטיקייט אויפן געביט פון קלאַסן־קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט.

אומזיסט האָב איך געוואַרט אויף שוועריקייטן ביים אויספאָרשער. מיט שטוינענדיקער לייכטקייט איז ער דאָס גובר. ער כאַפּט זיך אַרויס ווי פאַר זיך: „אומלעגאַלע טעטיקייט, ברעכן דאָס געזעץ אין נס־ציונה״. און

ער ווענדט זיך צו מיר: „איר האָט באַקומען אַ צו לייכטע שטראָף פּאַר אומלעגאַלער טעטיקייט און ברעכן דאָס געזעץ. ביי אונדז וואָלט איר פּאַר אַזעלכע חטאים געזעסן אין תפיסה נישט קיין וואָכן, נאָר יאָרן".

ער פאַרצייכנט עפּעס אין זיין העפט — ווייזט אויס, נאָך אַ שטריך צו מיין געשטאַלט ווי אַ פיינד פון אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם.

איך הער אויף צו שטוינען, צו ווערן איבעראַשט.

די אינטערנאַציאָנאַלע ציוניסטישע „פאַרשווערונג"

די טיר פון ביוראָ עפנט זיך און ס'קומט אַריין אַן אָפיציר. דער דריטער אין דער ריי אויספאָרשער־אָפיצירן, וואָס באַזוכן מיך פון צייט צו צייט — דער עיקר בעת די נאַכט־אויספאָרשונגען.

אַ הויכער. אַ טונקל פּנים. עטוואָס קרומלעכע אויגן. דערמאָנט אַביסל אַ יאַפּאַנישן טיפּ, נאָר אַ הויכוואוקסיקער. ער קוקט אויף מיר און זאָגט: „דאָס איז, הייסט עס, דאָס פייגעלע וואָס איז געפאַנגען אין אונדזער נעץ. מרדכי אורן, איר זענט אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט אין אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם, נישט אַזוי?".

איך לייקן אָפּ און זאָג אַז ער טרייבט זייער איבער.

— זענט איר אַזאַ באַשיידענער אָדער אפשר ווילט איר אונדז אָפּנאַרן?

— איך שפּיל זיך נישט אין באַשיידנקייט און כ'האָב נישט בדעה ווען צו נאַרן. איך בין אַן אַרבעטער־טוער. נאָר די פּאַרטיי האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט אַקטיוויטעטן אין די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. דעריבער בין איך נישט קיין וויכטיקע פּערזענלעכקייט אינעם וועלט־ציוניזם. מיין טעטיקייט במשך די לעצטע צוואַנציק יאָר איז דער עיקר געווען אין ארץ־ישראל, די לעצטע יאָרן — אין תחום פון מפ"ם.

— נאַרט אונדז נישט. איר זענט אַ באַוווסטע געשטאַלט אין אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם. איר ווייסט עס אוודאי נישט ווינציקער פון מיר. אויסער דעם זענט איר אויסגעפאָרן אַ וועלט. איר זענט אויך אַ מיטגליד אין די אינטערנאַציאָנאַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן. פאַרוואָס ווילט איר

פאַרלייקענען, אַז איר זענט אַן אינטערנאַציאָנאַלע ציוניסטישע פערזענ־לעכקייט?

וואָהין צילט ער? אויף אַ וואָסער גרונט דערהייבט ער מיך אויפן לייטער פון דער חשיבות אינעם וועלט־ציוניזם? אפשר האָט אין דער יידישער וועלט זיך אויפגעהויבן אַ רעש אין שייכות מיט מיין „פאַרשווונדן" און אַרעסט? אפשר דערגייען צו זיי פּראָטעסטן פון פאַרשידענע לענדער, פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס — און פונדאַנען דער איינדרוק פונעם אָפיציר־אויספאָרשער וועגן מיין וויכטיקער פּאָזיציע אינעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן ציוניזם? אָדער פּלאַנירט ער מיד קוואַליפיצירן ווי אַ וויכטיקע פערזענלעכקייט אינעם אלוועלטלעכן ציוניזם, דערפאַר ווייל דאָס איז זיי נייטיק צו דער פינצטערער אינטריגע, וועלכע זיי וועבן ערגעץ־ווו קעגן סלאַנסקין און זיינע חברים?

איך ענטפער דעם אָפיציר: — וואָלט איך געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, וואָלט איך דאָס נישט אויסבאַהאַלטן. איך זע נישט קיין שום מאָראַלישן אָדער פּאָליטישן פּגם אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אין וועלט־פאַרנעם. ריכטיק, איך בין אויך אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס פון יאָר 1948. אָבער דאָס איז אַן אַלגעמיינע יידישע אָרגאַניזאַציע, וועמענס צילן זענען נישט קיין ציוניס־טישע, נאָר אַלגעמיינע, נאַציאָנאַל־יידישע.

— אורן, אומזיסט פּרובירט איר קאָמפּליצירן די זאַכלאַגע, וועלכע איז לגמרי אַ פּשוטע. מיך אינטערעסירן נישט קיין קליינע אָרגאַניזאַציאָ־נעלע און טעכנישע פּרטים. איר יידן מיינט, דאָס איר זענט די סאַמע פּיקחותדיקע מענטשן אויף דער וועלט; אַז אייך וועט געלונגען צו באַ־שווינדלען די גאַנצע וועלט, און באַזונדערס אונדז; אַז דורך פאַרשידענע פאַרמאַסקירטע פאָרמען וועט איר מצליח זיין צו פאַרבאָרגן פאַר אונדז די רעאַקציאָנערע, אַנטי־סאָציאַליסטישע אינטריגעס פון ציוניזם. אָבער מיר, קאָמוניסטן, זענען נישט קיין טיפּשים ווי איר שטעלט זיך פאָר. אונדז וועט איר נישט נאַרן דורך הונדערטער אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען וואָס איר האָט אויפגעשטעלט אויף צו פאַרמאַסקירן די אַנטי־סאָציאַליסטישע, פאַר־ברעכערישע פאַרשווערונג פון אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם. דער השומר הצעיר, מפ"ם, דער יידישער וועלט־קאָנגרעס און הונדערטער אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס — דאָס אַלץ זענען נישט מער ווי אָרעמס פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער יידישער פאַרשווערונג צו צעשטערן דעם סאָציאַליזם, אין דינסט פון אַמעריקאַנער דאָלאַר־אימפּעריאַליזם. און איר, אורן, ווייסט

עס אויסגעצייכנט גוט. איר ווייסט אויך, אַז אַלע יאָרן זענט איר טעטיק אין דינסט פון דער דאָזיקער פאַרברעכערישער פאַרשווערונג. און מיר וועלן עס אייך באַווייזן דורך עדות און דאָקומענטן. איר זעלבסט וועט זיך אין דעם מודה זיין. אומזיסט מאַכט איר דעם אָנשטעל פון אַ תמימותדיק שעפּעלע. איר זענט אַ ציוניסטישער שווינדלער אין אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם און אַ געשוווירענער פיינד פון סאָציאַליזם, פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, באַזונדערס פון טשעכאָסלאָוואַקיע. מיר פאָלגן אייך נאָך אַלע יאָרן, אין ארץ־ישראל און אין אַלע לענדער וועלכע איר האָט באַזוכט און געווען טעטיק אין די לעצטע יאָרן. איצט האָבן מיר מצליח געווען אַ סוף צו מאַכן צו אייער אונטערגראָבערישער טעטיקייט קעגן סאָציאַליזם. איצט געפינט איר זיך אין אונדזערע הענט, די אייזערנע הענט פון סאָציאַליסטישן גערעכטיקייט־אַפּאַראַט, און מיר וועלן אייך משפּטן פאַר אייערע טאַטן. מיר וועלן פאַר דער גאַנצער וועלט אויפדעקן אייער אמתדיקע געשטאַלט און דאָס פאַרברעכערישע פּרצוף פון אינטער־נאַציאָנאַלן ציוניזם, דעם טויט־פיינד פון פּראָגרעס און סאָציאַליזם און דער נעבעכדיקער מכשיר פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם צו שטירצן דעם סאָציאַליזם און צו פאַרפעסטיקן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט אין דער וועלט.

אין דער לעצטער צייט האָב איך אויפגעהערט איבעראַשט צו ווערן פון דער באַדייטונג פון די „אַנטפּלעקונגען" פון מיינע אויספאָרשער. גייסטיק בין איך גרייט געווען צו יעדער נאַרישקייט וואָס גייט אַרויס פון זייער מויל. כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז דאָסמאָל בין איך ווידער איבעראַשט. אויף אַזאַ פראָנטאַלן אָנגריף פון בכיוונדיקן שקר האָב איך זיך ביז איצט נאָך נישט אָנגעשטויסן. ממש אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישע אויפלאַגע פון אַן עלילת־דם קעגן יידישן פאָלק, ציוניסטישער באַוועגונג און מיר פּערזענלעך.

אַנטיסעמיטיזם אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, אַנטיסעמיטיזם געשטיצט אויף מאַרקס לערע און צוגעפּאַסט צו דער תקופה פון קאַלטן קריג און גלאָבאַלן קאַמף צווישןביידע רעזשימען. היטלער האָט געשטעמפּלט דאָס יידישע פאָלק ווי אַ כוח וואָס שטרעבט צו פאַרניכטן די ציוויליזאַציע דורכן קאָמוניזם („יודעאָ־קאָמונאַ"), און דער דאָזיקער אָפיציר־אויספאָרשער, וועלכער באַצייכנט זיך זעלבסט אַלס מאַרקסיסט, שטעמפּלט דאָס יידישע פאָלק ווי אַ פיינד פון סאָציאַליזם, וואָס שטרעבט צו פאַרטיליקן דעם סאָציאַליזם — אין דינסט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. איך בין דערשלאָגן פון שטוינונג. האָב איך נישט געהאַט קיין טעות? האָב איך

דאָס נישט אויסגעטראַכט ? האָבן דאָס געהערט מיינע אויערן ? כ׳האָב נישט קיין טעות. פּאַרלויפיק שפּאַצירט נאָך אַרום דער דאָזיקער „מאַרקסיסט״ איבערן צימער און וואַרפט אויף מיר פון צייט צו צייט געכאַפּטע בליקן. כ׳האָב נישט געהאַט קיין טעות. דאָס האָב איך איצט געהערט אַ באַנייטן פאַרטראַג איבער דער אַנטיסעמיטישער תורה, אַנטיסעמיטיזם געשטיצט אויף אַ געמיש פון פּאָליטישן עלילת־דם און די פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון אין אַ נייער אויפלאַגע.

איך גלייב נישט, אַז עס האָבן אַ זין מיינע קעגן־טענות וואָס זאָלן צונישט מאַכן די פונדאַמענטן פון זיין לעכערלעכער טעאָריע וועגן דער יידי־שער, ציוניסטישער אינטערנאַציאָנאַלער „פאַרשווערונג״ קעגן סאָציאַליזם. די דאָזיקע קאָנצעפּציע איז זיכער נישט קיין פּערזענלעכער אָפּנויג פונעם אָפיציר־אויספאָרשער. דאָס איז איצט, ווייזט אויס, אַ מין אַלגעמיינע ליניע. איך געדענק, אַז נאָך זייענדיק אויף דער פריי, האָב איך אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער פּרעסע, אין די העץ־אַרטיקלען קעגן ציוניזם, אַרויסגע־שפּירט די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע קאָנצעפּציע. וואָס קאָן דאָ נוצן מיין אויפקלערונג — אפילו די סאַמע געראָטנסטע ?

איך קאָן אָבער נישט נישט רעאַגירן אויף די נאַרישע רייד וואָס כ׳האָב געהערט. און איך ענטפער אויף זיינע ווערטער, און נישט אָן איראָ־ניע, איבער זיין ראַסיסטישן „מאַרקסיזם״...

— דער ציוניזם — זעץ איך פאָר — האָט דערפילט אַן אַנטשיידנ־דיקע אויפגאַבע אינעם געראַנגל צו פאַרטרייבן די בריטישע, אימפּעריאַ־ליסטישע הערשאַפט פון ארץ־ישראל און אינעם אויפשטעלן מדינת ישראל. אין דעם דאָזיקן עטאַפּ האָט דער ציוניזם זוכה געווען צו דער פולער מאָ־ראַלישער, פּאָליטישער און מאַטעריעלער הילף מצד דעם סאָציאַליסטישן בלאָק און אין דער ערשטער ריי פון ראַטנפאַרבאַנד און אייער לאַנד. — בשעתו פלעגט מען פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם דורך עלילת־דם אָדער דורך דערציילונגען, אַז יידן שטרעבן צו באַהערשן די גאַנצע וועלט. אויף די באָבע־מעשה, אַז דאָס וועלט־יידנטום האָט אָרגאַניזירט אַ פאַרשווערונג קעגן סאָציאַליזם, איז אַן אַנטיסעמיטישער בלבול : איר קוואַל איז אין אַנטיסעמיטיזם און איר טענדענץ — פאַנאַנדערבלאָזן אַנטיסעמיטיזם אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. אויב טאַקע אַזאַ בלבול וועט ווערן אַן אָפּי־ציעלע ליניע אין די סאָציאַליסטישע לענדער — וועט דאָס זיין אַ פלעק נישט אָפּצומעקן אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם. דאָס וועט דערלאַנגען

אַ שווערן קלאַפּ דעם סאָציאַליזם און דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט.

איך טו ווי אַמבעסטן צו קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען, בייקומען די שפּראַך־שוועריקייטן, כדי צונישט מאַכן די פונדאַמענטן פון דער „תורה" פון אָפּיציר־אויספאָרשער. ער שפּאַצירט איבערן צימער, הערט זיך איין צו מיינע רייד, נישט שטערנדיק. ער שמייכלט בלויז. פון צייט צו צייט לאָזט ער הערן געכאַפּטע צווישנרופן: „נאַרישקייטן", „פּוסטע מעשיות".

אַז איך ענדיק, שטעלט ער זיך פאַר מיר אָפּ און זאָגט: „איר האָט געענדיקט? אַלץ וואָס איר זאָגט איצט, איז נישט מער ווי איין גרויסע נאַרישקייט. כ'האָב אייך געלאָזט אַלץ אויסרעדן. אָבער איר אַליין ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז נישט אמת. דער פאַקט וואָס אין אַ באַשטימטער תקופה זענט איר געשטיצט געוואָרן דורכן סאָציאַליסטישן בלאָק, איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שווינדל, וועמענס קרבן מיר זענען געווען. איר האָט מצליח געווען אונדז אָפּצונאַרן. נאָר דאָס איז געווען אַ פאַריבערגייענדיקער עפּיזאָד. מיר באַדויערן עס. איצט האָבן מיר אַנטפּלעקט די ציוניסטיש־יידישע פאַרשווערונג קעגן סאָציאַליזם און די פאַרשווערער. און ס'איז נאָך נישט געווען אַזאַ פאַרשווערונג, איר זענט אַפילו אַריינגעדרונגען אין אונדזערע רייען. איצט איז אונדז באַוווסט, אַז סלאַנסקי און זיין כנופיה זענען געווען נישט אַנדערש ווי פאַרמאַסקירטע ציוניסטישע פאַרברעכער, דער אָרעם פון ציוניסטישן פאַרשווערונגס־אַפּאַראַט אינערהאַלב אונדזער מחנה. זיי זענען עס מודה מיט אַ פולן מויל. זיי זענען זיך מודה אין צוזאַמענ־אַרבעט מיט אייך, כדי צוריקצושטעלן דעם קאַפּיטאַליזם און די הערשאַפט פון דער רעאַקציע אין אונדזער לאַנד. דערציילט־זשע אונדז נישט קיין קינדער־מעשיות. אַ שאָד אייער מי. אייער גורל איז אַ געחתמעטער. מיר גיבן אָבער אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען אייער לעבן — אויב איר וועט אונדז העלפן, דורך אַנווענדן אַ קאָנסטרוקטיווע ליניע און אַלץ דערציילן פון אייערע מעשים קעגן אונדז, וועגן דעם טעטיקייט־סיסטעם פון ציוניזם קעגן אונדז, וועגן אייער צוזאַמענאַרבעט מיט סלאַנסקיס כנופיה אין די לעצטע יאָרן. הגם ס'איז אונדז אַלץ באַוווסט, נאָר אייערע אַנטפּלעקונגען קאָנען אונדז העלפן דערגענצן דאָס פאַראַנענע בילד, אין אויפדעקן נאָך פאַרשווערונגס־קעמערלעך. אויב וועט איר אַנווענדן אַזאַ ליניע, האָט איר נאָך אַ האָפענונג צו זען אייער פאָטערלאַנד, אייער פרוי און קינדער. אויב איר וועט אָנגיין מיט דער ליניע פון עקשנות און שינאה קעגן אונדז, נאָכדעם ווי איר זענט אַ געפאַנגענער און האָט נישט קיין אַנטרינונג, זענט

איר לגמרי אַ פאַרלוירענער. אורן, מיין עצה פאַר אייך איז אַ גוטע עצה. טראַכט נאָר רעאַליסטיש, שפּילט נישט די ראָל פון אַ העלד. ס'ווערט אייך געגעבן די ברירה: אומקום אָדער לעבן. איך אויף אייער אָרט וואָלט אויסגעקליבן לעבן.

ווידעראַמאָל שטורעם איך זיינע פּוסטע רייד, די בייזוויליקע, רשעות־דיקע. נאָר ער רייסט מיר איבער: — גענוג! כ'האָב שוין קיין געדולד זיך צוצוהערן צו אייער דעמאַגאָגיע. איצט זענט איר אין אונדזערע הענט, אין די הענט פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי. אונדז אינטערעסירט נישט וואָס עס טראַכטן וועגן איך אָדער אייער פּאַרטיי די, צי אַנדערע מענטשן, וואָס איר האָט מצליח געווען צו פאַרדרייען זיי דעם קאָפּ. אונדז וועט איר נישט באַווייזן אָפּצונאַרן, נישט איר און נישט אייער פּאַרטיי. אוודאי, אויף די קאָנגרעסן און עפנטלעכע קאָנפערענצן פון די ציוניסטן און די ציוניס־טישע פּאַרטייען ווערן אָנגענומען אַלערליי באַשלוסן, וועמענס אויפגאַבע ס'איז אָפּצונאַרן די מענטשן. אָבער אונדז, דער מלוכהשער פּאָליציי, איז אויך באַוווסט וואָס איר באַשליסט אויף די געהיימע קאָנגרעסן און געשלאָ־סענע קאָנפערענצן. דאָרט וועבט איר אייערע פאַרשווערונגען קעגן ראַטנ־פאַרבאַנד און קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. דאָרט באַשליסט איר וועגן די סאַבאָטאַזש־ און שפּיאָנאַזש־אַקציעס קעגן אונדז. דאָס אַלץ איז אונדז קלאָר געוואָרן אין דער לעצטער צייט. און וועגן דעם דערציילט. צוליב דעם געפינט איר זיך אין אונדזערע הענט. ס'וועט אייך נישט העלפן קיין שום זאַך. און איצט גענוג. מיר וועלן זיך נאָך זען, און נישט איינמאָל.

ער לאָזט מיך נישט רעאַגירן אויף זיינע לעצטע רייד. איך דאַרף זיך פאַרבינדן די אויגן. אַ וועכטער פירט מיך צוריק אין קאַמער.

די באַפרייונגס־מלחמה פון ישראל אין אַ קרומען שפּיגל

די צאָל פון מיינע אויספאָרשער דערגייט צו פינף: דער וואָס איז, ווייזט אויס, באַשטימט געוואָרן צו זיין מיין שטענדיקער אויספאָרשער; דער וואָס אין דער ערשטער נאַכט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָט ער דער עיקר געווירקט מיטן כוח פון די אויגן — דער אויספאָרשער־„היפּנאָ־טיזירער", די דריי אָפיצירן, וואָס האָבן מיך אָנגעהויבן איצט באַזוכן. די אָפיצירן מאַכן דעם איינדרוק פון נאַכט־פייגל. על־פּי־רוב קומען זיי צו

מיר אין די נעכט. ווייזט אויס, אַז ס'איז איבער די כוחות פון אַ יחיד מיך איינצוברעכן — דאָס הייסט, מיך דערפירן צו קאַפּיטולאַציע אין אַ שנעלן טעמפּ.

וועט מיר סטייען כוח צו שטיין קעגן דער דאָזיקער כנופיה פון אויספאָרשער? ווי לאַנג וועל איך קאָנען אויסהאַלטן? איינער קעגן פינף. איינער אַ הונגעריקער, אַ ליידנדיקער פון קעלט און פון מאַנגל אין שלאָף, אָפּגעריסן פון זיין משפחה, היימלאַנד און פון דער גאַנצער וועלט, פאַרשפּאַרט, געשלאָגן און געהאַלטן אין אַ רעזשים פון אומאויפהערלעכער דערנידעריקונג — קעגן פינף זאַטע, אָנגעטאָענע אין וואַרעמע קליידער, וואָס שלאָפן גענוג, זענען צוזאַמען מיט זייערע משפחות, רייכערן וויפל זייער האַרץ גלוסט, קאָנען באַזוכן טעאַטער, קאָנצערט, געניסן פון פרישער לופט, בקיצור, געניסן פון פרייען לעבן. ווי לאַנג וועל איך אויסהאַלטן? איך מאַך זיך נישט קיין אילוזיעס, אַז מיר וועט אויף אַ לאַנגער צייט סטייען גענוג פיזישער כוח. די זאַך איז אומפאַרמיידלעך. נאָר מיר איז קלאָר, אַז כ'וועל נישט קאַפּיטולירן, אַן אַ געראַנגל ביזן לעצטן טראָפּן כוח. אפילו דאָס וועט זיין פאַרבונדן מיט נישט ווייניק פיזישע און גייסטיקע יסורים. איך בין נישט קיין פּריוואַטע פּערזאָן, וועמען ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק. איך בין אַ שליח פון מיין פּאַרטיי. איך זיץ אין תפיסה ווי אַ שליח־ציבור. ווי איינער וואָס סימבאָליזירט אין די אויגן פון מיינע פיינט־קער דעם אַרבעטער־חלוצישן ציוניזם, דאַרף איך קעמפן פאַרן דאָזיקן וועג און וועלט־אָנשויונג אין תפיסה. דאָס איז מיין שליחות — טאַקע אין מאָדנע און שווערע באַדינגונגען, אָבער דאָך אַ שליחות. פאַראַן אַ ברייטער פראָנט פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג. כ'האָב זיך אַנגעשטויסן אין אַ ספּעציעלן אָפּשניט פון דעם פראָנט, דעם אָפּשניט וואָס הייסט — אַ תפיסה אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן טשעכאָסלאָוואַקיע. איך מוז ביישטיין אין דאָזיקן געראַנגל ווי לאַנג כ'וועל קאָנען פיזיש און גייסטיק. אפילו כ'האָב נישט קיין אויסזיכטן זיך האַלטן אַ לאַנגע צייט, מוז איך אָבער אויסהאַלטן, ביזן סוף פון מיין מעגלעכקייט.

ווייזט אויס, די אויספאָרשער האָבן זיך צעטיילט אין זייער אַרבעט. איינער גריבלט זיך אין מיין לעבנס־געשיכטע, כדי אין איר אויסצוגעפינען שוואַכע פונקטן און אויף זייער סמך באַווייזן, אַז צוליב מיין פאַרגאַנגענהייט און דערציונג, קאָן איך נישט זיין אַ שונא פון אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם. ער מאַכט דאָס אין גראָבע, וואולגאַרע פאָרמען. פאַרלייקענענדיק די געזעצן פון דער געזונטער מענטשלעכער לאָגיק און

מאַרקסיסטישן אופן פון דענקען, וואָס דאַרף זיין די לייט־ליניע פאַר אַ קאָמוניסטישן געזעלשאַפטלעכן טוער — איזדיעקעוועט ער זיך גראָב איבער די פאַקטן און אמת. דער צווייטער „אויספאַרשער", דער „היפּנאָטיזירער" פאָדערט נאָך אַלץ פון מיר איך זאָל דערציילן וועגן באַגאַנגענע פאַרברע־כנס קעגן פאָלקס־דעמאָקראַטישן טשעכאָסלאָוואַקיע. דרך־אגב פאַרשט ער מיך אין שייכות מיט מיין טעטיקייט בעת מיין לעצטן באַזוך אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע און בעת די פריערדיקע באַזוכן.

די אָפיצירן־אויספאַרשער באַגרענעצן זיך נישט צו באַשטימטע שטחים. זיי שפּרינגען איבער פון איין תחום צום צווייטן. נאָר ווייזט אויס, אַז זייער עיקר אויפגאַבע איז מיך ווייכער צו מאַכן, איינברעכן מיין האַל־טונגס־כוח און מיך צוגרייטן צו ווידויים. יעדער האָט זיך זיין סיסטעם. די דאָזיקע שיטות זענען אויס קעגנזעצלעך איינע צו דער אַנדערער. נאָר מיר שיינט, אַז טראָץ דער קעגנזעצלעכקייט — זענען זיי אַ רעזולטאַט פון קאָאָר־דינירונג. איינער ווענדט אָן אַ ליניע פון באַרויקונג און לאָקט: מיר האָבן נישט קיין אינטערעס איר זאָלט פוילן אין תפיסה. אַנטפּלעקט אונדז דעם „אמת" און איר וועט זיך קאָנען אומקערן אַהיים. דער צווייטער ווענדט אָן אַ פאַרקערטע ליניע: אייער סוף — אויף דער תליה. אַ שאָד אייערע יסורים. זאָגט אונדז דעם „אמת" און אייער מצב וועט לייכטער ווערן; איר וועט עסן צו דער זעט. איר וועט שלאָפן, רייכערן, לייענען ביכער, געניסן פון פרישער לופט. איר וועט קאָנען שיקן בריוו אַהיים און פון דאָרט באַקומען בריוו. און אפשר וועט איר באַוויזן זיך אָפּצוראַטעווען. אין געוויסע פאַלן וויסן מיר אויך מוחל צו זיין געשוואָרענע שונאים.

די אָפיצירן־אויספאַרשער ווענדן אָן ביידע ליניעס צוזאַמען. ווען איך הייב זיי אָבער אָן דערציילן דעם אמת פון מיין טעטיקייט, שלאָגן זיי מיר איבער די רייד. זיי זאָגן „אמת", נאָר זיי פאָדערן פון מיר דערציילן זיי ליגנס. זיי ווענדן אָן אַ כלל, אַז זאָגנדיק „אמת", זענען זיי אויסן שקר. און יעדער ליגן וואָס גייט אַרויס פון זייערע מיילער באַצייכענען זיי אַלס „אמת".

אַ שווערער ווינטער היי־יאָר. איך לייד זייער פון קעלט. זי דרינגט אַריין אין אַלע מיינע רמ"ח איברים. אַלע מיינע בקשות צו פאַרבייטן מיר די „זומער־פּידזשאַמע" (אַרעסטאַנטן־קליידונג פון לייכטער יוטע) אויף ווינ־טערדיקע אַרעסטאַנטן־בגדים — פון מיין חבר אין קאמער האָב איך גע־הערט, אַז ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע — ווערן אָפּגעוואָרפן.

דער הונגער מאַטערט שוידערלעך. די פּיס טוען וויי פון אומענדלעכן שטיין אויף אַכטונג. אָפּטמאָל געשעט, אַז במשך גאַנצע אויספאָרשונגען, וואָס ציען זיך טיילמאָל האַלבע טעג, אַ טאָג, און אַפילו אַ טאָג מיט אַ נאַכט, בעת די אויספאָרשער בייטן זיך — לאָזט מען מיך נישט אַוועקזעצן אפילו אויף איין מינוט. מיינע פּיס זענען שרעקלעך אָנגעשוואָלן. זיי טוען אויך וויי פונעם צופיל שפּאַצירן אין קאַמער. איך זיץ נישט כמעט — אויס מורא, אַז כ׳וועל איינדרימלען און דער וועכטער וועט מיך כאַפּן ביי דער עבירה און באַפעלן, אַלס שטראָף, צו שטיין אייניקע שעה אין קאַמער אויף אַכטונג. אָבער דער עיקר יסורים — דאָס פעלן פון שלאָף. מיין גאַנץ וועזן שרייט נאָך אַ טראָפּן שלאָף. איך שפּאַציר אין קאַמער ווי אַ מענטש, וואָס איז באַרוישט פון וויין. מיין גאַנג איז אַן גלייכגעוויכט. אָפּטמאָל האָב איך דאָס געפיל, אַז איך גיי אויף אַ שטריק, הגם אונטער מיר איז אַ גלייכע פּאָדלאָגע. איך העלף זיך מיט די הענט נישט אומצופאַלן, ווי אַן אַקראָבאַט וואָס העלפט זיך אַרויס מיט דער שטאַנג אין זיינע הענט, כדי זיך אומצו־קערן די גלייכגעוויכט אין אַנבליק פון אַ געפאַר. איך פיל, אַז מיר איז שווער ביזן סוף צו קאָנצענטרירן זיך ביי וועלכן ס׳איז געדאַנק. אַן אַנדע־רער געדאַנקען־גאַנג האָט אַבסאָלוט באַהערשט מיין מוח. צו מיין שטוינונג אַנטפּלעק איך, אַז כ׳בין אַן אויפהער פאַרזונקען אין אַ פּאָלעמישן דיאַלאָג מיט די אויספאָרשער. איך אַמפּער זיך מיט זיי, דיסקוטיר. זיי זידלען מיך און איך זידל זיי. אָפּטמאָל בין איך געפלעפט, הערנדיק מיין קול. צו מיין שטוינונג ווערט מיר קלאָר, אַז כ׳רעד מיט זיך אַליין, ווי מיטן אויספאָרשער. צייטנווייז אַנטדעק איך אין מיר אַ געשפּאָלטן וועזן. איך דערמאָן זיך אַ פאַרשוין, וואָס איך פלעג נישט איינמאָל זען אין תל־אביב, אַן אָפּגעריסענעם, אַן אומגעוואַשענעם און נישט־ראַזירטן, ווי ער שלעפּט זיך אַרום אויף די תל־אביבער טראָטואַרן און רעדט מיט זיך אַן אַן אויפהער.

איך באַמי זיך צו טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן. וועגן גורל פון מיינע טייערע אינדערהיים. וועגן דער לאַנדשאַפט פון עמק, מיין קיבוץ, מיין באַוועגונג. אָבער אין געציילטע מינוטן אַרום געפין איך זיך ווידער אין אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש מיט מיינע אויספאָרשער. איך קאָן זיך נישט באַפרייען פון דער דאָזיקער דיסקוסיע־געפאַנגענשאַפט: דער וויכוח צווישן אמת און שקר, צווישן צדק און עוולה, צווישן אַן אומשולדיקן, און מענטשן, וועמענס פאַך עס איז פאַרברעכן.

איך שפּאַציר איבער דער קאַמער — אַן איינזאַמער און פאַרלאָזענער (מיין חבר געפינט זיך אויף אַן אויספאָרשונג). הונגעריק, פאַרשטאַרט פון קעלט, דורשטיק נאָך שלאָף. אין גייסט וועל איך קעמפן מיטן פאַרברעך און די פאַרברעכער, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט.

שוין אייניקע שעה געפין איך זיך אין קאַרצער. אַהערגעבראַכט האָט מען מיך פאַרטאָג, באַלד נאָכן פרימאָרגן־קלונג, פאַרן פרישטיק. מיין חבר פון קאַמער האָט מיר דערציילט וועגן קאַרצער און זיינע שוידערלעכ־קייטן. ער האָט מיך אָבער געטרייסט, אַז לויטן תפיסה־רעגולאַמין ווערט די דאָזיקע שטראָף צוגעטיילט בלויז אויף געציילטע שעהן. די גרייס פונעם קאַרצער איז אַזויווי פון דער קאַמער. כ׳ווייס נישט צי ער איז אויפן פאַרטער צי נאָך נידעריקער. די ווענט זענען פול מיט פייכטקייט. חושך־מצרים. נישטאָ דאָרט קיין שום זאַך, אויסער דעם קלאָזעט. מיט די הענט טאַפּ איך אָן אין וואַנט די טאָוולען פון די צוויי בעטן, אַ טיש און צוויי בענקלעך. אַלץ צוגעפעסטיקט אין דער וואַנט. ווייזט אויס, אַז אַ קאַמער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַרצער. דער עיקר — שרעקלעכע קעלט. די אָנגענומענע באַצייכענונג פונעם תפיסה־קאַרצער אין דער טשעכישער שפּראַך — איז „פינצטער־צימער". און ס׳ווערט קלאָר, אַז דער אויספאָר־שער האָט זיך נישט סתם אַרויסגעכאַפּט, דראָענדיק מיר אין דער לעצטער נאַכט־אויספאָרשונג, אַז ר׳וועט מיך שיקן אין קאַרצער און יעדעס מאָל גערעדט נישט וועגן „פינצטער־צימער", נאָר וועגן „קיל־הויז". אַלזאָ, מיטן אַריינקומען אין קאַרצער, האָב איך גלייך דערפילט — אין מיין זומער־פידזשאַמע — אַז כ׳קום אַריין אין אַ קיל־הויז. אַ דיקע שיכט קעלט האָט מיך אַרומגענומען.

כ׳בין דאָ אַהערגעבראַכט געוואָרן נאָך אַ געשפּענסטיקער נאַכט פון אויספאָרשונג. ביז איצט קאָן איך נאָך נישט גלייבן וואָס ס׳איז פאָרגעקומען ביינאַכט.

איך קאָן נישט גלייבן, אַז אַזוי גרויס איז די געפאַלנקייט, שווינדל און סאַדיזם מצד די, וועלכע באַטראַכטן זיך זעלבסט ווי די מויערן־היטער פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים: די אויספאָרשער פון דער נייער, טשעכאָסלאָוואַקישער זיכערהייט־פּאָליציי.

אינעם גאַנג פון דער „ביאָגראַפישער" אויספאָרשונג זענען מיר דערגאַנגען — איבערהיפּענדיק גאַנצע תקופות — צו די טעג פון באַ־פרייונגס־קריג פון ישראל. אַ שפּעטע נאַכט־שעה. ביי דעם דאָזיקן פּונקט,

רעד איך זיך איין, שטיי איך אויף אַ צו פעסטן באַדן. ווייל די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז דאָס אויפשטעלן מדינת ישראל און די באַפרייונגס־מלחמה וואָס איז געקומען דערנאָך, האָבן זוכה געווען צו דער סאַמע אָפענער אונ־טערשטיצונג פונעם בלאָק סאָציאַליסטישע לענדער. ווער געדענקט נישט די היסטאָרישע רעדע פון גראָמיקאָ אויף דער אונ״אָ־סעסיע אין נאָוועמבער 1947 פאַרן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל? ווער געדענקט נישט דעם פאַקט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז געווען די ערשטע גרויסמאַכט, וואָס האָט דע־יורע און דע־פאַקטאָ אָנערקענט מדינת ישראל? ווער אין דער וועלט ווייסט נישט, אַז אין סאַמע קריטישסטן מאָמענט פון קריג, ווען מיר זענען אָן געווער געשטאַנען אַנטקעגן דער קאָאָרדינירטער אינוואַזיע פון פינף אַראַבישע מדינות, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס דורך די מערב־דיקע לענדער, זענען מיר געשטיצט געוואָרן מיט גרויסע געווער־טראַנס־פּאָרטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע — מיט דער הסכמה פון פסס״ר? דער רוב פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער האָבן דעמאָלט דערלויבט די עליה פון יידן אין ברייטע מאַסשטאַבן. אין איניקע פון זיי (באַזונדערס אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע) זענען געשולט געוואָרן יידישע יונגעלייט — אין באַזונדערע מילי־טערישע לאַגערן — אין באַשטימטע קאַמף־אופנים. ווער ווייסט נישט וועגן דעם?

דעריבער האָב איך זיך געפילט אויף אַ פעסטן באַדן. אַ וואָסערן שוואַכן פּונקט וועט דער אויספאָרשער אַנטדעקן אין מיין טעטיקייט בעת יענער תקופה? יאָ, ער קאָן טענהן, אַז זינט דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ באַשטימטע ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון ישראל; אַז פון יענער צייט איז מיט מער קראַפט בולטער געוואָרן ישראלס אָריענטאַציע אויפן מערב. אָבער אָט די ענדערונג איז נישט בכוח צו בייטן די פּאָליטישע פאַקטן פון יענער תקופה און דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן, פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון ישראלס באַפרייונגס־מלחמה אין די יאָרן 1948—1949.

דער אויספאָרשער פרעגט מיך וועגן די צילן פון מיינע באַזוכן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער זומער 1948 און וואָס זענען געווען מיינע ממשותדיקע טעטיקייטן. ער פאָדערט פון מיר צו דערציילן אויס־פירלעך. איך קום אַנטקעגן זיין פאַרלאַנג און דערצייל.

זומער 1948 בין איך אין נאָמען פון מיין באַוועגונג אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע. דער ערשטער אָפּשטעל איז געווען שווייץ. אַלס פאָרשטייער פון מפ״ם האָב איך זיך באַטייליקט אין מאָנטרע, אין דער וועלט־קאָנפע־

רענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. די מפ״ם־פראַקציע אויף דער קאָנפערענץ, ווי אַלע איבעריקע פראַקציעס, איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיי־דענע לענדער. אונדזער פראַקציע איז געווען אַ גאַר שטאַרקע.

דער אויספאָרשער רייסט מיר איבער: „איר זאָגט, אַז אייער פּאַרטיי איז אַ סאָציאַליסטישע און אפילו אַ רעוואָלוציאָנערע. וויאַזוי האָט איר זיך באַטייליקט אין דעם רעאַקציאָנערן קאָנגרעס?״

איך ענטפער: „דאָס איז נישט געווען קיין רעאַקציאָנערער קאָנ־גרעס. לייענט די פּאָליטישע באַשלוסן זיינע און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז זיי זענען פאַרפאַסט אין פּראָגרעסיוון גייסט. די דאָזיקע באַשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק — אונטערן איינפלוס פון די לינקע דעלע־גאַטן. איר וועט אוודאי שטוינען צו הערן, אַז אינעם קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַציעס פון אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, ווו ס׳זע־נען פאַראַן אָרגאַניזירטע יידישע קיבוצים: פון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, רומעניע, בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע. אין וויכטיקע פּאָליטישע פראַגן האָט די מפ״ם־פראַקציע מיטגעאַרבעט מיטן בלאָק דעלעגאַציעס פון די פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס״.

דער אויספאָרשער גיט אַ זאָג: „זיכער האָט איר דאָס אויסגעטראַכט פון קאָפּ, אַז אין אַזאַ רעאַקציאָנערן און ציוניסטישן צוזאַמענקונפט, האָבן זיך באַטייליקט פאַרשטייער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. זיכער האָבן זיך דאָרט באַטייליקט רעאַקציאָנערן אַזוינע ווי איר, מענטשן וועלכע האָבן דעזערטירט פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס״.

איך ווייז אָן דעם אויספאָרשער אויף זיין טעות. איך מיין, אַז דער אמת איז אים אויסגעצייכנט גוט באַקאַנט. נאָר ער איז אים נישט באַקוועם. און איך זאָג:

— די פאָלקס־דעמאָקראַטישע דעלעגאַציעס זענען געווען אָפיציעלע. געווען צווישן זיי אויסגעשפּראָכענע יידישע קאָמוניסטן, מנהיגים פון צענט־ראַלע יידישע אינסטיטוציעס אין די דאָזיקע לענדער, ווי מירסקי און מאַרק פון פּוילן, בערקו פעלדמאַן פון רומעניע, פּראָפעסאָר זשאַק נאַטאַן פון בולגאַריע און אַנדערע. אויך צווישן די דעלעגאַציעס פון באַשטימטע מערבדיקע לענדער זענען געווען אייניקע יידישע קאָמוניסטן. למשל, פון פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן. דער יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער, דער קאָמוניסט אַלבערט קאַהן האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איך בין זיכער, אַז די דעלעגאַציעס פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און די קאָמוניסטישע פאַרשטייער פון די מערב־לענדער

האָבן זיך באַטייליקט אין דאָזיקן קאָנגרעס מיט דער בפירושער הסכמה פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין זייערע לענדער. וואָלט דער דאָזיקער קאָנגרעס — לויט אייער באַצייכענונג — געווען אַ רעאַקציאָנערער — וואָלטן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען נישט געווען דערלויבט זייערע יידישע חברים צו באַטייליקן זיך אין אים. אין דער פראַגע בין איך מסכים מיט דער דעה פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און נישט מיט אייער דעה.

דער אויספאָרשער הייבט אויף זיין שטים מיט צאָרן: „איר זענט נישט געפרעגט געוואָרן מיט וועמען איר זענט יאָ אָדער נישט מסכים. איצט זענט איר אין אונדזערע הענט און באַשטימענדיק איז אונדזער מיינונג, נישט פון עמעצן אַנדערש״.

איך ענטפער: „פונדעסטוועגן איז פאַר מיר מאַסגעבנדיק די מיינונג פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איידער די מיינונג פון אַ פּאָליציאַנט־אויספאָרשער״.

ער וואַרפט זיך אויף מיר מיט געביילטע פויסטן. ער באַנוגנט זיך אָבער מיט זידלערייען. „אייער יידישע חוצפה — זידלט ער — וועט אייך קאָסטן טייער. ווייזט אויס, אַז איר ווילט פאַר יעדן פּרייז פאַרזוכן דעם טעם פון אונדזער קאַרצער, דעם טעם פון קיל־הויז. איר רייסט זיך ממש אַהין. אויב איר וועט נאָך זיין חוצפהדיק און רעדן אויף אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אופן, וועט איר אַהינקומען און טועם זיין פון קאַרצער. און וואָס שייך יענע פּאַרעטער, וועלכע האָבן כאילו אין נאָמען פון די יידן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס זיך באַטייליקט אין דאָזיקן קאָנגרעס אין שווייץ, האָבן זיי זיכער גענאַרט די צענטראַל־קאָמיטעטן פון זייערע פּאַרטייען. זיכער האָט מען שוין אַנטדעקט זייערע אמתדיקע פּנימער.. כ׳בין זיכער, אַז זיי פוילן שוין אין די תפיסות אַזוי ווי איר. דערציילט ווייטער וועגן אייער טעטיקייט אין יענער תקופה״.

איך גיב צו נאָך איין פּרט וועגן שווייץ. נאָך דער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין מאָנטרעע, האָב איך אין ציריך (אין דער וווינונג פון ד״ר וו., אַן אַדוואָקאַט, אַ יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ מענטש פון מפ״ם), רעפערירט וועגן ישראלדיקע פּראָבלעמען און דעם וועג פון מפ״ם. דאָס איז געווען אַ באַשרענקטער צונויפטרעף פון מנהיגים פון דער שווייצאַרישער אַרבעטער־פּאַרטיי (קאָמוניסטישער), מפ״ם־לייט, און אַ ריי פּערזאָנען פון די טשעכאָסלאָוואַקישע און יוגאָסלאַווישע געזאַנד־

שאַפטן אין שווייץ. אינעם מיינונגס־אויסטויש האָבן די אַנוועזנדיקע אַרויס־געוויזן אַ באַדייטנדיקע מאָס סימפּאַטיע פאַר דער פּאַרטיידיקונגס־מלחמה פון ישראל און פאַרן וועג פון מפּ״ם.

דער אויספאָרשער מאַכט דעם אַנשטעל, גלייך אים אינטערעסירט נישט איבעריק דער גאַנצער ענין. די זאַך איז אים גאָרנישט אַזוי באַקוועם. קאָן זיין, אַז ער ווייסט נישט וויאַזוי זיך איינצואָרדענען מיט אַזאַ מאָדנער זאַך, וואָס אַ „געשוווירענער פיינד" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון סאָציאַליזם רעפּרעזירט פאַר מנהיגים פון אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיטגלידער פון די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייערשאַפטן פון די פאָלקס־דע־מאָקראַטיעס. אַלנפאַלס, ער גייט אַריבער צום טאָג־אָרדענונג איבער דער דאָזיקער פּראָגע. ער הייסט מיך דערציילן וועגן מיינע נסיעות אין אַנדערע לענדער.

פון שווייץ בין איך געפאָרן קיין פּראָג. דאָס איז געווען בערך אין יולי 1948. אין יענער צייט האָבן מיר שוין געהאַט באַקומען די ערשטע טראַנספּאָרטן געווער פון טשעכאָסלאָוואַקיע, באַזונדערס עראָפּלאַנען. כ׳האָב באַשלאָסן צו טאָן אַלדאָס בעסטע, כדי די טשעכאָסלאָוואַקישע הילף זאָל ווי מעגלעך שטאַרקער ווערן, כדי אויפצוקלערן דער עפנטלעכער מיינונג דעם כאַראַקטער פון אונדזער מלחמה און געווינען פאַר איר די מאַקסימאַלסטע סימפּאַטיע. כ׳בין אויפגענומען געוואָרן אויף אַן אודיענץ ביים אויסערן־מיניסטער ד״ר וולאַדאָ קלעמענטיס. כ׳האָב אים געקענט פון פריערדיקע צוזאַמענטרעפן אין די יאָרן 1945 און 1947, ווען ער איז געווען אונטער־שטאַטס־סעקרעטאַר אין אויסערן־מיניסטעריום, ווען יאַן מאַסאַריק האָט פאַרנומען דעם אַמט פון אויסערן־מיניסטער. דאָ רייסט מיר איבער דער אויספאָרשער, באַמערקנדיק: „זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איר זענט אויפ־גענומען געוואָרן אויף אַן אודיענץ ביי אַ פאַרעטער פון סאָציאַליזם און פיינד פון אַרבעטער־קלאַס, ווי קלעמענטיס. ער האָט גערן אויפגענומען אַלע מינים פאַרעטער און מערבדיקע שפּיאָנען. זיכער ווייסט איר, אַז ער זיצט אין תפיסה. איר זענט איצט אונטער איין דאַך. אויב איר ווילט אים זען, קאָן איך עס איינאָרדענען אין געציילטע מינוטן. נאָר וועגן דעם אַפּעריסט און פאַרברעכער וועלן מיר נאָך אַ סך שמועסן. אַלנפאַלס, אייער באַקאַנטשאַפט מיט אים קלערט אונדז אויף נישט נאָר ווער עס איז קלע־מענטיס אַליין, נאָר אויך ווער איר זענט. פון דערזעלבער קאַטעגאָריע. איצט זעצט פאָר".

— כ׳האָב זיך איינמאָל געטראָפן מיט קלעמענטיסן, ווען ער איז געווען באַפולמעכטיקטער אויסערן־מיניסטער פון טשעכאָסלאָוואַקיע. נישט נאָר איך, נאָר אויך איר — און די גאַנצע וועלט — האָט געזען קלעמענטיסן אין דער תקופה ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, נישט ווי אַ פאַר־ברעכער און פאַררעטער, נאָר ווי אַן אויטאָריטעטן פאָרשטייער פון טשעכישן און סלאָוואַקישן פאָלק, אַמטירנדיק אַלס אונטערשטאַטס־סעקרעטאַר און דערנאָך אַלס אויסערן־מיניסטער. נישט איך האָב אים נאָמינירט, נאָר — ווי איך שטעל זיך פאָר — אייער פּרעמיער, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אייער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. וואָלט איר עמעצן אַנדערש באַשטימט אויפן דאָזיקן אַמט און נישט קלעמענטיסן, וואָלט איך אַוועק צו דעם אַנדערן, כדי בעטן פון אים מערער פאַרשטאַרקן טשעכאָ־סלאָוואַקיעס הילף פאַר דער מלחמה פון ישראל קעגן דער אַראַבישער אינ־וואַזיע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די בריטישע אימפּעריאַליסטן.

דער אויספאָרשער רייסט איבער און איילט מיך אונטער איבערצוגיין צו אַנדערע מאָמענטן פון מיין טעטיקייט אין פּראָג.

— כ׳בין אויפגענומען געוואָרן אויף אַן אוידיענץ נישט נאָר ביים אויסערן־מיניסטער, וועלכער געפינט זיך איצט אין תפיסה, נאָר ממש דעם זעלבן טאָג בין איך אויפגענומען געוואָרן דורך איינעם וועלכער זיצט נישט אין תפיסה און ווערט נישט דורך אייך באַטראַכט אַלס פאַרברעכער און פאַררעטער פון סאָציאַליזם.

— ביי וועמען ?

— ביים פּרעמיער גופא, אַנטאָנין זאַפּאָטאָצקי.

דער אויספאָרשער פאַרלירט זיך. ער הייבט אָן שפּאַנען איבערן צימער מיט נערוועזיטעט, וועלכע געלונגט אים נישט אויסצובאַהאַלטן. ער שרייט : „דאָס איז אַ ליגן. איר זענט אַ נבזהדיקער שווינדלער. דאָס איז אוממעגלעך. פאַרן דאָזיקן ליגן וועט איר טייער באַצאָלן. אַ סברה, אַז איך בענקט זיך זייער צו פאַרברענגען אַ ביסל אינעם קיל־הויז״.

דער אויספאָרשער פאַרשטייט, ווייזט אויס, אַז דורך די אומבאַ־רעכנטע רייד וואָס ער האָט געזאָגט אין שייכות מיט מיין אוידיענץ ביי קלעמענטיסן און די אייליקע מסקנות זיינע לגבי דעם כאַראַקטער פון קלעמענטיסן און מיינעם — האָט ער זיך אַליין אַריינגעשטויסן אין אַ בלינד געסל. לויט זיינע רייד — פאַרשטייט ער — ווייזט זיך אַרויס, אַז מיין באַזוך ביי זאַפּאָטאָצקין וואַרפט אויך אויף אים, דעם פּרעמיער, אַ שאָטן פון פאַראַט אין סאָציאַליזם.

— דאָס איז אַ ליגן — פּיִערט ער, — ס׳וועט אייך נישט געלונגען מיך אָפּצונאַרן. אויב איר וועט נאָכאַמאָל איבערחזרן דעם נידערטרעכטיקן ליגן, וועל איך אייך גלייך שיקן אין קאַרצער. איר זענט אַ ציוניסטישער שווינדלער, אַ מערבדיקער שפּיאָן און אַ שונא פון אַרבעטער־קלאַס! איר זענט אויפגעגנומען געוואָרן דורך אונדזער פּרעמיער? נבזהדיקער שווינדלער וואָס איר זענט! דערציילט מיט וועמען נאָך פון אונדזער פאַרעטערישער כנופיה איר האָט זיך געטראָפן. וועגן די באַגעגענישן מיט סלאַנסקין, פישעל, געמינדער און אַנדערע. נאָר ווי צו אייך, אויב איר וועט דערציילן באָבע־מעשׂות וועגן צוזאַמענטרעפן מיט אונדזער פּרעמיער. לאָמיך מערער נישט הערן פון אייער שמוציק מויל דעם נאָמען פון אונדזער פּרעמיער־מיניסטער.

— מיט די, וועמענס נעמען איר רעכנט אויס, האָב איך זיך קיינמאָל נישט געטראָפן. נאָר כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט אייער פּרעמיער — איר קאָנט עס אָפּלייקענען, אָבער ער, דער פּרעמיער, קאָן דאָס נישט אָפּלייקענען. כ׳האָב זיך אויך געטראָפן מיט אַנדערע פּערזאָנען. כ׳בין גרייט צו דערציילן וועגן אַלע מיינע באַגעגענישן. איך האָב נישט וואָס אויסצובאַהאַלטן. כ׳וועל אָבער נישט מסכים זיין, איר זאָלט מיך צווינגען פאַרהוילן דעם פאַקט פון מיין טרעפן זיך מיט זאַפּאָטאָצקין, בלויז צוליב דעם וואָס דער דאָזיקער פאַקט איז אייך נישט באַקוועם און צעדרייט געוויסע חשבונות אייערע.

ער וואַרפט זיך אויף מיר ווי אַ ווילד־געוואָרענע חיה און דערלאַנגט מיר מיט די פויסטן, באַגלייט מיט ווולגאַרע באַליידיקונגען און געשרייען:

— כ׳האָב אייך פאַרבאָטן אַרויפצוברענגען אויף די שמוציקע ליפּן דעם נאָמען פון אונדזער פּרעמיער. וויאַזוי וואַגט איר ווייטער אָנצוגיין מיט די נבזהדיקע ליגנס און בלבולים אויף זאַפּאָטאָצקין? וויאַזוי וואַגט איר פּוגע זיין אין מיר און אין דער זיכערהייטס־פּאָליציי פון אונדזער לאַנד? וויאַזוי וואַגט איר אונדז צושרייבן, אַז מיר ווילן אייך אויפצווינגען צו באַהאַלטן פאַקטן? וועסט גיין אין קאַרצער, חזיר איינער!

ער כאַפּט מיך אָן ביי בײדע הענט, שטעלט מיך אויף און נעמט מיט מיר זעצן אין ביידע ווענט צווישן וועלכע עס געפינט זיך מיין זיץ־פּלאַץ, דאָס אָרט פונעם געפאַרשטן. ער קלאַפּט מיט מיין קערפּער אין ביידע ווענט, גלייך ער וואָלט געוואָלט אין זיי אויסהאַקן לעכער. ער ווילדעוועט. זיין עיקר כוונה איז, ווייזט אויס, צו פאַרבאָרגן זיין פאַרלעגנהייט. איך צווייפל נישט, אַז ער ווייסט, אַז מיינע רייד וועגן אַן אוידיענץ ביים פּרעמיער,

גלייך נאָך מיין אויפנעם ביים אויסערן־מיניסטער, זענען אמתדיקע רייד. נאָר ער קאָן זיך נישט איינאָרדענען מיט אמתדיקע ווערטער, וועלכע צע־דרייען אים דעם פּלאַן. ער איז נישט קיין ספּעציאַליסט פאַר אמת. זיין ספּעציאַליטעט איז אויפן געביט פון ליגן, שווינדל, נאַרעריי.

— שטיין אויף אַכטונג! — באַפעלט ער מיר. ער רופט פון קאָרידאָר דעם וועכטער ער זאָל אויף מיר אַכטונג געבן דאָס איך זאָל זיך ביינאַכט נישט אַוועקזעצן. איך ווייס שוין פון דער דערפאַרונג, אַז אין קאָמפּליצירטע פאַלן איז ער געוווינט איבערצורייסן די אויספאָרשונג און מסתמא גיין צו זיין ממונה נאָך אָנווייזונגען, וויאַזוי זיך צו פירן. די טשעכן זאָגן אויף דעם: „גיין באַקומען שכל".

מיר'ן זען מיט וואָסער שכל ער וועט צוריקקומען. איך שטיי אויף אַכטונג. די פיס טוען וויי פונעם שטיין גלייך ווי דאָס פאַריקע מאָל. כ'האָב פאַרלוירן דעם חוש פון צייט. יעדער שטיין אויף אַכטונג איז פאַר מיר אַ פּיין, וואָס דויערט אַן אייביקייט.

דער אויספאָרשער קומט צוריק. איך ווייס נישט ווי לאַנג כ'בין גע־שטאַנען, נאָר איך שפּיר: אַ סך צייט. ער באַלעקט זיך די ליפּן. מסתמא האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ פעטן מאָלצייט. מיך מאַטערט דער הונגער. דער אויספאָרשער זעט אויס אַ באַרויקטער, נישט נערוועז. ער זעצט זיך ביי זיין שרייבטיש און באַפעלט מיר זיך אַוועקזעצן. ער פאַרטיפט זיך אין די פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר. ווייזט אויס, אָנווייזונגען פאַרצווזעצן די אויספאָרשונג — „שכל", וועלכן ער האָט באַקומען פון זיין שעף.

— דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גראָבער ליגן, אַז איר האָט זיך גע־טראָפן מיט אונדזער פּרעמיער. כ'האָב אויפגעקלערט די זאַך. איר ווילט אונדז באַשווינדלען און צעטומלען דעם מוח. איר זענט אַ דערפאַרענער שווינדלער. אַלע זענט איר אַזעלכע. נאָר כדי צונישט מאַכן דעם ליגן, לאָ־מיר אָננעמען, אַז דאָס טרעפן זיך מיט אונדזער פּרעמיער איז אַן אמת. לאָמיר אָננעמען דעם אַבסורדאַלן געדאַנק, אַז דער ליגן איז אַן אמת און אייך איז דערלויבט צו דערציילן וועגן דער דאָזיקער אוידיענץ, גלייך זי וואָלט טאַקע געהאַט פאַרגעקומען. מיט דער הילף פון די פּרטים, וועלכע איר וועט דערציילן, וועל איך באַווייזן, אַז איר זאָגט ליגן. און פאַרן דאָזיקן ליגן וועט איר גיין אין קאַרצער. דערציילט דעריבער איינצלהייטן וועגן דער דאָזיקער אויסגעטראַכטער באַגעגעניש: ווען איז דאָס געשען; נאָכוואָס זענט איר בכלל געגאַנגען צום פּרעמיער־מיניסטער; ווו איז פאָרגעקומען די

אוידיענץ; וועגן וואָס האָט איר גערעדט; וואָס האָט דער פּרעמיער צוגע־זאָגט. נאָר זייט וויסן, אַז אין דער אונטערשטער שורה וועט איר פאַר דעם בידערטרעכטיקן ליגן גיין אין קאַרצער.

הייִנטיקע נאַכט דערמאָנט דער אויספאָרשער זייער אָפט דעם קאַר־צער. ווייזט אויס, אַז די כסדרדיקע דראָונגען מיטן קאַרצער דאַרפן אויף מיר משפּיע זיין זיך אָפּצוהאַלטן פון דערציילן וועגן דער אוידיענץ ביי זאַ־פּאָטאָצקין; אַז כ׳זאָל „פון פרייען ווילן" באַשליסן, אַז אַזאַ אוידיענץ איז גאָרנישט געווען. און ס׳קאָן אויך מעגלעך זיין, אַז ער זוכט זיך אַן אויסרייד צו שיקן מיך סוף־כל־סוף אין קאַרצער. מיין חבר אין קאַמער האָט מיר דערציילט וועגן שוידער פון קאַרצער, באַזונדערס אין ווינטער. זיי זענען געוווינט יעדן געפאָרשטן, אַ האַרטע נוס, איינזעצן אין קאַרצער, כדי אים „ווייכער מאַכן" און איינברעכן זיין האַלטונג.

— עס ווערט אייך נאָך אַלץ געגעבן די מעגלעכקייט זיך מודה צו זיין, אַז איר זענט אויסן געווען אונדז נאַרן מיט דער באָבע־מעשה וועגן פאַרבינדונגען מיט אונדזער פּרעמיער. אויב איר וועט זיך מודה זיין — אפילו אין דער לעצטער מינוט — וועט מען אייך מוחל זיין און איר וועט אויך פּטור ווערן פון זיצן אין קאַרצער. נאָר אויב איר זאָגט זיך אָפּ מודה צו זיין און ווילט זיך בעסער פאַרעקשנען, קאָנט איר דערציילן איינצלהייטן, נאָר אין דער אונטערשטער שורה וועלן מיר אויפווייזן אייערע שקרים און איר וועט גיין אין קאַרצער.

איך באַשליס נישט נאָכצוגעבן.

אויב ה׳וועל איצט קאַפּיטולירן פאַר דער דראָונג מיטן קאַרצער, וועט דערצו נישט נעמען קיין סוף. מיט דער דראָונג פאַכעט ער ביי יעדער גע־לעגנהייט — און וווהין וועל איך דערגיין? דאָס געשפּרעך מיט זאַפּאָטאָצקין און זיין דעקלאַראַציע איז זייער אַ וויכטיקע קאָרט אין מיינע פאַרטיידי־קונגס־אָנשטרענגונגען קעגן זייערע בייזע פּלענער. אויב מיר איז באַשערט זיך צו באַקענען מיטן קאַרצער, וועל איך ביישטיין די דאָזיקע גזירה. קאָן זיין, אַז דער טייוול איז גאָר נישט אַזאַ שרעקלעכער. טראָץ מיין פיזישער אַלגעמיינער שוואַכקייט אין דער לעצטער צייט, בין איך נאָך גענוג שטאַרק קערפּערלעך און גייסטיק צו ראַנגלען זיך מיט זיי. כ׳בין נישט פריי צו קאַפּיטולירן אָן אַ געראַנגל ביז דער לעצטער מעגלעכקייט מיינער. אין דער היים וועט מען מיך זיכער פאַרשטיין און פאַרגעבן. נאָר איך אַליין זועל זיך נישט מוחל זיין, אויב כ׳וועל אָננעמען — פאַר מיין באַקוועמלעכ־

קייט — אַז מען האָט מיך איינגעבראָכן, איידער כ'האָב געקעמפּט ביז דער לעצטער מעגלעכקייט.

איך דערצייל וועגן מיין באַגעגעניש מיטן פּרעמיער זאַפּאָטאָצקי.

זאַפּאָטאָצקין האָב איך געקענט פון דער תקופה, וואָס ער האָט אַמטירט אַלס די צענטראַלע פּערזענלעכקייט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אויסער דעם האָט מיר קלעמענטיס געזאָגט בעת מיין באַזוך ביי אים, אַז די פראַגע פון ממשות־דיקער הילף פאַר ישראל ((געווער־טראַנספּאָרטן), שטייט איין ביים פּרע־מיער זאַפּאָטאָצקי. ער האָט צוגעגעבן, אַז אויב כ'וויל עפּעס דערגרייכן אויפן געביט פון פאַרשטאַרקטער הילף פאַר ישראל, מוז איך זיך זען מיט זאַפּאָטאָצקין. דערפאַר בין איך צו אים אַוועק.

— ווער האָט אייך איינגעאָרדנט די אויסגעטראַכטע אוידיענץ? — פרעגט דער אויספאָרשער, אַקצענטירנדיק דאָס וואָרט אויסגעטראַכטע.

— איך אַליין — אין אַ טעלעפאָניש געשפּרעך מיטן פּרעמיערס סעקרעטאַר, נאָר דאָס טעלעפאָנישע געשפּרעך איז כלל נישט געווען קיין פאַנטאַזיע. אויך איז נישט געווען פאַנטאַזיע דער אויטאָ, וואָס איז נאָך מיר געשיקט געוואָרן פון פּרעמיערס קאַנצעלאַריע, דעם זעלבן טאָג, כדי מיך ברענגען צו אים, אין זיין נישט־אויסגעטראַכטן פּאַלאַץ.

— ווי קאָן דאָס מעגלעך זיין, אַז דער פּרעמיער האָט אייך אויפגע־נומען? איר זענט דאָך נישט געווען קיין מיניסטער?

— פאַרוואָס דער פּרעמיער האָט מיך אויפגענומען, איז בעסער איר זאָלט אים פרעגן. פּרעמיערן נעמען אויף טוער, וואָס זענען נישט קיין מי־ניסטאָרן, ווען זיי האַלטן די זאַך פאַר וויכטיק. איך פאַרשטיי, אַז זאַפּאָטאָצקי האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק אויפצונעמען אויף אַ געשפּרעך אַ פאַרשטייער פון אַ פאָרגעשריטענער, ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי עס איז מפּ"ם, באַזונדערס אין ליכט פון דער אונטערשטיצונג, וואָס אייער לאַנד האָט אין יענער תקופה געגעבן פאַר דער מלחמה פון ישראל.

— דאָס איז אַ ליגן, נאָר דערציילט ווייטערדיקע פּרטים פון דער דאָזיקער אויסגעטראַכטער אוידיענץ.

— כ'האָב אים אין נאָמען פון דער לינקער אַרבעטער־מחנה אין ישראל באַגריסט לכבוד זיין איבערנעמען דעם הויכן אַמט פון פּרעמיער. כ'האָב אים באַדאַנקט פאַר דער פילמאַליקער פּאָליטישער הילף אין אונ"אָ און פאַר דער ממשותדיקער הילף — געווער — וואָס זיין לאַנד האָט אונדז

געגעבן. כ׳האָב אים געשילדערט די חשיבות פון דער דאָזיקער הילף און די דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פון די מאסן אין ישראל פאַרן טשעכאָ־סלאָוואַקישן פאָלק און זיין רעגירונג. כ׳האָב אים געבעטן, אַז ווי ווייט מעגלעך, זאָל די דאָזיקע הילף פאַרשטאַרקט ווערן. בעת אונדזער געשפּרעך, האָט דער פּרעמיער אַרויסגעוויזן די סאַמע סימפּאַטישע באַציונג, גערעדט וועגן דער גערעכטער מלחמה פון ישראל פאַר איר זעלבשטענדיקייט. ער האָט אויך געזאָגט, אַז דאָס טשעכישע און דאָס סלאָוואַקישע פאָלק, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געקעמפט פאַר זייער זעלבשטענדיקייט, זענען מסוגל צו פאַרשטיין דעם נאַציאָנאַלן געראַנגל פון יידישן פאָלק, וואָס איז טויזנטער יאָר געווען גערודפט. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע וועט ווייטער געבן ישראל די פולע הילף און איר געווונטשן פולן דערפאָלג אין איר מלחמה. ער האָט מיך געבעטן איבערגעבן די סאַמע האַרציקע באַגרי־סונג די אַרבעטער אין ישראל. אויף מיין פאַרלאַנג, האָט דער פּרעמיער מסכים געווען צו געבן מיר אַ שריפטלעכע דעקלאַראַציע אין גייסט פון זיינע רייד, אויף צו פאַרעפנטלעכן זי אין דער ישראלדיקער פּרעסע. צו־מאָרגנס נאָך דער אוידיענץ האָב איך זיך צוויי מאָל געטראָפן מיטן פּרע־מיערס סעקרעטאַר, וואָס איז אָנוועזנדיק געווען בעת דער אוידיענץ און אויך געהאָלפן ביי דער איבערזעצונג — און מיט אים געשמועסט בפרטיותדיק בנוגע אונדזערע אַקטועלע באַדערפענישן אויפן געביט פון געווער־פאַרזאָר־גונג און אויך געגומען פון אים די שריפטלעכע דעקלאַראַציע פון פּרעמיער. בעת מיין אויפטריט אין ראַדיאָ־פּראַג און אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אָר־גאַניזירטע דורכן טשעכאָסלאָוואַקישן אויסערן־מיניסטעריום אין יענע טעג, האָב איך פון דער דעקלאַראַציע ציטירט איניקע זאַצן. די גאַנצע דעקלאַ־ראַציע האָב איך איבערגעוויזן דער ישראלדיקער פּרעסע. זי איז דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף אַן אָנגעזעענעם אופן. די קאָנקרעטע הילף פון טשעכאָסלאָוואַקיע — טראָץ דעם עמבאַרגאָ פון אונ״אָ, וואָס איז אויף אונדז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון די פאַריייניקטע שטאַטן — איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן וואָס האָבן געזיכערט אונדזער נצחון און דאָס פאַרטרייבן די אינוואַזיע פון די ישראל־גרענעצן.

— אַ וואָסערע קאָנקרעטע פאָדערונגען האָט איר דעמאָלט אַרויס־געררוקט אויפן געביט פון געווער־ליפערונג?

— מיינע בקשות זענען געווען ספּעציעל אין דריי שטחים: א) צו־שטעלן אַ געוויסע צאָל קאַמפּס־עראָפּלאַנען, וואָס וועגן זייער פאַרקויף איז מען שוין בשעתו דערגאַנגען צו אַ הסכם און זיי זענען צוליב עפּעס נישט

צוגעשטעלט געוואָרן; ב) פאַרקויפן נאָך אַ צאָל מאַשינגעווער פון אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע; ג) פאַרקויפן טאַנקען.

אין אייניקע טעג אַרום בין איך גערופן געוואָרן צום פּרעמיערס סעקרעטאַר, וואָס האָט מיר געזאָגט אין נאָמען פון פּרעמיער־מיניסטער, אַז ע ר האָט געפירט הארטע דיבורים מיט די מענטשן פון מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און זיי פאַראָרדנט צו טאָן אַלץ, כדי אַנטקעגנקומען מיין בקשה — אויסער דעם ענין פון די טאַנקען. ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ גענעראַל אין מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, אַז איך, אָדער דער ישראל־געזאַנדטער, זאָלן זיך מיט אים פאַרבונדן אויף איינצואָרדענען די ענינים, נאָך דער ענערגישער אַריינמישונג פון פּרעמיער. כ׳האָב דעם ענין איבערגעגעבן דעם ישראלדיקן געזאַנדטן.

— דאָס אַלץ איז זייער שיין, נאָר ס׳איז אויסגעטראַכט פון אָנהייב ביזן סוף. די גאַנצע דערציילונג זאָגט עדות בלויז אויף איין זאַך: אַז איר זענט אַ פּראָפעסיאָנעלער שווינדלער. און איצט וועל איך צונישט־מאַכן די גאַנצע באָבע־מעשה: איר האָט בכלל זיך נישט געקאָנט טרעפן מיט אונדזער פּרעמיער. אייער מלחמה אין ישראל איז נישט געווען מער ווי אַן אימפּעריאַליסטישער שפּיל, אָרגאַניזירט דורך די ציוניסטן. וואָלט איר געווען אַזוי חוצפּהדיק צו קומען צו אונדזער פּרעמיער און אים בעטן הילף פאַר אייער ציוניסטישער שפּיל אין ישראל, וואָלט ער אייך מיט אַ קאָפּע אַרויסגעוואָרפן פון זיין ביוראָ אינדרויסן. און איר וואָגט אויסטראַכטן אויף אונדזער פּרעמיער, אַז ער איז מיט אייך געזעסן און זיך צוגעהערט צו די נאַרישע רייד וועגן פּראָגרעסיוון קאַמף פון ישראל און אפילו פאַרזיכערט, אַז אונדזער לאַנד וועט געבן די פולע הילף צו אייער שמוציקן שפּיל? פאַרגעסט דעריבער אינגאַנצן די דאָזיקע אויסטראַכטעניש אייערע. דאָס איז אַ נידערטרעכטיקער בלבול אויף אונדזער פּרעמיער און קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. איך וויל מער נישט הערן פון אייער מויל וועגן דער אויסגעטראַכטער אוידיענץ. כ׳וועל מער נישט דערלויבן אַזאַ ציוניסטישן שווינדלער און פיינד פון סאָציאַליזם ווי איר צו באַליידיקן די אויסדערוויילטע פון אונדזער פאָלק.

איך בין געפּלעפט פון דער גראָבער און צינישער חוצפּה פונעם אויספאָרשער, וואָס האָט אַ פּאַראַנענעם פאַקט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען אין אַן אויסגעטראַכטער מעשה. דאָס מאָל איז מיר נישט וויכטיק דער עצם־פאַקט. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן אויף דער איניציאַ־

טיוו פון אויספֿאָרשער. אויף אַזויפֿיל איז ער נישט קיין פּיקח. דאָס האָט ער פֿון אויבן באַקומען אַזאַ דירעקטיוו. איך פֿאַרשטיי, אַז די אויפֿפֿירונג פֿונעם אויספֿאָרשער סימבאָליזירט עפּעס מער אַרומנעמענדיקס: אַ בכיוונדיקע פֿעלשונג פֿון אַ באַשטימטן קאַפּיטל אין דער געשיכטע. אַ וועזנטלעכע פֿעלשונג פֿון באַפֿרייונגס־קריג פֿון מדינת ישראל. פֿעלשן די פֿריינדלעכע באַציונג פֿון די סאָציאַליסטישע לענדער, בראש מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד, צו דער דאַזיקער מלחמה און די פּאָליטישע און ממשותדיקע הילף פֿאַר ישראלס געראַנגל. דער אויספֿאָרשער פּרוּווט פֿאַרווירקלעכן די דאָזיקע פֿאַרשווערונג אויף אַ גראָבן און אָפּשפּעטנדיקן אופֿן. איז דאָס אויך די ליניע פֿאַר דרויסן, די ליניע פֿון דער אָפֿיציעלער טשעכאָסלאָוואַקיע? אָדער איז דאָס נישט מער ווי איינע פֿון די פֿאַרש־תחבולות פֿון דער זיכערהייטס־פּאָליציי?

נישט געקוקט אויף די וואָרענונגען פֿונעם אויספֿאָרשער, באַשליס איך נישט אָפּצולאָזן דערפֿון. איך זאָג אים, אַז ער זאָל זיך אַליין מטריח זיין און לייענען די צייטונגען פֿון זיין לאַנד און פֿון אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער פֿון יענער תקופֿה, די רעדעס פֿון זייערע פֿאַרשטייער אין אונ״אָ אין יענע טעג; אַז אין אַרכיוו פֿון פּרעמיערס קאַנצעלאַריע געפֿינט זיך זיכער אַן אָפּשריפֿט פֿון דער שריפֿטלעכער דעקלאַראַציע, וואָס כ׳האָב פֿון אים באַקומען. אַז איך קאָן בעטן — אויב מען וועט מיר דערלויבן — צושיקן מיר פֿון לאַנד דעם אָריגינאַל פֿון דער דעקלאַראַציע און די דעקלאַראַציע פֿון זייער אויסערן־מיניסטעריום פֿון יענער תקופֿה. איך זעץ פֿאָר — אַז די מלחמה פֿון ישראל זאָל האָבן געווען אַן אימפּעריאַליסטישער שפּיל — הער איך צום ערשטן מאָל פֿון אים אַזאַ מאָדנע אָפּשאַצונג. דאָס איז אין פֿול־שטענדיקער סתירה צו דער דעקלאַרירטער שטעלונג פֿון אַלע סאָציאַליס־טישע לענדער און אין קעגנזאַץ צו די ממשותדיקע פֿאַקטן פֿון הילף, וואָס ישראל האָט פֿון זיי באַקומען אין איר מלחמה. און די דאָזיקע הילף איז געגעבן געוואָרן דערפֿאַר, ווייל ישראלס מלחמה איז נישט געווען קיין „אימפּעריאַליסטישער שפּיל״, נאָר אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין איר וועזן, אַ גערעכטע מלחמה פֿון אַן אָנגעגריפֿן פֿאָלק, וואָס קעמפֿט פֿאַר זיין זעלבשטענדיקייט און פֿרייהייט — אויך לויט דער אָפּשאַצונג פֿון סאָציאַליסטישן בלאָק. דאָס איז אויך געשריבן אין דער דעקלאַראַציע פֿון טשעכאָסלאָוואַקיעס פּרעמיער.

דער אויספֿאָרשער שרייט אויף מיר ווידער אַן כ׳זאָל נישט דער־מאָנען זאַפּאָטאָצקין און נישט פֿאַרשוועכן זיין נאָמען. איך מאַך אים אויפֿ־

מערקזאַם, אַז אין זיינע פאָדערונגען צו מיר איז פאַראַן אַ פאַרשוועכונג פון געזעץ. כ׳בין אויפגעפאָדערט געוואָרן צו דערציילן אים פּרטים פון מיין פּאָליטישער טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין יאָר 1948. אַ פאַקט איז, אַז אין צענטער פון מיין טעטיקייט איז געשטאַנען דער צוזאַמענטרעף מיטן פּרעמיער פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איך פאַרשטיי, אַז ער, דער אויספאָרשער, וויל, כ׳זאָל אויסבאַהאַלטן דעם דאָזיקן וויכטיקן פּרט. און איך פאַרשטיי זיין טענדענץ. זי איז גענוג דורכזיכטיק. — פון אַלע פּאָליטיקער מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן, וואָס זיצן איצט אין תּפיסה, ווילט איר מאַכן „ציוניסטן" און פון מיינע רייד ווערט אייך קלאָר, אַז כאילו אייער פּרעמיער איז אויך אַ „ציוניסט". די דאָזיקע זאַך ברענגט מיט זיך נישט־אָנגענעמע זאַכן פאַר אייערטוועגן. דעריבער, ווילט איר פּשוט „בטל מאַכן" דעם פאַקט פון מיין אוידיענץביים פּרעמיער. טוט מיט מיר וואָס איר ווילט — דעם דאָזיקן פאַקט וועל איך נישט מבטל מאַכן.

— גענוג! — רייסט איבער דער אויספאָרשער — כ׳בין שוין זאַט פון די נאַרישע, דעמאַגאָגישע רייד וועגן דער גערעכטער מלחמה פון ישראל. אָדער איר ווייסט נישט וואָס אַזוינס איז געווען די מלחמה, אָדער איר פעלשט איר כאַראַקטער, כדי מיך אָפּצונאַרן. נאָר איך זע, אַז איר באַזיצט אַ ביסל פּאָליטישע אויסבילדונג און דעריבער בין איך זיכער, אַז איר ווייסט דעם כאַראַקטער פון אייער מלחמה, נאָר איר פּרובירט אונדז אָפּנאַרן. איר ווייסט זיכער אַזוי ווי איך, דעם אמתן אמת וועגן אייער מלחמה. נאָר אויב איר מאַכט דעם אָנשטעל, אַז איר ווייסט נישט, וועל איך עס אייך זאָגן: אייער מלחמה איז געווען אַ פּרוכט פון אַ בשותּפותדיקער קאָמבינאַציע פון די ציוניסטן און אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן. איר האָט געוואָלט אויסטוישן די ענגלענדער אויף אַמעריקאַנער און דערפאַר האָבן אייך די אַמעריקאַנער געהאָלפן אויפשטעלן אייער מדינה.

ער שטילט מיך איין אויף אַ גראָבן אופן, ווען איך רייס אים איבער און דערמאָן גראָמיקאָס רעדע, דעם פאַקט וואָס פ.ס.ס.ר. האָט די ערשטע אָנערקענט דע־יורע און דע־פאַקטאָ מדינת ישראל, די געווער־טראַנספּאָרטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע פאַר דער קעמפנדיקער ישראל. ער זעצט פאָר:

— אין אָט איז מיטן אויפשטעלן אייער מדינה, פאַר אייך ציוניסטן קלאָר געוואָרן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס גייט דעראָבערן די מאַכט אין דער נייער מדינה.

איך פאַל אים אַריין אין די רייד: — דער ציוניסטישער אַרבעטער־קלאַס איז במילא געווען אַ מערהייט ביי דער מאַכט.

— שווייגט! דעמאַגאָג! — קאָכט זיך דער אויספאָרשער — עס איז אייך קלאָר געוואָרן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס, געפירט דורך דער ישראלדי־קער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גייט פּאַרכאַפּן די מאַכט אין ישראל.

כ׳האָב זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אויסברעכן אין אַ געלעכ־טער. — עס איז בכלל נישט געווען אַזאַ געפאַר. נאָך דער פּאַרטיי, וועלכע רופט זיך קאָמוניסטישע, גייען נאָך 5% פון דער אַרבעטערשאַפט; זיי אַליין וואָלטן געלאַכט פון דער אַנטפּלעקונג, אַז זיי האָבן זיך געגרייט צו פּאַרכאַפּן די מאַכט...

— שווייגט! דעמאַגאָג! אַ נישט — גייט איר אין קאַרצער. נאָכדעם ווי איר, ציוניסטן, האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער געפאַר פון דער הערשאַפט פון אַרבעטער־קלאַס אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, האָט איר באַשטעלט די אינוואַזיע פון די אַראַבישע לענדער. און דאָס האָט אייך געהאָלפן אויסמיידן דאָס פּאַרכאַפּן די מאַכט אין ישראל דורכן פּראָלעטאַריאַט, דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער אויספאָרשער פּאַרענדיקט זיין וויסנשאַפטלעכע דערקלערונג וועגן ישראלס מלחמה. — דאָס איז נישט געווען קיין פרייהייטס־קריג, דאָס איז געווען אַ קאָמעדיע, אויסרעזשיסירט דורך די ציוניסטן.

איך באַמערק דעם אויספאָרשער: — נאָכדעם ווי ס׳איז אַן אומעטום באַוווּסטער פאַקט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד און אירע פאַרבינדעטע האָבן געשטיצט דאָס קעמפנדיקע ישראל, שטעלט איר בעצם פעסט, אַז זיי האָבן גאָר אונטערשטיצט אַ קאָמעדיע, אויסרעזשיסירט דורך די ציוניסטן, כדי פאַרמיידן קאָמוניסטישע הערשאַפט אין ישראל. איר טרעפט שווער נישט נאָר אינעם כבוד פון יידישן פאָלק, וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, נאָר אויך אין כבוד פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, וועלכע האָבן אונדז געשטיצט אין דאָזיקן געראַנגל.

ער שפּרינגט אונטער פון זיין אָרט, ווי געביסן פון אַ סקאָרפּיאָן. זיין פּנים ווערט בלוי־רויט. ווי אַ משוגענע חיה וואַרפט ער זיך אויף מיר מיט זיינע צוויי פויסטן. ער לאָזט פאַלן זיינע קלעפּ אויף מיין קערפּער, ווו עס לאָזט זיך. אַ שטראָם זידלערייען פליצט אויף מיר ווי כוואַליעס מוטנע וואַסער. ער שלאָגט און זידלט. זידלט און שלאָגט מיטן גאַנצן כוח, דעם כוח פון אַ צווילדעוועטער בעסטיע. ער וואַרפט מיך צו דער וואַנט. אַן איבעררייס שליידערט ער מיך אויף די ווענט. ער הייבט מיך אָן שלעפּן אי־בערן צימער אַהין און אַהער. זיין צווייטע האַנט קלאַפּט און פון זיין מויל רייסט זיך אַן אומאויפהערלעכער שטראָם מיאוסע זידלערייען. נאָך יעדער

סאַלווע באַליידיקונגען, לאָזט ער הערן דעם פּזמון ווי אַ רעפרען: איר וועט וואַגן צו באַליידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד? איר וועט וואַגן אויף אים אויסטראַכטן אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער קאָמעדיע אין ישראל?

אויך איך הייב אָן שרייען: — איר, הער אויספאָרשער, האָט דאָס געטאָן. איר באַליידיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד.

ער קערט זיך אָבער אום צו זיין פּזמון אומצאָליקע מאָל. ער פאַרשטייט, ווייזט אויס, אַז ר'איז אַדורכגעפאַלן. עס קאָן אָבער נישט געמאָלט זיין, אַז אַ קאָמוניסטישער אויספאָרשער זאָל געשטרויכלט ווערן. וואָס־זשע טוט ער? נישטאָ קיין מער פּשוטע זאַך פון דעם. ער שרייבט מיר צו די רייד, וואָס ער האָט געזאָגט. דער אויספאָרשער האָט באַליידיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד? ניין. דער געפאָרשטער האָט עס געטאָן. דאָס איז דאָך ליגן. ניין, דער אמת און דער ליגן ווערן נישט פעסטגעשטעלט דורך אָביעקטיווע פאַקטן. אין דעם גהינום־ביוראָ פון תפיסה — ווערט דער אמת און שקר באַשטימט דורך אַן אַנדערן פאַקטאָר. דער פּוסק וואָס איז אמת און וואָס ליגן — איז דער אויספאָרשער.

צום סוף ווערט ער מיד פון די איבונגען, וועמענס קרבן איך בין. ער באַפעלט מיר שטיין אויף אַכטונג. ער אַליין לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער שטול אַ פולשטענדיק דערשעפּטער.

באַלד דערנאָך זאָגט ער: — איצט וועלן מיר צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל, אַז איר האָט באַליידיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד. דערפאַר וועט איר באַקומען אַ הויכע שטראָף.

ער שרייבט אויף דער שרייבמאַשין. אַ מאָדנע צונויפשטעלן פון אַ פּראָטאָקאָל: ער שטעלט מיר נישט בכלל קיין פראַגן. נאָכן פאַרענדיקן שרייבן, לייענט ער מיר איבער דעם פּראָטאָקאָל. ער הייבט אָן מיטן אַרויסברענגען פאַרשידענע דאַטן: מיין נאָמען, פאַמיליע, דאַטע פון געבוירן, בירגערשאַפט, דאַטע פון דער אויספאָרשונג אדג"ל.

דער עצם־פּראָטאָקאָל איז בערך אַזוי:

פראַגע פון אויספאָרשער: איז ריכטיק, אַז בעת דער אויספאָרשונג — אין פראַגן וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער מלחמה וואָס איז געווען אין ישראל אין די יאָרן 1948/9, האָט איר דעם ראַטנפאַרבאַנד געשטעלט אין איין ריי מיט די אימפּעריאַליסטישע מדינות?

ענטפער פון געפֿארשטן: ריכטיק.

פֿראַגע: איז אייך באַוווּסט, אַז איר האָט שווער באַליידיקט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד?

ענטפער: באַוווּסט.

פראַגע: פֿאַרוואָס האָט איר באַליידיקט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד?

ענטפער: כ׳האָב אים באַליידיקט, ווייל איך בין אַ געשוואָרענער פֿיינד פון אַרבעטער־קלאַס און פון סאָציאַליזם. פון שטענדיק אָן בין איך אַ שונא פון ראַטנפֿאַרבאַנד.

דער אויספֿאָרשער פֿאָדערט פון מיר אונטערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל. איך דערקלער, אַז כ׳וועל נישט חתמענען.

— פֿאַרוואָס?

— ווייל אין פּראָטאָקאָל איז נישט פֿאַראַן קיין אמת. ערשטנס: איר האָט מיר נישט געשטעלט די אויבנדערמאָנטע פראַגן און איך האָב נישט געגעבן אַזעלכע ענטפֿערס. איר האָט זיך אַליין געפרעגט און אַליין געענטפֿערט. צווייטנס: דער אינהאַלט פון פּראָטאָקאָל איז אַ פֿעלשונג פון פֿאַקטן, כ׳האָב נישט געשטעלט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד אין איין ריי מיט די אימפּעריאַליסטישע מדינות. כ׳האָב אונטערגעשטראָכן דעם אמתדיקן פֿאַקט, אַז דער ראַטנפֿאַרבאַנד האָט אונדז געשטיצט אין אונדזער גערעכטער מלחמה...

ער רייסט איבער מיט אַ האָגל קלעפּ און זידלערייען:

— אַלץ, וואָס איר האָט איצט געזאָגט — שרייט דער אויספֿאָרשער — איז אַ ליגן. דער אמת איז פֿאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל. אויך דער איבערזעצער וועט עדות זאָגן מיט זיין אונטערשריפֿט, אַז אַלץ וואָס איז פֿאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, איז אמת.

ער ווענדט זיך צום איבערזעצער און יענער באַשטעטיקט, אַז דער פּראָטאָקאָל איז אמת און אַז ער איז גרייט מיט זיין אונטערשריפֿט דאָס צו באַשטעטיקן. איך גיב נאָכאַמאָל צו וויסן, אַז כ׳וועל נישט חתמענען.

— איר וועט אונטערשרייבן, און נאָך וויאַזוי. איר זענט אַ הייס־געבאָדענער עקשן. מיר וועלן אייך אויף אייניקע שעה אַריינזעצן אין קאַרצער. דאָרט וועט איר זיך עטוואָס אָפּקילן און אונטערשרייבן.

אין קאַרצער

שוין עטלעכע שעה ווי איך גיי דאָ אַרום אין דער דיקער פינצטער־ניש, צווישן די פיר ווענט פון קאַרצער. די קעלט איז אַן אומדערטרעגלעכע. באַזונדערס ווען ביסט אָנגעטאָן אין זומערדיקע, דינע אַרעסטאַנטן־בגדים און אין האַלבע שטעקשיך, אָן סקאַרפּעטן; אַז ביסט דערשעפּט פון הונגער און נישט אויסגעשלאָפן אין משך פון איניקע וואָכן; אַז אַלע איברים אין קערפּער טוען דיר ווי פון עם אָן־סופיקן שטיין אויף אַכטונג. פון די קלעפּ וואָס האָסט אָפּט אַריינגעכאַפּט פאַרן דיין עקשנות און „יידישער חוצפה" צו זאָגן דעם אמת. אין די לעצטע טעג האָט מיין קאָפּ זוכה געווען צו דינען אַלס הויפּט־אָביעקט פאַר דעם אויספאָרשערס קנאָכיקע פויסטן. פון פיל וויטיקן דוכט זיך מיר, אַז מיין שאַרבן וועט זיך פונאַנדערפאַלן.

האַרט פאַרן פרימאָרגן־קלונג שיקט מיך דער אויספאָרשער צוריק אין קאַמער. אין געציילטע מינוטן נאָכן קלונג בין איך ווידער געבראַכט געוואָרן אַהער, אין דעם לאָך וואָס רופט זיך „פינצטער־קאַמער" און דורך די אויספאָרשער — „אייזקאַסטן", „קיל־הויז".

איך זע גאָרנישט. חושך־מצרים. בלויז פון צייט צו צייט צינדט אָן דער וועכטער אין קאָרידאָר דאָס לעמפּל וואָס אין קאַרצער אויף עטלעכע סעקונדן, כדי צו כאַפּן אַ בליק דורכן קליינטשיקן אונטערקוק־פענצטערל אין טיר. ער דאַרף קאָנטראָלירן צי איך גיי אַרום אַזויווי מען האָט באַפוילן. מיר איז לגמרי פאַרבאָטן צו זיצן — און זיצן קאָן מען דאָ נאָר אויף דער בעטאָן־פּאָדלאָגע — און לאָזן אַביסל אָפּרוען די מידע אָנגעווייטיקטע פיס און אָננעמען אַביסל כוח צום ווייטערדיקן מאַרשירן. איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס דאַרף דויערן. קיין פרישטיק (אַ שטיקל ברויט און וואַרעמע משקה, וואָס רופט זיך „קאַווע"), האָב איך נישט באַקומען. פון מיין חבר אין קאַמער האָב איך געהערט, אַז די וואָס זיצן אין קאַרצער, באַקומען דווקא נאָר דעם פרישטיק. ווייזט אויס, אַז דאָסמאָל האָבן זיי פאַרגעסן. אָן שום ספק וועט מען מיך באַלד אַרויסנעמען פונדאַנען. מיין חבר האָט געזאָגט, אַז אין קאַרצער שיקט מען נאָר אויף עטלעכע שעה. מיר שיינט, אַז כ׳גייען זיך דאָ איניקע שעהן.

כ׳בין נאָך אַלץ אויפגערודערט און צעשטורעמט פון דער אויס־פאָרשונג־נאַכט, וואָס נאָך איר בין איך דערגאַנגען אַהער. כ׳קאָן נישט

בלייבן רויק. איז דאָס אַלץ פּאַרגעקומען אין דער ווירקלעכקייט? צי טראַכט איך נישט אויס די געשעענישן פון דער דאָזיקער נאַכט פון מיין פּאַנטאַזיע, וואָס איר גלייכגעוויכט איז אפשר אונטערגעבראָכן געוואָרן? איך באַמי זיך אויסמאָלן אין אַלע פּרטים די לעצטע געשפּענסטיקע נאַכט. כדי זיך זעלבסט איבערצייגן, אַז זי איז טאַקע פּאַרגעקומען ממש און איז נישט קיין פּרוכט פון מיין פּאַנטאַזיע. מיר איז שווער צו גלייבן, אַז ס׳איז מעגלעך אַזאַ שפע פון שווינדל, ציניזם, איזדיעקעווען זיך און סאַדיזם אין דער אויפפירונג פונעם אויספאַרשער. שווער צו גלייבן.

אפשר בין איך קראַנק און די לעצטע געשפּענסטער־נאַכט איז נישט מער ווי אַ קרענקלעך גרויל־בילד? איך טאַפּ מיין שטערן. ניין, כ׳האָב נישט קיין פיבער.

די קעלט אַרום איז אַ שרעקלעכע, דער הונגער האָט אויפגעהערט מאַטערן. אויך דער דורשט נאָך שלאָף. מיר געלונגט אויך צו מאַכן זיך נישט וויסן וועגן די ווייטיקן אין די פיס און נאָך ווייטיקן. אָבער די קעלט קאָן איך נישט גובר זיין. זי דרינגט אַריין אין אַלע ביינער. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר די גאַנצע צייט האָב איך אַ געפיל, גלייך צענדליקער קאַלטע יאַשטשערקעס וואָלט געקראָכן איבער מיין קערפּער — פון אויבן אַראָפּ און צוריק. די קעלט קנייפּט באַזונדער מיין נאָז, די אויערן, די פינגער.

וואָס וועט זיין, אויב מיין חבר אין קאַמער האָט זיך טועה געווען און די קאַרצער־שטראָף איז באַשטימט געוואָרן נישט בלויז אויף געציילטע שעהן? אויב זיי וועלן מיך דאָ איבערלאָזן אויף אַ גאַנצן טאָג, אַ מעת־לעת? כ׳וועל דאָ פאַרפרוירן ווערן. בלויז אַ בלאָק פאַרפרוירן פלייש וועט פון מיר איבערבלייבן. כ׳וועל נישט אַרויס פונדאַנען אַ לעבעדיקער, אויב מען לאָזט מיך דאָ איבער אַ גאַנצן טאָג.

די ליכט צינדט זיך אָן אויף אייניקע סעקונדן. אַ שטאַרקער זעץ אין טיר. אַ געשריי: „אַרומגיין!״ דער וועכטער האָט מיך געכאַפּט ביי אָן עבירה: איך שטיי, צוגעשפּאַרט צו דער נאַסער וואַנט. פון צופיל מידקייט האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, ווייזט אויס, אינסטינקטיוו. אפשר האָב איך אויך איינגעדרימלט אויף אַ פּאָר סעקונדן. כ׳הייב ווידער אָן מאַרשירן. איך שטרעק די הענט פאָרויס און ביי די זייטן. נישט איינמאָל, דערגייענדיק צו דער צווייטער וואַנט, באַקום איך אָן אַנשטענדיקן זעץ אין קאָפּ. אָפטמאָל שטויסט זיך דער קאָפּ אָן אין דער וואַנט פון רעכטס אָדער לינקס. איך ווייס נאָך אַלץ נישט צו גיין פון געדעכעניש, אין דער פינצטער.

דוכט זיך, אַז מיין גאַנג האָט פון צופיל מידקייט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, און דער עיקר — צוליבן פעלן פון שלאָף. עס איז זייער קאַלט.

דאָס איז אַ באַרבאַריזם צו שיקן אַ מענטש — אפילו ווען ער איז אַ פאַרברעכער, אַ שפּיאָן, אַ שעדיקער — וואָס האָט 25 יאָר אָפּגעלעבט אין ארץ־ישראל, אין אַ סוב־טראָפּישן קלימאַט, — אין דעם „קיל־הויז״, אין דיניטשקער זומער־קליידונג. מען האָט מיר געזאָגט, אַז בדרך־כלל טוט מען אָן די אַרעסטאַנטן אין ווינטער־צייט אין דיקע, וואַרעמע מלבושים. דער דאָזיקער באַרבאַריזם איז פּלאַנירט און דורכגעטראַכט. דאָס איז בלויז אַ פּרט אין סיסטעם. אין דעם פּאַרש־סיסטעם, וואָס האָט פּאַר אַן אויפגאַבע צוזאַמענצוברעכן דעם מענטש וואָס עקשנט זיך צו זיין אַן אמת־זאָגער. ניין, די לעצטע געשפּענסטער־נאַכט איז נישט קיין פּרוכט פון קיין פאַנטאַזיע. זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. איך פיל נאָך די קלעפּ וואָס מיין גוף האָט אויפגענומען. איך זע נאָך דעם געזיכט־אויסדרוק פונעם אויספאָרשער, דאָס פּרצוף פון אַ צווילדעוועטער חיה. כ׳בין נאָך פול מיט פּראָטעסט קעגן דער מענטשלעכער דערנידעריקונג, וועמענס קרבן איך בין. כ׳בין נאָך איינגאַנצן אויפגעבראַוזט, דערמאָנענדיק זיך די ליגנס וואָס האָבן ווי ליִז זיך געראַיעט אין די רייד פונעם אויספאָרשער. כ׳האָב דאָס נישט אויס־פאַנטאַזירט. דאָס אַלץ האָט זיך ממש אָפּגעשפּילט פאַריקע נאַכט. און צום סוף פון דער דאָזיקער געשפּענסטיקער נאַכט בין איך געקומען אַהער, אין קאַרצער.

פון קאָרידאָר דערטראָגט זיך צו מיינע אויערן דער טויבער אָפּ־קלאַנג פון אייליקע שריט. מיין נאָז כאַפּט אויף דעם ריח פון געקאָכטע מאכלים. אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג אין תפיסה: אין דער מאָס ווי מען גיט דיר נישט בכיוון צו זען דאָס וואָס קומט פאָר אין קאָרידאָר, אַזוי שטאַרקט זיך אין דיר דער פונקציאָנעלער כוח פון די אַנדערע חושים, ממש ווי ביי די חיות. הגם די קאַמער איז פאַרמאַכט כמעט הערמעטיש, ווייסט על־פּי־רוב דער אַרעסטאַנט וואָס עס קומט פאָר אין קאָרידאָר. איצט בין איך זיכער, אַז ס׳איז געקומען די מיטאָג־צייט. כ׳בין זייער הונגעריק. קיין פרישטיק האָב איך נישט באַקומען. אפשר וועל איך באַקומען מיטאָג?

ווייסן ווייס איך, אַז כ׳וועל בלייבן אַ הונגעריקער, אפילו ווען מען וועט מיר געבן מיט איינמאָל דריי מאָלציַיטן. נאָר דאָס מאָל לעכץ איך נאָך אַ מיטאָג, ווייל ס׳איז דאָרט פאַראַן הייסע זופּ. אפשר וועל איך באַווייזן זיך עטוואָס צו דערוואַרעמען. אין אויסערגעוויינלעכער שפּאַנונג זענען מיינע אויערן אָנגעשפּיצט צו דעם רעש וואָס דערנענטערט זיך צו דער קאַמער פון

קאַרצער. איך הער ווי טירן עפענען און פאַרמאַכן זיך. די אַרעסטאַנטן באַ־קומען זייער מאָלצייט. אין דער פאַנטאַזיע זע איך מיין חבר אין קאַמער. זיין געשפּאַנטקייט איידער מען עפנט די טיר פון קאַמער, די פרייד וואָס צעגיסט זיך איבער זיין פּנים ווען ער האַלט דאָס עסן אין די הענט און די ברענענדיקע תאווה ביים איילן אַראָפּשלינגען די אָרעמע מאכלים. מיין מויל איז פאַרפלייצט פון סלינע. איך שטרענג אָן מיין געהער — אומזיסט. דער רויש לעשט זיך אויס. די עסן־פאַרטיילער זענען נאָך נישט דערגאַנגען צום קאַרצער. כ׳וועל נישט באַקומען קיין מיטאָג. אין קאַרצער, ווייזט אויס, גילט אַ פולשטענדיקער תענית. פינצטער. קאַלט. שלאָפלאָזיקייט. פאַסטן. אויסער דעם איז נאָך פאַרבאָטן צו זיצן. מען דאַרף שפּאַנען, שפּאַנען — צענדליקער קילאָמעטער, אויף אַ שטח פון 3×2 מעטער.

אַלע קלעפּ זענען אַ גאָרנישט אַנטקעגן דעם איינעם קלאַפּ: די קעלט. כ׳וואָלט נישט געגלייבט, אַז קעלט קאָן זיין גורם אַזאַ שווערע פּיין. איך רייב מיין פּנים, די נאָז, די אויערן, די הענט, די פיס, מיין אַנטבלויזטע ברוסט (דאָס העמדל און דער „מאַנטל" לאָזן זיך נישט פאַרקנעפּלען). אומזיסט, און אויף דיין רוקן קריכן נאָך אַלץ קאַלטע יאַשטשערקעס. פאַרוואָס דווקא יאַשטשערקעס? כ׳ווייס נישט. די קעלט איז איצט מיין שונא נומער איינס. אַלע צרות זענען אַוועק אויף אַ צווייטן פּלאַן: די אויספאָרשער, דער הונ־גער, דער דורשט נאָך שלאָף, דאָס זיצן אין תפיסה. די אַלע זאַכן ווערן נישט וויכטיק. וואָס טאָן קעגן דער קעלט? אויב מען וועט מיך נישט אַרויסנעמען פונדאַנען פאַר דער צייט — שיינט מיר, אַז דאָ וועט זיין מיין קבר. כ׳וועל פונדאַנען נישט אַרויס אַ לעבעדיקער. כ׳וועל שטאַרבן פון קעלט.

איך שפּאַן. איך טרוים פון מיין היים, מיינע טייערע, מיין קיבוץ:

— דאָס בלענדנדיקע ליכט פון אַ כאַמסיניקן זומער־טאָג איז אויסגע־שפּרייט איבערן עמק. ווי טייער מיר איז איצט אַ כאַמסין־טאָג אין עמק, אַ טאָג פון אַ גליענדיקער זון אין מיין היימלאַנד. אָט איז מיין קליינער פּיריאָריקער זון. צום טויזנטסטן מאָל פרעגט ער דער מאַמען: פאַרוואָס קומט נישט צוריק מיין טאַטע? און די מאַמע, באַהאַלטנדיק דעם טרויער, ענטפערט אים: דער טאַטע וועט בקרוב זיך אומקערן. און מיין טאָכטער, די 14־יאָריקע, זי פאַרשטייט נאָך אויך נישט ביז איצט וואָס ס׳איז געשען, און אפשר פאַרשטייט זי שוין, זי דאַרף שוין נישט פרעגן. איך שפּאַציר מיט מיינע טייערינקע. גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. שבת נאָכמיטאָג, זומער. אַ גרויס ליכט אַרום. מיר גייען אַרויס פון הויף דורכן צפונדיקן טויער. פאַר אונדז די בערג פון נצרת, דער הר־הקפיצה. רעכטס קוקט דער

הר תבור אין זיין פולער פּראַכט. מיין זון פרעגט מיך דעם באַטייט פון נאָמען הר־הקפיצה. ער צעלאַכט זיך מיט אַ גאָלדן געלעכטער, ווען ער הערט פון מיר די לעגענדע פון ישו הנוצרים שפּרונג. לינקס — דער יער־באַלפור וואָס קלעטערט אַלץ העכער און העכער. פון דרום — די בערג פון אפרים. און פון ביידע זייטן שטעג — די רחבותדיקע פעלדער פון קיבוץ. אַ שפּע ליכט. עס ווערט מיר וואַרעם אין האַרץ. מיין זון בעט מיר זאָלן מאַכן אַ וועט־לויף. מיר לויפן. אויך די טאַכטער שטייט־צו. פאַרשטייט זיך, אַז מיין זון גייט אַרויס דער זיגער אין געיעג. —

די טיר פון קאַרצער עפנט זיך מיט גרויס טומל. דער וועכטער דער־לאַנגט מיר דאָס האַנטעך צו פאַרבינדן די אויגן. ער פירט מיך. ס׳האָט זיכער גענומען אַ סוף צו דער שטראָף און ער פירט מיך צוריק אין קאַמער. מיר הייבן זיך אויף אין אַ ווינדע. מיר גייען אַריבער די שוועל פון אַ צימער. איך הער אַ באַפעל: אַראָפּנעמען די „שמאַטע״. דאָס קול איז פון מיין אויספאָרשער. איך קוק זיך אַרום. עס נעמט צייט ביז מיינע אויגן געוויינען זיך צו צו ליכט. מיין אויספאָרש־קאַנצעלאַריע. דער אויספאָרשער. דער איבערזעצער. דורכן פענצטער רייסט זיך אַריין טאָג־ליכט. פון די ווענט קוקן אויף מיר פון זייערע רעמען די בילדער פון סטאַלין און גאָטוואַלד.

דער אויספאָרשער ווייזט מיר מיט אַ ווונק צו זעצן זיך אויף מיין אָרט, אין ווינקל. איך פיל אַ גרויסע מידקייט אין אַלע אברים. ער באַטראַכט מיך געננוי, מיט אַ נצחון־שמייכל אויף זיין פּנים. ער קוקט אויף מיר אַ לאַנגע צייט. מיר שיינט, אַז אין מיין פּנים־אויסדרוק זוכט ער סימנים פון זיין נצחון איבער מיר.

— נו, וואָס מאַכט איר, אורן ? איר גלאַנצט אינגאַנצן, ווי איר וואָלט געוועזן אויפן נאָרד־פּאָל. וווּ זענט איר געוועזן ?

איך ענטפער נישט.

— ענטפערט, אַז מען פרעגט ! איך זע, אַז איר זענט ווייטער חוצפּה־דיק. דאָס וועט זיך אייך נישט לוינען.

— כ׳בין געוועזן, ווי ס׳איז אייך באַוווּסט, אין אייזקאַסטן.

— און דאָרט איז אַזוי קאַלט ? איר זעט אויס אינגאַנצן אַ געפרוי־רענער.

איך ענטפער נישט.

— זיכער זענט איר אויך הונגעריק. איר האָט נישט געגעסן קיין מיטאָג. מן־הסתמא וואַרט דאָס עסן ביי אייער קאַמער.

— אויך קיין פרישטיק האָב איך נישט געגעסן.

— פרישטיק האָט איר באַדאַרפט באַקומען. נאָר קאָן זיין, אַז צוליב אַ טעות, האָט מען עס אַוועקגעשטעלט נעבן דער קאַמער.

ער קוקט אַלץ אויף מיר: — איר זענט שולדיק דערין וואָס מ׳האָט אייך געשיקט אין קאַרצער. איך ווייס, אַז דאָרט איז נישט אָנגענעם. איר וועט זיך דאָרט נישט אומקערן. איצט גייט צוריק אין קאַמער און עסט אייערע צוויי מאָלצייטן. כ׳בין זיכער, אַז דאָרט אין קאַרצער האָט איר באַ־דויערט פאַרוואָס איר האָט ביינאַכט נישט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל. שרייבט איצט אונטער און כ׳וועל אייך נישט פאַרהאַלטן. איר וועט צוריק־גיין אין קאַמער, אָפּעסן, באַלד וועט צופאַלן די נאַכט און איר וועט קאָנען שלאָפן.

וואָס טאָן? חתמענען, אַז כ׳האָב באַליידיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד, אַז כ׳בין זיינער אַ געשוווירענער שונא? אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פראַגן, וועלכע מען האָט מיך נישט געפרעגט און פון תשובות וואָס כ׳האָב נישט געענטפערט? חתמענען — למעשה — אונטער אַן אָפענעם, שרעקלעכן שווינדל, אַז אונדזער באַפרייונגס־קריג איז געווען אַן אימפּעריאַליסטישע שפּיל? אַז די ציוניסטן האָבן עס באַשטעלט די אַראַבישע אַגרעסיע?

— כ׳וועל נישט קאָנען אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל — ענטפער איך.

— פאַרוואָס? דאָרט אין קאַרצער איז אייך זיכער קלאָר געוואָרן, אַז איר האָט געטאָן אַ נאַרישקייט, אָפּזאָגנדיק צו חתמענען. דאָרט איז אייך זי־כער קלאָר געוואָרן, אַז דער פּראָטאָקאָל איז אין אָרדענונג, נישט פאַראַן אין אים קיין פעלערן. אויב איר וועט נישט אונטערשרייבן — מיינט דאָס, אַז איר ווילט זיך אומקערן אין קאַרצער. דאָס וועט נישט זיין ריכטיק פון אייך צו וועלן דאָרט צוריקגיין. נאָר אויב איר וועט זיך פאַרעקשנען, וועל איך אייך דאָרט צוריקשיקן, הגם די זאַך איז מיר נישט אָנגענעם.

— איך וויל זיך נישט אומקערן אין קאַרצער. אָבער דעם פּראָטאָ־קאָל קאָן איך נישט אונטערשרייבן, ווייל ער אַנטהאַלט נישט קיין איין וואָרט אמת. כ׳וועל נישט קאָנען חתמענען, כאָטש איך וויל נישט צוריקגיין אין קאַרצער.

— איר זענט נישט גענוג געזעסן אין קאַרצער, אויב איר האָט ביז איצט זיך נאָך נישט באַפרייט פון ליגנערישן און פּראָוואָקאַטאָרישן אופן פון רעדן. אויב איר שרייבט נישט אונטער — גייט איר צוריק אין

קאַרצער און איר וועט חתמענען אין עטלעכע שעה אַרום. נאָכוואָס זאָלט איר אומזיסט פאַרשווענדן אייערע כוחות? אין דער אונטערשטער שורה וועט איר יאָ אונטערשרייבן. נישטאָ ביי אונדז אַזאַ זאַך ווי אָפּזאָגן זיך אונטערצושרייבן אַ פּראָטאָקאָל. מיר האָבן שוין געזען גרעסערע העלדן פון אייך. אָבער זיי זענען נישט קיין נאַראַנים. זיי האָבן אַלץ אונטערגע־שריבן, אויך איר וועט אונטערשרייבן. איך וואַרט אויף אייער ענדגילטיקן ענטפער און איך האָף, אַז ער וועט זיין אַ פאַרשטענדיקער. אָדער איר חתמעט, אָדער איר קערט זיך אום אין קאַרצער. די ברירה איז ביי אייך.

צוריקגיין אין קאַרצער? צוריקגיין צו דער קעלט און יסורים? כ'וועל מער נישט קאָנען איבערטראָגן די דאָזיקע קעלט. אייגנטלעך, פאַרוואָס נישט אונטערשרייבן? איז דאָך מיין גאַנצער אַרעסט איין גרוי־סער שווינדל. פאַרוואָס נישט געבן די אונטערשריפט אונטער אַ קלענער שווינדל פאַר וועלכן זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך, פונקט ווי זיי טראָגן די אחריות פאַרן גאַנצן שווינדל. ס'וועט קומען אַ טאָג און די אָפּנאַרעריי וועט זיך אַנטפּלעקן אין איר גאַנצער העסלעכקייט. איז דען נישט גערעכט דער אויספאָרשער, אַז מיינע פיין זענען אומזיסטע? אויב כ'וועל נישט חתמענען היינט, וועל איך עס זיכער טאָן מאָרגן, איבערמאָרגן — נאָך מער פיזישע און גייסטיקע ליידן. — שרייב נישט אונטער! — זאָגט מיר עפּעס אינעווייניק. — דיינע כוחות האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלאָזט. קאָנסט זיך נאָך ראַנגלען. קאַפּיטולירט נישט פאַר די דאָזיקע סאַדיסטן, כל־זמן ס'איז דיר נאָך פאַרבליבן אַ טראָפּן כוח. ביסט נישט בלויז אַ פּריוואַטע פּערזאָן. ווייז זיי, אַז אַ יידישער סאָציאַליסט ווערט נישט אַזוי לייכט איינגעבראָכן.

— אַלזאָ — רייסט איבער דער אויספאָרשער מיינע מחשבות און פרעגט אומגעדולדיק — וועט איר אונטערשרייבן אָדער צוריקגיין אין קאַרצער?

— ניין. כ'קאָן נישט חתמענען.

— כ'וועל זיך נישט שפּילן מיט אייך, טיפּש וואָס איר זענט.

מיט אייליקע באַוועגונגען פאַרבינדט ער מיר מיטן האַנטעך די אויגן, גיט מיך אַ שטאַרקן שטויס אויף יענער זייט טיר.

ער רופט דעם וועכטער און זאָגט אים: — צוריק אין קאַרצער!

48 שעה

ווידער טאַפּ איך אין דער דיקער פינצטערניש. מען קאָן זי ממש שניידן. ווידער שטיי איך פּנים־אל־פּנים פאַר מיין שונא נומער איינס — די קעלט. איך שפּאַן און שפּאַן. גייענדיק, רייב איך פאַרשידענע טיילן פון מיין גוף. אָבער די קעלט פאַרשווינדט נישט. איך צייכן זיך אָן די פּרטים פונעם קורצן געשפּרעך מיטן אויספאָרשער.

— האָסטו נישט געטאָן קיין נאַרישקייט וואָס האָסט נישט אונטער־געשריבן? האָט דען אַ טעם דער דאָזיקער גערעאַנגל דיינער? אָן שום ספק, אַז זיי וועלן דיך בייקומען. ס׳איז נייטיק, זאָלסט די זאַכן זען רעאַליסטיש. אָן איינזאַמער און דערשעפּטער שטייסטו אַ פאַרצווייפלטער אַנטקעגן אַן אַי־בערוואָג פון כוח, קעגן אַן אַפּאַראַט פון טעראָר און צוואַנג. דאָס איז אַן ענין פון צייט. אין דער אונטערשטער שורה וועלן זיי דיך איינברעכן. דער שוצלאָזער אמת ראַנגלט זיך מיטן שקר, וואָס איז אויסגעשטאַט מיט צוואַנגס־כוח. זענען פאַראַן אויסזיכטן פאַר דעם דאָזיקן גערעאַנגל? אַלב־פּאַלס, מיר שיינט, אַז כ׳האָב ריכטיק געהאַנדלט. אויב כ׳וועל איצט קאַפּי־טולירן, נאָך איינזיקע וואָכן קאַמף, עפּן איך אַ וועג פאַר וויטערדיקע קאַ־פּיטולאַציעס. זיי וועלן מיך איינברעכן אויף אַן אַנדערן געביט, מיך אַריינוואַרפן אויף עטלעכע שעה אין „אייזקאַסטן" — און כ׳וועל זיי אונ־טערשרייבן. ווו זיך ווענדן? און נאָך עפּעס: מיין באַוועגונג וועט מיך נישט לאָזן אויף הפקר. זי וועט פאַרשטיין וואָס ס׳איז געשען. זיכער וועט זי מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען מיך אַרויסצושלעפּן פון דער צרה אין וועל־כער כ׳בין אַריינגעפאַלן. זיכער וועלן זיך אַריינמישן פאַרשידענע פאַק־טאָרן, וועמענס שטים וועט דערהערט ווערן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. וועל איך נישט צונישט מאַכן זייערע אָנשטרענגונגען, אויב ס׳וועט אין די הענט פון די היגע מאַכט־אָרגאַנען זיך געפונען אַ פּראָטאָקאָל אונטערגע־חתמעט פון מיר, ווו איך אַליין דערקלער זיך ווי אַ פיינד פון סאָציאַליזם און פון ראַטנפאַרבאַנד? און נאָך עפּעס: מיר איז נייטיק, אַז מיינע פייני־קער זאָלן וויסן, אַז איך בין נישט קיין נוס, וועלכע זיי קאָנען לייכט צעקנאַקן. און דער עיקר: איך פייניק זיך זייער. דאָס איז אמת. כ׳האָב אָבער נאָך נישט פאַרענדיקט. כ׳פיל נאָך אין זיך כוח צו פאַרמעסטן זיך מיט זיי — אפילו ווען די אויסזיכטן צו זיגן אין דעם אומגלייכן פאַרמעסט

זענען נישטיקע. און דאָס געפיל פון כוח — אַפילו דעם סאַמע קלענסטן, וואָס ווערט אַלץ ווייניקער — לייגט אַרויף אַ פליכט.

איך שפּאַן ווייטער וואַקלדיק, אַן גלייכגעוויכט, בעת מיינע הענט שלייכן זיך פון איין וואַנט צו דער צווייטער. אַ שרעקלעכע קעלט. די פיס טוען וויי. אָפּטמאָל הערט זיך אַ קלאַפּן אין טיר און דער אויסגעשריי פון וועכטער: שפּאַנען! ווייזט אויס, אַז נישט פילנדיק, דאָס, שפּאַר איך זיך אַלעמאָל אָן אין די ווענט וואָס פאַרשפּרייטן די נעץ פון קעלט. איך בין זייער מיד. עס הערט זיך אַ קלונג. מען לייגט זיך שלאָפן. פאַר מיר עפנט זיך נישט קיין בעט. אויך קיין אָונטברויט גיט מען מיר נישט. נאָר איך פיל נישט קיין הונגער. די קעלט פאַרפירט אַלע מיינע געפילן, אויך דעם הונגער. אַ קעלט ביז שוידער. וועט נישט נעמען אַ סוף דערצו? איך שפּאַן און שפּאַן.

דאָס ליכט אין קאַרצער צינדט זיך פּלוצים אָן. אַ מעכטיקער זעץ אין טיר. זי עפנט זיך און עס באַווייזט זיך דער וועכטער. ער שרייט. איך פאַרשטיי נישט וואָס ס'איז געשען און וואָס ער וויל. צום סוף באַנעם איך וואָס ס'האָט פּאַסירט. עס ווערט מיר קלאָר, אַז איך ליג אויפן דיל, אָן אויסגעצויגענער אין דער גאַנצער לענג. איך געדענק נישט דאָס כ'זאָל האָבן באַשלאָסן זיך אַוועקצולייגן און עטוואָס זיך אָפּרוען פון דעם אומענדלעכן מאַרש. אויך געדענק איך נישט כ'זאָל זיך האָבן איינגעבראָכן און אומגעפאַלן. נאָר ווייזט אויס, אַז דאָס איז יאָ געשען, נישט פילנדיק עס צוליב דער גרויסער מידקייט. דער וועכ־טער גייט אַריין אין קאַרצער און באַטראַכט מיך צי ס'איז נישט עפּעס געשען, אָדער איך האָב פּרובירט „עפּעס זיך אָנטאָן אַ מעשה". זיי ציטערן נישט איבער אַ מענטשלעך לעבן אין תפיסה. זיי ציטערן איבערן לעבעדיקן קוואַל פון ווידויים.

דער וועכטער שטעלט מיך אויף די פיס. נאָר איך שאָקל זיך אַהין און צוריק ווי אַ פיצל קינד וואָס האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט דעם סוד פון גיין. ער באַמערקט דאָס, ער פאַרשטייט אַז כ'בין זייער מיד, נאָר מיר איז פאַרבאָטן צו זיצן אָדער ליגן. וואָלט עס געווען פון אים אָפּהענגיק, וואָלט ער מיך פון צייט צו צייט געלאָזט רוען. נאָר די זאַך איז נישט אָפּהענגיק פון אים. דערפאַר דאַרף איך שפּאַנען און שפּאַנען. ער שטוינט, הלמאי מען האַלט מיך דאָ אַזאַ לאַנגע צייט. מן־הסתם וועט מען מיך באַלד צוריקפירן אין קאַמער. נאָר ביז דעמאָלט

מוז איך שפּאַנען. ער פאַרשליסט די טיר און פונדרויסן פאַרלעשט ער די ליכט אין קאַרצער.

איך באַניי מיין גיין. כדי נישט אומצופאַלן, שפּאַן איך פאַזע די פיר ווענט. זיי זענען קאַלט ווי אייז. איך פּרוביר טראַכטן איבער די אויספאַרשונגען פון די לעצטע טעג און פאַר זיך אונטערציען אַ סך־הכל אין אַ וואָסער לאַגע כ׳געפין זיך. וואָס גרייטן זיי? מיר איז זייער שווער צונויפצושטעלן אַן אַנאַליזירנדיקן און רעזומירנדיקן געדאַנק. אויסער דעם פיל איך, גלייך דאָס אַלץ האָט נישט קיין שייכות צו מיר, אַז דער ענין איז מיר נישט וויכטיק. מיך באַפאַלט אַ גלייכגילטיקייט בנוגע מיין אַרעסט, בנוגע די פינצטערע פּלענער וואָס וועבן זיך אַרום מיר. איך פיל עפּעס ענלעכס צו מרה־שחורה. ערשט נישט לאַנג האָט דער וועכטער בודק געווען מיינע הענט. ער האָט, ווייזט אויס, פאַרדעכ־טיקט, אַז כ׳האָב זיך איבערגעשניטן די אָדערן. אויפן מאַטראַץ אין קאַמער ווו איך שלאָף, זענען קענטיק סימנים פון אַ גרויסער בלוט־לוזשע. מיין חבר אין קאַמער האָט מיר דערקלערט, אַז דער אַרעסטאַנט וואָס איז גע־לעגן אויף דער פּריטשע, האָט, ווייזט אויס, מיט עפּעס זיך געעפנט די אָדערן, נאָכדעם ווי ס׳איז אים מיאוס געוואָרן דאָס לעבן פון צופיל יסורים.

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט פּרובירן זיך ליקווידירן? וואָס פאַראַ טעם האָבן דיינע יסורים? וועסט במילא נישט אַרויס פונדאַנען אַ לעבע־דיקער. נאָך דעם גאַנצן איזדיעקעווען זיך — וועלן זיי טאַקע אין אַ געוויסן טאָג דיך אָפּלאָזן אַהיים, זאָלסט קאָנען דער וועלט דערציילן דעם שרעק־לעכן אמת? זיי וועלן דיך פיזיש און גייסטיק צעברעכן. זיי וועלן פון דיר אויספּרעסן אַלץ וואָס זיי איז נויטיק און דיך ליקווידירן. זיכער וועלן זיי אומברענגען אַלע אומבאַקוועמע עדות. עס וועט בלייבן לעבן אַ באַגרענעצטע כנופיה מענטשן, וואָס דער שרעקלעכער סוד אין זייער האַרץ דריקט נישט אויף זייער געוויסן, ווייל זיי האָבן נישט קיין געוויסן. נאָך וואָס זיך פּייניקן און ליידן? פאַרוואָס נישט אַ סוף מאַכן צו דיין לעבן? בעצם, וועסטו נישט פאַרענדיקן דיין לעבן. דיין לעבן איז נישט מער ווי יסורים. דו מאַכסט אַ סוף צו דיינע יסורים. וועסט נישט געפּיי־ניקט ווערן מיט הונגער. וועסט נישט גערופן ווערן אויף אויספאַרשונגען. וועסט נישט ליידן קיין קעלט, און דער עיקר — וועסט שלאָפן, שלאָפן אָן אַ סוף. אַזאַ סוף דערוואַרט דיך במילא. שטיי אויף און דערנענטער אים. וועסט זיך פאַרשפּאָרן די דאָזיקע פּיין, וואָס רופט זיך לעבן. אַ

טויט נאָך לאַנגע פּייניקונגען און אַ שנעלער טויט אָן פּייניקונגען — דאָס צווייטע איז בילכער. —

איך שפּאַן, געגנויער — איך שלעפּ מיין קערפּער פּאַזע די ווענט. ס'איז שוין זיכער שפּעט ביינאַכט. מיין גייסט איז געפּאַלן. איך הייב ווידער אָן טראַכטן וועגן מיינע טייערע אינדערהיים.

אַ זעץ אין טיר און די ליכט צינדט זיך אָן. דער וועכטער האָט מיך ווידער געכאַפּט ווי איך בין אָנגעשפּאַרט אָן דער אייז־קאַלטער וואַנט. ער בייזערט זיך אויף מיר: מאַרשירן! איך שפּאַן, איינזאַמלענדיק די שפּליטערס פון מיין חלום אויף דער וואַך וואָס איז אָקערשט צעפּלאַצט געוואָרן.

— אַ סוף מאַכן צו דיין לעבן? האָסט נישט קיין רעכט דאָס צו טאָן. ווער האָט עס געפּסקנט, אַז וועסט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן אַהיים? ווער האָט עס געזאָגט, אַז ביסט דערגאַנגען צום גרענעץ פון דיינע יסורים? אוודאי איז דיר שווער. דיין לעבן איצט איז נישט קיין לעבן. אָבער אייל זיך נישט צו אַ סוף צו מאַכן, ראַנגל זיך און ראַטעווע דאָס לעבן. דו מוזט אויסהאַלטן. קאָנסט נישט מער? עס דוכט זיך דיר. אַז וועסט זיך אָנשטרענגען וועט דיר קלאָר ווערן, אַז האָסט נאָך נישט אויסגעשעפּט דיין גאַנצן כוח צו ליידן. אייל זיך נישט צו פאַרצווייפלען. —

די נאַכט קריכט לאַנגזאַם. ווי אַ שילדקרעט. און אפשר האָט איינ־דרויסן שוין אויפגעלויכטן דער טאָג? כ'האָב נישט געהערט דעם פרי־מאָרגן־קלונג. זיכער וואָלטן זיי מיר אַריינגעלאָזט דעם פרישטיק, דער עיקר די משקה וואָס איז מיר נעכטן נישט געגעבן געוואָרן „אין טעות". ניין, דערווייל איז נאָך טיפע נאַכט. זי שלעפּט זיך קוים און איך שלעפּ זיך מיט איר. איך שפּאַן פּאַזע די ווענט, פון וואַנט צו וואַנט, אין אָן אומגליי־כער ליניע. איך פּרוביר טראַכטן וועגן פאַרשידענע זאַכן, כדי אָפּצוווענדן מיין אויפמערקזאַמקייט פון דער קעלט. אומזיסט.

די נאַכט שלעפּט זיך און שלעפּט זיך. זי האָט נישט קיין סוף.

צו מיינע אויערן דערטראָגט זיך דער פרימאָרגן־קלונג ווי די קלאַנ־גען פון אַ זיסער מעלאָדיע. באַלד וועל איך אוודאי באַקומען די וואַרעמע משקה וואָס זעט מיר אויס ווי אַ מלאך־הגואל. כ'געפין זיך שוין דאָ אַ גאַנצן מעת־לעת. כ'האָב זיך געלאָזט איינרעדן פון מיין חבר אין קאַמער, אַז אין קאַרצער שיקט מען נישט מערער ווי אויף געציילטע שעהן. זיכער וועט מען מיך באַלד אַרויסנעמען פונדאַנען. סוף־כל־סוף האָבן אויך זיי נישט קיין אינטערעס דערין, איך זאָל דאָ אויסגיין פון קעלט.

איך באַקום פרישטיק. פון דער „קאַפע״ גייט אַ פּאַרע. איך טרינק זי מיט איין שלוק. די הענט דערוואַרעם איך אין דער נאָך הייסער אַלומי־ניום־כּלי. אָבער אין געציילטע מינוטן בלייבט גאָרנישט פון דער וואַרעמ־קייט. לאַנגזאַם־לאַנגזאַם עס איך דאָס שטיקל ברויט. כ׳האָב זיך עטוואָס דערוואַרעמט. איצט פֿיל איך אין אַלע מיינע אברים דעם תהום וואָס צווישן הייס און קאַלט. באַלד דערנאָך נעמט מיך די קעלט איינקלאַמערן אין אירע אייזערנע אָרעמס. די קאַלטע יאַשטשערקעס הייבן אָן קריכן אויף מיין קערפּער פון אויבן אַראָפּ און צוריק.

עס גייען פאַריבער אייניקע שעהן, פינצטערע, הונגעריקע, קאַלטע, לאַנגע ווי דאָס גלות. אַ וועכטער רייסט מיך אַרויס פון מיין גליווער־מאַרש און ברענגט מיך ווידער פאַרן אויספאָרשער.

עס חזרט זיך איבער. דער ציניִשער ווערטער־שפּיל פון פריערדיקן געשפּרעך. איז מיר נישט קאַלט? צי וויל איך נישט שלאָפן? ווייזט אויס, אַז כ׳וויל נישט פאַרלאָזן דעם קאַרצער. מן־הסתמא איז מיר דאָרט גוט. צום סוף ענדערט ער דעם טאָן פון די רייד. ער ווענדעט אָן אַ מער ווייכער לשון, אַ צוזאָגנדיקס. ער דערלאַנגט אַ סיגאַרעט און צינדט זי מיר אָן. נאָך קיינמאָל נישט האָט מיר אַזוי געשמעקט אַ סיגאַרעט ווי אין דעם מאָמענט. איז דען פאַראַן אַ גרעסערער פאַרגעניגן דערפון — זיצן אויפן עק באַנק און רייכערן אַ סיגאַרעט? ער דערלאַנגט מיר דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבן.

— שרייבט אונטער און איר גייט גלייך צוריק אין קאַמער. איך וועל פאַראָרדענען צו עפענען דאָס בעט און איר וועט זיך קאָנען לייגן שלאָפן. איר זעט אויס זייער מיד.

איך חתמע נישט. מיט גראָבקייט רייסט ער פון מיר אַרויס דעם סיגאַרעט. כ׳האָב פון איר בלויז צוויי־דריי מאָל אַ ציִ געטאָן.

— ווילט איר, אַלזאָ, זיך אומקערן אין קאַרצער? —

— איך וויל נישט דאָרט צוריקגיין. כ׳וועל אָבער נישט חתמענען אויף אַ פּראָטאָקאָל פון ליגנס.

— פונדעסטוועגן ווילט איר צוריקגיין אין קאַרצער.

איך קאָן שוין נישט הערשן איבער זיך און איך צעשריי זיך אויפן הויכן קול: — איר זענט סאַדיסטן, איר איזדיעקעוועט זיך איבער אַן אומשולדיקן מענטש. איך ווייס נישט צי כ׳וועל זוכה זיין אַרויסצוגיין

פון אייערע הענט אַ לעבעדיקער. נאָר אויב כ׳וועל עס יאָ דערלעבן, זייט וויסן, אַז די גאַנצע וועלט, אַלע אַרבעטער אין דער וועלט, וועלן הערן פון מיר וועגן אייערע טייוולאַנישע שטיק און וואָס איר האָט געמאַכט פון סאָציאַליזם. כ׳וועל אַלץ דערציילן דער גאַנצער וועלט. כ׳וועל נישט אונטערשרייבן. איר קאָנט מיך אומקערן אין קאַרצער. —

— שוויג, נבזה! צוריק אין קאַרצער! פאַרבינדט זיך די שמאַטע און מאַרש!

אויף אַ גראָבן אופן שטופּט ער מיך אַרויס אין קאָרידאָר און גיט מיך איבער דעם וועכטער.

כ׳בין צוריק אין קאַרצער. איך ציטער נאָך אינגאַנצן פון גרויס איבערלעבונג, פונעם געשפּרעך מיטן אויספאָרשער.

— אפשר האָב איך נישט באַדאַרפט דראָען, אַז כ׳וועל דערציילן דער גאַנצער וועלט? נישט גוט, אויב כ׳האָב אויפגעהערט הערשן איבער זיך. נאָר אינדערעמתן וויסן זיי אַזוי אויך אויסגעצייכנט מיין מיינונג וועגן זיי. אָן שום ספק וויסן זיי, אַז אויב כ׳וועל פונדאַנען אַרויס אַ לעבע־דיקער, וועל איך נישט שווייגן. אַ שלעכטער סימן פאַר מיין גורל, אויב זיי האָבן באַשלאָסן אַזוי זיך צו פירן מיט מיר ווי זיי פירן זיך. זיכער וועלן זיי געפונען אַ וועג איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיך איינצושטילן. אפשר וועל איך אַרויס אַ לעבעדיקער פונעם גהינום וואָס הייסט קאַרצער. פון תּפיסה, ווייזט אויס, וועל איך נישט אַרויס אַ לעבעדיקער.

איצט איז אָבער נישט די פראַגע צי כ׳וועל זיך אַרויסראַטעווען פון זייערע הענט. די פראַגע איז: וויאַזוי נישט צו פרירן? טאָמער וועט מען מיך ווידער ברענגען פאַרן אויספאָרשער? וועלן מיר ביישטיין די כוחות צום דריטן מאָל נישט אונטערגעבן זיך די לאָקונגען: פאַרלאָזן דעם קאַר־צער, שלאָף, עסן? הלוואי זאָל מען מיך נישט רופן מער צום אויספאָר־שער. נאָר וויפל צייט וועלן זיי מיך דאָ האַלטן? דאָס מוז זיך דאָך ענדיקן.

איך טאַפּ ווייטער אין דער פינצטער און שפּאַן. עס גייען פאַרביי שעהן. אַ געדעמפטער אָפּקלאַנג פון אַ באַוועגונג אין קאָרידאָר. מען דער־לאַנגט די אַרעסטירטע מיטאָג. מיך היפּערט מען איבער. אויך בעתן דער־לאַנגען אָוונט־ברויט היפּערט מען מיך איבער. אַ קלונג צום שלאָפן.

— דערוואַרט מיך אַ צווייטע געשפּענסט־נאַכט אין קאַרצער? אַ דריטער מעת־לעת פון נישט צומאַכן קיין אויג? ווער נישט אַנטמוטיקט. ברעך זיך נישט איין. דערוויז זיי, אַז אַ ייד אַ ציוניסט, אַ סאָציאַליסט

פון ישראל, וועט זיך לייכט נישט איינברעכן. דו געפינסט זיך אין שליחות. קאַפּיטולירט נישט.

די נאַכט קריכט לאַנגזאַם. געַנוי, ווי אַ ריזיקער שוואַרצער שילד־קרעט. אָן אַ סוף. מיט די לעצטע כוחות שפּאַן איך ווייטער. איך מאַך זיך נישט וויסן פון וועכטערס געשרייען און פון צייט צו צייט לען איך זיך אָן אין דער קאַלטער וואַנט. איך צי זיך אפילו אויס אויף דער פּאָד־לאָגע. און עס געשעט, דאָס איך געפין זיך ליגן אויף עפּעס אַ זאַך פון וועלכער עס טראָגט זיך אַן איבלדיקער געשטאַנק. די קלאָזעט־שיסל האָט מען אוודאי נישט אויסגעשווענקט חדשים לאַנג. פון דרויסן דערטראָגט זיך צו מײַנע אויערן אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון אַ הינט־בילעריי. זיי זענען זיכער צעשטעלט אויף די הייף פון תפיסה.

— ווען וועט זיך ענדיקן די נאַכט? די דאָזיקע נאַכט וועט אַנטשיידן דײַן גורל. הײַנטיקע נאַכט מוזטו אויסהאַלטן און ווײַזן די דאָזיקע שדים. ימח־שמם, אַז נישט שנעל וועלן זיי דיך „אויסענדיקן".

פון קאָרידאָר, פון איינער פון די קאַמערן, דערטראָגט זיך צו מיר אַ שרעקלעכע יללה. אַ היסטעריש געוויין, דאָס געוויין פון אַ מאַן. אַן אומאויפהערלעכע יללה. בלויז דער וואָס האָט זיך דערקייקלט צו דער לעצטער פאַרצווייפלונג קאָן אַזוי וואָיען. פון אַן אַנדערער ריכטונג דער־טראָגט זיך אַן אַנדער קול. אַ קלאָגעדיקע פּרוי. אַ פּרוי אָן אַרעסטאַנטין. פון אַנדערע קאַמערן רייסן זיך אַרויס קללות — אַ מבול קללות. איך דערנענטער זיך צו דער טיר און הער זיך אײַן מיט אָנשטרענגונג. אַ חלק פון קאָרידאָר נאָענט צום קאַרצער איז אַ ברויזנדיקער ים פון געוויין, יללות, געשרייען, קללות. אַ כאָר פון היסטעריע. זי האַלט זיך אין אײַן פאַרשטאַרקן. מיר שיינט, אַז איין קאַמער נאָך דער אַנדערע שליסט זיך אָן אינעם כאָר — צו איין גרויס געשריי פון יסורים, אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג. איך בין דערשיטערט ביז די טיפקייטן פון מײַן נשמה. עפּעס ציט מיך אינעווייניק מיט אַ מאַגנעטישן כוח זיך אָנשליסן אין דעם דאָזיקן דערשיטערנדיקן, היסטערישן כאָר, צו דעם אויפטרייסלענדיקן געשריי פון הפקר געוואָרענע, געשלאָגענע, געפּייניקטע, הונגעריקע, שלאָף־דורשטיקע און פאַרפרוירענע פון קעלט אַרעסטאַנטן — וואָס דאָס רוב פון זיי זענען זיכער אומשולדיק; צום כאָר פון מענטשן וואָס ראַנגלען זיך מיט זייער ביטערער פאַרצווייפלונג. נאָך אַ ביסל און אויך איך וועל וואָיען מיט די קלאָגערס. אויך איך וועל באַלאַנגען צו די פאַרצווייפלטע.

מיינע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין די ליפּן, כדי צו פֿאַרשפּאָרן דעם זיך דורכברעכנדיקן געוואָי.

שטיי נישט צו, פֿאַרצווייפֿל נישט.

אַ לאַנגע צייט דערגייען אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פֿונעם גיהנום־כאָר. זיי ווערן אַלץ שוואַכער. ביז דער שטורעם האָט זיך געלייגט. אַ פֿאַר־איינזאַמט יאָמערן רייסט זיך נאָך אַדורך און שניידט דעם חלל. יעדער יאָמער דערשיטערט מיך פֿונדאַסניי. עס הערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט.

איך שפּאַן. דאָס איז אַ מבולבלדיק שפּאַנען. די קעלט איז אַ שרעק־לעכע. ווער זענען די וואָס וואָיען, וויינען, שרייען, שעלטן? איך דער־מאָן זיך אין מענטשן, וואָס קאָן זיין, אַז זיי פּייניקן זיך אין דער דאָזיקער תּפֿיסה. קאָן זיין, אַז צווישן די יאָמערער זאָלן זיין ציוניסטישע עסקנים פֿאַר וועמען כ׳האָב זיך איינגעשטעלט צו באַפֿרייען? קאָן געמאָלט זיין, אַז צו דעם כאָר זענען אויך צוגעשטאַנען סלאַנסקי און זיינע חברים? קלעמענטיס? וואָלט מען די דאָזיקע וועגט געלאָזט רעדן — וואָלטן זיי דערציילט דערשיטערנדיקע זאַכן וועגן דער פּיין פֿון מאַסן אומשולדיקע מענטשן; אַן עפּאָס פֿון ליידן און געראַנגל, פֿון האָפֿענונג און יאוש, און דער עיקר פֿון ליידן, וויטיק און יסורים.

די טיר עפֿנט זיך מיט רעש. מיט אַ צייט פֿריער איז געווען דער פֿרימאָרגן־קלונג. דער וועכטער וואָס וויל מיך פֿירן, מוז מיך האַלטן מיטביידע הענט. ער שלעפּט מיך ממש. איך בין נישט מסוגל צו גיין, צו שטעלן אַ טריט. גיי איך צום אויספֿאָרשער? וועל איך ווידער אַוועקגע־שטעלט ווערן פֿאַר דער שרעקלעכער ברירה: אונטערשרייבן אָדער צוריק־גיין אין קאַרצער? ניין. דער וועכטער ברענגט מיך אין מיין קאַמער. אין קאַרצער בין איך געווען 48 שעה.

מיין חבר אין קאַמער איז שוין אַנגעטאָן און וואַרט אין שפּאַנונג אויפֿן פֿרישטיק.

— אום גאָטעס ווילן, וואָס האָבן זיי דיר געטאָן? וויאַזוי זעסטו אויס?

אַ הילפֿלאָזער לאָז איך זיך אַראָפּ אויפֿן פּירעקיקן בענקל וואָס שטאַרט אַרויס פֿון דער וואַנט.

מרדכי אורן

דער אַרעסט-באַפעל

דריי נעכט דורכאַנאַנד האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג: אין דער נאַכט פון אויספאַרשן, ווען כ'האָב „פוגע געווען" דעם ראַטנפאַרבאַנד און במשך די צוויי מעת־לעת וואָס כ'האָב פאַרברענגט אין קאַרצער. אינ־דערפרי, אומקערנדיק זיך פון קאַרצער, איז מיר אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך מיטן מלאך פון שלאָף נאָך אַ גאַנצן טאָג. באַטאָג שלאָפט מען נישט אין קאַמער. אין סאַמע בעסטן פאַל — אויב דער אויספאַרשער וועט מיך נישט רופן צו זיך — וועל איך שלאָפן ביינאַכט. כ'דאַרף דעריבער ווייטער אַרומשפּאַצירן אַ גאַנצן טאָג. אויב כ'וועל זיך אַוועקזעצן, שלאָף איך איין און כ'בין אויסגעשטעלט אויף אַ שטראָף פון וועכטער.

איך שפּאַן אין גרעסטן אָנשטרענג. נאָכן קאַרצער, פיל איך אין קאַמער אַ ליבלעכע וואַרעמקייט. איך בין געגליכן צו אַ בלאָק אייז וואָס האַלט אין אויפטייען. מיין חבר אין קאַמער שמייכלט. ער טענהט, אַז אין קאַמער איז קאַלט ווי אין אַ הינטישער בודע. ער מאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען כדי זיך עטוואָס דערוואַרעמען. ער שפּייט אַלץ מיט בלוט.

נאָכמיטאָג ווער איך גערופן צום אויספאַרשער. ער דערלאַנגט מיר דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבן. איך חזר איבער מיינע אַרגו־מענטן. ער דראָט מיטן באַנייען דעם קאַרצער. איך גלויב נישט, אַז ער וועט מיך איצט ווידער שיקן אין קאַרצער. ער זאָגט, אַז דאָ קאָן נישט געמאָלט זיין דאָס דער געפאַרשטער זאָל נישט אונטערחתמענען אַ פּראָ־טאָקאָל. הגם — זאָגט ער — ס'זענען געווען צוויי אונטערשריפטן, זיינע און דעם איבערזעצערס, אַלס עדות. נאָר ער וועט נישט מוותר זיין אויף מיין אונטערשריפט. איך זאָג ווידעראַמאָל. כ'וועל נישט אונטערשרייבן.

— איר וועט חתמענען — און נאָך וויאַזוי. אויף די קני וועט איר זיך בעטן מען זאָל דערלויבן אונטערצושרייבן. מיר האָבן צייט — אַ ים פון צייט.

איך פאַרשטיי, אַז אין דער רונדע האָב איך געזיגט. מיין קאַמף און ליידן האָבן געהאַט אַ זין.

— לאָמיר איצט צורו לאָזן דעם פּראָטאָקאָל. איר וועט חתמענען אויפן אַרעסט־באַפעל, אַרויסגעגעבן קעגן אייך.

ער דערלאַנגט מיר אַ געדרוקטן פאָרמולאַר. איך פאַרשטיי טאַקע דעם עיקר פון זיין אינהאַלט, נאָר פון צופיל מידקייט נעם איך אויף

זיינע רייד ווי אין נעפּל. איך בין פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש און אין פיינדלעכער טעטיקייט קעגן דער רעפּובליק. עס ווערן דאָרט געבּרענגט געוויסע פּאַראַגראַפן פונעם קאָדעקס. די יורידישע טערמינאָלאָגיע אין דער טשעכישער שפּראַך איז מיר נישט אַזוי גענוי פאַרשטענדלעך. איך בעט מיר איבערצוזעצן דעם גאַנצן דאָקומענט. דער אויספאָרשער זאָגט אָפּ. בלויז איינצלנע ווערטער, מיר אומפאַרשטענדלעכע, וועלן מיר פאַרטייטשט ווערן. איך בעט אָפּלייגן דעם ענין אויף עטלעכע טעג. כ׳מוז אַ ביסל קומען צו זיך, כדי גוט באַנעמען דעם דאָזיקן דאָקומענט. דער אויספאָרשער הייבט זיך אָן ברוגזן. ער וועט זיך מיט מיר נישט שפּילן. דער גאַנצער ענין איז בלויז אַ „פאָרמעלער" און איך דאַרף גלייך אונטערשרייבן.

איך זאָג אָפּ צוליב פאַרשידענע סיבות: ערשטנס: כ׳האָב די פולע רעכט, אַז אַזאַ דאָקומענט זאָל מיר געגעבן ווערן אין דער גאַנצער איבערזעצונג. צווייטנס: כ׳בין שוין איינציקע וואָכן פאַרשפּאַרט אין תפיסה. איך פאַרשטיי, אַז דעם אַרעסט-באַפעל האָט מען מיר באַדאַרפט דערלאַנגען בעתן פאַרהאַלטן, אָדער ווינציקסטנס — גלייך נאָכן פאַרהאַלטן. אַזוי פירט זיך אויף דער גאַנצער וועלט. איך בין זיכער, אַז אויך די טשעכאָסלאָוואַקישע געזעצן פאָדערן דאָס. אויב דער אַרעסט-באַפעל ווערט מיר היינט דערלאַנגט — מיינט עס, אַז ביז איצט בין איך געווען אַ פרייער מענטש, און דאָס איז אַ גראָבער ליגן. מיט אַנדערע ווערטער: כ׳בין פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ ווילקירלעכן אופן, אָן אַן אונטערגעשריבענעם באַפעל פון אַ באַרופענער אינסטאַנץ. דריטנס: איך וויל פּראָטעסטירן קעגן מיין אַרעסט און אַפּעלירן קעגן דעם אַרעסט-באַפעל; דעריבער פאָדער איך צו געבן מיר די מעגלעכקייט צו באַראָטן זיך מיט אַן אַדוואָקאַט. איך פאָדער אַ דערלויבעניש צו פאַרבינדן זיך אין דער פראַגע מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט, אָדער ווינציקסטנס — מיט דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

דער אויספאָרשער בייזערט זיך און רייסט מיר איבער עטלעכע מאָל. ער וועט נישט דערלויבן מ י ר צו לערנען א י ם אַ פּרק געזעצן פון דער מדינה. אַלע מיינע רייד און פאַרלאַנגען זענען נאַרישקייטן און פּוסטע מעשיות. דאָ איז נישט קיין תפיסה פון אַ קאַפּיטאַליסטישער מדינה. דאָרט דערלויבט מען די אַדוואָקאַטן צו שטערן אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג. דאָ איז אַזאַ זאַך אוממעגלעך. כל־זמן די אויספאָרשונג איז נישט געענדיקט, וועט מיר נישט דערלויבט ווערן וועלכער ס׳איז קאָנטאַקט מיטן דרויסן.

איך דאַרף גלייך אונטערשרייבן. די אינטערשריפט פאַרפּליכטעט מיך נישט צו קיין שום זאַך. זיין באַטייט איז איינער: איך באַשטעטיק. דעם פאַקט, אַז כ׳בין פאַרהאַלטן צוליב דער אויספאַרשונג.

מיין ענטפער: כ׳זאָג זיך אָפּ צו באַשטעטיקן דאָס איך בין אַרעס־טירט. איך וויל נישט באַשטעטיקן, נאָר פּראָטעסטירן קעגן מיין אַרעסט. רעקלאַמירן איבער דעם. איך וויל זאָגן דעם גענעראַל־פּראָקוראָר אין וועמענס נאָמען דער אַרעסט־באַפעל איז אַרויסגעגעבן, אַז דער גאַנצער ענין איז שווינדל. אין אָנהייב האָב איך געגלויבט, אַז כ׳בין אַ קרבן פון אַ מיס־פאַרשטענדעניש. איצט איז מיר קלאָר, אַז כ׳בין אַ קרבן פון אַ שווינדל. איך פאָדער ווידעראַמאָל צו באַראַטן זיך מיט אַן אַדוואָקאַט. זאָל מען מיר, ווינציקסטנס, דערלויבן אַריינצובליקן אינעם קאָדעקס פון דער מדינה. אינעם אַרעסט־באַפעל ווערן געבערענגט געוויסע פּאַראַגראַפן. איך בין באַ־רעכטיקט צו וויסן זייער באַטייט. איך בין באַרעכטיקט צו וויסן וואָס זאָגן די מדינה־געזעצן אין די פראַגן ווי אַרויסגעבן אַן אַרעסט־באַפעל, די רעכט פון געפאַרשטן צו באַראַטן זיך מיט אַן אַדוואָקאַט, די רעכט פון אַ פרעמדן בירגער צו פאַרבינדן זיך מיט דער געזאַנדשאַפט פון זיין לאַנד און נאָך און נאָך.

דער אויספאַרשער גייט אַרויס פון די כלים: — הערט אויף מיט אייערע פּראָוואָקאַטיווע רייד. קיין שום קאָדעקס וועט איר נישט באַקומען. שלאָגט זיך אַרויס פון נאַרישן קאָפּ דעם ענין פון באַראַטן זיך מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט. מיינט איר, אַז מירן אייך דערלויבן זיך פאַר־נעמען מיט שפּיאָנאַזש אויך אין תפיסה? איר דאַרפט אונטערשרייבן. אָן איבעריקע רייד.

— כ׳וועל נישט חתמענען אין אַזעלכע באַדינגונגען.

איך בעט מיך ברענגען פאַרן ממונה איבער די אויספאַרשער, אָדער פאַר וועמען, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פירן די אויספאַרשונג.

דער אויספאַרשער שפּרינגט אויף פון זיין בענקל און דערנענטערט זיך צו מיר: — ווי לאַנג וועט איר שפּילן מיט מיר אייער נאַרישן שפּיל? ווילט איר צוריקגיין אין קאַרצער? איך בין דאָ דער פאַראַנטוואָרטלעכער. איר וועט נישט געבערענגט ווערן פאַר קיין שום דירעקטאָרן. שרייבט אונטער, איינס־צוויי!

— כ׳קאָן נישט אונטערשרייבן.

דער אויספאָרשער גייט איבער צו גשמיותדיקע פאָרמען פון דער „אויספאָרשונג״. ער כאַפּט מיך אָן און באַמיט זיך מיט מיין קאָפּ אַדורכ־צושלאָגן די דערבייאיקע ווענט. ער שלעפּט מיך איבערן צימער אין דער לענג און אין דער ברייט, אַהין און צוריק, אַהין און אַהער, מיט געשרייען און זידלערייען. מיט מיין קאָפּ וויל ער אויך אויסזעצן לעכער אין דער פּאַדלאָגע. — איך וועל אייך אויסלערנען אונטערשרייבן אויף וואָס מען דאַרף. — ביי מיר וועט איר זיך אָפּגעוווינען פון דער יידישער חוצפּה. — באַליידיקונגען. קלעפּ. — וועסט אונטערשרייבן, חזיר?

— כ׳וועל נישט חתמענען.

דער אויספאָרשער ווערט מיד. ער באַפעלט מיר פאַרבינדן די אויגן מיט דער „שמאַטע״ (מיין האַנטעך) און שטיין אויף אַכטונג. איך שטיי גלייך. צו מיינע אויערן דערגרייכט דאָס אָפּגעהאַקטע אָטעמען פונעם אויספאָר־שער: — שטיין גלייך, נישט וואַקלען זיך!

נישט פאָרצושטעלן זיך די יסורים פון אַזאַ שטיין גלייך, נאָך 48 שעה קאַרצער. נאָך צוויי טעג פאַסטן. נאָך דריי און אַ האַלבן מעת־לעת נישט שלאָפן.

איך ווייס נישט וויפל צייט כ׳בין געשטאַנען. דער אויספאָרשער באַפעלט מיר אַראָפּצונעמען די „שמאַטע״ און זיך זעצן. דורכן פענצטער בליקט אַריין אַ ווינטערדיקער אָוונט.

— שרייבט אונטער דעם אַרעסט־באַפעל און איר וועט קאָנען צור־ריקגיין אין קאַמער, באַלד עסן דעם אָונטברויט און זיך לייגן שלאָפן.

איך שרייב נישט אונטער.

דער אויספאָרשער רופט אַריין איינעם פון די וועכטער און רוימט אים עפּעס איין אין אויער. מיט פאַרבונדענע אויגן פירט ער מיך ערגעץ אַוועק. איך פיל, דאָס ער ברענגט מיך אין עפּעס אַ צימער. איך ווייס נישט צי דאָס איז אַ ליידיקע קאַמער אָדער אַ ביורא. דער וועכטער שטעלט מיך אַוועק אינמיטן צימער, כדי זיך נישט האָבן אין וואָס אָנצושפּאַרן. שנעל באַ־גרייף איך אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. אַ מעכטיקער צוג־ווינט הייבט מיך אָן וואַרפן. נישט אַנדערש ווי אונטערן באַפעל פון אויספאָרשער, זענען ברייט צעעפנט געוואָרן די פענצטער אין צימער און די אַנטקעגנאיבער־דיקע טיר, כדי כ׳זאָל אַביסל געניסן פון פרישער לופט... פון אַ שאַרפן ווינטערדיקן צוג־ווינט. דער ווינט שמייסט מיך, שטיקט מיך. שאָקלט מיך אַהין און צוריק, ווי אַ טרוקענער צווייג פאַרן אַרונטערפאַלן פון בוים.

איך דאַרף שטיין. אמת, מען האָט מיך נישט געהייסן שטיין אויף אַכטונג. פון קאָרידאָר דערגייען צו מיר פּאַמעלעכע טריט פונעם וועכטער וואָס היט מיך. לויט די בעסטע נאָר אָרעמע מעגלעכקייטן מיינע, קעמף איך מיטן צוג־ווינט, ער זאָל מיך נישט אומשליידערן פון מיינע אָנגעווייטיקטע פיס. אין עטלעכע מינוט האָט דער ווינט מיך גובר געווען און איך פאַל אום. איך צווייפל אַזוי אויך צי כ׳וואָלט געקאָנט שטיין אויף מיינע פיס אַ לענגערע צייט, נישט אָנשפּאַרנדיק זיך אין עפּעס אַ פעסטער זאַך.

כ׳ווייס נישט ווי לאַנג כ׳האָב זיך געראַנגלט מיטן צוג־ווינט. דער וועכטער שטעלט מיך אויף פון דער פּאָדלאָגע — ווייזט אויס, אַז כ׳בין אומגעפאַלן און איינגעדרימלט — און פירט מיך צוריק אין קאַמער. מיין חבר איז נישטאָ. ער האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט פון דער אויספאָרשונג. די בעטן זענען אָפן. אַ סברה, אַז דער שלאָף־קלונג האָט זיך שוין געהערט.

סוף־סוף דערלעב איך אַרויפצוגיין אויף מיין פּריטשע. וועט מען מיך לאָזן שלאָפן די גאַנצע נאַכט?

ניין. מען לאָזט נישט שלאָפן היינטיקע נאַכט. אויך נישט אין די ווייטערדיקע נעכט. אומצאָליקע מאָל, בייטאָג און ביינאַכט שלעפּט מען מיך, שוין אַ גאַנצע וואָך, פון דער קאַמער צום אויספאָרשער, פונעם אויספאָרשער אין קאַמער — אַזוי אָן אַ סוף. מיין קאָפּ איז ווייזט אויס באַשטימט געוואָרן אויסצוהאַקן לעבער אין די ווענט, אין דער פּאָדלאָגע. מיין גוף קערט אויס די קאַנצעלאַריע איינמאָל, צוויי מאָל און דריי במשך דעם מעת־לעת. ביינאַכט רייסט מען מיך אייניקע מאָל אַוועק פון שלאָף. איך שטיי אויף אַכטונג אומצאָליקע מאָל. איך ווער אַוועקגעשטעלט צווישן אומגעצוימטע צוג־ווינטן. איך פאַרליר מיינע כוחות פון די נעבעכדיקע מאָלצייטן. אָפּטמאָל פאַרזוך איך עפּעס פון זיי, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געגנצלעך אָפּגעקילט, נאָכן אומקערן זיך אין קאַמער שפּעט ביינאַכט.

מיינע כוחות צאַנקען. איך דאַרף אָפּהיטן דעם פאַרבליבענעם כוח — כ׳זאָל קאָנען שטיין אין געראַנגל איבער וויכטיקערע ענינים. איך שרייב אונטער דעם אַרעסט־באַפעל.

סאַדיסטן, ימח־שמכם!

דער קרייַז־פאַרהער

דער וועכטער ברענגט אין קאַמער מיין צאָן־בערשטל און די פּאַסטע. (זייף באַקומען די אַרעסטאַנטן פון תפיסה־מאַגאַזין, פון צייט צו צייט). איך ווייס נישט צי ס'האָבן געהאָלפן מיינע פּאָדערונגען, אָדער די דראָונגען אַז עס דראָט מיר אַן אַנציגדונג פון די יאַסלעס. און ס'קאָן אויך געמאָלט זיין — אַלס אַ מין באַלוינונג פאַרן אונטערשרייבן דעם אַרעסט־באַפעל.

טאָג־טעגלעך דערלאַנג איך דעם ראַפּאָרטן־פאַרצייכענער וואָס באַזוכט די קאַמערן אַ צעטל בקשות און פאַרלאַנגען: שרייבן צו מיין משפחה אין ישראל, רייכערן, לייענען ביכער, קאָנטאַקט מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט, ווינטער־קליידונג. אַ געשפּרעך מיטן לייטער פון דער פאָרש־אָפּטיילונג, אַ טעגלעכן־שפּאַציר אויף דער פרישער לופט, אַריינקוקן אין געזעץ־בוך. כ'בין נישט זוכה צו קיין ענטפער. נישט איינמאָל באַמערקט מיר דער אויספאָרשער, אַז ס'האָט נישט קיין טעם כ'זאָל מטריח זיין דעם ראַפּאָרטן־פאַרצייכענער מיט נאַרישע בקשות. אַלץ איז אָפּהענגיק פונעם אויספאָרשער גופא. די מיינסטע זאַכן זענען געוויסע „פאַרלייכטערונגען" פאַר אַרעסטאַנטן וואָס פירן זיך אין אָרדענונג. איך בין נישט ראוי אפילו צו איינער פון דידאָזיקע פאַרלייכטערונגען. גענוג אַז מען דערלויבט מיר רייניקן די ציין. איך בין אפילו אויך צו דעם נישט ראוי, נאָר אין דעם פאַל איז ער זיך מיט מיר נוהג לפנים משורת הדין. אַ רעקאָרד פון הומאַניזם.

דאָס אויספאָרש־ביוראָ. איך געפין זיך אין אַ בלינד געסל. געגליכן צו אַ געיאָגטער חיה ווען ס'זענען באַפאַלן די געיעג־הינט. היבטער מיר — די צוויי וועגט, וואָס שליסן מיך איין.

נעבן מיר דריי געיעג־הינט, וועמענס עטעמען דערטראָגן זיך צו מיין נאָז. די דריי אויספאָרשער שטייען איבער מיר: דער שטענדיקער אויספאָרשער, דער אויספאָרשער־„היפּנאָטיזירער" און איינער פון די „נאַכט־פייגל", פון די פאָרש־אָפּיצירן.

זיי פאַרפלייצן מיך מיט אַ מבול פראַגן. נאָך איידער איינער פאַרענדיקט זיין פראַגע, דערלאַנגט דער צווייטער זיינע אַ שאלה. דער האַלט נאָך אינמיטן פרעגן און דער דריטער שיסט אַריין מיט זיין פראַגע. די פראַגן זענען פון פאַרשידענע שטחים. זיי פרעגן נישט. זיי קוויטשען מיט

אַ קול וואָס כ׳וואָלט עס געקאָנט הערן פון אַ מרחק פון הונדערטער מעטער. זיי שטייען ממש אויף מיר. זייערע עקלהאַפטע פנימער באַרירן כמעט מיין פנים. זייערע אויגן שניידן ווי מעסערס מיינע אויגן. מיט יעדער פראַגע זייערער טראָגט זיך צו מיר אַ כוואַליע פון זייער אָטעם. יעדער פראַגע שפריצט אויף מיר אַ רעגן פון טראָפּנס שפּייעכץ פון זייערע מיילער.

איך באַוויז גאָרנישט צו ענטפערן אויף זייערע פראַגן. דוכט זיך, זיי זענען גאָרנישט פאַראינטערעסירט אין דעם. דאָס איז, ווייזט אויס, איינע פון זייערע תחבולות מיך מיד צו מאַכן, צו פליקן מיינע נערוון, מיך „ווייכער" צו מאַכן, צעשטערן מיין האַלטונגס־קראַפט. בקיצור: מיך צוזאַמענברעכן.

איין פראַגע יאָגט די צווייטע. ווי קוילן פון אַ שיסער־איינהייט. דער רוב פון זיי, ווי אַלע פראַגן, לעכערלעכע, נאַרישע, פּראָוואָקאַטיווע. כלומרשט פראַגן זאַכלעכע, פּאָליטישע, פראַגן וועגן מיין משפחה, וועגן מיין פילן זיך אין תפיסה.

— ווען האָט איר אָנגעהויבן שפּיאָנירן לטובת די ענגלענדער?

— בענקט איר נישט נאָך אייער משפחה — פאַרוואָס האָט איר זיך איינגעשפּאַרט צו פוילן אין תפיסה?

— וויפל האָט מען אייך געצאָלט אַ חודש פאַר שפּיאָנאַזש־טעטיקייט?

— וויפל מאָל האָט איר זיך געטראָפן מיטן באַנדיט סלאַנסקי?

— פון ווען אָן דינט איר דעם פאַרעטער טיטאָ?

— פאַרוואָס האָט איר זיך נישט אָפּגעשוירן? איז מען אין ישראל געוווינט זיך נישט צו שערן?

— וועלכע שפּיאָנאַזש־ידיעות ווילט איר איבערגעבן דער ישראל־דיקער געזאַנדשאַפט?

— צי ווייסט איר, אַז אייער פרוי איז קראַנק געוואָרן, ווי נאָר זי האָט זיך דערוווסט אַז איר זענט פאַרשוווּנדן?

— איז אייך באַוווּסט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אין ישראל וואַרפט אַלע ציוניסטן אין ים אַריין און מיר, אייגנטלעך, טוען אַ טובה, וואָס מען האַלט אייך דאָ?

— פאַרוואָס זענט איר זיך נישט מודה, אַז אייערע באַזוכן ביי אונדז זענען געווען צוליב שפּיאָנאַזש־באַדערפענישן?

— פאַרוואָס פּרובירט איר פאַר אונדז אויסצובאַהאַלטן אייער באַטייליקונג אין סלאַנסקיס פאַרשווערונג צוריקצושטעלן דעם קאַפּיטאַליזם אין אונדזער לאַנד?

— איז אייך באַוווּסט, אַז אייער שפּיאָנאַזש־קאַריערע וועט איר פאַרענדיקן אויף דער תליה?

— דערציילט אונדז וועגן אייערע באַגעגענישן מיט אַלאַן דאַלעס, דעם ראש פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט!

— דערציילט אונדז וועגן די פאַרבינדונגען צווישן די ציוניסטן און אַלאַן דאַלעס!

דאָס זענען בלויז אייניקע פון די הונדערטער פראַגן מיט וועלכע זיי באַוואַרפן מיך במשך שעהן.

איך שטיי. כ׳בין פאַרשטאַרט פון קעלט. און גלייכצייטיק פיל איך, אַז איך שוויץ. אָפּטמאָל לאָזן זיי אָן איבערייס צווישן איין פראַגע און דער צווייטער. איך הייב אָן ענטפערן אויף דער לעצטער פראַגע. איין אויספאָרשער רייסט מיר איבער און באַפעלט ענטפערן אויף זיין פראַגע, דאָס הייסט, אויף דער פריערדיקער פון דער אויף וועלכער כ׳האָב אָנגעהויבן ענטפערן. כ׳הייב אָן ענטפערן אויף דער פריערדיקער פראַגע. דאָ האַקט איבער דער דריטער כ׳זאָל ענטפערן אויף זיין פראַגע: דאָס הייסט, אויף דער וואָס איז געווען פאַר דער לעצטער פראַגע. איך געדענק נישט זיין פראַגע. אַלע דריי ברעכן אויס אין אַ געשריי וואָס לעכערט די אויערן:
— ווי וואַגט איר נישט צו געדענקען אונדזערע פראַגן?

יעדער איינער פון די דריי טיראַניזירט לויט זיין שטייגער און דערלאַנגט נאָך אַ פאַרציע באַליידיקונגען. ס׳ברעכט אויס אַ מין פאַרמעסט אין וווּלגאַרע מאַרק־זידלערייען. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ שפע זידלערייען, דערנידעריקונגען און באַליידיקונגען פאַר אַזאַ קורצער צייט. בהמה, דרעק, יהודה איש־קריות, שמוציקער משה, קרעציקע מויז, קאַנאַל־מויז, איינגעשפּאַרט אייזל, שווינדלער, אַפּעריסט, לייזיקער ציוניסט באַנדיט, שפּיאָן — דאָס איז גאָר ווינציק פונעם אוצר דעפיניציעס אינעם מויל פון ד׳ אויספאָרשער. און זיי טראָגן אויף באַווייז זייערע אָפּציי־כענונגען פון אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיי דערמאָנען דיך אינדערפרי און אין אָוונט, אַז דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיי אָנגעטרויט דאָס שטיין אויף דער וואַך פון נייעם רעזשים וואָס בויט דעם סאָציאַליזם.

אַלע דריי פּאַרייכערן סיגאַרעטן. דעם רויך פון זייערע מיילער קע־רעוועז זיי אַזוי, אַז ער זאָל גרייכן מיינע נאָזלעכער, כּדי צו רייצן מיין אַפּעטיט צום רייכערן. אָפּטמאָל טרעט ווער פון זיי מיט די שווערע שטי־וואַלעס אויף מיינע פיס, אין דינע, האַלב־לייוונטענע שטעקשיך. דערנאָך טרעט דער צווייטער, דער דריטער. אַלע טרעטן אויף מיר, כּאילו דורך אַ טעות. נאָר דער טעות איז אַן אָרגאַניזירטער. זיי הערן נישט אויף זיך טועה צו זיין. זיי ווילן צעברעכן די פינגער פון מיינע פיס. און זיי לאַכן, אַ נאַריש געלעכטער. אַ ציניש געלעכטער פון סאַדיסטן.

איך באַמי זיך ענטפערן אויף יעדער פראַגע, אַז עס קומט נישט קיין צווייטע. זיי לאָזן נישט אָבער פאַרענדיקן מיין ענטפער. זיי רייסן איבער און הייבן אָן באָמבאַרדירן מיט אַנדערע פראַגן. צום סוף הער איך אויף צו ענטפערן. ווידער אַן אויסברוך: וויאַזוי וואַגט איר נישט ענטפערן אויף אונדזערע פראַגן און סאַבאָטירן דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג? אַ נייער פלייץ מיאוסע באַליידיקונגען, וואָס דריקן אויס די מיאוסקייט פון זייערע כאַראַקטערן.

דאָס דאָזיקע שפּיל ציט זיך שעהן. אַ דערפאָלגרייכע קאָמבינאַציע צו פאַרטונקלען דעם גייסט, צו פאַרשאַרפן די פיזישע ליידן, צו פליקן די נערוון.

זיי לאָזן מיך אָפּ. נישט אויס רחמנות. זיי זענען פשוט מיד געוואָרן. זיי סודען זיך.

אַ דערשעפּטער, אינגאַנצן אַ צעשטורעמטער, קום איך צוריק אין קאַמער.

אַליין אין קאַמער

אַ שטאַרקער זעץ אין טיר פון קאַמער רייסט מיך אויף פון שלאָף. איז מען געקומען מיך נעמען צום אויספאָרשער? ניין. דער קלאַפּ מיינט מיין חבר אין קאַמער, איבערגעבויגן איבער דער קלאָזעט־שיסל. דער וועכטער פרעגט אים פאַרוואָס ער שטייט דאָרט אַזוי לאַנג. אין אויגנבליק ווערט מיר קלאָר די סיבה פון דער זאַך. אַ שטאַרקער הוסט מאַטערט מיין שכן. מיט יעדער הוסט רייסט זיך אַרויס בלוט פון זיין האַלדז. מיט גרויסע

אַנשטרענגונגען האַלט ער זיך איין פון צו הוסטן. ער דערקלערט דעם וועכטער וואָס אים איז. עס בעט גלייך רופן אַ דאָקטאָר. דער וועכטער ענטפערט, אַז ביינאַכט איז נישט פאַראַן קיין דאָקטאָר. ער דאַרף וואַרטן ביז אינדערפרי. ער זאָגט דעם וועכטער, דאָס ביז אינדערפרי וועט ער אויסשפּייען די לונגען. דער וועכטער טראָגט זיך אָפּ. מיין חבר אין קאַמער בלייבט שטיין, איינגעבויגן איבער דער קלאָזעט־שיסל. ער איז גובר דעם הוסט און לייגט זיך אַוועק.

— כ׳בין נייגעריק צו וויסן — זאָגט ער מיר — וויאַזוי כ׳וועל שטאַרבן: אויף דער תליה צי אויף גאַלאָפּירנדיקן טובערקולאָז?

איך באַמי זיך אים צו באַרויקן. צום סוף ווער איך אַנטדרימלט.

אינדערפרי. ער פילט זיך בעסער. ער בעט פונעם ראַפּאָרטן־פאַר־צייכענער מען זאָל אים ברענגען פאַרן דאָקטאָר.

דער אויספאָרשער וועגדט היינט אָ אַ ווייכער לשון. ער פרעגט, אויב כ׳בין גרייט חתמענען דעם פּראָטאָקאָל, וואָס כ׳האָב ביז איצט אָפּגע־זאָגט צו טאָן. איך גיב אַ נעגאַטיוון ענטפער. זיין תשובה, אַז דער ענין פון אונטערשרייבן איז נישט קיין דרינגענדיקער. ער איז גרייט צו וואַרטן, ביז כ׳וועל אים צוזוויסן טאָן וועגן מיין גרייטקייט צו חתמענען.

ער לאָזט אָפּ דעם דאָזיקן ענין און פרעגט צי כ׳האָב שוין באַשלאָסן זיך מודה זיין אָפנהאַרציק אין אַלע פאַרברעכנס קעגן רעזשים אין טשע־כאָסלאָוואַקיע. מיין ענטפער, אַז נישטאָ אין וואָס זיך מודה צו זיין. ער זאָגט, אַז אויך אין דער ריכטונג האָט ער נישט בדעה אויף מיר אויסצואיבן אַ דרוק. — מיר האָבן, — זאָגט ער, — אַ וועלט מיט צייט. און ווי איך זע — אויך איר. אין דער לעצטער צייט האָבן מיר אייך באַשווערט איבער דער מאָס. איצט וועלן מיר אייך צורו לאָזן איייניקע וואָכן, און אפשר עטלעכע חדשים. איר וועט קאָנען אינגאַנצן זיין מיט זיך אַליין און טראַכטן איבער זאַכן אָן וועמענס שטערונג. מיר׳ן אייך לאָזן אַליין אין קאַמער. מען וועט אייך נישט רופן אויף אויספאָרשונגען — נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. איר וועט קאָנען שלאָפן גאַנצע נעכט. בייטאָג וועט איר קאָנען טראַכטן איבער אייער גורל און לאַגע. דאָס וועט אייך אָן שום ספק העלפן אָננעמען אַ ריכטיקן באַשלוס וועגן אייער אויפפירונג. אַז איר וועט זיך דעצידירן צו אַנטפּלעקן אונדז אַלע פאַרבאָרגענישן פון האַרץ און דערציילן אַלע פאַרברעכנס קעגן אונדז, גיט צוזוויסן — דורכן וועכטער, — אַז איר ווילט קומען אויף אָן אויספאָרשונג. איר קאָנט אונדז וועגן דעם צוזוויסן טאָן

אַלע שעה אין טאָג און בײנאַכט. כ׳וועל תּמיד שטײן צו אײער רשות. כ׳וועל זיך זײער פֿרײען, אויב מיר וועלן דאָס אַלץ פֿאַרענדיקן אין פֿרײנד־שאַפֿט. איך וואַרט דעריבער אויף אײער באַשלוס. פֿאַרבינדט זיך די אויגן און גײט צוריק אין קאַמער.

וואָס באַהאַלט זיך אונטער די װײכע רײד פֿון אויספֿאַרשער? ווײַזט אויס, עפּעס אַ נײַע קאָמבינאַציע, כּדי מיך אײַנברעכן. אײנזאַמקײט? דוכט זיך, אַז יאָ. פֿליקן די נערוון דורך אַבסאָלוטער אײנזאַמקײט. בײטאָג און בײנאַכט. איזאָלאַציע במשך 24 שעה אין מעת־לעת. אײנצל־אַרעסט.

איך קום צוריק אין קאַמער. דאָס פּעקל קאָלדרעס אויף דער פּאָד־לאָגע איז נידעריקער װי געװײנלעך. אין דער לעצטער צײַט איז אַרויס אַ פֿאַראָרדענונג, אַז די קאָלדרעס דאַרף מען אַװעקלײגן אויף דער פּאָדלאָגע. אײנע אויף דער אַנדערער. װײַזט זיך אַרויס, אַז בײדע קאָלדרעס פֿון מײַן חבר זענען נישטאָ אין קאַמער. איך פֿאַרשטײ, אַז מען האָט אים פֿונדאַנען אַװעקגענומען. איז דאָס אין שײַכות מיט זײַן געזונט־צושטאַנד? נאָר פֿונעם אויספֿאַרשערס רײד קומט אויס, אַז מען װאָלט אים במילא געװען אַרויס־גענומען פֿון קאַמער. אָדער מיך אַריבערגעפֿירט אין אַ צװײטער, װוּ כ׳זאָל בלײַבן אַלײן.

פֿאַרוואָס האָט דער אויספֿאַרשער — גענויער: זײַן שעף — באַשלאָסן אָנצוװענדן אַ נײַע ליניע? איז זײער באַשלוס באַװירקט פֿונעם אומדערפֿאָלג מיך אײַנצוברעכן מיט גראָבע און ברוטאַלע צװאַנגס־מיטלען? און אפֿשר װילן זײ פֿאַרט אויפֿהערן מיט די גראָבע דרוק־מיטלען? אפֿשר זענען זײ דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז מיט זײער פֿאָרש־סיסטעם זענען זײ עטװאָס װײַט אַװעק לגבי אַ פֿרעמדן בירגער, אויף װעמען זײ װעלן נישט האָבן קײן אויפֿזיכט און נישט אויף זײַן פֿרײַהײט פֿון רעדן, אויב ער װעט זיך אומ־קערן אין זײַן לאַנד? און טאָמער איז פֿאַראַן עפּעס אַ דרוק פֿון דרויסן — מצד מדינת ישראל? אפֿשר האָבן באַשטימטע פּערזענלעכקײטן און פּאַק־טאָרן אויסער טשעכאָסלאָװאַקיע, זיך אַרײַנגעמישט, אונטער דער השפּעה פֿון מײַן באַװעגונג? נײן. פֿונעם אויספֿאַרשערס רײד, װעלכע זענען כּלומרשט געזאָגט געװאָרן מילד, איז קלאָר, אַז זײ פֿאָדערן נאָך אַלץ אײן זאַך: מודה זײַן זיך אין פֿאַרברעכנס. איך נעם אָן, אַז זײ װילן פּרוּװן אַן אַנדערן סיסטעם פֿון דעם װעלכן זײ האָבן אָנגעװענדט ביז איצט, כּדי מיך דערפֿירן צו אַ װידוי. דאָס װעט זײַן דער דרוק פֿון אַבסאָלוטער איזאָ־

לאַציע במשך איניקע וואָכן אָדער חדשים, ווי ס׳האָט געזאָגט דער אויס־פאָרשער. אויב כ׳האָב ריכטיק פאַרשטאַנען, האָבן זיך נישט געביטן די אַנדערע באַדינגונגען: קעלט, אַ הונגער־דערנערונג, פאַרבאָט פון לייענען, פאַרבאָט פון רייכערן. אַלזאָ, כ׳וועל שלאָפן ביינאַכט. כ׳וועל נישט געבערנגט ווערן צו אויספאָרשונגען. כ׳וועל נישט איינזאַפּן באַליידיקונגען און קלעפּ. אַנטקעגן דעם — איינזאַמקייט. וועט מיך די איינזאַמקייט איינברעכן?

עס זענען פאַריבער אייניקע טעג. לאַנגע ווי דאָס גלות. זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזט. כ׳ווער נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונגען. איך שלאָף גאַנצע נעכט — אויסער וואָס איך וועק זיך איבער אייניקע מאָל. פאַראַן נאָך אַרעסטאַנטן אין די דערבייאיקע קאַמערן, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלערנט שלאָפן מיט אויסגעשפרייטע הענט אויף די קאָלדרעס. אויך איך האָב נאָך ביז איצט נישט געלערנט די דאָזיקע תורה. נעכטן בין איך אַ האַלבע נאַכט געלעגן אָן די קאָלדרעס. כ׳בין באַשטראָפט געוואָרן דורכן וועכטער. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב נישט צוגעטאָן קיין אויג צוליב דער קעלט. די וועכטער שרייען אויפן הויכן קול. זיי קלאַפּן אין די טירן, עפענען זיי. קוויטשען און פאַרשליסן. און דאָך שלאָף איך בדרך־כלל די מיינסטע שעהן אין דער נאַכט.

כ׳בין עטוואָס באַרויקט. מער דערפרישט. כ׳וואָלט געקאָנט שלאָפן אָן איבערייס במשך אייניקע מעת־לעת. מיין דעפיציט אין שלאָף איז זייער אַ גרויסער. די פיס טוען נאָך אַלץ ווי. זיי זענען געשוואָלן פון פיל שפּאַנען און שטיין אויף אַכטונג. די מיינסטע שעהן פון טאָג מוז איך אַרומגיין. איך זיץ ווינציק, אויס מורא נישט איינצודרימלען. נאָכן אומקערן זיך פון קאַרצער האָב איך געהאַט דאָס געפיל גלייך אין קאַמער איז צו הייס. איצט קום איך צו זיך און פיל ווי די קעלט אין קאַמער דרינגט אַריין אין אַלע מיינע ביינער. אויך דער הונגער מאַטערט. כ׳וואָלט זייער געוואָלט רייכערן אַ סיגאַרעט. אַריינקוקן אין אַ בוך. אויסער דעם וועכטער, זע איך נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש. ער עפנט עס די טיר פון קאַמער, כדי כ׳זאָל אינדערפרי נעמען די זאַכן צום וואַשן זיך, כדי כ׳זאָל נעמען דאָס עסן, כדי שרייען אויף מיר, ווען איך ווער אויף אַ ווײַלע אַנטשלאָפן, אָדער ווען עס דוכט זיך אים אַזוי. אַלע עטלעכע מינוט זע איך דאָס אויג פונעם וועכ־טער, גלייך ווי צוגעקלעפּט צום אונטערקוק־פּענצטערל וואָס אין טיר.

אַ טאָג יאָגט אַ טאָג. אַ נאַכט יאָגט אַ נאַכט. איך בין אַליין. אַ דער־

דריקנדיקע איינזאַמקייט. אינדעראמתן — אויך ווען מיר זענען געווען צוויי אין קאַמער איז עס פּאַקטיש געווען אַן איינצל־אַרעסט. בלויז זעלטן האָבן מיר זיך געטראָפן צוזאַמען אין אַ לאַגע וואָס מען האָט געקאָנט שמועסן. פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז אין מיין מחיצה געפינט זיך אַ לעבעדיקער מענטש. אַז כ׳בין נישט איינזאַם. איצט איז נישטאָ מיט וועמען אַרויסצורעדן אַ מענטשלעך וואָרט. די איינזאַמקייט ווערט דריקנדיק דורכדרינגלעך.

וואָס מאַכט דער, וועלכער איז געווען מיין חבר אין קאַמער? האָט מען אים גענומען אין שפּיטאָל? בשעתו האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין איינעם פון די פליגל אין תפיסה איז פאַראַן אַ שפּיטאָל פאַר אַרעסטאַנטן. אין דער לעצטער צייט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ געדריקטער שטימונג, וואָס אין תפיסה האָט אים געכאַפּט די גאַלאָפּירנדיקע טובערקולאָז. ער האָט נישט געצווייפלט דערין, אַז ער איז פאַרמשפּט אויף דער תליה. זיינע פאַרברעכנס זענען שוין גאַרנישט געווען קיין אויסגעטראַכטע. זיינע ליידן זענען געווען אַנדערע פון מיינע. ער האָט אָנערקענט זיין שולד, לויט די געזעצן פון דער מדינה. ער האָט נישט אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַן אונטערגרונט קעגן דער מאַכט און רעזשים אין זיין פאָטערלאַנד. ער האָט זיך זעלבסט געזען באַרעכטיקט אין זיין טעטיקייט און איז גרייט געווען צו טראָגן די פולע אחריות פאַר זיינע טאַטן. מיינע ליידן זענען אַנדערע. איך מיין — די גייסטיקע, די מאָראַלישע. כ׳פיל נישט וועלכע עס איז שולד. איך האָב נישט געטאָן קיין זאַך קעגן רעזשים. אין אַזאַ לאַגע זיין פאַרשפּאַרט אין תפיסה, אַן אומשולדיקער — קאָן מען זיך פאָרשטעלן גרעסערע יסורים פון דעם? געפייניקט ווערן דורך די, וואָס טוען דעם רצון פון רעזשים, צו וועלכן דו באַציסט זיך באַוווסטזיניק פּאָזיטיוו? צוקוקן זיך ווי די אויספאָרשער האַלטן זיך פון גאַרנישט אָפּ, כדי צו פאַרקרימען דיין געשטאַלט און דיך „מאַכן״ — אין אַבסאָלוטן קעגנזאַץ צום אמת און פאַקטן — פאַר אַ פאַרברעכער, אַ שונא פון רעזשים, אַ מערבדיקער שפּיאָן, אַ פאַרעטער פון סאָציאַליזם?

שוין אַ וואָך צייט ווי איך בין אינגאַנצן אַליין. כ׳בין עטוואָס געקומען צו זיך. נישטאָ דאָס געשפּענסט פון די אויספאָרשונגען. איך שלאָף אין די נעכט. נאָר זיין איינזאַם במשך 24 שעה אין מעת־לעת, אין אַ וויסטער קאַמער, נישט זען אַ לעבעדיק נפש, אין הונגער און קעלט, נישט אַרויסגיין אויף אַ מאָמענט אויף דער פרישער לופט — אויך דאָס איז אַ געשפּענסט.

אין די לעצטע וואָכן בין איך נישט אימשטאַנד געווען צו אַנאַליזירן דאָס, וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט, די פאַקטן, אויף וועלכע כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן. די טענדענצן פון דער אויספאָרשונג. אונטערציען סך־הכלען און דערגיין צו מסקנות.

איך פאַרגעס נישט אַפילו אויף אַ סעקונדע, אַז נישט אויס רחמנות האָט דער אויספאָרשער מיך צורוגעלאָזט. ער האָט מיר אָנגעוווּנקען געצוג דורכזיכטיק, אַז אַ לאַנגדויערנדיקע איינזאַמקייט וועט מיך אַזוי ווייך מאַכן, אַז אויף אייגענער איניציאַטיוו וועל איך צו אים קומען און „זיך מודה זיין אין מיינע פאַרברעכנס". שוין איצט פיל איך, אַז די עלנטקייט פון איינצל־אַרעסט — אויב זי וועט לאַנג דויערן — וועט מיך אַוועקשטעלן פאַר אַ נישט שווערערן עקזאַמען ווי די אויספאָרשונגען מיט אירע שווידערלעכקייטן. כ׳וועל זיך אָבער באַמיען אויך דעם נסיון בייצושטיין.

מיר איז נישט לייכט צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען. נאָר וואָס ס׳זאָל נישט זיין — מוז איך עס טאָן. איך דאַרף מיר אַליין רעזומירן די לאַגע: וואָס ווילן די אויספאָרשער, צו וואָס צילן זיי. איך בין אַבסאָלוט אָפּגעריסן פון דער וועלט. איך ווייס נישט, וואָס ס׳קומט פאָר אינדרויסן — זינט כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן. אָבער די אינטענסיווע אויספאָרשונגען, וועמענס קרבן איך בין געווען אין משך פון 8—10 וואָכן זינט דעם אַרעסט, זענען עס דער מאַטעריאַל וועלכן איך דאַרף דערשפּירן און פון אים לערנען וועגן מיין לאַגע, וועגן די כוונות פון די אויספאָרשער, וועגן דעם וואָס מיך דערוואַרט. מיט אַנדערע ווערטער: פון די אויספאָרשערס רייד דאַרף איך לערנען, פאָרשן די וואָס פאָרשן מיך. און בעסער כ׳זאָל עס טאָן איצט, נישט ווען איך ווער געשלעפּט צו אויספאָרשונגען, נאָר ווען מען לאָזט שלאָפן ביינאַכט. איך צווייפל, צי וועלן די אויספאָרשער מיך טאַקע לאָזן אַליין אָן אַ סוף.

עטלעכע זאַכן זענען מיר איצט קלאָר. דער אומדירעקטער אויסרייד פאַר מיין אַרעסט איז געווען מיין אַריינמישונג לטובת די אַרעסטירטע ציוניסטישע עסקנים. ס׳איז אָבער צונישט געוואָרן מיין הנחה, אַז זיי האָבן בדעה אַרויסצובאַקומען פון מיר נאָך אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל צו פאַרמשפּטן די ציוניסטישע טוער. די ליגנערישע רייד פון די געהיים־אַגענטן וואָס האָבן מיך געפאָרשט — איידער מען האָט מיך אַהער געבראַכט — אַז איך וועל זיך אומקערן אַהיים אין אַ וואָך אַרום, זענען דעמאַסקירט געוואָרן. זייער פאָרשלאַג כ׳זאָל שיקן אַ דעפּעשע

צו מיין משפחה מיט דער דאַזיקער בשורה איז געווען נישט אַנדערש זוי אַ שווינדל פון מענטשן, וואָס מען האָט זיי צו דעם אויסגעשולט. פון די אויספאָרשערס רייד צי איך אַרויס ווייטגייענדיקע מסקנות. מיר איז שווער צו גלייבן אין די אייגענע מסקנות. כ׳קאָן זיי אָבער נישט אַוועק־מאַכן מיט דער האַנט. דאָ וועבן זיך די סאַמע פינצטערע פּלענער. איך בין זיי נויטיק ווי אַ רינג אין דער דאַזיקער קייט. זיי האָבן באַשלאָסן מיך צו באַנוצן ווי אַ ציגל צו אַ געביידע. די רייד פון די אויספאָרשער, באַזונדערס פון די אָפיצירן, לאָזן נישט איבער דעם מינדעסטן ספק בנוגע דעם כאַראַקטער פון דער דאַזיקער פאַרשווערונג. איינער פון זיי האָט זי אַנטוויקלט אין אַ נייעם נוסח פון „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון״, דער געפעלשטער דאָקומענט, וואָס דינט אַלס געווער די אַנטיסעמיטן אין יעדן דור. זיי פעלשן די געשטאַלט פון דער נאַציאָנאַלער רענע־סאַנס־באַוועגונג פון אַ פאָלק, דורכן פאַרשטעלן זי אויף אַ ראַפינירטן אופן ווי אַ באַוועגונג וואָס האָט געגרייט אַ פאַרשווערונג קעגן ראַטנ־פאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

קאָן נאָך געמאָלט זיין אַ מער בייזוויליקע, נארישע און טייוולאָ־נישע עלילת־דם, קעגן אויפלעבונגס־ און באַפרייונגס־ווערק פון יידישן פאָלק? די קעגנערשאַפט פון קאָמוניזם צום ציוניזם איז נישט קיין נייעס. זי איז אַזוי אַלט ווי עס עקזיסטירט דער קאָמוניזם. די מחלוקה האָט אָבער געטראָגן דער עיקר אַן אידעישן און פּאָליטישן כאַראַקטער. איצט אָבער דרינג איך אַרויס פון די אויספאָרשערס רייד, אַז זיי פירן איבער די מחלוקה אין אַן אַנדערן שטח: דעם קרימינעלן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ שרייענדיקע פאַרקריפּלונג פונעם אמת. איינע פון די סאַמע גרעבסטע פעלשונגען אין דער געשיכטע.

נאָך פאַר מיין אַרעסט האָב איך אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּרעסע זיך אָנגעשטויסן אויף דערשיינונגען פון דער דאַזיקער אויפטרייס־לענדיקער פאַרקריפּלונג נאָכן אַרעסט פון סלאַנסקין און זיינע חברים. איך נעם אָן, אַז אינדרויסן פירט זיך ווייטער די דאַזיקע העצע. די רייד פון די אויספאָרישער זענען אָן שום ספק אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס ווערט געזאָגט און געשריבן אינדרויסן. אין די ווערטער פון אייניקע אויספאָרשער טיילט זיך אָפּטמאָל אויס אַן אַנטיסעמיטישער טאָן, נישט איינמאָל בין איך אַ קרבן פון אַנטיסעמיטישע זידלערייען.

אויב די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון יידישן פאָלק ווערט פאַרגע־

שטעלט ווי אַ באַנדע פאַרברעכער און פיינד פון סאָציאַליזם — איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק זאָלן זיך פאַר־שפּרייטן געפילן פון שנאה קעגן גאַנצן פאָלק, קעגן יעטוועדן ייד, בלויז דערפאַר וואָס ער איז אַ ייד. עס דערוועקט זיך אָבער אַ פראַגע: די־דאָזיקע אַנטי־ציוניסטישע העצע וועמענס שפּיגל־בילד מען ווייזט מיר דאָ, אין תפיסה, איז מסוגל גורם זיין צו דער פאַרשפּרייטונג פון אַנטי־סעמיטישע געפילן, צי איז זי נישט אַליין אַ רעזולטאַט פונעם אַנטיסע־מיטיזם? איך בין געפּלעפט פון עצם אַוועקשטעלן די פראַגע. אַנטיסע־מיטיזם אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע? אין לענדער, וואָס אין קעגנ־זאַץ צו קאַפּיטאַליסטישע מדינות, איז דער אַנטיסעמיטיזם פאַרבאָטן לויטן געזעץ, ווי אַ קרימינעל פאַרברעכן?

קלאָר, אַז אַלץ דרייט זיך אַרום איין אַקס — סלאַנסקי. דער רוב נעמען וואָס די אויספאָרשער דערמאָנען בעת די אויספאָרשונגען, דאָס אָנרופן זיי „פאַרברעכער", „שפּיאָנען", „אַפּעריסטן", אאז"וו אאז"וו — זענען לויט דער אָפּשטאַמונג יידן. די אויספאָרשער רעדן וועגן זיי ווי פאַרבאָרגענע ציוניסטן, געהיימע אַגענטן פון ציוניזם, וואָס האָבן געטאָן דאָס סאַמע בעסטע, אַבי שטערן דעם זיך בויענדיקן סאָציאַליזם אין טשע־כאָסלאָוואַקיע. נאָר אינדעראמתן זענען זיי דאָך געווען געשוווירענע אַנטי־ציוניסטן. קאָן זיין, אַז איינער אָדער צוויי פון זיי האָבן אין די יוגנט־יאָרן באַלאַנגט צו אַ יידישער אָדער ציוניסטישער יוגנט אָדער ספּאָרט־אָרגאַ־ניזאַציע. נאָר אויף וויפל מיר איז באַוווּסט, זענען זיי געווען אָרטאָדאָקסאַ־לע קאָמוניסטן, האָבן איבערגעריסן זייערע פאַרבינדונגען מיטן יידישן פאָלק און געוואָרן אויסגעשפּראָכענע פיינד פון ציוניזם. איצט ווערט קלאָר, אַז מען וויל פון זיי „מאַכן" ציוניסטן און געהיימע אַגענטן פונעם ציו־ניזם אינערהאַלב דעם אַפּאַראַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער מדינה. מיר איז באַוווּסט, אַז אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אויך אין אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָבן יידן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דעם אַפּאַראַט פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג און פון דער מדינה. וואַר־שיינלעך, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע גרייט זיך אַדורכצופירן אַ הורט־רייניקונג פון יידן אינערהאַלב איר אָנפירערשאַפט.

זיכער וועט דאָס נישט פאַרווירקלעכט ווערן מיט אָפענע, אַנטי־סעמיטישע באַגרינדונגען. דעם פאָלק וועט געזאָגט ווערן, אַז די דאָזיקע יידן זענען „פאַררעטער", „שפּיאָנען", „פאַרברעכער".

איך נעם אָן, אַז עס זענען אַנטפּלעקט געוואָרן עטלעכע האַרבע

דורכפאַלן אין דער מדינה־ווירטשאַפט, אין דער פּלאַנירונג, אין פאַרשידענע געביטן, וואָס באַשטימען דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די פאָלקס־מאַסן; זיכער נויטיקן זיי זיך אין אַ כפּרה־הינדל, אויף וועמען אַרויפצולייגן די פולע שולד און אחריות פאַר די האַרבע דורכפאַלן. וועט אויך אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישע מדינה אָנווענדן דעם זעלבן פאַרברעכערישן אויסרייד וועלכן עס האָבן אָנגעווענדעט צוריקגעשטאַנענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פאַרשטעלנדיק די יידן אַלס די הויפּט־שולדיקע אין דער נויט פון די מאַסן? איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז די אַנטוויקלונג זאָל דערגיין ביז פּאָגראָמען ווי אין צאַרישן רוסלאַנד. אַלע סימנים זאָגן עדות, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַ קיך, ווו מען גרייט צו עפּעס אַ שאַרף געקעכטס. וועט דאָס זיין דער פּראָצעס קעגן סלאַנסקין? אַ פּראָצעס, ווו ס׳וועט באַשמוצט ווערן דער נאָמען פון יידישן פאָלק? וועט געפעלשט ווערן די זויבערע געשטאַלט פון אונדזער נאַציאָנאַלער באפרייונגס־באַוועגונג, ווו סלאַנסקי און זיינע חברים וועלן פאַרגעשטעלט ווערן ווי שליחים פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער ציוניסטישער פאַרשווערונג צו סאַבאָטירן דאָס ווערק פון זיך פאַרווירקלעכדיקן סאָציאַליזם? וועט אַ גאַנץ פאָלק באַפלעקט ווערן פאַר דער סאָציאַליסטישער וועלט? מיר איז שווער צו גלויבן, אַז אַזאַ טייוולאָנישער שווינדל קאָן מעגלעך זיין אין אַ לאַנד, ווי די נייע טשעכאָסלאָוואַקיע. און אויב דאָס איז יאָ וואַרשיינלעך — מיינט עס, אַז „עפּעס איז פאַרפוילט אינעם קעניגרייך דענעמאַרק״.

און אפשר טרייב איך איבער מיטן קאָמענטירן די פאַקטן אויף וועלכע כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן בעת די אויספאָרשונגען? טאָמער זענען די רייד פון די אויספאָרשער בלויז בכיוונדיקע איבערטרייבונגען און מאַנעוורעס וואָס דינען אַלס טריק אין דער אויספאָרשונג? אפשר שפּיגלען זיי נישט אָפּ די ליניע פון דער אָנפירערשאַפט און זענען נישט אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס שפּילט זיך אָפּ אינדערויסן? אפשר דערפירט מיך מיין גייסטיקער צושטאַנד צו איבערגעאיילטע אויספירן. אויפן סמך דערפון וואָס עטלעכע אויספאָרשער ווילדעווען? זע איך נישט אַמאָל אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ?

מיינע אויספאָרשער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען מיך אָפּצוהאַלטן פון דערציילן וועגן מיינע צוזאַמענטרעפן מיט זייער פרעמיער, אַנטאָנין זאַפּאָטאָצקי איז פון דעם גאָר ליכטיקן קאַפּיטל אין די ישראל־טשעכאָסלאָוואַקישע באַציונגען בעת אונדזער זעלבשטענדיקייט־מלחמה, ווען מיטן ליפערן געווער האָט אונדז טשעכאָסלאָוואַקיע דערלאַנגט די סאַמע לעבנס־

וויכטיקע הילף. די אויספאָרשער האָבן מיר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז די הילף איז אונדז געגעבן געוואָרן דורך „ציוניסטישע אַגענטן", וואָס זענען אַריינגעדרינגען אין אַנטשיידנדיקע פּאָזיציעס פון פּאַרטייאישן און מלוכהשן אַפּאַראַט. דאָס מיינט, אַז די אויספאָרשער — און די וואָס שיקן זיי? — באַמיען זיך אויסמעקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון זייער מדינה און עס פעלשן אויף אַ נאַרישן אופן. אויך באַמיען זיי זיך אויף אַ וווּלגאַרן אופן צו פעלשן דאָס וועזן פון אונדזער באַפרייונגס־מלחמה: פאַרשטעלן דעם פאַרצווייפלטן פּאַרטיידיקונגס־קריג פון מדינת ישראל גלייך ביי איר געבורט קעגן דער אַריינדרינגונג פון פינף אַראַבישע מדינות — ווי אַ מלחמה, אין וועלכער די ציוניסטן זענען געווען פאַראינטערעסירט, כדי נישט לאָזן די ישראלדיקע קאָמוניסטישע קליקע פאַרכאַפּן די מאַכט אין ישראל...

דאָס אַלץ איז אַזוי נאַריש און לעכערלעך — מען טאָר אָבער נישט פאַרזען די געפאַר וואָס דרינגט דערפון אַרויס: ווייזט אויס, עס איז פאַרגעקומען אַ שאַרפע ווענדונג אין דער באַציונג פון סאָציאַליסטישן בלאָק צו מדינת ישראל. וואָס האָט פּאַסירט אין ישראל זינט מיין אַרעסט? איך ווייס נישט, נאָר אין זייערע אַנטפּלעקונגען פיל איך אַ שאַרפן קער אין דער באַציונג פון סאָציאַליסטישן לאַגער צו מדינת ישראל.

און וואָס ווילן זיי פון מיר? מיך צוטשעפּען צו דער סלאַנסקי־גרופּע? כ׳האָב דאָך אים בכלל נישט געקענט פערזענלעך. בעת מיינע פאַרשידענע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, בין איך געקומען אין באַרירונג מיט פאַרשידענע פּאָליטיקער. כ׳בין אָבער קיינמאָל נישט געגאַנגען צו סלאַנסקין. מיינע חברים האָבן מיר געזאָגט: „אַ שאָד די צייט". זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ געשוווּרענער שונא פון ציוניסטישן ווערק. ווילן זיי מיך צוטשעפּען צו קלעמענטיסן? ריכטיק, מיט אים האָב איך זיך באַגעגנט עטלעכע מאָל. און טאָמער זענען זיי אויסן מיך צו באַנוצן, ווי אַ וועריקצייג צו באַשמוצן דאָס יידישע פאָלק און דעם ציוניזם? די מענדענץ פון זייער אויספאָרשונג איז פאַר מיר דורכויס קלאָר: „מאַכן" פון מיר אַ פיינד פון סאָציאַליזם, פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס; אַ מערבדיקן שפּיאָן; אַ ציוניסטישן שליח פאַר סאַבאָטאַזש קעגן זייער רעזשים. זענען זיי אויסן מיך צו ברענגען פאַרן געריכט און מיך פאַרשטעלן אַלס אַ „לעבעדיקן באַווייזן" פאַרן „פאַרברעכערישן" און „אַנטי־סאָציאַליסטישן" מהות פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס־ווערק פונעם יידישן פאָלק?

אפשר פּאָרט בין איך אויך איבערגעאיילט אין אַרויסציען מסקנות? און אויב מיינע קאָמענטאַרן און מסקנות זענען ריכטיק — דערוואַרטן מיך שווערע טעג און נעכט.

עס ענדיקט זיך די צווייטע וואָך פון מיין איינזאַמקייט. איך בענק זייער נאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש. די איינזאַמקייט דריקט אַזוי, פיזיש בין איך געקומען צו זיך. גייסטיק האָב איך זיך געפילט שלעכט. געפילן פון דערדריקונג באַהערשן מיך. גאַנצע טעג געפין איך זיך נאָענט צו מרה־שחורה. יעטוועדער געדאַנק פאָדערט פון מיר אַ סך אָנשטרענגונג. די מסקנות פון מיינע נאָכטראַכטענישן טרייבן מיך אין אַ פאַרלעגנהייט. אָפּט־מאָל דוכט זיך, אַז מיין גייסטיקע וועלט איז חרוב געוואָרן.

קאָן זיין, אַז צוליב דער דאָזיקער סיבה, האַלט איך זיך אָפּ צו טראַכטן וועגן מיין לאַגע און איבער דעם וואָס מיך דערוואַרט. יעטוועדער געדאַנק אין דער דאָזיקער ריכטונג פאַרפּליכטעט מיך צו אַנאַליזירן אַלע אויספאָרשונגען, וועמענס קרבן כ׳בין געוועז; אויפלעבן אין מיין זכרון אַלע דעטאַלן פון די אויספאָרשונגען און זיי פונדאָסניי איבערלעבן מיט זייערע געשפּענסטער און שוידער. דאָס זענען איבערלעבונגען, דורכגענומענע מיט גייסטיקע ליידן. דערפאַר איז יעטוועדער מחשבה וועגן די דאָזיקע ענינים פאַרבונדען ביי מיר מיט אַזויפיל אָנשטרענג.

איך שפּאַציר וויניקער. איצט קאָן איך זיצן אָן דער מורא אַז כ׳וועל איינשלאָפן, איך מייד אויס צו טראַכטן וועגן קומענדיקן. כדי זיך באַשעפטיקן, זינק איך אין זכרונות. איך מאַך אַ פּרווו צו רעקאָנסטרוירן מיין לעבן, אָנהייבנדיק פון דער סאַמע פריסטער קינדהייט. אָפטמאָל פאָלג איך נאָך לאַנגע שעהן דעם פליען פון אַ פליג, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען אין קאַמער דורכן פענצטער, ווען ס׳איז געווען אָפן אויף איבערצולופטערן. אָפטמאָל פאָלג איך נאָך פיל שעהן נאָך די באַוועגונגען פון דער שפּין, אין איינעם פון די ווינקלען פון סופיט און דעם פלאַטער פון דער פליג, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין איר שפּינוועבס.

מיט מער אויפמערקזאַמקייט באַקוק איך די קאַמער. קיין שום בולטקייט. אויף דער טיר איז נישטאָ קיין קליאַמקע. דער קראַן איז זייער נידעריק, ביי אַ 20 סענטימעטער איבער דער קלאָזעט־שיסל. דאָס לעמפּל איז איינגעשרויפּט אין אַ פּירעקיקער נישע אין דער וואַנט, פאַר־

דעקט מיט אַ קליינעם פענצטער. די שויב אין פענצטער איז פון אַן אומצעברעכלעכן מאַטעריאַל. די בלינדע שויב ווידער אין פענצטער איז אויך אומצוברעכבאַר און איבער איר קרייצן זיך אייזערנע דראָטן. דער אַפּאַראַט, מיט וועמענס הילף עס עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך דאָס פענצ־טער, איז אייגנאַרטיק. אויך דאָ איז נישט פאַראַן קיין שום בולטקייט. אַלץ איז געמאַכט אַזוי, — האָט מיר בשעתו דערקלערט מיין חבר אין קאַמער — אַז דער אַרעסטאַנט זאָל נישט קאָנען באַגיין קיין זעלבסט־מאָרד. ער קאָן זיך נישט אויפהענגען — נישטאָ קיין שום אַרויסשטאַרנ־דיקע זאַך. ער קאָן נישט שפּרינגען דורכן פענצטער — עס איז פאַר־קראַטעוועט. ער קאָן נישט צעקלאַפּן די שויב, כדי אַראָפּשלינגען די שפּליטערן אָדער זיך עפענען די אָדערן פון דער האַנט. דאָס גלאָז צע־ברעכט זיך נישט.

איך ווער עטוואָס אויפגעציטערט וואָס איך האָב זיך אַליין געלאָזט פאַנגען פון אַזעלכע רעפלעקסן. איז מיר טאַקע וויכטיק צו וויסן צי אַן אַרעסטאַנט קאָן אַ סוף מאַכן צו זיין לעבן אין דער דאָזיקער תפיסה? ניין, די דאָזיקע פראַגע באַשעפטיקט מיך נישט. און טאָמער באַהאַנדל איך די דאָזיקע מעגלעכקייט אין דער צוקונפט, ווען דאָס וואָסער וועט דערגיין צום האַלדז? ניין, מיין באַוווסטזיין וואַרפט אָפּ אַזעלכע לייזונ־גען אין די סאַמע האַרבסטע באַדינגונגען. און אפשר באַהאַנדל איך די דאָזיקע פראַגע אָן דער איניציאַטיוו פון באַוווסטזיין? אפשר טו איך דאָס אויס העמונגען וואָס זענען אויסער איר תחום און אונטערליגן נישט איר דיסציפּלין?

דער אמת איז דער, אַז איך געפין זיך עפּעס גאָענט צו מרה־שחורה.

די פרילינג־זון

אַ פאַריתומטער פויגל שטייט אויפן פענצטער־גזימס פון מיין קאַמער. ער זעט אויס געפרוירן פון קעלט, אַזויווי איך. הונגעריק ווי איך. עפּעס אומוויליק שטייגן אויף אין מיין זכרון געוויסע סטראָפן פון ח. נ. ביאַליקס

ליד. כ׳בין נישט סענטימענטאַל נאָר איך פיל ווי עפּעס צעזינגט זיך אין מיר — ביים אָנבליק פון דאָזיקן פויגל. אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס איז געקומען אויפטייען דעם טרויער פון איינזאַמקייט. כ׳האָב אויך אַ מאָדנע קנאה־געפיל אין האַרץ. ער איז פריי. איך בין פאַרשפאַרט. ער צעשאַרט מיטן שנאָבל דעם שניי אויפן גזימס. ער הערט נישט אויף צו גראַבלען. דוכט זיך, אַז ער זוכט עפּעס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. צום סוף טראָגט ער זיך אָפּ. צו מיין האַרץ־ווייטיק, האָב איך נישט געקאָנט מכבד זיין דעם טייערן גאַסט מיט קרישקעס פון מיין ברויט. עס בלייבן נישט קיין ברעקלעך נאָך מיינע מאָלצייטן. יעדער קרישקע פון מיין אויסגע־טרוקנט ברויט, וואָס פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, הייב איך אויף און עס. קיין ברעקל בלייבט נישט אויף דער פּאָדלאָגע. איך בין זייער הונגעריק.

וואָס איז דאָס ? מיין קאַמער איז ווי העלער געוואָרן. איז דאָס נישט קיין פאַלשע פאַנטאַזיע ? די שעה איז אפשר 10 פאַרמיטאָג. די ווענט אין קאַמער זעען אויס ווינציקער גראָ. ווינציקער טונקל. אויף איינער פון די ווענט אַנטדעק איך אַ ליכט־פלעק וואָס האַלט אין איין וואַקסן. איך קוק דורכן פענצטער און ווער אינגאַנצן אויפגעציטערט : די זון. דורך דער בלינדער שויב פון פענצטער זע איך מטושטשדיק אַ לייכטנדיקע קויל. די זון. צום ערשטן מאָל זון, די ווינטערדיקע זון אין מיין קאַמער. דאָס ערשטע מאָל היינטיקן ווינטער ווי דער זון־וועג באַרירט דעם עק פענצטער פון מיין קאַמער. אַן אויפגערודערטער און צעשטורעמטער, שטיי איך ווי באַ־צויבערט אַנטקעגן דער מעכטיקער וויזיע פון וועלט־אַל. זון־ליכט — אין דער שטענדיק גראָער קאַמער פון תפיסה. אין דער קאַמער פון אַן אַרעס־טאַנט, וואָס ס׳איז אים באַשערט צו זיין איינזאַם מיט זיינע טרויערן.

באַלד דערנאָך פאַרשווינדט די זון. דעמערונג־שאָטנס אין סאַמע מיטן טאָג קומען צוריק און שפרייטן אויס זייער הערשאַפט איבער די ד׳ אמות פון דער קאַמער. די גראָע פאַרב האָט זיך אומגעקערט צו איר פולער הערשאַפט.

איך שפּאַן. געפרוירן פון קעלט. הונגעריק.

שוין די דריטע וואָך ווי איך ראַנגל זיך מיט דער איינזאַמקייט. וויפל חדשים געפין איך זיך שוין דאָ ? דריי ? פיר ? אפשר נאָר צוויי. אָבער די צייט דאָ אין תפיסה באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם. איך ווייס נישט אויף זיכער. מיר שיינט, אַז כ׳בין דאָ אייביק פאַרשפאַרט.

איך דערמאָן זיך אין אויספאָרשערס רייד, ווען ער האָט מיר אָנגע־זאָגט איינצל־אַרעסט.

אַז כ׳וועל אָנעמען דעם ריכטיקן באַשלוס צו עפענען פאַר אים מיין פאַרשלאָסן האַרץ און זיך מודה זיין אין אַלע פאַרברעכנס, דאַרף איך אים וועגן דעם צוויסן טאָן און ער וועט מיך גלייך רופן צו זיך — בייטאָג צי ביינאַכט. דאָס הייסט, אַז דער אויספאָרשער וואַרט אויף מיר, אויף מיין „פאַרשטענדיקן" באַשלוס. ער פאַרלאָזט זיך אויף דער צעשטערערישער נערוון־פּליקנדיקער ווירקונג פון דעם אַרעסטאַנטס איינזאַמקייט. אַ לאַנגע צייט וועל איך דעם עקזאַמען נישט אויסהאַלטן. אַז פריער צי שפּעטער וועל איך זיך איינברעכן און קומען צו אים פון אייגענער איניציאַטיוו. כ׳וועל קומען — און פאַר אים אויסגיסן מיין האַרץ. דאָס מיינט, כ׳וועל זיך „מודה זיין" אין אַ גאַנצער ריי אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס, אין וועלכע ער איז פאַראינטערעסירט: פאַרברעכנס קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע, קעגן סאָציאַליזם, קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. איז טאַקע פאַראַן אַ גרונט פאַרן אויספאָרשערס האָפענונגען? וועט מיין איינזאַמקייט מיך איינברעכן?

איך פיל, אַז ביי איר גאַנצער האַרבקייט — וועל איך זיך קאָנען קעגנשטעלן אַ לענגערע צייט. די קעלט און הונגער — זענען נישט וויכטיקער שלעכט. עס קומט מיר גאָרנישט אויפן געדאַנק צוויסן געבן דעם אויספאָרשער וועגן מיין גרייטקייט זיך „מודה צו זיין".

דאָס פּראָבלעם איז וויאַזוי „אָוועקהרגענען די צייט" פון 6 אינדערפרי ביז 9 אָדער 10 אינאָוונט — אָן אַ לעבעדיקן מענטש, אָן אַ בוך, אַ צייטונג, אָן אַ סיגאַרעט. איין שעה אויפגעצווינגענע איינזאַמקייט איז אַקוראַט אַ גאַנצער טאָג; אַ טאָג — ווי אַ חודש; אַ וואָך — ווי יאָרן. שווער צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען, באַזונדערס אין האַרבע עניינים. איך פּרוביר אין מיין גייסט צו רעקאָנסטרואירן מיין ביאָגראַפיע. איך הויב זיך אָן דערמאָנען לידער און קופּלעטן וואָס כ׳האָב געזונגען אין דער קינדהייט. איך פּרוביר זינגען. פון די מיינסטע לידער געדענק איך בלויז פראַגמענטן. איך ברום אונטער בלויז די מעלאָדיעס. איך אַנאַליזיר אַלץ פאַרשידענע דערקלערונגען, וואָס זענען אַרויסגעקומען אין גאַנג פון די אויספאָרשונגען.

אין קאַמער דרינגען ווידער אַריין זון־שטראַלן. אינעם אייבערשטן ווינקל פון פענצטער אַנטפּלעקט זיך אַ געלער, קיילעכדיקער פלעק. די זון. ליכט אין קאַמער. ווידער שטיי איך אַ פאַרשטומטער, ווי אַ פאַרכישופטער.

דער ליכט־פלעק אויף דער וואַנט גליטשט זיך לאַנגזאַם. אַט האָט ער שוין דערגרייכט די פּאָדלאָגע. וואָלט איך געשענקט אויפמערקזאַמקייט דער זון, זייענדיק אינדרויסן?

נאָר די גרויסע איבערלעבונג דויערט נישט לאַנג. דאָס פענצטער אין קאַמער איז אַ קליינס. שנעל ענדיקט זיך אַלץ. און דו הייבסט ווידער אָן שפּאַנען אין בין־השמשות.

דער וועכטער פירט מיך. האָט שוין געפּלאַצט דאָס געדולד פונעם אויספאָרשער? האָט ער געהאַפּט, אַז דריי וואָכן איינזאַמקייט זענען גענוג מיך צוצוגרייטן אין אַ געגונגנדיקער מאָס צו אַ „וידוי" פון מיינע פאַר־ברעכנס? אין קאָרידאָר גיט מיך דער וועכטער איבער צו עמעצן אַנדערש. פאַרשטייט זיך, אַז צוליבן האַנטעך אויף די אויגן זע איך נישט — צו וועמען. יענער פירט מיך מיט מער איידלקייט. דאָס איז נישט מיין שטענ־דיקער אויספאָרשער. ער איז געוווינט מיך צו באַגלייטן מיט גראָבקייט. איך פיל, אַז איך גיי נישט אין דער געוויינלעכער ריכטונג.

די שטים וואָס באַפעלט מיר אַרונטערצונעמען דאָס האַנטעך איז אַ פרעמדע. איך קוק זיך אַרום. די פאַרש־קאַנצעלאַריע איז אין אַלעמען ענלעך צו דער אין וועלכער כ'בין שוין געפאָרשט געוואָרן. נאָר דאָס איז אין אַנדער צימער. אַ נייער אויספאָרשער.

דער זעקסטער אָדער זיבעטער אויספאָרשער אין דער ריי פון די, וואָס האָבן ביז איצט זיך מיט מיר מטפל געווען. די קאַנצעלאַריע איז העל באַלויכטן. אינדרויסן שיינט די זון אין איר פולער פּראַכט. פון די ווענט קוקן אויף מיר סטאַלין און גאָטוואַלד.

כ'בין זייער אויפגערודערט. אַנטקעגן מיר שטייט אַ לעבעדיקער מענטש. ער איז מיך מכבד מיט אַ סיגאַרעט. ער לאָזט מיך, ווייזט אויס, הנאה האָבן פון סיגאַרעט ביזן סוף. ער שווייגט, קוקט אויף מיר אָפּט און שפּאַצירט איבערן צימער. רייכערנדיק באַמי איך זיך לערנען טרעפן צו וואָס מען האָט מיך דאָ אַהערגערופן — צו דעם דאָזיקן נייעם אויספאָר־שער. איך ענדיק דעם סיגאַרעט.

— פאַרוואָס זיצט איר דאָ? — פרעגט ער מיך.

— אינדעראמתן ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז כ'בין אומשולדיק. כ'האָב זיך מיינע טרעפענישן איבער די סיבות פון מיין זיצן דאָ. — איך גיב אים פאַרשידענע אָנצוגעהערענישן.

— ביי אונדז פאַרשפּאַרט מען נישט אין תפיסה אומשולדיקע מענטשן.

ער אינטערעסירט זיך, מיט וואָס כ׳האָב זיך באַשעפטיקט אין ישראל. זיין אופן רעדן איז אַ מענטשלעכער. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געבילדעטן. דער פּנים־אויסדרוק אַ מענטשלעכער און מער איידע־לער ווי ביי די אויספאָרשער וואָס כ׳האָב ביז איצט קענען געלערנט.

ער קוקט אַרויס אינדרויסן און זאָגט: — אַ שיינער טאָג היינט. אַ שיינער, פרייליגנדיקער פּאַסכע־טאָג. — עפּעס רירט זיך אין מיר.

פּאַסכע. זייער פּסח. בערך אין דער צייט דאַרף אויך אויספאַלן אונדזער יום־טוב. די סדר־נאַכט ביי מיר אינדערהיים, אין קיבוץ. מיין פינפיאָריקער זון פרעגט אוודאי די פיר קשיות. און ס׳איז פאַראַן ווער, וואָס פרעגט די פינפטע קשיה: ווו בין איך, אַ וואָסערער איז מיין גורל? פּסח. אַ ריזיקע ארץ־ישראלדיקע זון. דער יום־טוב פון פרייהייט. און איך זיץ אין תפיסה.

— אויך איר וואָלט געקאָנט געניסן פון דער שיינקייט פון דעם דאָזיקן פרילינגדיקן טאָג. איר וואָלט שוין פון לאַנג געקאָנט זיין אינ־דערהיים — זאָגט דער אויספאָרשער. נאָר איך הער, אַז איר זענט אַן עקשן. איר פירט זיך נישט פאַרשטענדיק.

איך ענטפער אים, אַז דער אמת איז מיר טייערער ווי די „פאַר־שטענדיקייט" וואָס ער רעקאָמענדירט.

ער רייסט איבער דעם דאָזיקן וויכוח און זאָגט, אַז ר׳איז געקומען צו מיר כדי הערן פון מיר איינצלהייטן נאָר וועגן איין פראַגע. ער בעט כ׳זאָל אים דערציילן וועגן ד״ר גאָלדשטיין. ער שטוינט, הלמאי אין אַלע ביזאיצטיקע אויספאָרשונגען האָב איך גאָרנישט דערציילט וועגן ד״ר גאָלדשטיין.

ווי דורך אַ נעפּל געדענק איך, אַז ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָב איך געהערט וועגן אַ ציוניסטישן עסקן אין טשעכאָסלאָוואַקיע מיט אַזאַ נאָמען. מיר שיינט, אַז ער איז געווען פון די מפא״י־מנהיגים אין דעם דאָזיקן לאַנד. כ׳האָב אָבער קיינמאָל נישט געטראָפן זיך מיט אים און נישט געקענט פערזענלעך. פונעם אויספאָרשערס פראַגע דרינג איך אַרויס, אַז ד״ר גאָלדשטיין איז, ווייזט אויס, אַרעסטירט און דאָס איז ער זיך מיט אים מטפל. ער וויל, אַ סברה, פון מיר הערן וואָס מיר איז באַקאַנט וועגן אים און זיין „פאַרברעכערישער" טעטיקייט.

איך ענטפער, אַז ביז איצט האָט מען מיך נישט געפרעגט וועגן אַ ד״ר גאָלדשטיין. איך ווייס נישט וועלכן ד״ר גאָלדשטיין ער מיינט.

— איך מיין דעם ד״ר גאָלדשטיין וועמען איר קענט. דערציילט וואָס ס׳איז איך באַוווסט וועגן אים — זאָגט ער.

איך דערצייל אים, אַז איך קען — בלויז אויבערפלעכלעך — אַ ד״ר גאָלדשטיין, וואָס איז אַן אויסגעשפּראָכענער יידישער און ציוניסטי־שער טוער אין די פאַרייניקטע שטאַטן. ערשט פאַראַיאָרן האָב איך זיך מיט אים פּערזענלעך באַקענט אין זשענעווע, אויף דער זיצונג פון דער לייטונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. ער איז אַלע יאָרן אין אַמעריקע און אויך אַן אַמעריקאַנער בירגער.

— איך מיין דעם ד״ר גאָלדשטיין, וואָס איז אַ טשעכאָסלאָוואַקי־שער בירגער, פון די ציוניסטישע מנהיגים ביי אונדז. זיכער קענט איר אים.

ווייזט אויס, אַז ער גלויבט נישט דאָס איך קאָן נישט זיין ד״ר גאָלדשטיין. איך שטרייך נאָכאַמאָל אונטער, אַז כ׳בין קיינמאָל נישט גע־ווען טעטיק אין טשעכאָסלאָוואַקישן ציוניזם און אַז דעם רוב מנהיגים אירע זענען מיר אומבאַקאַנט. ער דער אויספאָרשער, דריקט אויף מיר נישט, כאָטש ער איז איבערצייגט, אַז איך זאָג נישט דעם אמת.

הייסט עס, זיי אַרעסטירן ווייטער ציוניסטישע עסקנים. אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע גייט ווייטער אָן דער „מכשפות־געיעג״. פאַר מיין אַרעסט האָב איך נישט געהערט וועגן איינזעצן אין תפיסה דעם ד״ר גאָלדשטיין. איצט, אַ סברה, איז ער פאַרשפּאַרט אין דער דאָזיקער תפיסה. קאָן זיין, אפילו נאָענט פון מיין קאַמער. און ווי איך, ווערט ער אומשולדיק געפייניקט.

דער אויספאָרשער שיקט מיך צוריק אין דער טונקעלער קאַמער, וואָס זינקט אין בין־השמשות. און אינדרויסן — לויט די רייד פונעם אויס־פאָרשער — אַ שיינער פרילינג־טאָג.

דאָס בילד

אָונט. איך קוק אויס דעם קלונג צום שלאָפן גיין. כ׳בין מיד פון די לאַנגע שפּאַצירן איבער דער קאַמער. אינדרויסן איז פרילינג. און אין קאַמער — אַ ווינטערדיקע קעלט.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך זיך דערוווסט פונעם אויס־פּאַרשער, אַז איצט זענען פּסח־טעג. געגוי ווען איז אונדזער יום־טוב ? ווען איז די סדר־נאַכט ? איז זי שוין געווען ? אפשר נאָך נישט ? אפשר איז היינט די סדר־נאַכט ?

די לעצטע אָוונטן בין איך אינגאַנצן געשפּאַנט. עפּעס זאָגט מיר, אַז היינטיקע נאַכט איז דער סדר. דאָס בילד פון דער סדר־נאַכט אינדער־היים טרעט נישט אָפּ פון מיינע געדאַנקען. איך רעקאָנסטרואיר אין גייסט די הגדה וואָס ווערט אין דער סדר־נאַכט געלייענט אין מיין קיבוץ. איך בין אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין מיינע געדאַנקען. מיינע אויערן זענען אָנגעשפּיצט ווי אויפצוכאַפּן קלאַנגען פונדערווייטנס. איך באַגער אויפצו־כאַפּן דעם קלאַנג פון מיין זיסן זון, ווען ער פרעגט די פיר קשיות.

נייך, פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין נישט זוכה אויפצוכאַפּן אַזעלכע קלאַנגען. אַנדערע קולות דערטראָגן זיך צו מיינע אויערן — פונעם קאָרי־דאָר. דער אַרעסטירטער אין דער שכנותדיקער קאַמער ברעכט אויס אין אַ האַרצרייסנדיק געוויין. דאָס געוויין נעמט אָן אַ היסטערישן כאַראַקטער. עס שליסט זיך אָן אַ צווייטע און דריטע קאַמער. די וועכטער קלאַפּן אין די טירן. נאָך דער כאָר פון די פאַרצווייפלטע שטאַרקט זיך. אַ געמיש פון קולות : געוויין, געיאָמער, זיפצן. אַ שרעקלעך יסורים־געזאַנג. אינגאַנצן אָן אויפגעציטערטער מאַך איך דעם גרעסטן אָנשטרענג נישט מיטגעריסן צו ווערן מיטן כאָר פון די צוזאַמענגעבראָכענע.

מיין סדר־נאַכט אין יאָר 1952 — קאָן זיין, אַז די דאָזיקע נאַכט פייערט מען אין מיין פאָטערלאַנד און אין מיין היים דעם יום־טוב פון פרייהייט.

די לעצטע טעג טראַכט איך פיל וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן אין די דרייסיקער יאָרן. איך באַמי זיך צו רעקאָנסטרואירן אין זכרון די פּרטים פון יענער פלעפנדיקער דראַמע וואָס האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט. די דאָזיקע פּראָצעסן האָבן עס דערפירט צו ליקווידאַציע פון די מיינסטע בולטע געשטאַלטן פון דער רעוואָלוציע־תקופה, די שפּיצן פון שטאַב פון דער רויטער אַרמיי און צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון אַנדערע שטחים פונעם סאָוויעטישן לעבן. דער רוב פּראָצעסן זענען געווען עפנט־לעכע. דער סאַמע פלעפנדיקער עלעמענט אין די משפּטים איז געווען די „ווידוי" פון די באַשולדיקטע. זיי האָבן זיך מודה געווען אין די סאַמע פאַנטאַסטישע פאַרברעכנס : זיי זענען געווען שונאים פון סאָציאַליזם. זיי

האָבן געשטרעבט צוריקשטעלן אין ראַטנפאַרבאַנד דעם קאַפּיטאַליזם. זיי זענען געווען פאַרקויפט צום שפּיאָנאַזש־דינסט פון די מערב־גרויסמאַכטן. זיי האָבן פּלאַנירט אָפּצורייסן ברייטע שטחים פון ראַטנפאַרבאַנד אין מערב ווי אין מזרח און זיי פאַרטיילן צווישן דעם נאַצישן דייטשלאַנד און דעם אימפּעריאַליסטישן יאַפּאַן. מיר שיינט, אַז אייניקע פון זיי האָבן זיך מודה געווען דאָס זיי האָבן פאַרסמט גאָרקין.

מיין באַוועגונג — מיך אַריינגערעכנט — האָט זיך נישט געלאָזט איינרעדן צו גלייבן, אַז די דאָזיקע פּראָצעסן זענען אמתדיקע. כ׳דערמאָן זיך, אַז אין דער צייטונג פון אונדזער באַוועגונג האָב איך געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן. כ׳האָב אָנגענומען, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען אַ חשש, אַז דער קאַמף פון דער אָפּאָזיציע קאָן דערפירן אונטערצורייסן דעם רעזשים, וואָס ראַנגלט זיך פאַר פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד, וואָס געפינט זיך אין פיינדלעכער, אימפּעריאַליסטישער ארומרינגלונג. וואָלט מען די באַשולדיקטע געווען דערפאַר געמשפּט — קאָן מען עס נאָך פאַרשטיין. אָבער זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר פאַרברעכנס, וועלכע ס׳איז זיך נישט פאָרצושטעלן ביי מענטשן, וואָס האָבן אַדורכגעפירט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זיי זענען געמשפּט געוואָרן פאַר כוונות, אין וועלכע עס לאָזט זיך נישט גלייבן. כ׳האָב זיי באַצייכנט — באַזאַמען מיט דער באַוועגונג — אַלס אויסרעזשיסירטע פּראָצעסן, אַזוי ווי זיי זענען עכ טאַקע געווען; און די „ווידויים״ פון די באַשולדיקטע — אָן אַ טראָפּן אמת און אַלס רעזולטאַט פון צוואַנג. אויסער דעם האָבן מיר קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם סיסטעם פון האַקן קעפּ אינעם קאַמף מיט דער אינערלעכער אָפּאָזיציע, אינערהאַלב אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

במשך אַ לאַנגע צייט האָט מיך געמאַטערט — און נישט נאָר מיך — די פראַגע פון די ווידויים. וויאַזוי זענען זיי דערגאַנגען צום מודה זיין זיך אין די מאָסקווער פּראָצעסן? מיט אַ וואָסערע וועגן האָבן זיי, מענטשן מיט אויסגעגלייכטע רוקנס און אַ רייכער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט דערפירט דערצו, זיי זאָלן זיך מודה זיין אין פאַרברעכנס וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט באַגאַנגען און אין בייזוויליקע כוונות, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט?

איך דערמאָן זיך אין בוך פון אַרטור קעסטלער „פינצטערנישן אינמיטן טאָג״. פאַראַן אין דעם בוך אַ ליטעראַרישער פּרווו צו אַנטפּלעקן דאָס רעטעניש מיט די ווידויים. כ׳האָב געלייענט דאָס בוך מיט אומצוטרוי, הגם

כ׳האָב נישט פאַרזען דעם גרויסן ליטעראַרישן טאַלאַנט פונעם מחבר. כ׳האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ געשוווירענער פיינד פון ראַטנפאַרבאַנד, אַז ער איז אַ רענעגאַט. כ׳האָב געדענקט, אַז אין זיין ראָמאַן וועגן ארץ־ישראל („גנבים ביינאַכט״), האָט ער געפּעלשט און באַשמוצט אונדזער ווערק. בלויז אין איין שטח איז ער געבליבן אַ קאָמוניסט — אין זיין קעגנערשאַפט צו דער רענעסאַנס־באַוועגונג פונעם יידישן פאָלק און אינעם פעלשן די געשטאַלט פונעם אויפטו אין ארץ־ישראל.

איז ריכטיק קעסטלערס אויפקלערונג? קעסטלערס העלד (רובאַשאָוו) געפינט זיך דער עיקר אונטער אַ פסיכאָלאָגישן דרוק. נישטאָ כמעט קיין סימן פון פיזישן דרוק. נישטאָ קיין הונגער. נישטאָ קיין קעלט. נישטאָ קיין קלעפּ. נישטאָ קיין סיסטעמאַטיש באַרויבן פון שלאָף. נישטאָ אין דעם פאָרש־סיסטעם לגבי דעם באַשולדיקטן יענע עלעמענטן וואָס דערפירן צום פיזישן איינברעכן זיך פון דעם מענטשנס האַלטונג. לויט קעסטלערן פאַר־לאַנגען די אויספאָרשער פונעם געפאַרשטן, אַז ער זאָל זיך מודה זיין אין אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס אויס אחריות־געפיל פאַר דער פאַרטיי, וואָס נייטיקט זיך אין זיינע ליגנערישע ווידויים. אויס טריישאַפט צו דער זאַך פון דער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם. זיינע ווידויים זענען נייטיק פאַרן דערפאָלג פון סאָציאַליזם. מיט זיין מודה זיין וועט ער דינען דער רעוואָלו־ציע. ער וועט באַווייזן, אַז ער איז אַן אמתדיקער רעוואָלוציאָנער.

איך זיץ שוין דאָ דעם פערטן חודש. ביז איצט האָבן זיי מיך נאָך נישט דערפירט צו ווידויים. נאָר מיר שיינט, אַז שוין איצט זע איך מיט אַ וואָסער וועג זיי פּלאַנירן מיך דערפירן צום מודה זיין. זיי באַנוגענען זיך נישט מיט פסיכאָלאָגישע דרוק־מיטלען. כדי מצליח צו זיין מיך איינצוברעכן גייסטיק און פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַ ווילנלאָז וועזן, דאַרפן זיי אויך מיך פיזיש צוזאַמענברעכן. פונדאַנען די אויסהונגערונג, די פּיין פון קעלט, די גזילה פון שלאָף, דער קאַרצער.

נאָכמער: בלויז איינער פון די אויספאָרשער האָט ביז איצט פּרובירט די תחבולה פון אַפּעלירן צו מיין סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער וועלט־אַנשויונג. קאָן זיין, אַז זיי וועלן מיט נאָך מער קראַפט זיך באַנוצן מיט דעם פאָרטל. פאַרלויפיק איז די טענדענץ פון די אויספאָרשער אַ פאַר־קערטע: נעגירן מיין רעוואָלוציאָנערע וועלט־אַנשויונג. פאָרשטעלן מיך ווי אַ געשוווירענעם, אָפענעם צי פאַרמאַסקירטן פיינד פון סאָציאַליזם, ווי אַ פאַרעטער, אַ שפּיאָן. און זיי באַנוגענען זיך נישט דערמיט וואָס זיי

פּראָקלאַמירן די דאָזיקע לעכערלעכע שקרים. זיי פּלאַנירן צו דערפירן מיך דערצו, אַז איך אַליין זאָל זיי גלייבן. כ׳זאָל צום ווינציקסטן דערקלערן, אַז איך גלייב זיי, אפילו ווען איך גלייב זיי נישט.

לויט קעסטלערס בוך איז דאָס אויספאָרש־ביוראָ כמעט ווי אַ קליי־נער סאַלאָן, וווּ ס׳טרעפן זיך צוויי אַלטע פריינד אויף אַן אי־נטערעסאַנטן און שאַרפן דיאַלאָג. די אויספאָרש־קאַנצעלאַריע וואָס איך האָב דערקענט, איז עפּעס אַנדערש: הונגער־יסורים, קעלט, דורשט נאָך שלאָף, באַליידיקונ־גען, קלעפּ. דער שוצלאָזער אמת ראַנגלט זיך דאָרט מיטן ברוטאַלן שקר. געשפּענסטיקע נעכט. מיין פאָרש־ביוראָ איז נישט קיין סאַלאָן פאַר שאַרפע דיאַלאָגן. אין מיין באַוווּסטזיין און געפילן נעמט ער אָן די געשטאַלט פון גיהנום. איך גלייב נישט אין גיהנום, וועגן וועלכן כ׳האָב אַזויפיל געהערט אין מיין קינדהייט. פאַראַן אָבער אַ גיהנום אויף דער ערד. ער איז דאָ — אין דער רוזין־תפיסה, אין דער פּעריפעריע פון פּראַג, אפשר נישט ווייט פון דער קליינער „בית־לחם״־קירכע, ווו עס האָט מיט פיל יאָרן צוריק געפּרעדיקט דער רעליגיעזער רעוואָלוציאָנער יאַן הוס.

די טיר פון מיין קאַמער איז געל־גרינלעך געפאַרבט. עפּעס ענלעך צו אַן אָליוון־קאָליר. אויף אַן אַנדער אָרט, וואָס זעט זיך נישט אָן, איז די פאַרב אָפּגעפאַלן. אפשר האָט דאָס אָפּגעקראַצט אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז געווען דאָ אין קאַמער פאַר מיר. די לעצטע טעג האָב איך אַלץ גענוי אונטערזוכט און באַטראַכט אין קאַמער. איך מוז זיך מיט עפּעס באַשעפ־טיקן, כדי זיך ארויסרייסן פון דערדריקנדיקע לעסטיקע מחשבות. אַזוי אַרום האָב איך אַנטפּלעקט, אַז איבער דער טיר פון קאַמער איז די פאַרב אָפּגעקראָכן. דאָס בילד וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן, מאַכט מיך עטוואָס אויפציטערן. איך מאַך די גרעסטע אָנשטרענגונגען נישט צו קוקן אויף יענעם אָרט. מיינע באַמיונגען גיבן זיך נישט איין. ווי געצוווּנגען פון אַ געהיימער מאַכט, קוק איך ווידער און ווידער אין יענער ריכטונג. איך וואַרף אַהין גנבעטע בליקן, בייטאָג, ווי אויך ביינאַכט, ביים איבערוועקן זיך. דאָס בילד וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן אָוועקפאַלן פון דער פאַרב, דאָס בילד וואָס שטויסט מיך אָפּ און ציט מיך צו אינאיינעם, שטעלט פאָר אַ תליה, מיט אַ געהאָנגענעם וואָס שאָקלט זיך אין ווינט.

דער צווייטער צוזאַמענטרעף

דער וועכטער פירט מיך מיט מיינע זאַכן: צוויי קאָלדרעס און וואַש־געצייג. דאָס האַנטוך, פאַרשטייט זיך, פאַרבינדט מיינע אויגן.

וואוהין? איז דאָס דער סוף פון מיין איינזאַמקייט? אָדער טוישט מען בלויז די קאַמער? נעכטן אָדער אייערנעכטן האָט מען מיך גערופן צום אויספאָרשער. ער האָט מיך נישט געפאָרשט. דוכט זיך, ער האָט מיך בלויז עקזאַמינירט, אויב כ׳בין שוין גענוג ווייך געוואָרן, כדי זיך „מודה זיין אין מיינע פאַרברעכנס". פון מיינע ענטפערס אויף זיינע פראַגן האָט ער געקאָנט פאַרשטיין, אַז נאָך 3—4 וואָכן אַבסאָלוטער איינזאַמקייט בין איך נאָך נישט גרייט דערצו. וואָס האָט דער אויספאָרשער באַשלאָסן? איינצל־אַרעסט און אַבסאָלוטע איזאָלאַציע זענען אַ שווערער גייסטיקער עקזאַמען. זיי שפּרייטן אויף דיר אויס אַ גייסטיקע דעפּרעסיע. זיי פּליקן דיינע נערוון. יעדער טאָג דאַרפסטו זיך ראַנגלען מיטן מלאך פון יאוש. טיילמאָל נעמט דיך אַרום אַ פּחד. טאָמער וועסטו אַראָפּ פון זינען. דער דאָזיקער פּחד צווינגט אויף דיר אַרויף טאָג־טעגלעך קאַפּיטולאַציע־שטימונגען פאַרן ווילן פון אויספאָרשער.

טאָג־טעגלעך מוזטו גובר זיין די דאָזיקע שטימונגען און ווי ווילד־גראָז זיי אויסוואָרצלען פון דיין האַרץ. ווו פירט מיך דער וועכטער? צו נייער איזאָלאַציע אין אַ צווייטער קאַמער? אָדער גאָר אין אַ קאַמער, ווו כ׳וועל ווידער טרעפן אַ לעבעדיק נפש?

מיר גייען אַרויף איייניקע שטאָק. אין דער העלפט קאָרידאָר עפנט דער וועכטער איינע פון די קאַמערן. ער שטויסט מיך אַריין אינעווייניק. דער הויש־הריה זאָגט מיר אָן אַ גרויסע בשורה: פאַראַן דאָ אַ מענטש. די טיר פון קאַמער פאַרשליסט זיך.

פאַר מיר שטייט אַן אַרעסטירטער אָנגעטאָן ווי איך. אַ געל געזיכט. זיכער אַזויווי מיינס (מיין פּנים האָב איך שוין נישט געזען אין שפּיגל זינט דעם אַרעסט), בלויע אויגן, גראָע האָר. אומראַזירט. ער שמייכלט צו מיר און שטרעקט אויס זיין האַנט. מיר מעלדן איינער דעם אַנדערן אונדזערע נעמען. די נעמען איז אונדז פאַרבאָטן צו אַנטפּלעקן. זיין פּנים זעט מיר אויס אַ יידישס. ער זאָגט מיר, אַז ר׳איז נישט קיין טשעכאָסלאָוואַקישער

בירגער. דאָס האָב איך סיי־ווי דערקענט פון זיינע ערשטע ווערטער אין טשעכיש. איך באַמערק, אַז אויך איך בין אַ פרעמדער בירגער.

פלוצים פרעגט ער מיך אין יידיש: „אַ ייד?"

איך ענטפער: „נאָך אַ וואָסער ייד — פון ארץ־ישראל".

ביידע זענען מיר אויפגערודערט. צוויי זין פון איין פאָלק טרעפן זיך צווישן די תפיסה־ווענט אין רוזין.

מיין חבר אין קאַמער איז אַן עסטרייכישער ייד. ער איז פון די פּליטים פון גאַליציע, וואָס זענען געקומען קיין ווין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביידע זענען מיר אין איין עלטער. איך בין מיט אַ וואָך עלטער פון אים. אַנטפּלעקט זיך אַן אינטערעסאַנטער פּרט: אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר ביידע באַזוכט אין ווין די זעלבע גימנאַזיע פאַר קינדער און פּליטים. אין פּאַראַלעלע קלאַסן. מיר דערמאָנען געמיינזאַמע לערער. ביים סוף פונעם קריג בין איך צוריק־געפאָרן קיין גאַליציע. ער איז געבליבן אין ווין. נאָכן פאַרענדיקן די גימ־נאַזיע האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אין אַ גרויס קאַפע־הויז אין ווין, אַלס פּאַרטענצער אויף די טאַנץ־אָוונטן, וואָס פלעגן יעדן אָוונט פאָרקומען אין דעם קאַפע־הויז. זיין אויפגאַבע איז געווען — צו טאַנצן מיט פרויען, וואָס האָבן זיך געצייטיקט אין אַ געהעריקן פּאַרטנער צום טאַנצן. היינט איז ער אַ מאַשינען־אינזשעניער. ער איז אַ ספּעציאַליסט פאַר עראָפּלאַן־מאָטאָרן. ער האָט אויך געמאַכט פאַרשידענע דערפינדונגען אין מעכאַניק. אין די לעצטע יאָרן האָט ער געאַרבעט אין די מאַשינען־אונטערנעמונגען (געווע־זענע „סקאָדאַ"). זיין משפחה וווינט אין ווין. ער פלעגט באַזוכן זיין בני־בית סוף וואָך. שוין אַ יאָר ווי ער זיצט אין תפיסה. בלויז מיט אייניקע וואָכן צוריק איז פאָרגעקומען זיין פּראָצעס. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף פינף יאָר תפיסה. זיין זינד: ער האָט אומלעגאַל אַריבערגעפירט דריי מענטשן קיין עסטרייך. די מענטשן, וועמען ער האָט געהאָלפן שמוגלען די גרענעץ זענען געווען פון אַ יידישער משפּחה אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דער ראש פון דער משפּחה איז געווען אַ „דזשאָינט"־פאַרשטייער אין איינער פון די גרויסע שטעט. אים איז אין דער לעצטער מינוט באַוווסט געוואָרן, אַז מען קלויבט זיך אים צו אַרעסטירן פאַר „שפּיאָנאַזש".

די שטימונג ביי מיין נייעם שכן איז אַ בעסערע, נישט געקוקט וואָס

אויך ער לײדט הונגער און קעלט. ער האָפט פאַרענדיקן זײן תּפיסה־טערמין נישט אין פינף יאָר, נאָר אין נאָך אַ האַלב יאָר אַרום. די אונטערנעמונג װוּ ער האָט געאַרבעט, נײטיקט זיך אין אים זײער. פאַרשטײער פון פאַבריק האָבן פאַר אים אינטערװעניִרט. מען האָט זײ צוגעזאָגט, אַז בײַם באַהאַנדלען די אַפּעלאַציע װאָס זײַן פאַרטײדיקער האָט דערלאַנגט, װעט מען אים פאַרקלענערן די שטראָף ביז דרײַ יאָר. דאָס געזעץ דערלױבט באַפרײַען אַן אַרעסטירטן נאָכן אָפּקומען העלפט פון דער שטראָף, אונטערן באַדינג פון גוטער אױפפירונג. אין אײניקע װאָכן אַרום װעט מען באַהאַנדלען זײַן אַפּעלאַציע. דאָרט װעט מען אים פאַרלײכטערן דעם אורטײל אויף דרײַ יאָר. נאָך אַ האַלב יאָר פאַרענדיקט ער אַ העלפט פון דער שטראָף: אַנדערהאַלבן יאָר. און דעמאָלט — אַזױ האָבן אים פאַרשפּראָכן די פאַרשטײער פון זײַן אונטערנעמונג, װאָס האָבן אים באַזוכט — װעט ער באַפרײַט װערן פון תּפיסה.

מײַן חבר אין קאַמער איז אַן אַסימילאַנט. פון ײדישקײט זענען אים געבליבן זײער װײניציק זאַכן. ער האָט ליב געפילטע פיש... אױסנװײניק געדענקט ער אײן העברעישן פּסוק: שמע ישראל און אַז. װ. ער איז לחלוטין דערװײטערט פון ײדנטום. זײַן פרוי איז אַ נישט־ײדישע, פון עסטרײַך. פון ארץ־ישראל האָט ער װײניציק געהערט. אין װין באַזיצט ער צװײ הײַזער און אַ פּלאַץ פון אַ חרוב הויז. ער איז נישט קײן סאָציאַליסט. דאָרט װוּ ר׳האָט געאַרבעט, פלעגט ער באַקומען אַ שײנעם געהאַלט. פאַרן אַרעסט האָט ער געאַרבעט איבער עטלעכע טעכנישע אױסבעסערונגען אין מאָטאָרן — זײַנע פּאַטענטן. דער עיקר צוליב זײ זענען זײַנע אונטערנעמער פאַראינטערעסירט אין זײַן שנעלער באַפרײַונג. און פונדאַנען נעמט זיך זײַן האָפענונג און גוטע שטימונג.

שױן אײניקע טעג װי איך פאַרברענג מיט מײַן נײַעם שותּף אין קאַמער. מײַן שטימונג בעסערט זיך אַ ביסל. כ׳בין װידער נישט אַלײן. כ׳בין שױן נישט אױסגעשטעלט אויף שטענדיקע טרויעריקע מחשבות, אויף אַטאַקעס פון גײַסטיקער דעפּרעסיע, צו אײנזאַמקײט װאָס רײַסט די נערװן.

װידער אין מײַן מחיצה אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אַ ײד, הגם אַ ײד בלױז לױטן אָפּשטאַם, און נישט לױט זײַן באַװוּסטזײַן און געפילן. דער עיקר: אַ מענטש.

אין דער לעצטער צייט האָב איך זיך צוגעוווינט צו טראַכטן, אַז אין דער דאַזיקער תפיסה זענען נישטאָ קיין מענטשן, — נאָר די וואָס צווישן די ווענט פון די קאַמערן. די אויספאָרשער און די וועכטער האָב איך אָנגעהויבן פאַררעכענען צו אַן אַנדערער קאַטעגאָריע באַשעפענישן. די מענטשן דאָ אין תפיסה זענען די אַרעסטירטע. מיטן אַרעסטירטן, זאָל זיין חטא זיין אַ וואָסערער ער איז, קאָנסטו רעדן, ווי עס רעדט אַ מענטש צו אַ מענטש. ער ליידט אַזוי ווי דו. ער בענקט נאָך זיינע טייערע אַזויווי דו. ער ווערט פאַרשטאַרט פון קעלט אַזויווי דו. ער איז הונגעריק אַזויווי דו. ער באַמיט זיך דיך צו דערמוטיקן. צוזאַמען מיט דיר וואַרט ער אויף די זון־שטראַלן זיי זאָלן אין דער קאַמער־פינצטערניש ברענגען אַ שטויב ליכט און פרייד. באַזאַמען מיט דיר גענִיסט ער פון די נשמה־אויפטרייסלענדיקע קלאַנגען פונעם פאַרבייפליענדיקן פויגל ביים פענצטער. אַזויווי דו, באַהעפט ער זיך אויף לאַנגע שעהן מיט זיין בענקשאַפט. אַזויווי דו, חלומט ער אויף דער וואָר וועגן אַ פריי לעבן אויסער די דיקע תפיסה־מויערן. די באַשעפענישן וועלכע באַגעגנסט אין די פאַרש־ביוראָען בייטאָג און ביינאַכט זענען נישט קיין מענטשן. נאָר ווען טרעפסט זיך צונויף מיט אַן אַרעסטירטן, פילסטו: האָסט זיך באַגעגנט מיט אַ מענטש.

כ׳וועט נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונג. אויך מיין נייעם שכן רופט מען נישט. ביי אים איז עס פאַרשטענדלעך: ער איז שוין נאָכן פראָצעס. איך פאַרשטיי נאָר נישט, פאַרוואָס האָבן די אויספאָרשער מיך אָפּגעלאָזט. און פונדעסטוועגן פריי איך זיך דערמיט. גאַנצע טעג פאַרברענגען מיר אין לעבהאַפטיקן געשפּרעך. מיין חבר איז פון די וואָס האָבן ליב און ווייסן צו דערציילן. מיר איז זייער גוט מיט אים, נאָך וואָכן פון איינזאַמקייט־יסורים און אויפגעצווונגען שווייגן. ער דערציילט מיר בפרטיות זיין לעבנס־געשיכטע. אויך איך דערצייל אים מיין ביאָגראַפיע, אָבער נישט מיט צופיל איינצלהייטן. וועגן מיין פּאָליטישער טעטיקייט דערצייל איך אויף אַ גאָר אַלגעמיינעם אופן. מיר שיינט, אַז בלויז אויסערלעך נעמט ער אָן מיין דערקלערונג, אַז איך בין דאָ פאַרשפּאַרט אינגאַנצן אומשולדיק. אויף פאַרשיידענע אופנים מונטערט ער מיך, כ׳זאָל פאַר אים זיין אָפנהאַרציק. ניין, כ׳האָב נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים. אדרבא, ער איז אַ דערפאַרענער אַרעסטאַנט. ער איז שוין אַדורכגעגאַנגען אויספאָרשונגען און דעם פראָצעס. ער קאָן מיר העלפן מיט גוטער עצה אין פאַרשידענע עטאַפּן פון מיין

אויספאָרשונג. ער הייבט אָן דערוועקן אין מיר אַ ביסל פאַרדאַכט און אומ־צוטרוי.

ער ליידט פון קעלט אַזויווי איך. מיר זענען כמעט אינמיטן אַפּריל: די זון באַזוכט אונדז אָפט אויף אַ קורצער צייט. אינדרויסן איז אַוודאי וואַרעם. אין קאַמער הערשט נאָך אַלץ אַ ווינטערדיקע קעלט. פון הונגער ליידט ער מסתמא אַזוי ווי איך. ער באַקומט דיזעלבע הונגער־פּאַרציע וואָס איך. ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס. ער איז דאָך שוין נאָכן פּראָצעס. אויך האָט מען אים ביז איצט נישט דערלויבט צו רייכערן. ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער דאָזיקער תפיסה־אָפּ־טיילונג. אויך ביכער צום לייענען באַקומט ער נישט.

מיר שפּאַצירן אַ סך איבער דער קאַמער אינאיינעם.

די אויספאָרשונג ווערט באַנייט

מיין פּויזע האָט זיך געענדיקט.

ווידער געפין איך זיך אין מיין ווינקל, אינעם ווינקל פון געפאָרשטן. נעבן שרייבטיש זיצט דער אויספאָרשער. דער איבערזעצער איז נישטאָ. אויך דאָס פאַבריקע מאָל איז ער נישט געווען. ווייזט אויס, אַז די אויספאָר־שער זענען דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז ער איז שוין נישט נייטיק. אַז כ׳קען שוין אין אַ גענוגנדיקער מאָס טשעכיש אויף „זיך מודה צו זיין אין מיינע פאַרברעכנס". אינדעראמתן, האָט מיר דער איבערזעצער בלויז זייער ווייניק געהאָלפן.

אַנטקעגן מיר זיצט מיין שטענדיקער אויספאָרשער — און ביי זיין זייט נאָך איינער. אויך ער איז אין מונדיר פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי. פון דער וואַנט הערן נישט אויף קוקן אויף מיר סטאַלין און גאָטוואַלד. דאָס צימער באָדט זיך אין אַ שפּע ליכט פון דער פרילינגדיקער זון. די שויבן אין פענצטער זענען נישט פאַרשטעלט. אַ חוץ דעם: דאָס ביוראָ געפינט זיך אויף איינעם פון די אייבערשטע שטאָקן (דער זעקסטער אָדער זיבעטער) פונעם בנין; אַזוי, אַז די זון האָט נישט קיין שום שטערונג צו באַלייכטן דאָס צימער אין אַלע פאַרמיטאָג־שעהן.

דער צווייטער אויספֿאָרשער — כ׳זע אים דאָס ערשטע מאָל — לאָזט נישט אַרויס די פּאַרע פֿון מויל. ער קוקט אויף מיר איינגעשפּאַרט. פֿון צייט צו צייט פֿאַרשרייבט ער עפּעס אינעם אָפֿענעם העפֿט וואָס ליגט פֿאַר אים אויפֿן טיש. איך זיך געשפּאַנט אויפֿן אָנהייב פֿון דער אויספֿאָר־שונג. ביידע שושקען זיך.

מיין שטענדיקער אויספֿאָרשער פֿרעגט מיך צי כ׳בין גרייט אַבסאָלוט אָפֿנהאַרציק דערציילן די גאַנצע פּרשה פֿון מיינע קאָנספּיראַציעס קעגן טשע־באָסלאָוואַקיע, קעגן די אַנדערע פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע מדינות, וועגן מיין ציוניסטישער, פֿאַרברעכערישער טעטיקייט, וועגן מיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט לטובֿת דעם מערבֿ.

איך ענטפֿער, אַז כ׳בין גרייט צו דערציילן אָפֿנהאַרציק וועגן מיין טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אַנדערע לענדער. כ׳האָב נישט וואָס אויסצובאַהאַלטן. כ׳האָב אָבער נישט וואָס צו דערציילן וועגן אונטער־גראָבונג, פֿאַרברעכערישע טעטיקייט און שפּיאָנאַזש. איך בין גרייט צו דערציילן דעם אמת. כ׳בין אָבער נישט גרייט אויסצוטראַכטן פֿון קאָפּ מעשׂיות וועגן פֿאַרברעכנס, וועלכע כ׳בין קיינמאָל נישט באַגאַנגען. דער אויספֿאָרשער קערט זיך אום צום אַלטן פּזמון: כ׳בין נישט פֿאַראינטערע־סירט צו הערן אייער ירושלימער אמת. מיר ווילן הערן פֿאַקטן אין גייסט פֿון דעם אמת וויאַזוי מיר פֿאַרשטייען אים אין פּראָג. איך ענטפֿער: דער אמת און דער שקר זענען אמת און שקר אומעטום, סיי אין ירושלים און סיי אין פּראָג. דער אויספֿאָרשער הייבט אויף זיין קול: — איר דאַרפֿט בלויז ענטפֿערן אויף פֿראַגן און מאַכט נישט אייערע פּראָוואָקאַטאָרישע באַמער־קונגען. אָדער בענקט זיך אייך נאָכן קאַרצער?

דער אויספֿאָרשער ווענדט אָן אַ שפּראַך פֿון פֿאָדערונגען. ער פֿאַר־לאַנגט פֿון מיר אַלץ דערציילן „פֿון פֿרייען ווילן”. ער וויל זיך נישט באַנוצן מיט שאַרפֿע מיטלען. אים איז ליבער, אויב כ׳וועל זיך מודה זיין אויף אייגענער איניציאַטיוו און נישט אונטערן דרוק. איך ענטפֿער, אַז די דראָונג אָנצווווענדן דרוק איז אַזויווי דרוק. דאָס עצם האַלטן מיך אין תּפֿיסה איז דרוק. מיינע לעבנס־באַדינגונגען דאָ זענען דרוק. כ׳האָב נישט וואָס צו דערציילן וועגן אונטערגראָבונג און פֿאַרברעכנס. אויב זיי ווילן מיך באַ־שטראָפֿן, זאָלן זיי אָנווייזן אויף די פֿאַרברעכנס וואָס כ׳בין כלומרשט באַ־גאַנגען. איך וועל זיך נישט דאַרפֿן אַ סך מיען כדי אויפֿצווייזן, אַז די

פּאַרברעכנס זענען אויסגעטראַכטע. איך בין אומשולדיק. כ׳וועל זיך אַליין נישט מאַכן פאַר אַ פאַרברעכער.

דאַסמאָל איז מיין אויספאָרשער געצוימט. ווייזט אויס, אַז די אָנווייזונג־הייט פונעם צווייטן אויספאָרשער איז אויף אים משפיע. אָט רייסט איבער דער צווייטער זיין שווייגן און ווענדט זיך צו מיר מיט אַ פראַגע: ווי אַזוי וואַג איך אַזוי צו רעדן? פאַרוואָס באַנוץ איך זיך מיט אַזעלכע באַליידיקנ־דיקע און פּראָוואָקאַטיווע ווערטער? דער אויספאָרשער וויל בלויז כ׳זאָל זיך מודה זיין אין פאַרברעכנס וועלכע כ׳בין באַגאַנגען. כ׳זאָל זיך מודה זיין אין זאַכן וואָס זענען געווען און נישט אַזעלכע וואָס זענען נישט געווען. וויאַזוי וואַג איך ווידערשפעניקן דעם אויספאָרשער?

מיין ענטפער: כ׳האָב נישט צוצוגעבן צו דעם וואָס כ׳האָב געזאָגט.

דער שטענדיקער אויספאָרשער רעזומירט: „איך זע, אַז די תקופה פון איינזאַמקייט האָט אייך נישט געענדערט. איר האַלט זיך ביים זעלבן. איר ווילט נישט עפענען דאָס האַרץ און אונדז דערציילן דעם אמת. איר זענט ווייטער פאַרעקשנט. אַלזאָ, איר צווינגט אונדז אַרויסציען דעם אמת פון אייער מויל מיט מער שאַרפערע מיטלען. זייט וויסן, אַז מיר זענען נישט אָפּהענגיק פון דעם וואָס מיר וועלן באַווייזן פון אייך אַרויסצוציען. פאַראַן ביי אונדז פולע שענק מיט דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, אַז איר האָט זיך פאַר־נומען מיט שפּיאָנאַזש קעגן אונדז, קעגן אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און אפילו קעגן ראַטנפאַרבאַנד; אַז איר האָט געגראָבן קעגן אונדזער רע־זשים אין פאַרבינדונג מיט אונדזערע געשוואָרענע שונאים. מיר האָבן צענדליקער עדות קעגן אייך. עפּעס מאַכט איר זיך נישט וויסן פון דער האַרבער לאַגע אין וועלכער איר געפינט זיך. איר מאַכט דעם איינדרוק, גלייך איר וואָלט נישט געוווסט אַז אייער גורל, אין פולן זין פון וואָרט, ליגט אויף דער וואָגשאָל. מענטשנס קינד, גיט אַביסל אַ טראַכט! אייערע פאַרברעכנס זענען אַזעלכע, אַז אייער לעבן דראָט אַ געפאַר. פאַראַן איין וועג — וואָס אויב איר וועט גיין מיט אים, וועט איר אפשר ראַטעווען דאָס לעבן. דער איינציקער וועג איז: זיך מודה זיין. אין אַזאַ פאַל ווייסט אונדזער רעזשים אָנצווענדן מידת הרחמים. אויב איר זענט זיך נישט מודה — מיינט דאָס, אַז איר זענט ווייטער אונדזער געשוואָרענער פיינד. אַן אומפאַר־בעסערלעכער פיינד און אַזעלכע פאַרניכטן מיר אָן רחמנות. איר שטייט פאַר אַ גורלדיקער ברירה: לעבן אָדער אומקומען. צווישן אייערע פאַפּירן האָב איך געזען דאָס בילד פון אייער פרוי און די קינדער. אַ סימפּאַטישע

פרוי, סימפּאַטישע קינדער. זיבער באַווײַנען זיי שוין אײַך. אינדערהיים טראַכט מען, אַז איר זענט ערגעץ אַוועקגעקומען. דעריבער, ווײַזט אויס, פרעגט מען נישט אויף אײַך. מען שרײַבט נישט צו אײַך. נאָר איר און מיר ווייסן, אַז איר לעבט נאָך. ווילט איר נישט ראַטעווען דאָס לעבן און צוריק־קערן זיך צו דער משפּחה? אײַער עקשנות באַווײַזט, אַז איר ווילט נישט צוריקפאָרן אַהיים. אַ מענטש ווי איר, וואָס איזדיעקעוועט זיך איבער זײַן משפּחה, באַזונדערס איבער זײַנע קליינע קינדער, איז בכלל נישט קיין מענטש. איך וואָרן אײַך דעריבער, אַז איר שפּילט זיך מיטן לעבן. ביז איצט האָט איר נאָך נישט פאַרשפּעטיקט די צײַט צו ראַטעווען דאָס לעבן. שוין לאַנגע פיר חדשים ווי איר כיטרעוועט איבער אונדז. איר שפּילט זיך מיט אונדז. מיינט איר אַז איר וועט אונדז אָפּשוואַכן אונדזערע כוחות? געווען בײַ אונדז אַזעלכע העלדן ווי איר. אפילו שטאַרקערע פון אײַך. אין עטלעכע געציילטע טעג, צי אין אייניקע וואָכן האָבן מיר זיי אײַנגעבראָכן און זיי האָבן אונדז אַלץ אויפגעדעקט קניענדיקערהייט. דאָס איז מײַן לעצטע וואָ־רענונג. און נאָך עפּעס: מאַכט נאָר נישט קיין טעות, מיינענדיק, אַז איך בין אויסן אײַך סתם אָנצושרעקן. אויב איך זאָג אַז ס׳דערוואָרט אײַך צו פאַר־לירן דעם קאָפּ, זענען דאָס נישט קיין פּוסטע דיבורים. מען האָט אײַך שוין געזאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן בײַ אונדז אין לאַנד גענוג שטריק — פאַר אונ־דזערע פײַנד. איר זענט איינער פון זיי. מיר האָבן אײַך געכאַפּט. וועט איר זיך האַלטן בײַ אײַערס — וועלן מיר פאַרטיליקן. גאַנץ פּשוט. אַ פויגל וועט קיין פּיפּס נישט טאָן. אין אײַער לאַנד ווייסט מען, אַז איר האָט פאַרלאָזט די גרענעץ פון אונדזער מדינה. מיר נייטיקן זיך נישט אפילו אין אַ פּראָ־צעס, כדי אײַך אומצוברענגען. איך פרעג אײַך דעריבער צום לעצטן מאָל: זײַט איר גרייט זיך מודה צו זײַן אין אַלץ וואָס איר האָט געטאָן קעגן אונדז? זײַט אַ מאַן, גרייט צו טראָגן די אחריות פאַר פאַרברעכערישע מעשים. דרייט זיך נישט אַרויס פון דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס וועט אײַך אויך נישט העלפן".

די אויספאָרשער סודען זיך אַ שטיקל צײַט.

באַווײַנט מען מיך טאַקע אינדערהיים? זיי וועלן זיך לײַכט קאָנען אָנשטויסן, אַז איך בין בכלל נישט געקומען קיין עסטרײַך. יעדער וואָס טרעט איבער די עסטרײַכישע גרענעץ, ווערט פאַרשריבן דורך דער גרענעץ־וואַך. אויך אין ווינער ביוראָ פון „אל־על" האָט מען געוווּסט, אַז כ׳בין נישט אַהינגעקומען.

כ׳בין איבערצייגט, אַז מיינע פריינד האָבן קאָנטראָלירט דעם דאָזיקן ענין. אפשר מיינען זיי דאָרט אין ישראל, אַז אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט מיט מיר פּאַסירט אַ טראַגישער פּאַרפּאַל? אַ וואָסער פּאַרפּאַל? דער סעקרעטאַר פון דער געזאַנדשאַפט האָט געוווּסט, אַז כ׳בין געפאָרן מיט דער באַן קיין ווין. מיינען זיי אין לאַנד, אַז כ׳בין אַרויסגעפאַלן פון באַן און צעריבן געוואָרן אונטער די רעדער? איך גלייב נישט דעם אויספאָרשער. ער זאָגט ליגן. אַ סאַדיסטישן ליגן. אַ שקר, וואָס זיין אויפגאַבע איז מיך צו ברעכן. דעסגלייכן גלייב איך נישט, אַז מען פרעגט זיך נישט נאָך אויף מיר און מען אינטערעסירט זיך נישט מיט מיין גורל. איך פאַרלאָז זיך אויפן שכל־הישר פון מיין היים, פון מיין באַוועגונג, פון דער עפנטלעכער מיינונג אין ישראל. אָן שום ספק ווייסן זיי אָדער שטויסן זיך אָן דעם זין פון דעם אומגליק וואָס האָט מיך געטראָפן. אַז איך געפין זיך אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין דער תפיסה. פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט האָבן זיי זיך געקאָנט דערוויסן, אַז אין די לעצטע טעג פון מיין זיין אין פּראַג האָב איך זיך פאַרנומען מיט אַ דעליקאַטן ענין, ווי באַפרייען די לעצטע אַרעסטירטע ציוניסטישע עסקנים. מען שרייבט מיר נישט פון דער היים? קאָן זיין. וואָהין זאָלן זיי שרייבן? זיכער ווייסן זיי נישט גענוי ווו איך געפין זיך. איך בין זיכער, אַז אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט זענען פאַראַן פאַר מיינעטוועגן בריוו פון דער היים. ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען איך זיי אָפּנעמען. איז מעגלעך אַז זיי וועלן נישט דערלויבן מיר זיי אָפּצונעמען? קאָן זיין. אויך דאָס קאָן זיין ווי איינער פון די מיטלען איינצוברעכן מיין גייסט, מיין האַלטונג. דער אויספאָרשער גלייבט, אַז די צייט פון מיין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט וועט מיך איינברעכן. איצט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. איצט דראָט ער מיר מיט שאַרפע מיטלען. ער שטעלט מיך אַוועק פאַר אַ שווערער ברירה: ראַטעווען מיין לעבן דורך מודה זיין זיך, אָדער אומקומען. קאָן זיין, אַז אויך דאָס שטעלן די דאָזיקע ברירה איז אַ מין טריק פון דער אויספאָרשונג. און אפשר פאַרט איז עס אַ רעאַלע ברירה? וואָס פאַראַ נוצן וועט אַרויסקומען פון מיין אומקום? איך גלייב נישט, דאָס זיי האָבן פולע שענק מיט דאָקומענטן און צענדליקער עדות מיך צו באַשולדיקן. אויב אַזוי, וואָלטן זיי זיך נישט גענויטיקט אין מיינע ווידויים. אויב זיי באַזיצן אַזעלכע דאָקומענטן — זענען זיי געפעלשטע. אויב זיי האָבן אַזעלכע עדות — זענען עס פאַלשע עדות. מיין געוויסן איז ריין. איך נעם נישט אָן, אַז זיי וועלן מיך אומברענגען אָן אַ פּראָצעס. איך

קאָן זיך נאָך ראַנגלען מיט זיי. זיכער וועלן זיי מיך ווידער נעמען „באַ־אַרבעטן“. דערווייל בין איך נאָך נישט גרייט אויסצוטראַכטן פון זיך „פאַרברעכנס“.

— אַלזאָ, אורן, כ׳האָב אייך געגעבן צייט נאָכצוטראַכטן נאָך מיינע רייד. וואָס האָט איר צו זאָגן? זייט איר גרייט צו גיין אויפן וועג פון פאַרשטאַנד און פרייוויליק זיך מודה זיין אין אַלץ וואָס איר האָט געטאָן קעגן אונדז?

— כ׳האָב נישט געענדערט מיין מיינונג: כ׳בין גרייט צו דערציילן דעם אמת פון מיין טעטיקייט. כ׳בין אָבער נישט גרייט זיך מודה צו זיין איבער קיינמאָל נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

— זייער שיין און פיין — רעזומירט דער אויספאָרשער — איר ווילט נישט מודה זיין פון פרייען ווילן אין אייערע פאַרברעכנס — וועלן מיר דאַרפן אָנווענדן אַנדערע מיטלען. מיר וועלן אייך העלפן עס זאָל אין אייך אויפקומען דער פרייער ווילן אין די נאָענטסטע טעג. איר קאָנט צוריק־גיין אין אייער לאָך.

מיין שכן בעט מיך דערציילן וואָס איז געווען „אינדערהייך“. „אינ־דערהייך“ מיינט — אין דער אויספאָרש־ביוראָ. איך דערצייל אים. ער אינטערעסירט זיך מיט אַלע דעטאַלן. ער זאָגט מיר, אַז נאָכן פּראָצעס איז ער אייניקע וואָכן געזעסן אין אַן אַלגעמיינער קאַמער אין דער פּאַנקראַץ־תפיסה. ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ סך דערפאַרונג אויף דעם געביט. ער איז געוואָרן אַ מין ראַטגעבער פאַר די אַרעסטאַנטן. זיי האָבן זיך מיט אים אַן עצה געהאַלטן און זיך געפירט לויט זיינע אָנווייזונגען. ער האָט אייניקע יאָרן געלעבט אין דעם לאַנד און קען די טשעכישע מענטאַליטעט. אויסער דעם האָט ער הינטער זיך אַ גאָר לאַנגן פאַרש־אַרעסט. אויך פון אים האָט מען פאַרלאַנגט זיך מודה צו זיין אין זאַכן וואָס זאָלן באַשווערן זיין חטא. ער האָט אַדורכגעפירט די גרענעץ דריי נפשות: צוויי זקנים און אַ דער־וואַקסן מיידל. ער איז אָבער געווען געצוווּנגען זיך מודה צו זיין, אַז ער האָט איבערן גרענעץ אַדורכגעפירט אויך אַ פערטן מאַן, דעם חתן פון מיידל, וועלכער איז געווען אין מיליטער־עלטער. ער האָט זיך אומגייטיק געפּייניקט. זיינעליידן זענען געווען אומזיסטיקע. צום סוף האָט ער זיך געמוזט מודה זיין אין דעם וואָס ס׳האָבן אים דיקטירט די אויספאָרשער. נאָכמער: ער פאַרנעמט זיך נישט מיט פּאָליטיק. ער האָט די דריי מענטשן געהאָלפן שמוגלען די גרענעץ נישט אויס פיינדשאַפט צום רעזשים, נאָר

אויס רייך־מענטשלעכע מאָטיוון. דעם עלטסטן פון דער משפּחה האָט דער־וואָרט תפיסה. ער, מיין שכן, האָט נישט געבעטן און נישט באַקומען קיין פּרוטה פאַר זיין הילף. ער איז נאָר געצווונגען געוואָרן זיך מודה צו זיין, אַז געטאָן האָט ער די זאַך כדי שאָדן ברענגען דעם רעזשים. אַז געטאָן האָט ער עס, ווייל ער איז געווען זיין געשוווירענער פיינד.

מיין שותף אין קאַמער עצהט מיר צו זיין פאַרשטענדיק. נישט איינ־שפּאַרן זיך, נאָכגעבן די אויספאָרשערס פאָדערונגען. „זיי שפּאַסן נישט. אויב זיי זאָגן דאָס זיי וועלן דיך פאַרניכטן. דו מוזט זיך באַפרייען פון אַלע פּרינציפּן. אין תפיסה דאַרף מען זיך פירן לויט איין פּרינציפּ: ראַטעווען דאָס לעבן. דער אויספאָרשער איז דיין גאָט. ער דעצידירט וועגן דיינע לעבנס־באַדינגונגען און וועגן עצם לעבן צום גוטן אָדער צום שלעכטן. דו דאַרפסט געווינען דעם אויספאָרשערס צוטרוי, נאָכגעבן זיינע פאָדערונגען, דעמאָלט וועט ער ראַטעווען דיין לעבן. אַנדערש — ביסטו אַ פאַרלוירענער. זיכער האָסטו עפּעס געטאָן קעגן זיי. איך פאַרשטיי, אַז דו האַלטסט זיך אָפּ פון דערציילן מיר. מיר קאָנען איינער דעם צווייטן ערשט אייניקע טעג. נאָר אפילו ווען דו האָסט נישט געטאָן קיין שום זאַך קעגן זיי — דאַרפסטו זיך מודה זיין אין דעם וואָס זיי פאַרלאַנגען. נישט וויכטיק וואָס האָסט יאָ אָדער נישט געטאָן. וויכטיק איז וואָס זיי האָבן באַשלאָסן אַז האָסט געטאָן, דאָס הייסט — וואָס זיי ווילן אַז זאָלסט זיך מודה זיין ווי דו וואָלסט געטאָן. ס'האָט אויך נישט קיין טעם זיי ווידערצושפּעניקן. זיי זענען די שטאַרקע. די ביסט שוואַך, הונגעריק, ליידסט פון קעלט. במשך אייניקע חדשים וועלן זיי דיך חרוב מאַכן. דעמאָלט וועסטו זיך מודה זיין אין פיל מערער פאַר־ברעכנס וויפל זיי פאָדערן פון דיר היינט. איך בין פאָרט אַ ייד און וויל העלפן אַ ייד. פאָלג מיין עצה".

מיין שכן געפעלט מיר נישט. כ'האָב פון אים געהערט רייד, וואָס מ'האָט געקאָנט הערן פון אויספאָרשער גופא. זינט אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט אייניקע טעג צוריק, באַמיט ער זיך אויף מיר משפּיע זיין נאָכצוגעבן די אויספאָרשער. איז דאָס זיין איינזען? אָדער איז „פון אויבן" אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן אַזאַ אויפגאַבע? אפשר איז מיין שותף אין קאַמער גופא אַ באַשטימטער רינג אין דעם פאָרש־סיסטעם וואָס איז געלאָזט געוואָרן קעגן מיר? אפשר האָט מען אים בכיוון אַריינגעזעצט צו מיר, אַז כ'זאָל אונטערליגן אַ פּסיכאָלאָגישן דרוק נישט נאָר בעת די עצם־אויספאָרשונגען,

נאָר אויך אין קאַמער — פאַר יעדער אויספאָרשונג און נאָך איר? די זאַך זעט מיר אויס צו זיין פאַרדעכטיקט. כ׳מוז זיין פאָרזיכטיק.

זיכער איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. נישט לאַנג ווי איך זיץ פאַרן אויספאָרשער. ער רעדט צו מיין געוויסן, כ׳זאָל זיי נישט צווינגען אָנצונעמען דראַסטישע מיטלען קעגן מיר, כדי אַרויסצובאַקומען דעם „אמת״. איך האַלט זיך ביי מיינס. פון צייט צו צייט כאַפּט ער אַ בליק אויף זיין האַנט־זייגערל. מסתמא קוקט ער עמעצן אויס. ער וואַרט אויף עפּעס, אָדער אויף עמעצן. צום סוף זאָגט ער מיר: אַ וויכטיקער מענטש אין דעם הויז וויל מיך זען און מיט מיר שמועסן. מיין גורל ליגט אין זיינע הענט. ער ראָט מיר צו זיין פאַרשטענדיק און מיט גרויס ערנסט זיך באַציען צו די רייד וואָס כ׳וועל הערן פונעם מאַן. ער וועט אַנטשיידן מיין גורל.

דער אויספאָרשער פירט מיך מיט פאַרבונדענע אויגן. איך פיל, אַז אין דער ריכטונג בין איך נאָך נישט געגאַנגען. קאָרידאָרן, שטאָקן. צו מיינע אויערן דערטראָגן זיך פראַגמענטן פון שטילע געשפּרעכן. ווייזט אויס — וועכטער פון דער נאַכט־שיכט. פונעם הויף כאַפּן אויף מיינע אויערן שוואַכע אָפּקלאַנגען פון אָפּגעהאַקטער הינט־בילעריי. זייער אויפגאַבע איז ווייזט אויס, אַכטונג צו געבן כ׳זאָל נישט אַנטלויפן פונעם פאַרקראַטעוועטן פענצטער אין מיין קאַמער. דער אויספאָרשער פירט מיך אַדורך איבער צוויי־דריי צימערן. דער טיק־טאַק פון אַ שרייבמאַשין. מען פאַרהאַלט זיך אין איינעם פון די צימערן. דער אויספאָרשער סאַלוטירט און אין אַן אָפּי־ציעלער מיליטערישער שפּראַך מעלדעט ער, אַז ר׳האָט געבראַכט דעם געפאָרשטן מרדכי אורן. ער באַפעלט מיר אַראָפּצונעמען דאָס האַנטעך פון מיינע אויגן.

די ערשטע זאַך וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיינע אָפענע אויגן איז אַ געמעל לענגאויס דער וואַנט וואָס פאַר מיר. אַ בילד אין אייל־פאַרב. אַ גרויסער פּאָרטרעט. סטאַלין אין זיין נאַטירלעכער גרויס אינעם גאַלאַ־מונדיר פון גענעראַליסימוס. הינטערן שרייבטיש זיצט אַ הויכער אָפיציר פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי. מיר שיינט, אַז אַ קאָלאָנעל. אַ קיילעכדיק פּנים. העלע אויגן. מיטעלער וווּקס. אויפן קאָפּ וואַרפן זיך דורך גראָע האָר. דאָס ביוראָ איז מיט געשמאַק אויסמעבלירט. אַ קיילעכדיקער טיש. לעדערנע פאָטעלן. דאָס איז דאָס ביוראָ פון אַ מאַן מיט אַ צענטראַלער אויפגאַבע.

ווו איז דאָס בילד פון מדינה־פּרעזידענט גאָטוואַלד? אין אַלע פּאָרש־ביוראָען, אויך אין דער קאַנצעלאַריע ווו מען נעמט אויף די אַרעסטירטע,

געפינט זיך דאָס בילד אויף דער צענטראַלער וואַנט, נעבן סטאַלינס, גאָט־וואַלדס בילד איז דאָ נישטאָ. די סאַמע בולטסטע זאַך אין ביוראָ איז דער פּאָרטרעט פון סטאַלין.

קאָן זיין, אַז דער מאַן וואָס אַמטירט אין דעם צימער, איז נישט קיין טשעכאָסלאָוואַקישער בירגער. דעריבער געפינט זיך נישט דאָ דאָס בילד פון רעפּובליק־פּרעזידענט. מיין ערשטער שותף אין קאַמער האָט מיר בשעתו געזאָגט, אַז רוזין איז די צענטראַלע תפיסה פאַר אויספאָרשונגען, און אַלע תפיסות פון דער קאַטעגאָריע אונטערליגן דער פאַרוואַלטונג פון זיכערהייטס־מיניסטעריום. אויך האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין דער געביידע געפינט זיך דאָס קאָמאַנדאָ פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי. און אפשר איז ער דער ראַטגעבער און אינסטרוקטאָר אינעם שטאַב פון דער דאָזיקער די־וויזיע? מיין אויספאָרשער שטייט פאַר אים בדחילו־ורחימו. אים געלונגט נישט צו באַהערשן דעם פּחד וואָס איז אים באַפאַלן פאַרן שררה. נאָכוואָס האָט מען מיך אַהערגעבראַכט?

ער באַפעלט מיר צו זעצן זיך אַנטקעגן אים. מיין אויספאָרשער ווינקט ער אָן ער זאָל זיך זעצן אָן אַ זייט. ער פרעגט מיך אין אַ וואָסערע שפּראַכן איך רעד. כ׳ענטפער אים. ער מאַכט מיר אַ קאָמפּלימענט וואָס כ׳האָב אַזוי שנעל געלערנט טשעכיש. אין אַ גלאַטן רוסיש פרעגט ער מיך צי כ׳קען נישט קיין רוסיש. איך ענטפער, אַז איך רעד נישט קיין רוסיש, נאָר פאַרשטיי נישט ווינציק.

אויף מיין בקשה רעדן מיר דייטש. ער איז מיך מכבד מיט אַ סי־גאַרעט. ער פרעגט וויאַזוי איך פיל זיך דאָ. כ׳ענטפער אים: אַזויווי אַן אומשולדיקער מענטש, פאַרשפּאַרט אין תפיסה. איך רעכן פאַר אים אויס דאָס גאַנצע צעטל אָנקלאַגעס. ביזן היינטיקן טאָג האָט מען פאַר מיר נישט פאַרגעבראַכט קיין איין ממשותדיקע באַשולדיקונג. איך זיץ אין תפיסה אין קעגנזאַץ צום געזעץ. מען הונגערט מיך אויס. איך ווער געפּרוּירן פון קעלט. די אויספאָרשונג איז נישט קיין אויספאָרשונג, נאָר אַ צונויפשטעל פון פאַרשידענע פאָרמען פון דרוק, צוואַנג און טעראָר. מען פאַרלאַנגט פון מיר זיך מודה זיין אין פאַרברעכנס וואָס כ׳בין נישט באַגאַנגען. מען דערלויבט מיר נישט צו פאַרבונדן זיך מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט, כדי צו־וויסן געבן דער משפּחה וועגן מיין גורל. איך נעם אָן, אַז די משפּחה האָט צו מיר געשריבן. אָבער ביז איצט איז נישט דערגאַנגען צו מיר קיין איין בריוו פון דער היים. מען דערלויבט מיר נישט לייענען, רייכערן. דוכט זיך,

אַז כ׳געפֿין זיך שוין דאָ קנאַפּע פיר חדשים. ביז היינט האָב איך נאָך נישט זוכה געווען צו קיין איין שפּאַציר אויף דער פרישער לופט. איך רעזומיר מיינע אָנקלאַגעס אין דער פאָרם פון פאָדערונגען.

זיין ענטפער: ער האָט געהערט דאָס איך פיר זיך נישט אויף ביי די אויספאָרשונגען ווי ס׳געהער צו זיין. אַז איך בין חוצפּהדיק. אַז איך לאָז פאַלן באַליידיקנדיקע ווערטער. אַז איך בין פוגע אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, די אָנגעשטעלטע פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי. אַז כ׳האָב אפילו געהאַט די העזה צו באַליידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד. וויאַזוי וואַג איך פאָדערן בעסערע באַדינגונגען פון די הערשנדיקע? מיין אַרעסט איז אין איינקלאַנג מיטן געזעץ. אויך די אויספאָרשונג פירט זיך לויטן געזעץ. דאָס בין איך שול־דיק, וואָס די אויספאָרשונג נעמט אָן שאַרפע פאָרמען. איך זאָג זיך אָפּ אויפ־צודעקן דעם אמת. דערפאַר איז נייטיק אָנצווענדן מיטלען וואָס זאָלן מיך ד׳ערפירן צו אָנטפּלעקן דעם אמת. זיי האָבן פעסטע באַווייזן, אַז כ׳האָב זיך פאַרנומען מיט אונטערגראָבונג־טעטיקייט קעגן זייער רעזשים. אַז כ׳האָב זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש לטובת דעם מערב. אויב כ׳וועל ענדערן מיין אויפפירונג, וועלן זיי זיך צו מיר אַנדערש באַנעמען, ווי צו אַ מענטש וואָס באַדויערט זיינע שלעכטע מעשים און איז גרייט זיי אויסצובעסערן.

ער עצהט מיר אָפּצולאָזן מיין איינגעשפּאַרטקייט. ער וועט זאָרגן דערפאַר, אַז מיין לאַגע זאָל זיך פאַרבעסערן, כ׳זאָל זיך מערער נישט דאַרפן באַקלאָגן. פאַראַן וואָג אין דעם וואָס ער זאָגט. זיין עצה, אַז כ׳זאָל משלים זיין מיטן פאַקט וואָס כ׳בין געכאַפּט געוואָרן און כ׳זאָל פון אייגענעם ווילן אויפדעקן דעם גאַנצן אמת. אַנדערש — וועלן זיי זיין געצוווּנגען צו באַנוצן זיך מיט כוח, כדי פון מיר דערגרייכן דעם „אמת". זיי האָבן צו דעם ריזיקע מיטלען.

זיין דייטש איז פּערפעקט, ס׳איז אָבער קענטיק, אַז ס׳איז אים נישט געלויפיק. אָפּטמאָל פעלן אים אויסדרוקן. אין אַזעלכע פאַלן באַנוצט ער זיך מיט רוסישע ווערטער. ער פלעגט אַריין גאַנצע זאַצן אין רוסיש. אַז איך פאַרשטיי נישט, דערקלערט ער עס אין טשעכיש. רוסיש, זעט אויס, איז זיין אומגאַנג־שפּראַך.

איצט איז מיר קלאָר צוליב וואָס מען האָט מיך געבראַכט אַהער. צו הערן אַ לעקציע און אַ וואָרענונג פון אַ צענטראַלער פערזאָן אין דער זי־כערהייטס־פּאָליציי. אָפּטמאָל בין איך נוטה געווען צו גלייבן, אַז די סאַדיס־טישע אויפפירונג פון די אויספאָרשער איז אויף זייער אייגענער איניציאַ־

טיוו, אָנעם יויסן פון די עלטסטע איבער זיי. עס איז אָבער נישט אַזוי. דער פיש נעמט שטינקען פון קאָפּ. דאָס איזדיעקעוועץ זיך פון די וועכטער האָט דעקונג. נישט אין די פּאַראַגראַפן פון קאָדעקס, נאָר אין די אָנווייזונגען פון די, וואָס קאָמענטירן דאָס געזעץ. און ווייזט אויס, זיי האַלטן זיך נישט אָפּ פון פאַרקריפּלען דאָס געזעץ. איך פאַרשטיי, אַז ס'האָט נישט קיין צוועק צו פּאָלעמיזירן מיטן מאַן וואָס זיצט קעגן מיר. ער איז נישט אַנדערש פון דער אַרמיי סאַדיסטן, וואָס אונטערליגן אים. ער, אַזויווי זיי. זיי ווילן נישט ביי מיר קיין אמת. זיי ווילן אויף מיר אויפצווינגען פאַלשע ווידויים.

פונדעסטוועגן באַמי איך זיך ווי אַמבעסטן אויפצוקלערן, אַז מסתמא בין איך אַ קרבן פון אַ טראַגישער סימפּאַרשטענדעניש. הגם אינע־ווייניק אין האַרץ ווייס איך, אַז דאָ איז נישט פאַראַן קיין שום מיספאַר־שטענדעניש, קיין שום טעות: אַז איך בין אַ קרבן פון אַ פּלאַנירטער, פינצ־טערער פאַרשווערונג.

ער רייסט מיר איבער אייניקע מאָל. נאָר איך לייג נישט קיין אַכט אויף דעם. פון אַ שטיל רעדן גיי איך איבער צו אַן אויפגערעגטן טאָן. דוכט זיך, אַז די לעצטע זאַצן האָב איך אויסגעשריגן אויפן הויכן קול. גלייך מיין צוהערער וואָלט פון מיר געזעסן גאָר ווייט. פון גרויס אויפרעגונג ציטער איך אינגאַנצן. צום סוף געלונגט אים מיך איינצושטילן. ער זיצט אַנטקעגן און קוקט אויף מיר. דער אויסדרוק פון פּנים ווי אויסגעגאָסן פון שטיין. וועסט נישט געפונען דאָרט אַ פונק פון מענטשלעכן צער. אַ שרעק־לעכע מאַסקע פון אַ פּרצוף. ער איז מסוגל צו יעדער מיאוסער טאַט, צו יעדן פאַרברעכן. מיין השערה ווערט אַלץ זיכערער.

— דאָס איז ער, דער מאַן. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיין אומ־גליק. פאַר מיין אַרעסט. פאַר מיינע ליידן. דאָס האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן פון מיר דעם שונא פון סאָציאַליזם, דעם פיינד פון דער פאָלקס־דעמאָ־קראַטיע, דעם מערבדיקן שפּיאָן. ווער איז ער? איך ווייס נישט. איך פּרווו בלויז טרעפן. פאַראַן אייניקע אָנהאַלט־פּונקטן פאַר מיינע טרעפעניש. קוקנדיק אויף זיין קאָפּ — זע איך נאָך אַ קאָפּ. דעם קאָפּ פון סטאַלין. דער מענטש זיצט אויפן פּאָן פונעם ריזיקן פּאָרטרעט אין איילפאַרב וואָס ציט זיך לענגאויס דער גאַנצער וואַנט.

ער שטילט מיך איין מיט ענערגישן זעצן אין טיש.

— אַ סברה, אַז איר ווייסט נישט פאַר וועמען איר זיצט. איך וויל מער נישט הערן פון אייער מויל אַזעלכע באַליידיקונגען. לערנט מיך נישט

וויאַזוי איך צו פאַרשן. אייערע רייד זענען נישט אמת. קיינער פון די מענטשן וואָס איר האָט דערמאָנט, וועלן אייך נישט נעמען אונטער זיין שוץ, נאָכדעם ווי איר געפינט זיך אין אונדזערע הענט אַלס באַשולדיקטער אין אונטערגראָבונג און שפּיאָנאַזש קעגן אונדזער רעזשים. אַלץ וואָס איר און אייער פּאַרטיי האָבן געטאָן אַלע יאָרן כלומרשט לטובת דעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס איז נישט מער ווי קאַמופלאַזש פאַר די פאַר־באָרגענע און פיינדלעכע מעשים פונעם וועלט־ציוניזם קעגן די סאָציאַ־ליסטישע לענדער. מיר נייטיקן זיך נישט אין ספּעציעלע ידיעות וועגן אייך און אייער פּאַרטיי. מיר ווייסן דעם אמתדיקן אמת. אויך די מענטשן וועלכע איר האָט דערמאָנט ווייסן היינט דעם אמת וועגן אייער ריכטיקן פּרצוף. איר וועט שוין נישט מצליח זיין אַזויווי פריער זיי פאַרטומלען דעם קאָפּ. איך וואָרן אייך צום לעצטן מאָל: פירט זיך אויף מיט פאַר־שטאַנד. אַרבעט מיט מיט אייערע אויספאָרשער. אייער לעבן איז אין געפאַר. אין אייער כוח ליגט עס צו ראַטעווען דאָס לעבן — דורך גרייטקייט צו אַנטפּלעקן די אויספאָרשער דעם גאַנצן אמת וועגן אייערע פאַרברעכנס קעגן אונדז. איר קאָנט גיין.

איך פאַרבינד נאָך מיטן האַנטעך מיינע אויגן און זיי סודען זיך צווישן זיך. דער אויספאָרשער שיקט מיך צוריק אין קאַמער. צום שלאָפן איז מיר פאַרבליבן זייער ווייניק צייט. אפשר אַ שעה. אפשר נאָך ווייניקער.

טעג און נעכט

דאָס אויספאָרש־ביוראָ. איך זיץ אין ווינקל. דאָס צימער באָדט זיך אין זון־ליכט. פונדעסטוועגן ציטער איך פון קעלט. די נאַכט בין איך געשלאָפן בערך אַ שעה. אפשר אַנדערהאַלבן. מיין שטענדיקער אויספאָרשער שפּאַ־צירט איבערן צימער. ער איז אָנגעטאָן ציוויל. לייכטע קליידער. אינדרויסן — אָנהייב פרילינג. די פייגל צוויטשערן. זיי פליען פאַרביי דעם פענצטער. מאָדנע: אין קאַמער איז נאָך אַלץ קאַלט.

— איר זענט געווען אין טשעכאָסלאָוואַקיע — הייבט אָן דער אויס־פאָרשער — אייניקע מאָל, דאָס האָט איר אָרגאַניזירט די ציוניסטישע באַ־

ווענונג, אירע פאָנדן, אירע צענדליקער אָרגאַניזאַציעס. פּאַרוואָס האָט איך דאָס אויסבאַהאַלטן במשך אַלע חדשים וואָס איר געפינט זיך דאָ? דערציילט אונדז בפרטיות וועגן אייער ציוניסטישער טעטיקייט בעת די פאַרשידענע באַזוכן אין אונדזער לאַנד.

עס איז אינגאַנצן קלאָר וווּהין ער צילט. אַזוי ווי לויט זייער נאַרישער ווערסיע איז די ציוניסטישע באַוועגונג נישט מער ווי אַ מכשיר אונטערצוברעכן דעם סאָציאַליסטישן בוי, אַ געצייג אין דינסט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, דאַרף מען מיך פאַרוואַנדלען אינעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע נאָך דער מלחמה. אַזוי אַרום ווער איך — ווי מיט אַ צויבער־שטעקעלע — פאַרוואַנדלט אין אַ פיינד פון סאָציאַליזם, אין אַ מענטש וואָס האָט אָרגאַניזירט „די אונטערגראָבונגס־מעשים פון אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם" קעגן נייעם רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

איך ענטפער אויף זיין פראַגע:

— נישט ריכטיק, אַז איך האָב אָרגאַניזירט די ציוניסטישע באַוועגונג. כ'האָב נאָך דעמאָלט נישט געלעבט אין טשעכאָסלאָוואַקיע כ'האָב דאָ באַזוכט עטלעכע מאָל — נישט אויף צו אָרגאַניזירן די ציוניסטישע באַוועגונג. זי האָט זיך אָרגאַניזירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע נאָך איידער טשעכאָסלאָוואַקיע האָט עקזיסטירט אויף דער וועלט, דאָס הייסט, אין דער תקופה פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער, האַבסבורגער מאָנאַרכיע. זי איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די יידן פון בעהמען און סלאָוואַקיע אַלס אַ טייל פון דער יידישער, נאַציאָנאַלער באוועגונג, וואָס האָט שוין דעמאָלט, פּונקט ווי היינט, געשטרעבט צום רענעסאַנס פונעם נאַציאָנאַלן און פּאָליטישן זעלבשטענדיקן לעבן פונעם יידישן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד. כ'האָב באַזוכט טשעכאָסלאָוואַקיע סוף 1945 יאָר — אַ האַלב יאָר נאָך איר באַפרייונג — און געפונען די ציוניסטישע באַוועגונג שטיין אויף אירע פיס, פונדאַסנייע אָרגאַניזירט אין טעטיק אין אַלע שטחים, אין איינקלאַנג מיט די תקנות, וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך די קאָמפּעטענטע מאַכט־אָרגאַנען.

— איר פּרובירט שוין ווידער מיך נאַרן און באַשווינדלען — רייסט זיך איבער דער אויספאָרשער — אויב די ציוניסטישע באַוועגונג איז שוין געווען אָרגאַניזירט ווי ס'געהער צו זיין, אַזוי ווי איר זאָגט, פרעגט זיך אַ פראַגע, צו וואָס האָט אייך די ציוניסטישע בורזשואַזיע אין ארץ־ישראל געשיקט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע? איך ווייס, אַז איר אַלע זייט ספּעציאַליסטן

אין שווינדל, אָבער איך וואָרן אייך נישט פּרובירן מער מיך נאַרן. מיר האָבן אַלע באַווייזן, אַז דאָס האָט איר אָרגאַניזירט די ציוניסטישע טעטיקייט אין אונדזער לאַנד נאָכן ענדיקן דעם קריג.

— איך האָב נישט בדעה אייך נאַרן אָדער שווינדלען. ערשטנס: די ציוניסטישע באַוועגונג איז שוין געווען אָרגאַניזירט, ווען איך בין געקומען אַהער. באַווייזן דערפאַר קאָן מען געפינען אין אייערע מיניסטעריאַלע אַרכיוון, אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער פּרעסע פון יענער צייט. נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז איך האָב אָרגאַניזירט די ציוניסטישע באַוועגונג, טאָ וואָסער פאַרברעך איז פאַראַן אין דעם? דאָס איז געווען אַ לעגאַלע באַוועגונג, ממש ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַנדערע פּאַרטייען. זי האָט עקזיסטירט און געפירט איר טעטיקייט אויפן יסוד פון די מדינה־געזעצן. צווייטנס: כ׳בין נישט געשיקט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער בורזשואַזיע אין ארץ־ישראל. אין דער מאָס וואָס כ׳בין געפאָרן אין געזעלשאַפטלעכער שליחות, איז דאָס געווען אין נאָמען פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — הסתדרות — אָדער אין נאָמען פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּאַר איר אַנטשטייונג: השומר הצעיר), וועלכע איז אַ ציוניסטישע און סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי.

דער אויספאָרשער שפּרינגט אויף, ווי אַ געביסענער פון אַ סקאָרפּיאָן און שרייט:

— כ׳וויל נישט הערן פון אייער מויל אַזעלכע באַליידיקנדיקע ווערטער ווי „ציוניזם" באַזאַמען מיט „רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם". די דאָזיקע באַהעפטונג איז אַ באַליידיקונג פאַרן סאָציאַליזם. איך באַפעל אייך נישט דערמאָנען מער דעם דאָזיקן צונויפשטעל.

איך דערקלער אים, אַז דאָס איז נישט אין מיין כוח און אפילו נישט אין זיינעם, צו ענדערן דעם רצון פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אין ישראל, וואָס זענען אי פּאַטריאָטן פון זייער פאָלק, אי רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. דאָס דריקט זיך אויס אין דער דעפיניציע: ציוניסטישע און סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי.

— אין דער מאָס ווי מיר איז באַוווּסט, זענען די קאָמוניסטן אין דער גאָרער וועלט — אויסער ישראל — אויך פּאַטריאָטן פון זייער פאָלק. איך בין זיכער, אַז אויך אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

— דאָס זענען דעמאַגאָגישע רייד. דערציילט ווייטער וועגן אייער באַזוך אין אונדזער לאַנד.

— דריטנס: כ׳בין דעמאָלט נישט געקומען קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, כדי ווירקן אינערהאַלב דער ציוניסטישער באַוועגונג. כ׳בין געקומען אויף אַ קורצן באַזוך, כדי אויפקלערן דער עפנטלעכער פּראָגרעסיווער מיינונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע וועגן געראַנגל פון יידישן ארץ־ישראל, אונטער דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, קעגן דער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל.

— ווילט איר זאָגן, אַז איר זענט נישט געקומען אין וועלכער ס׳איז באַרירונג מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער לאַנד בעת אייער באַזוך?

— ניין, איך זאָג דאָס נישט. כ׳זאָג בלויז, אַז כ׳האָב נישט אָרגאַני־זירט די ציוניסטישע באַוועגונג. זיכער האָב איך זיך געטראָפן מיט ציוניסטן. נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1945, בין איך געווען דער ערשטער עסקן פון ארץ־ישראל, וואָס איז געקומען קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. כ׳האָב זיך דאָ געטראָפן מיט אַקטיוויסטן פון אונדזער דערציערישער באַוועגונג „השומר הצעיר" אין בראַטיסלאַווע. כ׳האָב געהאַט אַן עפנטלעכן פאָרטראַג אין פּראַג, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער אָנפירונג פון אונדזער פּאָלי־טישער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע („סאָציאַליסטישע ליגע"). אין בראַטיס־לאַווע האָב איך אויך רעפערירט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַקטיוויסטן פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויף די דאָזיקע אַלע פאַרזאַמלונגען האָב איך פאַר די צוהערער געבראַכט אַ וואַרעמען גרוס פון ארץ־ישראל און זיי דערציילט וועגן פאָרשריט פון אונדזער ווערק און וועגן אונדזער געראַנגל קעגן אימפּעריאַליזם. אויך בעת מיינע באַזוכן אין די יאָרן 1947 און 1948 בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו רעפערירן פאַר די טוער פון אונדזער באַוועגונג וועגן פּראָבלעמען פון אונדזער לאַנד און דעם וועג פון אונדזער באַוועגונג.

— פאַרוואָס זענט איר דאָרט אַרויסגעטרעטן אין גייסט פון העצע קעגן סאָציאַליזם און דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע?

— דאָס איז נישט אמת. כ׳האָב גערעדט אין גייסט פון מיין פּאַרטיי, וואָס געהערט אַליין צום רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן לאַגער. איר באַ־ציונג צום ראַטנפאַרבאַנד און דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע איז אַ פּאָזיטיווע. אויף יעדער צוזאַמענקונפט האָב איך גערעדט אין גייסט פון מיינע פּריג־ציפּן און די איינשטעלונגען פון מיין פּאַרטיי. אונדזער באַוועגונג אין טשע־כאָסלאָוואַקיע האָט נישט נאָר אָנגענומען אַ ליניע פון לאָיאַליטעט לגבי דעם

גייעם רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר אידענטיפיצירט זיך מיט אים אין די הויפּט־שטריכן, ממש אַזויוי אונדזער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל. די דערוואַקסענע פון אונדזער באַוועגונג האָבן ביי פאַרשידענע וואַלן געשטימט פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון טשעכאָסלאָוואַקיע. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַנטי־נאַצישן אונטערערד בעתן אויפשטאַנד קעגן די היטלער־ריסטן אין סלאָוואַקיע. אויסער דעם וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויפן פאַקט, אַז אין דער פּרעסע פון אונדזער טשעכאָסלאָוואַקישער באַוועגונג קאָנט איר געפונען איבערזיכטן פון מיינע רעפעראַטן און איר וועט דאַן וויסן אין אַ וואָסער גייסט איך בין אויפגעטרעטן. אין יאָר 1948 האָב איך דער עיקר גערעדט וועגן דער זעלבשטענדיקייט־מלחמה פון מדינת ישראל און איר פאַרטיידיקונג קעגן דער אַגרעסיע פון די אַראַבישע און רעאַקציאָנערע מדינות. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב אונטערגעשטראָכן די שטיצע פון די סאָציאַליסטישע לענדער, באַזונדערס פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פאַר אונדזער פאַרטיידיקונגס־קריג.

דער אויספאָרשער רייסט מיר איבער:

— קערט זיך נישט אום צום ענין פון אייער כלומרשטער באַפרייונגס־מלחמה. מיט דעם האָבן מיר געענדיקט. אונדז איז שוין קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ ציוניסטישע אַוואַנטורע און אַן אימפּעריאַליסטישע שפּיל.

—איך האַלט זיך אָבער ביי דעם אמת, אַז דאָס איז געווען אַ זעלבשטענדיקייט־מלחמה קעגן די כוחות פון דער אַראַבישער רעאַקציע. אין דער פראַגע אידענטיפיציר איך זיך ווייטער מיט דער שטעלונג פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. צוליבן כאַראַקטער פון אונדזער מלחמה האָבן זיי אונדז געגעבן די פולע אונטערשטיצונג.

און ווידער רייסט ער מיר איבער:

— לאָזט צורו מיט אייערע נאַרישע רייד. לאָמיר זיך אומקערן צום ענין וועגן וועלכן איר ווערט איצט געפאָרשט. איר זאָגט, אַז איר האָט זיך נישט פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די ציוניסטישע באַוועגונג. אָבער די עצם־רייד אייערע לייקענען אייך אָפּ און באַווייזן דעם אמת. קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַרטראַגן פאַר ציוניסטן — מיינט דאָס נישט אָרגאַניזירן ציוניסטישע טעטיקייט אין אונדזער לאַנד? אפילו ווען אייערע עפנטלעכע רייד אויף ציוניסטישע צוזאַמענקונפטן זענען נישט געווען קיין העצע קעגן סאָציאַליזם און דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, האָבן זיי אָבער געדינט אַלס מאַסקירונגס־מיטל פאַר אייער פיינדלעכער אַגיטאַ־

ציע קעגן אונדז. אינדעראמתן באַשטעטיקט איר, אַז איר האָט אָרגאַניזירט די פּאַרברעכערישע ציוניסטישע טעטיקייט אין אונדזער לאַנד, מיטן ציל אונטערצוברעכן אונדזער אָרדענונג.

אינגאַנצן אַן אויפגערודערטער פרעג איך אָפּ זיינע טענות:

— אייערע רייד זענען אַ פעלשונג פון די פאַקטן. נישט איך האָב אָרגאַניזירט די ציוניסטישע באַוועגונג. און אפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז איך האָב עס יאָ געטאָן, איז נישט פאַראַן אין דעם קיין שום חטא. די ציוניסטישע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אויפן יסוד פון באַשטעטיקטע סטאַטוטן. וואָלט זי געהאַט פאַרברעכערישע צילן — וואָלטן די באַרופענע אָרגאַנען נישט דערלויבט קיין ציוניסטישע טעטיקייט. עס איז אַ בלבול צו באַצייכענען אַלס ציל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אונטערצוברעכן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז איר ציל איז דער רענעסאַנס פון יידישן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד. איך האָב זיך געטראָפן מיט ציוניסטישע טוער, און בעיקר מיט די פון אונדזער באַוועגונג, אויף דער באַזע פון אַבסאָלוטער לעגאַליטעט. איז דאָס אַ פאַרברעך? כ'האָב זיך אויך געטראָפן מיט אייער פרעסע. אויף אַן איינלאַדונג, בין איך אויך אויפגעטרעטן אין ראַדיאָ פּראַג. כ'האָב זיך געטראָפן מיט קאָמוניסטישע מיניסטאָרן, מיט אייער פרעמיער. יעדער איינער ווייסט ווער איך בין. זיי האָבן נישט געזען קיין שום פאַרברעך אין מיין טעטיקייט. אדרבא, כ'האָב פון זיי זוכה געווען צו הערן פריינדלעכע דעקלאַראַציעס וועגן אונדזער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן געראַנגל. אלע אייערע מסקנות זענען אַ רעזולטאַט פון פעלשן פאַקטן.

די לעצטע ווערטער זענען, ווייזט אויס, געזאָגט געוואָרן אויפן גאָר הויכן קול. דער אויספאָרשער שטעלט מיך אָפּ:

— פאַרשטאָפּט דאָס מויל. שרייט נישט!

איך באַקום די קאַזיאָנע פאַרציע פאַר „פּראָוואָקאַטיווע" רייד.

— אייך, ציוניסטישער שווינדלער, וועט נישט געלונגען מיך צו פאַרפירן — שרייט ער — ווער האָט דערלויבט די ציוניסטישע טעטיקייט? ס'איז אַ ליגן דאָס די רעגירונג האָט זי דערלויבט. דאָס האָט איר אַריינגעגנבעט אין אונדזערע רייען, אין די העכסטע אינסטאַנצן, אייערע ציוניסטישע אַגענטן — ווי זאַלצמאַן־סלאַנסקי, געמינדער, קלעמענטיס און אַנדערע — און זיי האָבן עס דערלויבט די ציוניסטישע טעטיקייט, ווייל זיי האָבן געוואָלט חרוב מאַכן אונדזער רעזשים. איר ווייסט דאָס אויסגעצייכנט.

פאַרלויפיק האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז איר האָט ביי אונדז אָרגאַניזירט די ציוניסטישע טעטיקייט אין אויפטראַג פון דער ציוניסטישער רעאַקציע אין ישראל, מיט דער בפירושער טענדענץ אונטערצוברעכן דעם נייעם רע־זשים אין אונדזער לאַנד. איר האָט דאָס געטאָן אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער כנופיה סלאַנסקי—קלעמענטיס. מיט דער פראַגע און אַנדערע וועלן מיר זיך באַשעפטיקן אויף די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען. און נאָכדעם ווי אייער סאַבאָטאַזש אין די פריערדיקע אויספאָרשונגען האָבן אונדז גורם געווען אַ גרויסן צייט־פאַרלוסט וועלן פון איצט די אויספאָרשונגען געפירט ווערן סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט.

איך פּרוביר נאָך עפּעס זאָגן אויף אָפּפרעגן זיינע רייד. ער שטילט מיך אָבער איין אויף אַ גראָבן אופן. די גאַנצע צייט פון דער אויספאָרשונג פאַרצייכנט ער עפּעס אין זיין העפט בעת מיין רעדן. אויך איצט פאַרשרייבט ער עפּעס. ווי־זט אויס, די רעזומע וועלכע ער האָט איצט געלאָזט הערן, אַז כ׳האָב אָרגאַניזירט די ציוניסטישע טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, כדי... שטירצן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים.

ער שיקט מיך צוריק אין קאַמער.

טאָג־איין, טאָג־אויס, נאַכט־איין, נאַכט־אויס, ווער איך געשלעפּט אויף אויספאָרשונגען. עטלעכע מאָל אין טאָג. איינמאָל, צוויי — אין משך פון דער נאַכט. דריי אויספאָרשער זענען זיך מיט מיר „מטפל". ווייזט אויס, לויט אַ באַשטימטער אַרבעטס־פאַרטיילונג צווישן זיך. אָפטמאָל קומט צו נאָך אַן אויספאָרשער. איבער דער מלאכה דיריגירט מיין שטענדיקער אויספאָרשער — פאַרשטייט זיך, אַז אונטער דער אָנפירונג פונעם ממונה איבער מיינע אַקטן. מען לאָזט מיך שלאָפן אַ שעה אין מעת־לעת, אָפטמאָל צוויי. פאַראַן נעכט, ווען מען לאָזט נישט צוטאָן קיין אויג. אָפטמאָל שיקט מען מיך אין קאַמער אינמיטן נאַכט, צווישן איין אויספאָרשונג און דער צווייטער, נאָר כדי כ׳זאָל נישט קאָנען שלאָפן בעתן איבעררייס, האָט דער אויספאָרשער אויסגעפונען אַ נייעם פאָרטל: ער גיסט אויף מיר וואַסער. איך גיי אַרויף אויף מיין געלעגער אינגאַנצן אַ נאַסער. אפילו ווען איך בין טויט־דורשטיק נאָך אַ טראָפּן שלאָף, באַווייז איך נישט איינדרימלען, ווייל איך שוידער אינגאַנצן פון קעלט און נאַסקייט. איך מאַך נאָך אָנשטרענגונגען צו כאַפּן אַ דרימל און די טיר פון קאַמער עפנט זיך. איך ווער גערופן זיך אומצוקערן אין דעם פאַרש־ביוראָ. דער דאָזיקער רעזשים פון אויספאָרשונ־

געזן ציט זיך שוין אַ וואָך, צוויי. איך ווייס נישט ווען דאָס וועט אויפהערן. איך גיי אַרום ווי שיכור. ווי אַ לונאַטיקער. אויף יעדער אויספאָרשונג ווערן באַהאַנדלט פאַרשידענע ענינים. יעדער ענין ווערט באַהאַנדלט אויף צענד־ליקער אויספאָרשונגען, איינע נאָך די אַנדערע די זעלבע פראַגן און, פאַר־שטייט זיך, די זעלבע ענטפערס מיינע. דעם סדר פון די פראַגן ווייס איך שוין אויסנווייניק.

עס פּאַסירט אַז דער אויספאָרשער חזרט איבער איין פראַגע הונדער־טער מאָל. ממש הונדערטער מאָל. און איך גיב מיין איינציקן ענטפער הונ־דערטער מאָל. למשל: דער אויספאָרשער וויל פון מיר הערן, אַז מפ״ם איז אַ רעאַקציאָנערע פּאַרטיי. דעריבער פאָרמולירט ער אַזוי די פראַגע:

— אַ וואָסערע זענען די פּרטים פון מפ״ם רעאַקציאָנערן פּראָגראַם?

איך ענטפער:

— מפ״ם איז אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי.

כדי דעמאָנסטרירן זיין ביטול־באַציונג צו מיין ענטפער, וואָס איז נישט לויט זיין ווונטש, חזרט ער פּשוט איבער זיין פראַגע. און איך זאָג נאָך דעמזעלבן ענטפער. און אַזוי במשך שעהן. אינמיטן דער אויספאָרשונג באַפעלט ער מיר זיך אויפהייבן און בלייבן שטיין אויף אַכטונג. דער אויס־פאָרשער האַלט, אַ סברה, אַז אויב כ׳וועל אַ שעה־צוויי שטיין אויף אַכטונג, וועט מפ״ם אויפהערן זיין אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רעאַקציאָנערער. און ער האַלט אַלץ אין איין פרעגן, מיט אַ מאָנאָטאָן־מידן קול:

— אַ וואָסערע זענען די פּרטים פון מפ״ם רעאַקציאָנערן פּראָגראַם?

און איך גיב מיין תשובה צום הונדערטסטן מאָל. צום צווייהונדערט־סטן מאָל. צום דרייהונדערטסטן מאָל. די דאָזיקע „אויספאָרשונג" ציט זיך אָן אַ סוף. די פיס טוען ווי. די אויגן ווילן זיך צומאַכן. דער הונגער מאַ־טערט. די דערנידעריקונג ברענט.

צו דער נאַכט־אויספאָרשונג איז מיין שטענדיקן אויספאָרשער גע־קומען צו הילף אַן אָפיציר. פון די, וועמענס אויפגאַבע עס איז מיך באַזוכן ווען איך ווער געפאָרשט אין די נעכט. אַ נאַכט־פויגל. דער אָפיציר הייבט אָן:

— איר שטעלט פעסט, — צו מיין גרויסער שטוינונג האָב איך עס געהערט פון אייער אויספאָרשער — אַז אייער פּאַרטיי אין ישראל איז אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי. וויאַזוי וואַגט איר דאָס צו זאָגן?

— ס'איז אינגאַנצן נישט נויטיק קיין העזה, כדי דאָס צו זאָגן. אַ העזה איז צו פֿאַרלייקענען דעם אמת. מפ"ם איז אַ רעוואָלוציאָנערע אַר־בעטער־פּאַרטיי. דאָס ווערט באַשטימט לויט איר מיסיע און שליחות אין ישראל און לויט איר פּאָזיציע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַ־וועגונג. די געשטאַלט פֿון מיין פּאַרטיי איז נישט אָפּהענגיק פֿון אויס־פֿאָרשערס באַצייכענונגען אין אַ טשעכאָסלאָוואַקישער תפיסה.

— אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי קאָן זיין נאָר די, וואָס שטיצט זיך אויף די יסודות פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם, וואָס פֿאַרא שייכות האָט מפ"ם צו די דאָזיקע פּרינציפּן?

— צווישן די דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין מיין טעקע בעתן אַרעסט, איצט אין אייערע הענט, וועט איר אויך געפֿינען די פּלאַט־פֿאָרם פֿון מפ"ם, אָנגענומען אויפֿן לעצטן צוזאַמענפֿאָר אין יאָר 1951. פֿון דאָרט וועט אייך קלאָר ווערן, אַז מפ"ם האָט זיך געשטעלט אויפֿן יסוד פֿון די פּרינציפּן פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם.

דער אָפֿיציר־אויספֿאָרשער וואַרפֿט זיך אויף מיר מיט אויפֿגעהוי־בענע הענט און געביילטע פֿויסטן, וואָס זענען גרייט אַראָפּצופֿאַלן אויף מיין קאָפּ.

— וויאַזוי וואַגט איר ליגן זאָגן — שרייט ער — און לאָזן הערן דעם משונהדיקן זיווג: מפ"ם און מאַרקסיזם־לעניניזם? וויאַזוי קאָן ציוניזם גיין אינאיינעם מיטן מאַרקסיזם־לעניניזם.

— כ'בין געפֿרעגט געוואָרן און כ'וויל ענטפֿערן. איך באַדויער וואָס דער אמת האָט אייך אויפֿגערעגט. דער אמת איז דער, אַז צענדליקער טוי־זנטער אַרבעטער אין ישראל, פּאַטריאָטן פֿון זייער פֿאָלק און רעוואָלוציאָ־נערע סאָציאַליסטן, האָבן אויף זייער צוזאַמענפֿאָר באַשלאָסן צו שטעלן זיך אויף דער באַזע פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם. זיכער פֿאַרפּליכטעט דאָס אונדז נישט מוותר צו זיין אויף אונדזער זעלבשטענדיקער מחשבה און זיך צופּאַסן צו די אָנגענומענע פּירושים אינעם אַלוועלטלעכן קאָמוניסטישן לאַגער. מיר נעגירן, צום ביישפּיל, אייער צוגאַנג צו דער יידנפֿראַגע און צום וועג פֿון איר לייזונג, וואָס איז אין סתירה צו די פּרינציפּן פֿון סאָציאַליזם. מיר האָבן אונדזער צוגאַנג וואָס גלייכט זיך אויס מיט די דאָזיקע פּרינציפּן און שטייט אין טאָג־טעגלעכן עקזאַמען פֿון דערווירקלעכקייט. אונדזער צוגאַנג איז געשטיצט אויפֿן פֿאַקט פֿון קיום פֿונעם יידישן פֿאָלק און פֿאָדערט לייזן

די פּראַגע פון זיין עקזיסטענץ דורך טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פונעם יידישן פאָלק אין זיין היסטאָריש היימלאַנד. אונדזער צוגאַנג איז אויך אויף איין ליניע מיטן לעניניסטישן פּרינציפּ פון פרייער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג פון פעלקער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אין אונדזערע באַ־דינגונגען מיינט פרייהייט פון נאַציאָנאַלער, זעלבשטענדיקער, זעלבסטבאַ־שטימונג — ציוניזם, ד. ה. עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, פאַרוואַנדלען די מאַסן יידן אין אַן אַרבעטנדיק פאָלק, אויפלעבן די העברעישע שפּראַך און קולטור, באַנייען אונדזער מלוכהיש לעבן. אַלס סאָציאַליסט שטרייך איך אונטער אויך דעם קלאַסן־קאַמף און די שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.

— דאָס זענען פּוסטע רייד. דער וואָס ווייסט דעם מאַרקסיזם־לעניניזם, קאָן נישט גלייך דערמיט זיך אויסקריסטאַליזירן פאַר זיך אַ באַזונדערע טעאָריע אין זיין נאַציאָנאַלן תחום. לענין און סטאַלין האָבן אין דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע פעסטגעשטעלט קלאָרע זאַכן, אויך אין דער יידן־פראַגע. און דאָס פאַרפליכטעט דעם גאַנצן מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן לאַגער.

— מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי. קאָמוניסטישע פּאַר־טייען, ווייזט אויס, זענען פאַרפליכטעט צו אַזאַ סאָרט דיסציפּלין. מיר זענען אַ זעלבשטענדיקע, רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. און באַזונדערס אין אַלץ וואָס איז נוגע דער יידן־פראַגע און דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג פון אונדזער פאָלק. אונדז פאַרפליכטעט נישט דאָס וואָס ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט 40 יאָר צוריק. דער מאַרקסיזם האָט אונדז געלערנט אויספּרובירן טעאָריעס אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט. די ווירקלעכקייט פרעגט אָפּ טאָג־טעגלעך דעם קאָמוניסטישן צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע. לויט דער דאָזיקער אויפפאַסונג, איז נישטאָ קיין יידיש פאָלק. אין דער ווירקלעכקייט — זענען מאַסן פון יידישן פאָלק, „וואָס עקזיסטירט נישט״, עולה קיין ארץ־ישראל, בויען זייער פאָטערלאַנד, שטעלן אויף זייער מדינה. און אינעם לעצטן עטאַפּ פון אויפשטעלן אונדזער מדינה האָבן מיר אפילו זוכה געווען צו דער אַנטשיידנדיקער אונטערשטיצונג פון די סאָציאַ־ליסטישע לענדער. מיר האָבן געמיינט, אַז אין דער דאָזיקער הילף שפּיגלט זיך אָפּ דער אָנהייב פון אַן עיקרדיקער ווענדונג. צום גרויסן באַדויערן אָבער האָבן מיר געהאַט אַ טעות. דער קאָמוניסטישער לאַגער איז, ווייזט אויס, געבליבן טריי זיין פאַרגליווערטער איינשטעלונג פון מיט 40 יאָר צוריק, נאָר די ווירקלעכקייט האָט זי צונישט געמאַכט אויף יעדן טריט און

שריט. אָבער מיר גלויבן און זענען זיכער, אַז דער דאָזיקער קער וועט דאָך קומען. אגב, וועל איך אײַך באַמערקן, אַז אויך די טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמוניסטן נעמען נישט אַלץ אָן וואָס מאַרקס האָט פעסטגעשטעלט מיט פיל יאָרן צוריק. מאַרקס האָט נעגירט פון טשעכישן פאָלק זײַן רעכט צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. ער האָט אויך אויף אײַך געזאָגט, אַז איר עקזיסטירט נישט אַלס פאָלק, אַז אײַער צוקונפט איז אַסימילאַציע אין דער דײַטשישער סביבה. איר ווייסט דאָך בעסער פון מיר, אַז ער האָט געהאַט אַ פולשטענדיקן טעות, אַז איר זײַט אַוועק אויף אַן אַנדערן וועג, אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויפלעבונג. אויך מיר פירן זיך אַזוי, און דערמיט ווערט נישט אָנגערירט אונדזער טרייַשאַפט צו דער מאַרקסיסטישער לערע **בכלל**.

דער אָפיציר הערט זיך צו. ער הייבט שוין נישט זײַנע פויסטן. אַ סברה, אים איז קלאָר געוואָרן, אַז ביים פאַרשן דעם דאָזיקן „פאַרברעכער" וועלן נישט נוצן קיין געביילטע פויסטן, גרייטע צום שלאָגן. די אויספאָרשונג פאַרוואַנדלט זיך אין פאַקטיש אין אַן אידעאָלאָגישן דיאַלאָג. און אין אַזאַ געשפּרעך דאַרף מען אַרויסברענגען זאַכלעכע אַרגומענטן. דער אופן פון זײַן רעדן ענדערט זיך. ער זידלט זיך נישט. ער איז געצוווּנגען צו טראַכטן. דער מיינונגס־אויסטויש פירט זיך אָבער נישט אויף גלײַכע באַדינגונגען.

ער איז זאַט. איך בין הונגעריק. ער שלאָפט זיך אויס גענוג. מיך לאָזט מען כמעט נישט שלאָפן. איך בין אָפּגעריסן פון מײַן משפחה, פון מײַן באַוועגונג און פון דער וועלט. שוין פיר חדשים ווי מיך פרעסט דער ציטער איבערן גורל פון מײַן משפחה. ער איז פריי. איך בין אַרעסטירט. ער אָטעמט פרישע לופט, לייענט אַ צײַטונג און אַ בוך. פון מיר האָט מען דאָס אַלץ אַוועקגערויבט. ביי אים אינדרויסן איז פרילינג. אין מײַן קאַמער געוועלטיקט נאָך דער ווינטער. יעטוועדער טראַכטן איז ביי מיר פאַרבונדן מיט אַ ווייטיקלעכן אָנשטרענג. איך טו דאָס בעסטע וואָס כ'קאָן, כדי אויסהאַלטן אין שלאַכט. איך טאָר נישט באַזיגט ווערן אין דעם דועל איבער אידייען און פרינציפּן.

— אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי זענט איר? ווו איז די רעוואָלוציע וואָס איר האָט דורכגעפירט? מדינת ישראל, ווי באַוווּסט, איז אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, — רייסט מיר איבער דער שטענדיקער אויספאָרשער.

— אוודאי איז היינט מדינת ישראל אַ קאַפּיטאַליסטישע מדינה. אָבער איר צוקונפט איז צו דערגיין צום סאָציאַליזם. אויך היינט קומט דאָרט פאָר אַ רעוואָלוציע, אַ נאַציאָנאַלע איבערקערעניש: עליה פון מאַסן יידן,

אויפשטעלונג פון מדינת ישראל און באַנייונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. אָבער אויך דער סאָציאַליזם וועט קומען. אויך טשעכאָ־סלאָוואַקיע איז אַמאָל געווען קאַפּיטאַליסטיש. איז דען דעמאָלט די טשעכאָ־סלאָוואַקישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי געווען אַ נישט־רעוואָלוציאָנערע? זע־נען דען די באָלשעוויקעס פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געווען אַ נישט־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי? די דאָזיקע פראַגע קאָן מען אויך פרעגן כלפּי רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין יעדער קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. מפּ״ם איז אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי לויט אירע פּרינציפּן און טאַטן. זי פירט עס אָן מיטן קלאַסן־קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט. זי איז אַ וואָגיקער פאַקטאָר אין דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. זי האָט עס געגעבן איר גרויסן צושטייער אינעם אַנטיאימפּעריאַליסטישן געראַנגל אין ארץ־ישראל. זי שטייט אין שפּיץ פונעם קאַמף פאַר יידיש־אַראַבישער פאַר־ברידערונג. זי פלעגט אין פאָלק די סאָציאַליסטישע וויזיע. זי האַלט אויף אַ גרויסע און בליענדיקע באַוועגונג פון קבוצים־קאָמונעס — קעמערלעך פון ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער שותפות. זי טראָגט צווישן די מאַסן פון ישראל דאָס וואָרט פון פריינדשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד און איר סאָציאַליסטיש ווערק. מפּ״ם שטייט בראש פון דער שלום־באַוועגונג אין ישראל.

דער דיאַלאָג ציט זיך אַזוי און נעמט אַרום נאָך פראַגן. דער אָפיציר פאַרענדיקט אים נישט אויף דעם אופן וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם פאָרגע־קומענעם דיאַלאָג. ער כאַפּט זיך, אַז ער איז דער אויספאָרשער און איך דער געפאָרשטער. ער פאַרענדיקט:

— עס האָט נישט קיין טעם אָנצוגיין וויטער מיט די דאָזיקע רייד. אַלע אייערע ווערטער זענען נישט מער ווי קאָמופלאַזש. איר ווילט, אַלזאָ, נישט מודה זיין דאָס אייער פּאַרטיי איז אַ רעאַקציאָנערע. מיר וועלן זיך נישט איינמאָל אומקערן צום דאָזיקן ענין. כ׳וועל אייך באַשיינפּערלעך באַ־ווייזן, אַז אייער פּאַרטיי איז אַ רעאַקציאָנערע און אַז איר זייט אַ געשוואָי־רענער שונא פון אונדזער רעזשים.

איך קער זיך אום אין קאַמער.

זייער פּלאַן ווערט מיר אַלץ קלאָרער און קלאָרער. אמת, זיי האָבן תמיד נעגירט דעם ציוניזם ווי אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, ווי אַ געצייג פון אימפּעריאַליזם — אין תחום פון ארץ־ישראל. אָבער אין דער תקופה

פון אונדזער זעלבשטענדיקייט־מלחמה האָבן זיי נישט פאַרזען אונדזער קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם. זיי האָבן אפילו אָנערקענט, אַז אינערהאַלב דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי אין יעדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, זענען פֿאַראַן רעאַקציאָנערע ווי פּראָגרעסיווע עלעמענטן. נישט־סאָציאַליסטישע און סאָציאַליסטישע טענדעצן. פון קאָמפּעטענטע קאָמוניסטישע פאָרשטייער האָבן מיר געהערט אויפריכטיקע אָפּשאַצונגס־ווערטער לגבי מפ״ם און איר וועג אין ציוניזם און אין דער ישראלדיקער פּאָליטיק, אין דער אינערלעכער ווי אויסערלעכער אינאַיינעם. איצט איז ביי זיי פאַרגעקומען אַ ווענדעלעכער קער אין דעם דאָזיקן שטח. זיי שטעלן פאַר דעם ציוניזם שוין נישט ווי אַ באַוועגונג וואָס מען דאַרף נעגירן פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, שוין נישט ווי אַן אָנשפּאַר פון אימפּעריאַליזם אויפן נאָענטן מזרח. זיי שטעלן פאַר דעם ציוניזם ווי אַן אינסטרומענט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אונטערצוברעכן דעם סאָציאַליסטישן רעזשים אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ווי אַ באַוועגונג וואָס האָט זיך אַליין פאַרקויפט — אין אַלע אירע שאַטירונגען — צום אימפּעריאַליזם, פאַר שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש־אַקטן, פאַר טאָטן געריכטעט אַראָפּצוואַרפן דעם נייעם רעזשים אין אייראָפּע. נייִן, דער דאָזיקער קער איז נישט קיין רעאַגירונג אויף דער ווענדונג אין דער אויסערן־פּאָליטיק פון מדינת ישראל. זיי וועבן עפּעס טונקלס, שוידערלעכס, מוראדיקס קעגן יידישן פאָלק, קעגן מדינת ישראל. אפשר קעגן די יידן פון די סאָציאַליסטישע לענדער?

עס איז קלאָר אַ צווייטע זאַך: זיי ווילן ליקווידירן סלאַנסקין. אויך די אַנדערע יידן וואָס זענען דערגאַנגען צו בולטע פּאָזיציעס אין דער רעגירונג און פּאַרטיי. דער רוב פון זיי, ווי אַלע, האָבן איבערגעריסן יעטוועדע פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק. דאָס זענען אָפּגעשטאָרבענע צווייגן וואָס זענען אָפּגעפאַלן פונעם יידישן בוים. זיי זענען אויסגעשפּראָכענע אַנטי־ציוניסטן. זיי זענען נישט נאָר קעגנער פון ציוניזם. זיי האָסן אים אויך. דער ציוניזם דערמאָנט זיי זייער פאַראַט אין אייגענעם פאָלק, זייער קאָסמאָפּאָליטיזם. און אָט האָט מען די דאָזיקע אַנטי־ציוניסטן איצט פאַרוואַנדלט אין ציוניסטישע אַגענטן, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער מדינה, כדי צו דינען ווי אַן אויספיר־ווערקצייג פאַר די „פאַרברעכערישע פאַרשווערונגען" פונעם וועלט־ציוניזם, אַ געצייג אויף אונטערצוברעכן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים און אומקערן דעם קאַפּיטאַליזם. זיי גרייטן אַ מאָראַליש־פּאָליטישן

פּאָגראָם קעגן יידישן פֿאָלק און זיין נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג. די דירעקטע קרבנות וועלן זיין די יידן אין די סאָציאַליסטישע לענדער.

איצט איז מיר קלאָר אַ דריטע זאַך: זיי האָבן באַשלאָסן פֿון מיר צו „מאַכן" אַ מערבדיקן שפּיאָן, אַן אָרגאַניזאַטאָר פֿונעם טשעכאָסלאָוואַקישן ציוניזם, אַ פֿיינד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס. זיי ווייסן, אַז דאָס אַלץ איז אַ ליגן. פּונקט ווי זיי ווייסן גוט, אַז ס'איז אַ שקר דער ציוניזם פֿון סלאַנסקין און זיינע שותּפים צום גורל. אַז די פֿאַרשווערונג פֿון וועלט־ציוניזם אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם סאָציאַליזם איז אַ טייוולאָנישער בלבול. זיי ווייסן, אַז זיי וועלן נישט קאָנען ברענגען קיין יורידישע באַוויזן פֿאַר זייערע נאַרישע באַשולדיקונגען קעגן מיר. דעריבער באַמיען זיי זיך צו דערפֿירן דערצו, אַז כ'זאָל אַליין זיך מודה זיין אין פֿאַרברעכנס, וואָס זיי וואַרפֿן אויף מיר.

אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז זיי וועלן שוינען מיין פּאַרטיי. איז זי דאָך נישט פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה רוזין. מען קאָן זי נישט דערפֿירן צו „ווידויים". פֿריער האָב איך געטראַכט, אַז זיי וועלן מיך פֿאַרשטעלן ווי איינעם וואָס האָט פֿאַראַטן זיין פּאַרטיי, געבראָכן איר צוטרוי. ווי איינער וואָס האָט געווירקט קעגן דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע, אין קעגנזאַץ צו די פּרינציפּן פֿון זיין פּאַרטיי. ווי עמעץ וואָס האָט אויך זיין אייגענע פּאַרטיי באַשווינדלט. אָבער ניין. זיי האָבן באַשלאָסן אויך פֿעלשן די געשטאַלט פֿון מיין פּאַרטיי און „זי מאַכן" פֿאַר אַ רעאַקציאָנערער פּאַרטיי, וואָס איז אַריינגעפֿלאָכטן אין דער „ציוניסטיש־אַמעריקאַנער פֿאַרשווערונג אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם סאָציאַליזם". אין מיינע „פֿיינדלעכע טאַטן" קעגן דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע האָב איך נישט געהאַנדלט אין קעגנזאַץ צו די פּאַרטיי־פּרינציפּן, להיפּך, מפּ"ם אינגאַנצן, איז מכלומרשט, אַזעלכע. דער אָפֿיציר־אויספֿאָרשער זאָגט, אַז ער באַזיצט „פֿעסטע באַווייזן" אַז מפּ"ם איז אַ רעאַקציאָנערע פּאַרטיי. וועלכע „פֿעסטע באַווייזן" קאָן ער האָבן? זיכער געפֿעלשטע דאָקומענטן. ליגנערישע עדות־דערקלערונגען. אפֿשר געפֿעלשטע פֿראַגמענטן פֿון קריטישע באַמערקונגען פֿון אונדזער פּאַרטיי און איר פּרעסע לגבי דעם ראַטנפֿאַרבאַנד אין באַשטימטע פּראָבלעמען.

ווער שטייט הינטער דער דאָזיקער פֿאַרשווערונג? בלויז די זיכערהייטס־פּאָליציי? ניין. דאָס וואָס וועבט זיך דאָ, אין דער רוזין־תּפֿיסה, איז נישט עפּעס אַ קליינינקייט. די „אָפּעראַציע" וואָס זיי גרייטן דאָ, איז אַן אַקציע פֿון פּאָליטישער, אַלגעמיין־מלוכהשער באַדייטונג. איך האַלט נישט, אַז

טשעכאָסלאָוואַקיע אַליין האָט דעצידירט אין דעם ענין. אַלנפאַלס, האָב איך נישט קיין שום ספק, אַז אַ באַשטימטער קרייז אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און מדינה האָט באַשלאָסן וועגן דער דאָזיקער אָפּעראַציע. אין איר יסוד ליגט די דערשיטערנדיקע זאַך וואָס הייסט דער הייליקער ליגן. מיינעליידן זענען נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון קאָרופּציע, פאַרדאַרבונג און דעגענעראַציע אינערהאַלב דער זיכערהייט־פּאָליצײ. די צעפּוילטקייט האָט דערגרייכט די שפּיצן. אַ גיפטיקע קראַנקהייט פרעסט דעם קערפּער פון סאָציאַליזם — אין פּראָצעס פון זיין פאַרווירקלעכונג.

אין די לעצטע טעג און נעכט באַשעפטיקן זיך מיט מיר דריי אויספאָרשער. זיי בייטן זיך. איך בין דער שטענדיקער אָביעקט. זיי טוישן זיך. צוויי פון זיי „אַרבעטן" איבער מיר בייטאָג. דער דריטער — ביינאַכט. טיילמאָל שליסט זיך צו זיי אָן אַן אָפיציר־אויספאָרשער. יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיין סטיל פון רעדן. אָבער די תחבולות זענען בשותפותדיקע. זיכער האָבן אַלע פון זיי געלערנט אויף אַ צענטראַלן קורס די תורה פון אויספאָרשן. כדי צו פאַרמאַטערן דעם געפאָרשטן און צו פליקן זיינע נערוון, דאַרף מען איבערחזרן אין פראַגע צענדליקער און הונדערטער מאָל. מיט די זעלבע ווערטער. מיטן זעלבן אַקצענט. מיט דער זעלבער טאָנאַציע. דאָס קאָן זיך ציען גאַנצע שעהן. אָפטמאָל אַ גאַנצע נאַכט. דער אויספאָרשער חזרט איבער זיין פראַגע צום צוויי־הונדערטסטן מאָל און דו ביסט געצוווּנגען אים צו ענטפערן דיין ענטפער, וואָס געפעלט נישט דעם אויספאָרשער, צום צווייהונדערטסטן מאָל. אָפטמאָל דוכט זיך דיר, אַז אויב דאָס וועט נישט אויפהערן, וועסטו אַראָפּ פון זינען. אַלע זידלען זיך. פאַראַן ביי זיי אַן אומגלויבלעכער קוואַל פון זידלערייען און באַליידיקונגען. טאָג און נאַכט באַרייכערסטו דיינע ידיעות אין דער טשעכישער שפּראַך מיט צענדליקער אויסדריקן פון דער קאַטעגאָריע. צו דערנידעריקן דעם מענטשלעכן כבוד פונעם געפאָרשטן, צו טרעטן דעם מענטשלעכן זעלבסטבאַוווסטזיין, האָט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דעם פאָרש־סיסטעם, וועמענס ציל עס איז צו דערפירן דעם מענטש זיך מודה צו זיין אין פאַרברעכנס וואָס ער איז נישט באַגאַנגען. אַלע האָבן ליב די טעמע „שטריק". אין אַלע וואַריאַנטן דערמאָנען זיי דיך אינדערפרי און פאַרנאַכט, אַז ס'איז פאַראַן אין דעם לאַנד אַ סך שטריק אויף אויפצוהענגען די שונאים פון רעזשים. און בעת דער אויספאָרשער רעדט וועגן שטריק און תליה־סלופּעס, דערנענטערט ער זיך צו

דיר בהיסח הדעת, הייבט זיך אָן מטפל זיין מיט די צוויי לאַצן פון העמד־קאָלנער, אַזש דו דערגייסט צום געפּיל פון ווערגן. דאָס איז אַ קאָנקרעטי־זירונג צו די רייד וועגן שטריק און תליה־סלופּעס. אויך די דאָזיקע תחבולה האָבן זיי, ווייזט אויס, געלערנט אויפן קורס פאַר אויספאָרשער. אַ סברה, אַז יעדן אויספאָרשער איז דערלויבט צוצוגעבן אַן איגדיווידועלן שטריך. דעם איז אָנגענעם שלאָגן. דעם ווידער גלוסט זיך גאָר קנייפּן, ביז דיינע הענט און האַלדז פאַרפולן זיך מיט בלויע, רויטע און געלע פלעקן. דער ווידער וויל ליבער זעצן אין קאָפּ. איינער דערלאַנגט קלעפּ אין ברוסט, אַז אייניקע טעג איז דאָס אָטעמען פאַרבונדן מיט ווייטיקן. דער ווידער טרעט מיט זיינע ווינטער־שטיוול אויף דיינע פיס. דער שטעלט דיך אַוועק אויף אַכטונג אויף לאַנגע שעהן. אויף אַ גאַנצן טאָג. אויף אַ גאַנצער נאַכט. דער גיסט אויף דיר שעפּלעך קאַלט וואַסער. זיין ליגנערישער אויסרייד איז, אַז כ׳האָב איינגעדרימלט. דער אמת איז דער, אַז טראָץ מיין דורשט נאָך שלאָף — זענען מיינע אויגן ברייט צעעפנט, ווי די טיר פון קאַמער. דער אמת איז דער, אַז נישט איינמאָל שלאָפט אויך דער אויספאָרשער אינמיטן נאַכט פון צופיל מידקייט.

אין די לעצטע טעג און נעכט האָבן די אויספאָרשער קאָנצענטרירט זייער עיקרדיקע אַטאַקע אויף איין פונקט: כ׳זאָל זיך מודה זיין אַז כ׳בין אַ רעאַקציאָנער, אַ פיינד פון סאָציאַליזם און אַז אויך מיין פּאַרטיי איז אַזעלכע. זיי לאָזן אין גאַנג אַלע זייערע פּאָרטלעך, מיט דער הנחה, אַז אויב זיי דער־גרייכן ביי מיר דאָס, וועלן זיי לייכט אַרויסבאַקומען פון מיר אַלץ. איך האַלט זיך ביים מייניקן.

אַ קליינער פּאַרס

אין דעם פּאַרש־ביוראָ מערקט זיך היינט אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג. מיט מיר איז זיך מטפל מיין שטענדיקער אויספאָרשער. ער מאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען מיך דערפירן צום מודה זיין, אַז מיין פּאַרטיי איז אַ רעאַקציאָנערע, אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישע און אַז איך אַליין, אַלס טרייער פּאַרטיי־חבר, בין אַ געשוואוירענער רעאַקציאָנער. מיינע נערוון

זענען צעפליקט. איך שוידער אינגאַנצן פון איינגעהאַלטענעם כעס. טעג און נעכט ווער איך געפּייניקט אין דעם דאָזיקן ענין. איך ברעך אויס און שריי אים אין די אויערן:

— הרגעט מיך און איר וועט עס פון מיר נישט דערגרייכן. איר ווייסט אַז דאָס איז שקר וכזב. איר וועט נישט ביי מיר דערגרייכן אַזאַ מודה זיין.

דער אויספאָרשער וואָרנט מיך פאַר פּראָוואָקאַטאָרישע רייד. ער זאָגט, אַז אויב כ׳וועל זיך נישט מודה זיין פון פרייען ווילן, וועלן זיי גע־צווונגען זיין צו באַווייזן מיר דאָס אויף אַנדערע וועגן און דאַן וועט מיין לאַגע ווערן אַ פיל ערגערע. אָבער ווער ס׳וועט מודה זיין, וועט אים בעסער זיין... איך זאָג נאָכאַמאָל, אַז כ׳בין נישט גרייט זיך מודה צו זיין, זאָל מיין לאַגע זיין וועלכע עס איז.

אַן אומגעווייינלעכע באַוועגונג. עס קומט אַריין איינער פון מיינע אויספאָרשער. ביידע סודען זיך. ער גייט אַרויס. עס קומט אַריין איינער פון די אויספאָרש־אָפיצירן. ער פרעגט מיין אויספאָרשער ווי עס האַלט. יענער ענטפערט אים עפּעס. זיי סודען זיך. מיין אויספאָרשער טעלעפאָנירט צו עמעצן. עס קומט אַריין אַ מיר אומבאַקאַנטער אויספאָרשער. זיי סודען זיך. ער גייט אַרויס. דער אויספאָרשער באַפעלט מיר פאַרבונדן די אויגן און זיך אויסדרייען צום וואַנט. עמעץ קומט אַריין. מען סודעט זיך. דער קלאַפּ פון אַ שרייבמאַשין. עפּעס קומט דאָ פאָר. נאָר איך האָב נישט קיין אַנונג וואָס. ווידער עפנט זיך די טיר. איך הער פיל טריט. מען רוקט די בענק־לעך. מען סודעט זיך. אַ צוגרייטונג וואָס דערמאָנט דאָס איבערשטעלן די דעקאָראַציעס אויף אַ טעאַטער־בינע פאַרן אויפהייבן דעם פאָרהאַנג. נאָר די בינע איז נאָך אַלץ איינגעהילט אין טונקלקייט.

איך באַקום אַ באַפעל אַראָפּצונעמען די „שמאַטע" פון מיינע אויגן, זיך אויסדרייען און אַוועקזעצן. אַלזאָ. די דעקאָראַציע האָט זיך געביטן. מיין אויספאָרשער זיצט, פאַר אים — אַ שרייבמאַשין. נעבן אים שטייט דער אָפיציר־אויספאָרשער. מיר שיינט, אַז דאָס איז דער ממונה איבער מיינע אַקטן און ער פירט עס אָן מיט דער מאַנשאַפט פון מיינע אויספאָר־שער. אינמיטן ביוראָ זיצט אויף אַ בענקל אַן אַרעסטירטער. ביי זיין זייט שטייט אַן אויספאָרשער. כ׳האָב אים מיט אַ ווײַלע צוריק געזען אין ביוראָ, ווען ער האָט זיך געסודעט מיט מיין אויספאָרשער.

ווער איז עס דער אַרעסטירטער? ער איז מיר אומבאַקאַנט. שוואַרצע

האָר. גלאַט אויסראַזירט. צוגעקעמט. ער זעט אויס גוט. ער איז צערודערט און קוקט נישט אויף מיר. די פּנים־שטריכן זעען מיר אויס צו זיין סעמי־טישע. יידישע. אַ פרישער געזיכט־אויסדרוק. אַ סברה, ער איז געגוג גע־שלאָפן, נישט הונגעריק. וואָס וועט דאָ זיין? ווייזט אויס, אַ קאָנפראָנטאַציע. ער. דער דאָזיקער אַרעסטאַנט, וועט מן הסתמא דינען אלס „לעבעדיקער באַווייז" דאָס איך בין אַ רעאַקציאָנער און אַז מיין פּאַרטיי איז גאָר קעגן די אַרבעטער. נאָר איך קען אים איבערהויפּט נישט.

דער אָפיציר רייסט מיך אַרויס פון מיינע געדאַנקען. ער ווענדט זיך צו אונדז ביידע אַרעסטאַנטן און מעלדעט, אַז עס איז פאַרבאָטן אַז איינער פון אונדז זאָל זיך ווענדן צום צווייטן. אַז מיר דאַרפן נאָר ענטפערן אויף זיינע פראַגן. אַז מיר טאָרן נישט זאָגן עפּעס פון אייגענער איניציאַטיוו, אויב מיר ווערן נישט געפרעגט. ווענדנדיק זיך צו מיר, זאָגט ער:

— אין דער דאָזיקער קאָנפראָנטאַציע וועלן מיר אייך באַווייזן, אורן, אַז איר נאַרט אונדז די גאַנצע צייט און איר וועט הערן דעם אמתדיקן אמת וועגן אייך און אייער פּאַרטיי.

דער אָפיציר פירט אָן מיט דער צערעמאָניע. מיין שטענדיקער אויס־פאָרשער שרייבט דעם פּראָטאָקאָל אויף דער שרייבמאַשין. דער אָפיציר פרעגט דעם אַרעסטירטן זיין נאָמען. דער ענטפער:

— אַנדרעי אָראַטש.

ער פרעגט אויך מיך דעם נאָמען. איך ענטפער. דער אויספאָרשער שרייבט.

דער אָפיציר (צו מיר):

— קענט איר אַנדרעי אָראַטש?

— ניין. איך ווייס נישט ווער דאָס איז.

דער אָפיציר (צו אָראַטשן):

— קענט איר מרדכי אורן?

— פּערזענלעך נישט. איך ווייס אָבער ווער ער איז. איך קען אויך זיין פּאַרטיי. איך זעלבסט האָב אים נישט איינמאָל געהערט רעפערירן. כ'האָב אים איינמאָל געזען אין פּאַלעסטינע־אַמט אין פּראַג.

דער אָפיציר:

— וואָס ווייסט איר וועגן מהות פון מפ"ם און וועגן אורן?

אָראַטש דערלאַנגט אַ קורצע רעדע, פול מיט שקרים און באַשמוצונגען אויף מפ"ם. אַז דאָס איז אַ רעאַקציאָנערע פּאַרטיי, אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישע.

אַז איר גאַנצע פּאָליטיק איז נאָר צום שלעכטן פון די אינטערעסן פונעם ישראלדיקן אַרבעטער־קלאַס — ספּעציעל איר פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק. אורן איז איינער פון די פירער פון מפ״ם. ער איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען בראש פון דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פון מפ״ם און זי געפירט אין ר׳עאַקציאָנערן און אַנטי־פּראָלעטאַרישן גייסט.

די דאָזיקע ליגנס זענען געזאָגט געוואָרן אין אַ פּליסיקער פאָרם. קלאָר, אַז ער האָט דאָס געלערנט אויף אויסנווייניק. בעת זיין רעדן איז נעבן אים געשטאַנען זיין אויספאָרשער, אינגאַנצן אַ געשפּאַנטער.

דער אָפיציר ווענדט זיך צו מיר:

— וואָס האָט איר אויף דעם צו זאָגן, אורן?

— דאָס אַלץ זענען ליגנערישע רייד. דער וואָס האָט דאָס געזאָגט ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז שקר. איך קען נישט דעם דאָזיקן מענטש. כ׳האָב אפילו נישט געהערט קיין איינמאָל זיין נאָמען. דער גאַנצער ענין איז נישט מער ווי אַן אויסרעזשיסירטער פאַרס.

דער אָפיציר רייסט מיר איבער מיט כעס:

— אייערע באַליידיקונגס־ווערטער אינעם ענטפער וועלן מיר נישט מוחל זיין.

דער אָפיציר גלעט צו און מאַכט ווייכער מיינע רייד, וועלכע ער דיקטירט דעם אויספאָרשער. ער וואַרפט אַרויס פון זיי די „באַליידיקונגס־ווערטער״ וועגן רעזשיסירטן פאַרס.

דער אָפיציר דערלאַנגט אונדז דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבן. דאָס בלעטל פון פּראָטאָקאָל איז אין דער לענג איינגעטיילט אין צוויען. איין העלפט אַנטהאַלט די פראַגן צו אָראַטשן און זיינע ענטפערס. די צווייטע העלפט איז געווידמעט מיר. אָראַטש חתמעט אונטער זיין פּראָטאָקאָל. איך — אויף מיין פּראָטאָקאָל. דער אָפיציר באַפעלט אָראַטשן צו פאַרשטעלן זיך די אויגן. ער גייט אַרויס פון צימער אין באַגלייטונג פון זיין אויספאָרשער.

דער אָפיציר קלערט מיר אויף, אַז מיט דער איצטיקער קאָנפראָנטאַציע האָט זיך געשאַפן אַ נייער מצב. ערשטנס, איז באַוויזן געוואָרן, אַז איך בין אַ באַוווסטזיניקער ליגנער. לויט דעם, וועלן זיי וויסן אָפּצושאַצן אַנדערע מאָמענטן פון דער אויספאָרשונג. צווייטנס: עס איז באַוויזן געוואָרן ווער איך בין און מיין פּאַרטיי. דריטנס: נאָכדעם ווי דאָס אַלץ איז פעסט־געשטעלט געוואָרן דורך באַגלויבטע עדות, איז אויף להבא מיר פאַרבאָטן

זיך אומצוקערן צו די פריערדיקע טענות וועלכע זענען אָפּגעפרעגט געוואָרן. דאָס איז דאָ אַ געזעץ. אין דער צוקונפט וועט מיר קאַטעגאָריש זיין פאַר־באָטן צו טענהן, אַז איך בין אַ לינקער סאָציאַליסט און אַז מיין פּאַרטיי איז אַ סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרענדיקט געוואָרן.

איך ענטפער: — פאַר מיר האָט זיך גאָרנישט געענדערט. כ׳האָב געהערט אַ ליגנעריש עדות־זאָגן. דער אַרעסטירטער אָראַטש האָט נישט אָפּגעפרעגט מיינע דערקלערונגען, איך זיינע האָב אָפּגעווענדט. ער ווייסט אַז ער האָט געזאָגט ליגן. כ׳בין זיכער, אַז ער האָט דאָס נישט געזאָגט אויף זיין איניציאַטיוו און נישט פון זיין פרייען ווילן. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַ קאָמפּעטענטער אויטאָריטעט אין ענינים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט אָדער אין ישראל, וואָס הייסט אַנדרעי אָראַטש. פרעגט וועגן מפּ״ם ביי אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי לואי סאַיאַן, לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ, די־וויטאָריאָ — פון די אָנפירנדיקע אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי קענען מיך און מיין פּאַרטיי. פון זיי וועט איר נישט הערן אַזעלכע נאַרישע און פאַלשע רייד. איך רעכן זיך בכלל נישט מיט די ווערטער פון אָראַטש. איך וועל ווייטער רעדן אין גייסט פון אמת. מפּ״ם איז אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי אויך נאָך דעם דאָ־זיקן אויסרעזשיסירטן פּאַרס.

מיט באַליידיקונגען און דראָונגען וואַרפט מיך דער אויספאָרשער אַרויס פון אויספאָרשונגס־ביוראָ. אויף אַ גראָבן אופן קערט ער מיך צוריק אין קאַמער.

רודאָלף סלאַנסקי

נאַכט. דאָס פענצטער אין אויספאָרשונג־צימער איז אָפן. אַ ליכטי־קער הימל, באַדעקט מיט שטערן. אַ פרילינג־נאַכט. אָפטמאָל דערטראָגט זיך פון הויף דאָס בילן פון אַ הונט. מיין גאַנץ וועזן לעכצט נאָך אַ ביסל שלאָף.

אייניקע שעה שוין ווי דער אויספאָרשער צאַפּט פון מיר דאָס בלוט.

ער וויל איין זאַך: כ׳זאָל זיך מודה זיין, אַז איך קען פּערזענלעך רודאָלף סלאַנסקי, אַז כ׳בין מיט אים געווען אין ענגן קאָנטאַקט. צום הונ־דערטסטן, צום צוויי־הונדערטסטן מאָל, ענטפער איך:

— כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיט רודאָלף סלאַנסקי. כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געזען.

— דאָס איז אַ ליגן. דורך אַ קאָנפראָנטאַציע בנוגע מפ״ם האָבן מיר אויפגעוויזן, אַז איר זאָגט ליגן. איר לייקנט אויך אין ענין סלאַנסקי. מיר האָבן פעסטע באַווייזן, אַז איר קענט אים און זענט מיט אים געשטאַנען אין פאַרבינדונגען. סלאַנסקי אַליין איז זיך אין דעם מודה.

איך שטעל ווידעראַמאָל פעסט, אַז כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט גע־טראָפן מיט סלאַנסקין. איך גלויב נישט אַז ער זאָל האָבן געזאָגט דאָס פאַרקערטע פון אמת. נאָר אפילו אויב ער האָט געזאָגט אַז מיר האָבן זיך געטראָפן, ענדערט עס נישט דעם פאַקט, אַז מיר האָבן זיך נישט געטראָפן. אויך די ליגנערישע עדות פון אָראַטש ענדערט מיט גאָרנישט דעם פאַקט, אַז מפ״ם איז אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי.

— נעכטן איז אייך אויסדריקלעך געזאָגט געוואָרן, נאָך דער קאָנ־פראָנטאַציע וואָס האָט פעסטגעשטעלט דעם אמת — איז אייך פאַרבאָטן נאָך צו רעדן וועגן מפ״ם ווי אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. דאָס איז אַ געזעץ אין דער אויספאָרשונג. אָדער בענקט זיך אייך צו פאַרברענגען אַ ביסל אין קאַרצער?

דער אויספאָרשער רופט מיך כ׳זאָל צוגיין צום טיש. ער לייגט פאַר מיר אַוועק אַ קאַרטאָן־בויגן, אויף וועלכן עס זענען אָנגעקלעפּט בילדער פון פאַרשידענע מענטשן. ביי אַ 10—12 מענטשן אין דריי שורות:

— קוקט זיך איין אין די דאָזיקע בילדער. פאַראַן דאָרט אייניקע מענטשן, וועלכע איר קענט. איר האָט דאָס באַשטעטיקט אין פאַרשידענע אויספאָרשונגען. קוקט איצט און זאָגט מיר וועלכע פון די דאָזיקע מענטשן איר קענט? און וואָגט מיך נישט אָפּצונאַרן!

איך קוק זיך איין אין די בילדער. דער אויספאָרשער פאָלגט נאָך נאָך יעדער באַוועגונג פון מיין פּנים. איך קוק אויף די בילדער. אין איינעם פון זיי דערקען איך קלעמענטיסן, דעם געוועזענעם אויסערן־מיניסטער.

די דאָזיקע מענטשן זענען אומבאַדינגט צענטראַלע צי וויכטיקע פערזענלעכקייטן אין דער מדינה. כ׳בין זיכער, אַז אויך סלאַנסקי איז פאַ־ראַן צווישן זיי. כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען סלאַנסקין. אפילו נישט אויפן

בילד. נאָר כ׳בין זיכער, אַז דאָס איז ער. דאָ, אין דער צווייטער ריי. אַ געז־צעטער קאָפּ, מיט אַ געדיכטער טשופּרינע. אַ בולטער פּאָרטרעט. איך בין זיכער, אַז דאָס איז ער. נאָר איך קען אים נישט.

— נו, זאָגט, וועמען קענט איר?

— בלויז איינעם, דעם. — איך ווייז אָן אויף קלעמענטיסן.

— איר זאָגט שוין ווידער ליגן? איר קענט נאָך אייניקע, ווינציק־סטנס נאָך איינעם. איר באַהאַלט דאָס פֿאַר מיר. נאָר דאָס וועט אייך נישט געלונגען. קוקט נאָכאַמאָל.

איך קוק. דער אויספֿאָרשער אָבסערווירט גענוי מיין פּנים: אפשר וועט ער אויפֿכאַפּן אַ באַהאַלטענעם ציטער...

מיינט דער אויספֿאָרשער אַז איך קען סלאַנסקין? איך גלויב נישט, אַז סלאַנסקי זאָל זיך האָבן „מודה געווען״ אַז איך קען אים. אָבער דאָס קאָן זיין. וועט מען מיך מיט סלאַנסקין צונויפֿפֿירן צוליב קאָנפֿראָנטאַציע? אויב יאָ, וועט ער זיכער זאָגן, אַז מיר קענען איינער דעם צווייטן; קלאָר, אַז זיי פֿירן נישט אַדורך קיין קאָנפֿראָנטאַציע, אויב זיי זענען נישט זיכער פֿון פּאָרויס, אַז פֿון זייער שטאַנדפּונקט וועט נישט זיין קיין דורכפֿאַל. וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן? דער עיקר: איצט אונטערליגט שוין נישט קיין שום ספק, אַז זיי האָבן באַשלאָסן מיך פֿאַרבינדן מיטן ענין סלאַנסקי. שווע־רע טעג קומען אויף דיר. דאַרפֿסט „האַלטן קאָפּ״.

— וועמען נאָך קענט איר פֿון די דאָזיקע מענטשן?

— בלויז קלעמענטיסן, אַזוי ווי כ׳האָב געזאָגט.

— ציוניסטישער שווינדלער! צוריק אין ווינקל! שטיין אויף אַכ־טונג!

דער אויספֿאָרשער הייבט אָן אַ מאָנאָלאָג פֿון זידלערייען אויף מיין אַדרעס. אַ לאַנגע פּאַרציע פֿון זיינע רייד איז געווידמעט מיר, אַלס ייד, וואָס „שווינדל ליגט אים אין בלוט״.

— אַלע זייט איר אַזוי, איר, סלאַנסקי, די יידן וואָס סלאַנסקי האָט אַריינגעגנבעט אינעם אַפּאַראַט פֿון דער פּאַרטיי און רעגירונג און די איבער־ריקע. איר זייט דער שמוץ פֿון מענטשלעכן מין.

זיינע רייד פֿאַרזינלעכט ער מיט מיאוסע העוויות און האַנט־באַווע־גונגען וואָס צייכענען אין דער לופֿט קאַריקאַטורן פֿון יידן, אַזוי ווי זיי זענען דערשינען אין נאַצישן „שטירמער״. יידן, וואָס זייערע נעזער רעדן פֿאַר זיי. יידן פֿון גווידער און בויך. יידן מיט בערד און פּיאות. יידן וואָס ציילן געלט.

איך שטיי אויף אַכטונג שטייף, מיליטעריש. ווען וועט זיך ענדיקן די דאָזיקע לאַנגע נאַכט? זי האָט נישט קיין סוף.

דער אויספאָרשער האָט איין פראַגע־פאָדערונג: „דערציילט מיר וועגן אייערע צוזאַמענטרעפן מיט רודאָלף סלאַנסקי. און איך האָב איין תשובה: „איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט מיט סלאַנסקין". צענדליקער מאָל חזרט ער איבער די פראַגע. הונדערט מאָל. איך מוז איבערחזרן די זעלבע צאָל ענטפערס. ער קערט זיך אום צו דער פראַגע מיט די זעלבע ווערטער, אין דעמזעלבן טעמפּאָ, מיטן טאָן פון דער שטימע. נאָר יעדעס מאָל ווען איך פאַרענדיק מיין ענטפער, וואַרפט ער מיר אַלעמאָל צו אַן אַנדער זידל־וואָרט. דאָס זענען פאַרשידענע וואַריאַנטן פונעם זידל־וואָרט „ליגנער".

ער פרעגט. איך ענטפער. ער פרעגט נאָכאַמאָל. איך ענטפער ווידער. נאָר ער זיצט זיך באַקוועם אין זיין שטול. און איך שטיי אין יסורים אויף אַכטונג. פון רוב מידקייט הייב איך אָן זיך וויגן ווי אַ צווייג אויפן ווינט. ער איז זאַט און איך בין הונגעריק. ער וויל פון מיר אויספּרעסן אַ ליגן. איך בין פאַרפּליכטעט צו פאַרטיידיקן דעם אמת.

כ'וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַזאַ אַזאַ פּאַרטל — שטעלן איין פראַגע הונדערט מאָל — קאָן אַזוי פּייניקן, דערדריקן, פּליקן די נערוון. מיר שיינט, אַז עס נעמט גאָרנישט קיין סוף. מיר שיינט, אַז נאָך אַ ביסל, אויב ער הערט נישט אויף, וועט זיך פון מיר אַרויסרייסן אַ היסטעריש געשריי, אַ געשריי פון וואַנזין. אויב ער הערט נישט באַלד אויף, וועל איך זיך וואַרפן אויף דעם סאַדיסט מיט מיינע פויסטן ביז בלוט, כ'וועל בייסן מיט די ציין. אויב ער הערט נישט אויף, וועל איך אויסברעכן און אים שליידערן אין זיין עקלהאַפטן פּרצוף מיין גאַנצע פאַרביטערונג, אנטוישונג און באַליידיקונג וואָס צערייסן מיין האַרץ.

אין קאָרידאָר צעקלינגט זיך דער גלאָק אויף פרימאָרגן. דער אויספאָרשער רייסט איבער די אויספאָרשונג. ווייזט אויס ער איז מיד.

— מיר וועלן נאָך ממשיך זיין אין דעם ענין, ביז איר וועט אונדז נישט דערציילן אַלע פּרטים פון אייערע צוזאַמענטרעפן מיט סלאַנסקין.

אין אַ קורצער צייט אַרום קום איך צוריק צו דער אויספאָרשונג. אַן אַנדער פאָרש־ביוראָ. מיין שטענדיקער אויספאָרשער גיט מיך איבער אַ צווייטן פון דעם דריילינג וואָס פאַרנעמען זיך מיט מיר אין די לעצטע טעג. ביידע סודען זיך אין קאָרידאָר.

דער אויספֿאַרשער קומט אַריין. אַ צעהאַקט פּנים. דאָס פּנים פֿון אַ קצב. ער איז עלטער פֿון מיין שטענדיקן אויספֿאַרשער. גראָבע געזיכט־שטריכן, פּליישיקע, גרויסע הענט. שווערע פֿויסטן.

ער הייבט נישט אָן מיט אַ פֿראָנטאַלער אַטאַקע אין ענין סלאַנסקי. ער הייבט אָן מיט אַ פֿלאַנקירונגס־אַקציע:

— מיט וועלכע פּאָליטיקער האָט איר זיך געטראָפֿן אין אונדזער לאַנד בעת אייערע פֿאַרשידענע באַזוכן?

איך רעכן אויס אַלע מענטשן מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַגעגנט אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין די יאָרן 1945/6, 1947, 1948. איך שטרענג אָן דעם זכרון כ׳זאָל גאָרנישט פֿאַרגעסן. ער פֿאַרצייכנט פּעדאַנטיש. אַז כ׳דערמאָן דעם נאָמען פֿון פּרעמיער זאַפּאָטאָצקי, שפּרינגט ער צו מיר צו און דראָט מיט אַ צונויפֿגעבייַלטער פֿויסט:

— אונדזער פּרעמיער האָט זיך געטראָפֿן מיט אַזאַ פֿאַרעטער ווי איר? וויאַזוי וואַגט איר אַזוי ליגנערן און באַליידיקן אונדזער פּרעמיער. כ׳זאָל שוין מערער נישט הערן דעם דאָזיקן ליגן! פֿאַרשטאַנען?

איך לייג פֿאָר צו קאָנטראָלירן די זאַך אין ביוראָ פֿון פּרעמיער, איידער ער שטעלט פֿעסט אַז דאָס איז אַ ליגן.

— גיט מיר נישט קיין עצות, ציוניסטישער שווינדלער. נישט קאָנ־טראָלירנדיק ווייס איך, אַז דאָס איז אַ ליגן. לאָמיר איבערגיין צום ענין. איר פֿאַרבאַהאַלט נעמען פֿון איניקע פּאָליטיקער מיט וועלכע איר האָט זיך באַגעגנט. זאָגט מיר נאָכאַמאָל מיט וועמען איר האָט זיך געטראָפֿן.

ווידער רעכן איך אויס די רשימה פּאָליטיקער און פּערזענלעכקייטן. ער קאָנטראָלירט די רשימות וואָס ער האָט זיך פֿריער פֿאַרצייכנט פֿון מיין מויל. אויב כ׳האָב נישט וועמען צוגעגעבן אָדער אַדורכגעלאָזט. איך דער־מאָן ווידער זאַפּאָטאָצקיס נאָמען. ער דערנענטערט זיך צו מיר און הייבט מיך אָן שטיקן ביי די לאַצן פֿון העמד. ער לאָזט נאָך, ווען איך פֿאַרליר דעם אָטעם.

— ווערט איר נאָך אַלץ באַליידיקן אונדזער פּרעמיער?

— איך באַליידיק נישט אייער פּרעמיער. מיר האָבן אָנגעהאַלטן אַ פֿריינדלעך געשפּרעך. ער האָט אונדז אַ סך געהאָלפֿן אין אונדזער קריג. דערפֿאַר שעץ איך און אַכט אים. כ׳האָב נישט קיין שום גרונט אים צו באַליידיקן. איך ענטפֿער בלויז אויף אייער פֿראַגע מיט וועמען כ׳האָב זיך געטראָפֿן. ער איז איינער פֿון די, מיט וועמען כ׳האָב זיך באַגעגנט. וואָס

פאַראַ באַליידיקונג איז דאָ פאַראַן? איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז אייך נישט באַקוועם וואָס כ׳האָב זיך מיט אים געטראָפן. אָבער אין דעם איז נישטאָ קיין שום פגיעה אין פרעמיער.

— הייבט זיך אויף, מנוול און שטעלט זיך אויף אַכטונג. דאָס וועט אייך אָנלערנען נישט באַליידיקן דעם פרעמיער.

איך שטעל זיך אויף און בלייב שטיין אויף אַכטונג. מיינע פיס טוען וויי. שוין אייניקע טעג ווי זיי זענען מוראדיק אָנגעשוואָלן. וויזט אויס, אַז פון דעם אויפגעצווונגענעם שטיין אויף אַכטונג. כמעט יעדן טאָג און נאַכט.

צענדליקער מאָל הייסט ער מיך אָנרופן די נעמען פון די מיט וועמען כ׳האָב זיך באַגעגנט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. פון מידקייט און נערוועזיטעט פאַרגעס איך און לאָז אַדורך נעמען. ער כאַפּט זיך אָן דערין ווי אַ באַווייז אַז כ׳זאָג ליגן. ער פרווט פאַנאַנדערבלאָזן סתירות וואָס עקזיסטירן גאָרנישט. איך וויל זייער שלאָפן. אין די לעצטע צוויי וואָכן בין איך גאָר ווייניק געשלאָפן. די פיס טוען וויי. איך בין הונגעריק. פאַרן חטא פון דערמאָנען זאַפּאָטאָצקיס נאָמען כאַפּ איך אַריין קלעפּ און זידלערייען.

ער גייט איבער אין פראָנטאַלן אָנגריף:

— פאַרוואָס פאַרפעלט איר עקשנותדיק דעם נאָמען פון סלאַנסקי? אונדז איז באַוווּסט, אַז איר האָט זיך אָפט מיט אים געטראָפן. פאַראַן דאָ ביי מיר — ער וויזט אָן אויף אַ טעקע מיט אַקטן וואָס ליגן אויפן טיש — אַ רשימה פון אַלע אייערע צוזאַמענטרעפן מיט סלאַנסקין. אויך סלאַנסקי גופא באַשטעטיקט דאָס. פאַרוואָס באַהאַלט איר עס אויס פאַר אונדז? דאָס וועט אייך נישט נוצן.

— איך קען נישט סלאַנסקין. כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געטראָפן.

— אַ ליגן. איר האָט זיך מיט אים יאָ געטראָפן, און נישט איינמאָל. איר האָט פאַרמיטלט צווישן אים און די פייַנד פון אונדזער מדינה וואָס אין אויסלאַנד. איר האָט באַלאַנגט צו זיין פאַרעטערישער כנופיה. דערציילט אונדז וועגן די באַגעגענישן מיט סלאַנסקין.

— כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געזען מיט סלאַנסקין. איך קען אים בכלל נישט.

און ווידער הייבט זיך אָן די שפּיל וואָס האָט נישט אירס גלייכן אויף צו פּליקן די נערוון. „דערציילט אונדז וועגן די באַגעגענישן מיט סלאַנסקין". איך ענטפער: „איך קען נישט סלאַנסקין. כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געזען מיט אים".

ער חזרט איבער זיין פראַגע און איך ענטפער — צען מאָל. הונדערט מאָל. ער זיצט זיך בנחת. איך שטיי אויף אַכטונג. איך שאָקל זיך אַהין און צוריק. דאָס ציט זיך לאַנגע שעהן. דער אויספאָרשער קוקט אין די אַקטן.

וואָס ווילן זיי פון מיר, די דאָזיקע סאַדיסטן? איך קען נישט סלאַנסקין און כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געזען. נאָר זיי פאָדערן כ׳זאָל דערציילן וועגן מיינע צוזאמענטרעפן מיט אים. אמת, כ׳דערמאָן זיך, אַז בעת מיין ערשטן באַזוך אין טשעכאָסלאָוואַקיע נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1945/6, האָב איך געהאַט בדעה מיט אים זיך צו טרעפן און שמועסן וועגן ארץ־ישראל־ענינים. נאָר מיינע פּאַרטיי־חברים אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס איז נישט כדאי. אַז ער איז אַ געשוואָירענער שונא פון ציוניזם. אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט אויף וועלכן ס׳איז פּאָזיטיוון רעזולטאַט פון אַ געשפּרעך מיט אים. דערפאַר האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן קלעמענטיסן, וואָס איז דעמאָלט געווען אונטערשטאַטס־סעקרעטאַר פאַר אויסערן־ענינים, דאָס הייסט, דער פאַקטישער פאַרטרעטער פון אויסערן־מיניסטער יאַן מאַסאַריק. כ׳האָב בכלל נישט פּרובירט אַנצוקומען צו סלאַנסקין. די איינגעשפּאַרטקייט פון מיינע אויספאָרשער אַרויסצובאַקומען ביי מיר אַ ווידוי וועגן פאַרבינדונגען מיט סלאַנסקין — האָט אַ קלאָרע באַדייטונג. אַ גאָר האַרבע. קאָן געמאָלט זיין אַז זיי וועלן פאַר מיר ברענגען סלאַנסקין — אַזוי ווי זיי האָבן פאַר מיר געברענגט אַנדרעי אָראַטש — און ער וועט מיר זאָגן אין פּנים אַריין, אַז מיר קענען איינער דעם צווייטן? אָט האָט מען דאָך מיר איצט נאָך עפּעס געגעבן אָנצוגעהערן: אַז איך האָב כלומרשט פאַרמיטלט צווישן סלאַנסקין און די אויסלענדישע שונאים פון טשעכאָסלאָוואַקיע. צו וואָס צילן זיי? צום מערב? צו טיטאָן? ווייזט אויס אַז צו טיטאָן. אויב זיי ווילן עמעצן ליקווידירן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, פאַרוואַנדלט מען אים פריער אין אַ טיטאָיסט. ווי אין דעם פּראָצעס קעגן לאַשלאָ ראַיק אין אונגאַרן. אָבער וואָס ווילן זיי פון מיר? וועלן זיי פון מיר מאַכן דעם פאַרבינדלער צווישן סלאַנסקין און טיטאָן? קאָן געמאָלט זיין אַזאַ טייוולאַניש־מאַקיאַוועליסטישע פאַרשווערונג?

דער אויספאָרשער קוקט ווייטער אין די אַקטן, וואָס אַנטהאַלטן כלומרשטע איינצלהייטן וועגן מיינע באַגעגענישן מיט סלאַנסקין.

ער פאַרענדיקט זיין לייענען און שטעלט מיר ווידער זיין פראַגע. אַנצאָליקע מאָל. איך, ווי דער שטייגער, ענטפער.

צום סוף וואַרפֿט ער מיר צו עטלעכע זידלערייען און שיקט מיך אַוועק פֿון זיך.

מיין שכן אין קאַמער איז היינט אומעטיק. בדרך כלל האָט ער געהאַט אַ גוטע שטימונג פֿון ערשטן טאָג פֿון אונדזער שכנהשאַפֿט. הגם די קעלט און הונגער האָבן אים דערקוטשעט אַזױווי מיר. נאָר די אויסזיכטן פֿון דער נאָענטער באַפֿרייונג האָט אים אַריינגעברענגט אין אַ גוטער שטימונג. היינט איז ער דערדריקט. אויך ער איז צוריקגעקומען פֿון דער אויספֿאָר־שונג.

ער דערציילט מיר וואָס ס׳האָט פּאַסירט. זיין לאַגע קאָמפּליצירט זיך אויף אַן איבעראַשנדיקן אופֿן. ס׳האָט זיך עפּעס וואָס אַנטפּלעקט, וואָס קאָן האַרבער מאַכן זיין לאַגע. אַ מעשה מיט אַ שפּילצייג־באַן וואָס ער האָט צו־וויפֿגעשטעלט פֿאַר אַ קינד פֿון זיין באַקאַנטן. בעצם האָט ער צוגעפּאַסט דאָס לאָקאָמאָטיוול צו באַוועגן זיך אויף בענזין. ער האָט דאָרט אַריינגע־שטעלט אַ קליין ברען־מאָטאָרל. איצט האָט זיך אַנטדעקט אַ מאָדנע זאַך. אין ראַיאָן פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקיש־עסטרייכישער גרענעץ איז דאָס דאָזיקע שפּילצייג־באַנדעלע ממש געכאַפּט געוואָרן ביי דער האַנט. די פּאָ־ליציי האָט אַנטדעקט, אַז די דאָזיקע „באַן״ ווערט אויסגענוצט דורך אַ גרופּע פּויערים אויף צו שמוגלען גאָלד, וואַלוטע, דאָקומענטן און בריוו פֿון טשע־כאָסלאָוואַקיע קיין עסטרייך. וויאַזוי? זי איז געווען טעטיק אין אַ „קאַריטע״ פֿון אַ ברייטן קאַנאַל פֿון רעגן־וואַסער, מיט וועלכן מ׳האָט זיך שוין נישט באַנוצט. דער דאָזיקער קאַנאַל האָט זיך אָנגעהויבן אין הויף פֿון אַ טשעכישן פּויער אויף דער זייט גרענעץ און זיך געענדיקט אין הויף פֿון עסטרייכישן פּויער אויף יענער זייט גרענעץ. דער קאַנאַל האָט זיך געפֿונען אונטער דער ערד. די שמוגלער־באַנדע איז אַ געמישטע. דער רוב טשעכן זענען געכאַפּט געוואָרן — מיין שכן קען פֿיל פֿון זיי. אויך די „באַן״ געפֿינט זיך אין די הענט פֿון דער פּאָליציי. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אינעם קאַנאַל זענען אַוועק־געלייגט געוואָרן „באַן־רעלסן״. אַלץ איז געווען וווּנדערבאַר אָרגאַניזירט. עלעקטרישע ליכט־סיגנאַלן האָבן אָנגעזאָגט דער עסטרייכישער „סטאַציע״, אַז די „באַן״ גייט אַרויס פֿון דער טשעכישער „סטאַציע״. און אַזוי אויך — פֿאַרקערט. די פּויערים האָבן דערציילט דער פּאָליציי, אַז ער, מיין שכן, האָט צוזאַמענגעשטעלט „די באַן״. זיי האָבן זיך אויך מודה געווען, אַז זיי האָבן איבערגעפֿירט גאָלד און וואַלוטע אין ווערט פֿון פֿיל מיליאָנען.

אויך טענהט די פּאָליציי, אַז אַ גרופּע פון דער אונטערערד און שפּיאָנען האָבן אויסגענוצט „די באַן" פאַר זייערע באַדערפענישן.

מיין שכן האָט אַ פאַרדאַכט, אַז מען וועט אים אַריינפּלאָנטערן אין דעם ענין, וואָס וועט דעפינירט ווערן מיט פּאַראַגראַפן פון שפּיאָנאַזש און מלוכה־פאַראַט. איך האָב נישט קיין צוטרוי צו זיינע רייד. איך בין חושד, אַז ער האָט אויסגעצייכנט געוווסט פאַר וועלכן צוועק ער האָט צוזאַמענגע־שטעלט אַ בענזין־מאָטאָר פאַרן לאָקאָמאָטיוו פון דער „שפּילצייג־באַן". איך נעם נישט אָן, אַז ער האָט דאָס געטאָן אויס נאַיווקייט און נישט פאַר באַלוינונג.

מיין שכן איז פאַרזונקען אין שווערע מחשבות. נישט אויף זיין שטיי־גער, אינטערעסירט אים נישט היינט צו וויסן וואָס האָט פּאַסירט „אויבן", דאָס הייסט, אין גאַנג פון מיין אויספאָרשונג. צי כ'האָב אַריינגעכאַפּט קלעפּ, באַליידיקונגען. וואָס מען וויל פון מיר. היינט איז ער פאַרטיפט אין געדאַנ־קען איבער זיך, זיינע אויסזיכטן, זיין גורל.

ביידע שפּאַצירן מיר אין קאַמער. ביידע שווייגן מיר. ער איז זיך מתבודד מיט זיינע צרות. איך — מיט מיינע.

דעם רוב נאַכט איז זיך מיט מיר מטפּל דער דריטער אויספאָר־שער. נישט ווי אַנדערע, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ נייעם אין פאַך. קאָן זיין, אַז ער האָט ערשט פאַרענדיקט אַ קורס פאַר סאַדיסטישע פאָרש־סיסטעמען. ער נייטיקט זיך איצט אין וועמענס באַרד, כדי אויף איר צו לערנען שערן ווי עס דאַרף צו זיין. ער איז אַמאָל געזעסן אויף איינער פון מיינע אויספאָרשונגען, געפירט דורכן שטענדיקן אויספאָרשער. אָן שוועריקייטן פיל איך אַרויס, אַז ער קען נישט מיין ענין אין גאַנצן פאַרנעם. ווייזט אויס, אַז מ'האָט אים אָנגעהאָנגען אַ טיילוויַזע און זייער באַגרענעצטע אויפגאַבע: כסדר מיך באַשעפטיקן אין די מיינסטע שעהן. איין נאַכט נאָך דער אַנדערער. באַשעפטיקן מיך מיט איין־און־איינציקער פראַגע: דערציילן וועגן באַגעגענישן מיט רודאָלף סלאַנסקי. ער וואַגט אויך נישט אַריינקריכן אין שטח פון אַנדערע פראַגן. ער וואַגט נאָך נישט באַנוצן זיך מיט זיינע פויסטן. טיילמאָל אָבער הייבט ער אויף די פויסט צוליב דראָונג. און ער טוט דאָס מיט וואַקלעניש. ביז איצט האָט ער נאָך נישט געלערנט וויאַזוי אַראָפּלאָזן זיין פויסט אויף מיין שאַרבן.

קיין ספק, ער איז אַן אויספאָרשער־פּראַקטיקאַנט. אַ לערנייִנגל. ווייזט אויס, אַז ס'איז נישט אַזוי פּשוט צו פאַרוואַנדלען אַן ערלעכן

פאַבריקס־אַרבעטער אין אַ סאַדיסטיש באַשעפעניש. נישט לייכט איז פון אַ מענטש, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ רעזשים פון סאָציאַליסטישער בויונג, צונעמען דאָס געוויסן און מאַכן פון אים אַ געצייג צו פייניקן אַנדערע. איך זאָג וואָגט ער מיך: זידלען. די דאָזיקע תורה האָט ער שוין געלערנט.

איך פאַרשטיי, אַז מען האָט אויף אים נישט אַרויפגעלייגט די אויפ־גאַבע אַרויסצובאַקומען פון מיר אַ ווידוי. ער דאַרף מיך נאָר באַשעפטיקן, נישט לאָזן מיך שלאָפן. דערמעגלעכן זיי, די צוויי אַנדערע אויספאָרשער, צו שלאָפן און אָנזאַמלען כוח צומאַרגנס זיך מטפל זיין מיט מיר. ער דאַרף אָפּשוואַכן מיינע כוחות, כדי מיך צוגרייטן צו דער ווידוי.

כמעט אַ גאַנצע נאַכט שטעלט ער מיר די איינע פראַגע. ער פרעגט ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל. ביז איצט ווייסט ער נישט די פייניקנדיקע קראַפט פון אַ פראַגע וואָס ווערט געשטעלט אומצאָליקע מאָל, אָנעם ענדערן דאָס קול און דעם טעמפּאָ און מיט די זעלבע ווערטער. ער באַאַרבט זיין פראַגע מיט זידלערייען. און איך ענטפער, נישט ענדערנדיק די ווערטער, דאָס קול און טעמפּאָ: — איך קען נישט סלאַנסקין. — איך שטעל פעסט צו מיין איבעראַשונג, אַז מיין ענטפער מאַכט אים מיד, דענערווירט, רעגט אים אויף.

איך בין וואַכזאַם ווי אַ סאָווע ביינאַכט. מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג זענען מיינע אויגן ברייט צעעפנט; נישט געבן אים קיין אויסרייד צו גיסן אויף מיר קאַלט וואַסער. פונדעסטוועגן וואָרנט ער מיך פון צייט צו צייט נישט צו שלאָפן.

ער דרימלט עס איין פון מאָל צו מאָל און וועקט זיך איבער׳ — אַ פאַרלוירענער און עטוואָס אַ פאַרשעמטער.

אָרעם לערניינגל. ביז איצט האָט ער נאָך נישט געלערנט די תורה פון נאַכט־אויספאָרשונגען.

ער איז מיד. ער הערט אויף פרעגן. ער פאַרשטייט, אַז דאָס האָט נישט קיין צוועק. ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די לעצטע רעשטלעך פון איינגעדרימלטקייט. ער הייבט אָן שפּאַצירן איבערן צימער. סטאַלין און גאָטוואַלד באַגלייטן פון די ווענט די מידע טריט פונעם פּראַקטיצירנדיקן אויספאָרשער. זיי קוקן אויך אויף מיר, דעם קרבן פון דעם דאָזיקן גרינעם אויספאָרשער.

דער הימל אינדרויסן ווערט בלייך. אַן אָנזאָג פון נאָענטן מאָרגן־ליכט. נאָך אַ שעה וועט זיך הערן דער פרימאָרגן־קלונג. און דאַן וועל איך דאַרפן — אויב כ׳וועל דערגיין צו דער קאַמער — זיך אויפוועקן גלייך מיט אַלע, וואָס זענען געשלאָפן ביינאַכט. כ׳בין אָבער נישט דער איינציקער. אין משך פון דער גאַנצער נאַכט דערגייען צו מיינע אויערן טויבע אָפּקלאַנגען פון די אויספאָרשערס געשרייען אין די דערבייאיקע פאָרש־צימערן. זיי איזדיעקעווען זיך דאָרט איבער זייערע קרבנות.

דער אויספאָרשער קוקט יעדע פּאָר מינוט אויפן זייגער. דאָס קוקן איז נערוועז. אוודאי וויל אויך ער שלאָפן. מסתמא דאַרף ער מיך באַשעפטיקן ביז אַ באַשטימטער שעה.

ער קערט מיך צוריק אין קאַמער. היינטיקע נאַכט האָט מען אויף מיר נישט געגאָסן קיין וואַסער. כ׳וועל דעריבער קאָנען אַביסל שלאָפן.

פאַרמיטאָג. איך בין ווידער אין דער באַהאַנדלונג פון דעם אויספאָרשער.

— אין דער פראַגע פון אייערע פאַרבינדונגען מיט סלאַנסקין האַלט איר זיך אַלץ ביי אייער עקשנות. מיר וועלן זיך מיט אייך נישט שפּילן. מיר וועלן אייך ביידע קאָנפראָנטירן און ענדיקן דעם ענין. פונקט ווי מיר האָבן דורך אַ קאָנפראָנטאַציע געענדיקט מיט דער פראַגע פון דער כלומרשטער רעוואָלוציאָנערישקייט פון מפ״ם. ווידער וועלן מיר אייך דעמאַסקירן אַלס ליגנער וואָס שעדיקט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער אויס־פאָרשונג. איצט וועלן מיר איבערגיין צו אַן אַנדערן ענין. ווען מיר האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער געשיכטע פון אייער פּאָליטישער טעטיקייט, האָט איר דערמאָנט אייער שליחות קיין דייטשלאַנד בעת דער נאַצישער הערשאַפט. דערציילט אונדז אויספירלעך אייער טעטיקייט אין דייטשלאַנד: דאָטעס, דער ציל פון דער שליחות, כאַראַקטער פון דער טעטיקייט אדג״ל.

איך דערצייל וועגן מיין שליחות אין דייטשלאַנד אין די יאָרן 1934/35. דער אויספאָרשער אינסטרואירט מיך דורך אַ סך פראַגן אין פאַרלויף פון דער דערציילונג.

מרדכי אורן

מיין באַקאַנטשאַפט מיט... הימלערן

אָנהויב 1934 בין איך פון ארץ־ישראל געשיקט געוואָרן קיין דייטש־לאַנד. געשיקט האָט מיך די הויפּט־אָנפירונג פון אונדזער וועלט־באַוועגונג. ווי אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער און קאָנטינענטן, האָבן מיר דאָרט געהאַט אַ דערציִערישע באַוועגונג פון „השומר הצעיר". כ'בין געווען טעטיק אין דער דאָזיקער באַוועגונג. אין ארץ־ישראל האָבן מיר פאָרויסגעפילט די קאַטאַסטראָפע וואָס דערוואַרט דאָס דייטשישע יידנטום ביי דער נאַצי־הערשאַפט. די טענדענץ פון אַלע ציוניסטישע באַוועגונגען און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל איז געווען — צו ראַטעווען דעם יידישן קיבוץ אין דייטשלאַנד פון דער זיך דערנענטערנדיקער קאַטאַסטראָפע, דורך פאָרסירן עליה קיין ארץ־ישראל. איך בין געווען טעטיק אין אונדזער באַוועגונג און אין דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען דערוואַקסענע יוגנט פון אַלע דערציִערישע אָרגאַניזאַציעס. כ'האָב געווירקט אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט און אידעאָלאָגישער אינסטרוקציע. כ'בין אַרומגעפאָרן איבער דייטשישע שטעט און געטאָן דאָס בעסטע אויף צו אָרגאַניזירן די יידישע יוגנט אין דער ראַם פון אונדזער באַוועגונג און פון דער חלוצישער באַוועגונג. אונדזער דערציונג איז געווען נישט בלויז פאַר עליה קיין ארץ־ישראל, נאָר אויך גרייטן צום לעבן אין קיבוץ. די טעטיקייט אין דעם גייסט איז אין די באַדינגונגען פון היטלערס הערשאַפט נישט געווען קיין לייכטע. די סאָציאַליסטישע דערציונג־אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין באַדינגונגען פון אונטערערד. זייענדיק טעטיק אויך אויף דעם געביט, האָב איך אין דער דייטשישער שפּראַך פאַרעפנטלעכט צוויי אויפ־קלער־בראָשורן: איינע וועגן דער קיבוצישער באַוועגונג אין ארץ־ישראל און איינע קעגן דער געפאַר פון פאַשיזם אין ארץ־ישראל (אין דער תקופה פון אויפשטייג פון רעוויזיאָניזם אין ארץ־ישראל און אין די גלות־לענדער). ביים שרייבן די צווייטע בראָשור, האָב איך זיך געמוזט באַנוצן מיט אַ פאַרמאַסקירטער סאָציאַליסטישער טערמינאָלאָגיע. אַ יאָר שפּעטער איז געקומען קיין דייטשלאַנד מיין פרוי און אויך זי האָט זיך באַטייליקט אין דער דערציִערישער טעטיקייט. נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר (הערבסט 1935), בין איך אויסגעוויזן געוואָרן פון דייטשלאַנד — נישט אָנגעבנדיק קיין מאָטיוון. שפּעטער האָבן אַנדערע ארץ־ישראלדיקע שליחים מיר אויפגע־

קלערט די סיבות פון דעם אויסוויז. אין דער רעוויזיאָניסטישער צייטונג אין דייטשלאַנד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל איבער מיין בראָשור און דאָרט איז אַרויסגעבערענגט געוואָרן שטוינונג, וואָס אין דייטשלאַנד איז טעטיק אַן ארץ־ישראלדיקער שליח „וואָס פאַרסמט די נשמה פון דער יידישער יוגנט מיט מאַרקסיסטישע פּרינציפּן". מיין פרוי איז נישט פאַר־טריבן געוואָרן. איר פּאַספּאָרט איז נאָך דעמאָלט געווען אויסגעשטעלט אויפן פאַמיליע־נאָמען פון איר פאָטער.

כ'האָב דעמאָלט פאַרבראַכט אייניקע וואָכן אין שווייץ און טשעכאָ־סלאָוואַקיע. און לויט די אָנווייזונגען פון די פּאַרטייאישע אינסטאַנצן האָב איך געמאַכט אַלע באַמיונגען צו באַקומען אַ באַנייטע אַריינפאָר־דערלויבע־ניש קיין דייטשלאַנד. ס'איז אָבער דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. פונ־דעסטוועגן בין איך געקומען קיין בערלין — אָן אַ וויזע — כדי צו זיין אָנוועזנדיק אויף דער קאָנפערענץ פון „החלוץ". אין אַ טאָג אַרום בין איך געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד לויט דער עצה פון מיינע חברים, וועלכע האָבן געזאָרגט, טאָמער וועלן מיך אַנטפּלעקן די געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער קאָנפערענץ. כ'בין געפאָרן קיין פּוילן באַזוכן מיינע עלטערן. פון דאָרט בין איך אַוועק קיין ענגלאַנד, אויף דער איינלאַדונג פון מיינע קרובים. אויפן וועג קיין ענגלאַנד האָב איך באַזוכט דייטשלאַנד, אויפן סמך פון אַ וויזע וואָס כ'האָב באַקומען אַלס זשורנאַליסט וואָס פאָרט צו דער לייפּציגער אויסשטעלונג.

דער אויספאָרשער הייבט אָן פרעגן: — אייך איז באַוווּסט, אַז היטלער האָט אויפגעלייזט אַלע אַנטי־פאַשיסטישע פּאַרטייען, אַלע סאָציאַ־ליסטישע און קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַלע ליבעראַלע אָרגאַניזאַציעס. עס פאַרווּנדערט דער פאַקט, אַז פונדעסטוועגן האָט ער דערלויבט עקזיס־טירן ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס מיינט, אַז ס'איז געווען אַן אידעישע נאָענטקייט צווישן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און דעם ציוניזם, ווייל זיי זענען ביידע געווען די אויסדריקער פון איין זאַך וואָס הייסט נאַציאָנאַליזם. נישט אַזוי? —

— אומבאַדינגט נישט. דאָס פאַרקערטע איז ריכטיק. ס'איז זיך נישט פאַרצושטעלן קיין מער גרונטיקן אונטערשייד ווי צווישן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און דעם ציוניזם, וואָס איז די רענעסאַנס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. אין דער אונטערשטער שורה איז פאַר דער גאַנצער וועלט דעמאָנ־

סטרירט געוואָרן דער דאָזיקער תהומיקער אונטערשיד אויפן סאַמע טראַגישסטן אופן. ———— נישטאָ נאָך ווער, וואָס זאָל מערער האַסן דעם היטלעריזם ווי די זין פון ייִדישן פאָלק. כמעט יעדער ייִד אין אַלע טיילן וועלט באַווייַנט דעם אומקום פון זייַנע משפחה־מיטגלידער, נאָענטע צי וויַיטע, וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַציס. אויך מיין משפחה, וואָס איז פאַרבליבן אין פוילן, איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. ————

די גאַנצע וועלט האָט אָנערקענט דעם דאָזיקן אָפּגרונט־טיפֿן קעגנזאַץ צווישן נאַציזם און דעם ייִדישן פאָלק און זיין נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג. די וועלט־כוחות, וואָס האָבן צעקלאַפּט דעם היטלעריזם, האָבן געהאָלפן דעם ייִדישן פאָלק פאַרלייגן דעם מלוכהשן יסוד פאַר זיין נאַציאָנאַלן אויפקום. וואָלט די ציוניסטישע באַוועגונג געווען מיט עפּעס נאָענט צום נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, אַזוי ווי איר טענה׳ט — וואָלט דער ראַטנפאַרבאַנד זיכער נישט געווען געשטיצט די רעאַליזירונג פון דער צענטראַלער פאָדערונג פונעם ציוניזם: אויפשטעלן מדינת ישראל. קיין ספק, אַז ער וואָלט זיך נישט געאײַלט דערלאַנגען איר די פולע פּאָליטישע און ממשותדיקע הילף (געווער פון אייער לאַנד) אין דעם באַפרייונגס־קריג קעגן די אַראַבישע לענדער, וואָס זענען אַרײַנגעדרינגען כדי זי פאַרניכטן. —

— פּראָוואָצירט מיך נישט און קערט זיך נישט אום צום ענין פון אייער כלומרשטער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה און דער שטיצע פון ראַטנפאַרבאַנד. מיט דעם דאָזיקן ענין האָבן מיר געענדיקט. דאָס איז געווען אַן אימפּעריאַליסטישע קאָמעדיע. קיין שום געווער האָט איר פון אונדז נישט באַקומען (אויב איר וועט נישט אויפהערן מיט אייער פּראָוואָקאַטיוו געלעכטער, גייט איר ווידער אין קאַרצער!). איר דאַרפט זיך האַלטן נאָר אין שטח פון די פראַגן אין וועלכע איר ווערט געפֿאָרשט און נישט שווימען אין אַנדערע טעמעס. מיר פאַרנעמען זיך איצט מיט אייער טעטיקייט אין דייטשלאַנד. איר רעדט וועגן דעם קעגנזאַץ צווישן ציוניזם און נאַציזם. פאַרוואָס האָבן די נאַציס דערלויבט פירן ציוניסטישע טעטיקייט? פאַרוואָס האָבן זיי אייך און נאָך ייִדן פון ארץ־ישראל דערלויבט צו קומען קיין דייטשלאַנד? פאַרוואָס האָבן זיי אייך דערלויבט צו זיין טעטיק אין דייטשלאַנד? דאָס זאָגט עדות נישט אויף אַ תהומיקן קעגנזאַץ, נאָר אויף נאָענטקייט, פריינדשאַפט.

— אַבסאָלוט נישט. די נאַציס האָבן די גאַנצע צייט — נאָך פאַר זייער קומען צו דער מאַכט — געפירט אַ גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדישן

פֿאָלק, אויך לויט זייער ראַסיסטישער טעאָריע און אויך ווייל זיי האָבן געזען דאָס יידישע פֿאָלק אַלס טרעגער פון פּראָגרעסיווע און סאָציאַליס־טישע אידעען („יידישער מאַרקסיזם", „יודעאָ־קאָמונא"). נאָר אין דער ערשטער תקופה פון זיין הערשאַפט אין דייטשלאַנד איז היטלער נאָך געזעסן אין דער פעלקער־ליגע. זיין פּראַקטישע פּאָליטיק לגבי די דייטשישע יידן איז נאָך נישט געווען פאַרניכטונג, נאָר דערוויטערן זיי פון אַלע שטחים פון לעבן און טעטיקייט אין דייטשלאַנד. פון דעם שטאַנדפּונקט איז ער געווען פאַראינטערעסירט אינעם אַרויספאָר פון יידן פון דייטשלאַנד אין אַלע ערטער אין דער וועלט. דערפאַר איז דערלויבט געוואָרן די ציוניסטישע טעטיקייט, ווייל זי האָט אָרגאַניזירט די עליה פון דייטשישע יידן קיין ארץ־ישראל. אַדאַנק דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַן אַנטשיידנדיקער טייל יידן פון דייטשלאַנד. די וואָס האָבן נישט פאַרלאָזן דייטשלאַנד, זענען דערנאָך אין זייער אַנטשיידנדיקער מערהייט פאַרניכטעט געוואָרן. און מיט זיי — גאַנצע יידישע קיבוצים פון אַנדערע לענדער, וואָס היטלער האָט פאַרכאַפּט. —

— איר פּרוווט אונדז ווידער באַשווינדלען. אויך איר ווייסט אויס־געצייכנט, אַז ס'איז געווען אַ נאָענטקייט פון אידעען און הערצער צווישן דעם נאַציזם און דעם ציוניזם. און דעסגלייכן ווייסט איר, זייענדיק זייער באַהאַוונט אין דער פאַרבאָרגענער פּאָליטיק פון ציוניזם און אין די באַשלוסן פון געהיימע קאָנגרעסן, אַז ס'איז געווען אַ הסכם צווישן היטלערן און דעם ציוניזם. לויט דעם דאָזיקן הסכם, האָבן יידן וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל, באַדאַרפט באַנען אַ וועג פאַרן אַריינדרינגען פון דער נאַצישער השפעה אין די לענדער פון נאָענטן מזרח. —

— דאָס אַלץ זענען נאַרישקייטן.

דער אויספאָרשער נעמט פּלייצן מיט זידלערייען.

— איר האָט געזאָגט, אַז די נאַצים האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען יידן, דאָס איז אַ שווינדל, וועלכן די ציוניסטן האָבן אויסגעטראַכט צוליב פּראָפּאַגאַנדע. איר ווייסט גוט, אַז דער אמת איז אַן אַנדערער. נישט די נאַצים זענען שולדיק אין זייער אומקום. די ציוניסטן — גענויער: די ציוניסטישע בורזשואַזיע — זי האָט גורם געווען צום אומקום פון מיליאָ־נען יידן. זי האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די יידן וואָס זענען נישט קיין ציוניסטן און פון די אָרעמע יידן, די אַרבעטנדיקע עלעמענטן. אַזוי ווי איר

זענט אַ ציוניסט און אַ שותף צו דער דאָזיקער שווערער אחריות, וועט איר עס אָן שום ספק אָפּלייקענען.

— נישט נאָר איך לייקן עס. איך שטעל פעסט, אַז דאָס איז אַן אַנטיסעמיטישער בלבול, וואָס איז אפילו נישט ווערט קיין אָפּלייקענונג. עס איז דערשינען אַ ריזיקע ליטעראַטור וועגן די שווידערלעכקייטן פון די נאַציס. איך האָב נישט געלייענט קיין איין בוך, קיין איין בראָשור, אפילו קיין איין אַרטיקל, וואָס זאָל אַנטהאַלטן די דאָזיקע נאַרישע ווערסיע, אַז די יידן אָדער די ציוניסטן — און נישט די נאַציס — זענען שולדיק אין פאַרטיליקן מיליאָנען יידן. איך בין געווען אויפן מיליטערישן פּראָ־צעס אין נירנבערג און געהערט די רעדע פון סאָוויעטישן פּראָקוראָר. ער האָט געשטעמפּלט דעם נאַציזם אויף פאַרן מאָרדן מיליאָנען יידן. איך אידענטיפיציר זיך מיט אים און נישט מיט אייך. מיר שיינט, אַז אויך אויף דעם געביט איז ער מער קאָמפּעטענט פון אייך.

— יאָ, די ליגנערישע יידישע פּראָפּאַגאַנדע האָט ביסלעכווייז מצליח געווען צו צעטומלען די מוחות פון די מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט. איר, אַזויווי איך, ווייסן דעם אמת ווער עס איז אין דער אמתן שולדיק אינעם ליקווידירן די יידן. נאָר לאָמיר איבערגיין צו פּראַקטישע ענינים. איר זענט אַנדערטהאַלבן יאָר געווען אין דייטשלאַנד. בעת אייערע באַזוכן ביי אונדז האָט איר זיך געטראָפן מיט אַ גאַנצער ריי פּאָליטיקער. אויך אין דייטשלאַנד האָט איר זיך געטראָפן מיט פאַרשידענע פּאָליטיקער. אונדז איז באַוווסט, אַז איר האָט אָנגעהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיט הימלערן, דעם שעף פון געסטאַפּאָ און דעם הענקער פון אַרבעטער. ווער זענען דאָס די אַנדערע מנהיגים מיט וועלכע איר זענט געווען אין פאַרבינדונג ?

איך בין געפּלעפט. עס האָט ביי מיר אָפּגענומען דאָס לשון.

דער דאָזיקער בלבול מאַכט קלאָר ווו ער צילט. ער וויל מיך דער־פירן צום „מודה זיין", אַז בעת מיין זיין אין דייטשלאַנד, האָב איך מיטגע־אַרבעט מיט די פירער פון נאַציזם, די קאָמאַנדירן פון געסטאַפּאָ, די פאַר־טיליקער פון יידן און תלינים פון די אַרבעטער. ער וויל באַווייזן, אַז דער ציוניזם האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן נאַציזם. אַז דער ציוניזם איז אַ שותף צו דער אחריות פאַר די נאַצישע שווידערלעכקייטן אין אייראָפּע. אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאַרניכטן מיליאָנען יידן. פון דער צווייטער זייט איז ער פאַראינטערעסירט פעסטצושטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן מיר

און הימלערן, כדי באַשמוצן דעם ציוניזם און אויך כדי פּאַרמיאוסן סלאַנס־קין, וויל ער דאָך אויך פעסטשטעלן מיין צוזאַמענאַרבעט מיט סלאַנסקין. ווי וויט וועט דערגיין די געפאַלנקייט פון די דאָזיקע געוויסנלאָזע אויס־פאָרשער? איז נישטאָ קיין צוים פאַר זייערע פינצטערע אינטריגעס?

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט אויף דער פראַגע? — וועקט מיך אויף דער אויספאָרשער פון מיין געפּלעפטקייט.

— הערנדיק אַזעלכע רייד, האָב איך נישט וואָס צו זאָגן. במשך דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין דייטשלאַנד האָב איך זיך נישט געטראָפן מיט קיין איינעם פון די נאַצי־גדולים, נישט מיט הימלערן און נישט מיט עמעצן אַנדערש פון דער דאָזיקער כנופיה.

— איר זאָגט ליגן. אונדז איז באַוווּסט, אַז ציוניסטישע מנהיגים — מיט ד״ר ווייצמאַן בראש, האָבן אויף פאַרשידענע געביטן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס. אייער פּראָפּאַגאַנדע וויל פאַרווישן און פאַרבאַהאַלטן די דאָזיקע זאַך. איר זענט געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט הימלערן, דעם שעף פון געסטאַפּאָ. מיר ווייסן וועגן אַלע אייערע באַגעגענישן מיט אים. מיר וועלן אייך צווינגען צו אַנטפּלעקן אַלע פרטים. די וועלט דאַרף עס וויסן. די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט דאַרף דערקענען דעם אמת וועגן ציוניזם. דערציילט וועגן אייערע באַגעגענישן מיט הימלערן.

כ׳בין אינגאַנצן אויפגערודערט. מיין קערפּער ציטערט. איך האָב מורא כ׳וועל פאַרלירן די שליטה איבער מיר. דער אויספאָרשער האַלט מיך אין איין אונטעריאָגן כ׳זאָל ענטפערן אויף זיין פראַגע. צום סוף ברעך איך אויס אויפן הויכן קול.

— אייערע רייד זענען אַ נידערטרעכטיקער ליגן. איר אַליין ווייסט אַז דאָס איז שקר. אויסער דעם פאָדער איך פון אייך, אַלס אַן אָנגעשטעלטן אינעם רעגירונגס־אַפּאַראַט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, איר זאָלט זיין געוואָרנט פון פוגע בכבוד זיין אינעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל, אַ לאַנד מיט וועלכן טשעכאָסלאָוואַקיע האַלט אָן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען. איך חזר איבער: כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיט אַ נאַצישן גדול. ציוניס־טישע אויטאָריטעטן האָבן קיינמאָל נישט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די נאַציס, די פאַרטיליקער פון זייער פאָלק. ציוניסטן האָבן געקעמפט פאַר אַרויס־ראַטעווען יידן פון די נאַציסטישע נעגל. עס זענען געווען טרויעריק־באַ־רימטע מיטאַרבעטער מיט די נאַציס צווישן פאַרשידענע פעלקער: פאַר־שידענערליי קוויסלינגס, ביי אונדז זענען נישט געווען קיין קוויסלינגס.

אויך פון אייך זענען אַרויסגעקומען באַוווּסטע קוויסלינגס: טיסאָ און פּראָ־פעסאָר האַכאַ, וואָס האָבן טשעכאָסלאָוואַקיע אויסגעליפערט צו היטלערן. טיסאָ און האַכאַ זענען נישט געווען קיין יידן, נאָר טשעכאָסלאָוואַקן. ביי אייך האָט מען נישט אויסגעשאָסן קיין איין קויל, ווען היטלער האָט פאַר־כאַפּט אייער לאַנד. אָבער די יידישע יוגנט אין געטאָ וואַרשע האָט אָרגאַ־ניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן די נאַציס. אַלע אייערע רייד וועגן צוזאַמענ־אַרבעט צווישן ציוניזם און נאַציזם זענען אַ נידערטרעכטיקער בלבול.

דורך די קלעפּ מיט די פויסטן און זידלערייען וואָס לאָזן זיך נישט ברענגען אויפן פּאַפּיר, געלונגט דעם אויספאָרשער צו פאַרשטאָפּן מיר דאָס מויל.

איך קער זיך צוריק אין קאַמער, אַ צעבראָכענער און דערשלאָגע־נער. איך ציטער מיטן גאַנצן קערפּער.

די לעצטע טעג און נעכט שטייען אונטערן צייכן פון צוויי גרויסע קאָמפּלעקסן: מיין באַקאַנטשאַפט מיט סלאַנסקין און מיינע ענגע פאַרבינ־דונגען מיט דעם געסטאַפּאָ־שעף הימלער. זיי ווילן פון מיר אויספּרעסן אַ „הודאה" אין אַ גראָבן ליגן (דאָס קענען זיך מיט סלאַנסקין) און אין אַ נידערטרעכטיקן בלבול (פאַרבינדונגען מיט הימלערן). גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט, צאַפּן זיי מיין בלוט, די מנוולים. אומצייליקע שעהן בין איך גע־צוואונגען צו שטיין אויף אַכטונג. טיילמאָל אַ גאַנצן מעת־לעת. אין הונגער. נאָך נעכט אָן שלאָף אָדער כמעט אָן שלאָף. אָפטמאָל קומט מיר אויס צו שטיין אַ גאַנצע נאַכט אין אַ לוזשע וואַסער — נאָכדעם ווי זיי האָבן אויף מיר געגאָסן שעפלעך וואַסער. אפילו ווען איך שטיי אויף אַכטונג, פאַרמאַכן זיך מיר די אויגן. און אַ גאַנצע נאַכט שטעלט ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל דער סאַדיסט די איינע פראַגע: פאַרוואָס דערציילט איר נישט וועגן אייערע באַגעגענישן מיט סלאַנסקין? אָדער ער פאָדערט: דערציילט אונדז וועגן אייערע פאַרבינדונגען מיט הימלערן?

אַלץ מער און מער באַהערשט מיך איין גרויסער פחד. נישט פאַר די דראָונגען, אַז זיי וועלן אָנווענדן ספּעציעלע מיטלען, כדי פון מיר אַרויס־באַקומען דעם „אמת". זיי גיבן אָנצוהערן וועגן איין פאַרש־מיטל וואָס כ'האָב שוין געהאַט געהערט פון מיין שכן: „אַן עלעקטרישע שטול" — אַ בענקל מיט עלעקטרישער לאַדונג, וואָס דערהרגעט נישט, נאָר איז גורם צום אַרויספאַלן פון די ציין, צום אויסקרימען דאָס פנים און דעסגלייכן.

נישט דאָס וואַרפט אויף מיר אַן אַ פּחד. די מורא וואָס באַהערשט מיך אין די טעג און נעכט, איז אַן אַנדערע: אַז כ׳וועל אַראָפּ פון זינען.

ווענד איך טאַקע אַן אַ ריכטיקע ליניע? האָט אַ טעם אַז איך זאָל זיך ראַנגלען מיט דער מעכטיקער מאַשין פון ליגן, ציניזם און טעראָר? האָט דאָס אַ צוועק? איז פאַראַן אַן אויסזיכט איך זאָל זיגן? כ׳זאָל זיי בייקומען? נישטאָ קיין אויסזיכט. די טעג האָט מען מיך געוויגן. פאַר די דאָזיקע עטלעכע חדשים האָב איך פאַרלוירן ביי 10 קילאָ פון מיין וואָג. וואָס וועט מיט מיר זיין אין נאָך עטלעכע חדשים?

איך מאַך אַדורך טעג און אפילו וואַכן פון גייסטיקער דעפּרעסיע. מרה־שחורה. אָפטמאָל כאַפּ איך זיך אַליין אַלץ מער און מער ביי מיין חטא: אין טראַכטענישן וויאַזוי אַ סוף מאַכן צו מיין לעבן, כדי זיך אויסצולייזן פון מיינע יסורים. אָבער אַלץ איז דאָ באַרעכנט און געבויט אַזוי, אַז דער אַרעסטירטער זאָל זיך נישט קאָנען נעמען דאָס לעבן. דעם בעכער ליידן מוז ער אויסטרינקען ביזן דנאָ. און איצט, די שרעק וואָס לאָזט נישט נאָך: אַז כ׳זאָל אַראָפּ פון זינען, אויב דאָס געשפּענסט פון די אויספאָרשונגען וועט נישט איבערגעריסן ווערן אין קורצן.

איז ריכטיק די ליניע וואָס איך ווענד אָן? איז מיין שכן אין קאַמער נישט גערעכט, אַז אויב זיי וועלן מיך צעברעכן, וועל איך דעמאָלט זיך „מודה זיין" אין אַלץ וואָס זיי וועלן פאַרלאַנגען? אָדער בעסער ראַטעווען דאָס געזונט און נאָכגעבן. קאַפּיטולירן אָדער ראַנגלען זיך מיט זיי, אָן דער אויסזיכט צו זיגן? קאַפּיטולירן פאַר זיי אָדער אַנטקעגן גיין צו משוגעת, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט? דו ביסט אין די הענט פון אויספאָרשער וואָס זיי אַליין זענען וואַנזיניקע חיות. ווי לאַנג קאָן אַ מענטש באַווייזן צו זיין צווישן חיות? וויפל צייט וועסטו קענען אָנגיין מיט נאַרמעס פון מאַראַל דאָרט ווי די מאַראַל ווערט גראָב געטרעטן מיט די פיס? ווי לאַנג וועסטו קאָנען זיין אַן אמת־זאָגער, אַז ביסט אַרומגע־רינגלט מיט מענטשן, וועמענס פּראָפעסיע עס איז אויסצופרעסן פאַלשע ווידויים, וועלכע באַקומען געהאַלט פאַרן אַרויספּרעסן ליגנס פון זייערע קרבנות? זענען אין די דאָזיקע באַדינגונגען גילטיק אויף דיר די זעלבע נאַרמעס מאַראַל, וואָס זענען גילטיק פאַר אַ פרייען מענטש? איז אין די דאָזיקע באַדינגונגען גילטיק אויף דיר דער געבאָט פון זיין טריי צום אמת, אַזוי ווי ער איז חל אויף אַ פרייען מענטש? אדרבה: זיי זיך „מודה" אַז דו קענסט סלאַנסקין. אָבער וואָס וועל איך זאָגן וועגן אינהאַלט פון די

באַגעגענישן מיט אים, וואָס זענען בכלל נישט צושטאַנד געקומען? די אויספאָרשער וועלן שוין אַריינלייגן אין דיין מויל, וואָס ס'איז „געווען" בעת די דאָזיקע נישט פאָרגעקומענע צוזאַמענטרעפן. אָבער וויאַזוי וועל איך זיך קאָנען מודה זיין, אַז כ'בין געשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיט דער געסטאַפּאָ? איז דאָך זייער כוונה נישט נאָר מיך צו באַשמוצן, נאָר דעם ציוניזם, דאָס יידישע פאָלק, אַלס מיטאַרבעטער פון די נאַציס. וויאַזוי וועל איך קאָנען טאָן אַזאַ זאַך? דאָס קומט נישט אין חשבון. און אפשר פאַרט זיך מודה זיין אין דעם? דער ליגן וועט זיין אַזאַ גראַבער, אַז ער וועט זיי אַרונטעררייסן אין די אויגן פון דער עפנטלעכער מיינונג. ער וועט אַנטפּלעקן דער גאַנצער וועלט, אַז דער דאָזיקער ליגן — ווי די אַנדערע — זענען אַ פּרוכט פון צוואַנג און טעראָר. שווער צו אַנטשיידן. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ שווערע אחריות אויף מיינע פּלייצעס, ווי אין די טעג און נעכט. מיינע כוחות — די פיזישע און גייסטיקע — ווערן אַלעמאָל קלענער. זיי ברעכן מיך איין. לאַנגזאַם. אָבער זיי צעברעכן מיך.

דוכט זיך, אַז כ'האָב באַשלאָסן זיך „מודה" צו זיין, אַז איך קען סלאַנסקין, אַז כ'האָב געהאַט מיט אים קאָנטאַקטן. ס'איז מיר אָבער אַוועק־גענומען געוואָרן די פעיקייט צו פאַרווירקלעכן דעם באַשלוס. דאָס מויל בונטעוועט זיך. עס זאָגט זיך אָפּ אַרויסצורעדן אַ ליגן: כ'האָב געקענט סלאַנסקין און בין מיט אים געשטאַנען אין פאַרבינדונגען. און אפשר איז נישט דאָס מויל דער בונטאַר? טאָמער פירט עס אויס דעם באַפעל פון דער העכסטער אינסטאַנץ וואָס הייסט געוויסן, מאָראַל?

איך האַלט זיך נאָך אַלץ ביים מייניקן. די אויספאָרשער — יעדער באַזונדער און לויט זיין סטיל — דראָען מיט אַ קאָנפראָנטאַציע מיט סלאַנסקין. איך זאָג: ביטע.

— און אויב סלאַנסקי וועט אייך זאָגן אין פּנים, אַז איר האָט מיט אים אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען — וועט איר דאָס באַשטעטיקן?

— ניין. אויך דעמאָלט וועט עס נישט זיין אמת. כ'וועל עס נישט באַשטעטיקן.

זיי איילן זיך נישט אַדורכצופירן די קאָנפראָנטאַציע צווישן מיר מיט סלאַנסקין. ווייזט אויס, אַז עס זענען נישט אמת זייערע רייד, אַז סלאַנסקי האָט זיך „מודה" געווען אין אונדזער באַקאַנטשאַפט און אין איינהאַלטן פאַרבינדונגען צווישן אונדז. זיי לאָזן אָבער נישט אָפּ.

— אין קעגנזאַץ צום אמת, טענהט איר, אַז איר קענט נישט סלאַנסקין. וויאַזוי וועט איר דערקלערן די זאַך, אַז גלייך מיט זיין אַרעסט האָט איר זיך באַוויזן אין פּראַג? אונדז איז באַוווּסט, אַז איר האָט אַרויס־געוויזן פיל אינטערעס מיט זיין גורל. זיכער האָט איר געוואָלט עפּעס טאָן, כדי אים באַפרייען. איר האָט געוואָלט פאַרמיידן דאָס אויפדעקן דעם פאַקט, אַז ער איז געווען אַן אַגענט פון ציוניזם אינערהאַלב דער אָנפירונג פון אונדזער פּאַרטיי? איר האָט געוואָלט אויסמיידן דאָס אויפדעקן די סאַבאָטאַזש־אַקטן, מיט וועלכע דער ציוניזם און די ישראל־רעגירונג האָבן זיך באַשעפטיקט דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַררעטער סלאַנסקי און די פון זיין כנופיה? וואָס איז עס, אַז איר זענט געקומען קיין פּראַג גראָד מיט זיין אַרעסט?

— אין די אַלע רייד איז נישטאָ קיין ברעקל אמת. ערשטנס: דער ציל פון מיין רייזע פון ישראל איז בכלל נישט געווען פּראַג, נאָר בערלין. כ׳בין געשיקט געוואָרן — לויט דער איינלאַדונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — צום צוזאַמענקום פונעם ראַט פון דער פעדעראַציע אין בערלין. דער צוזאַמענקום האָט זיך געעפנט אין דער העלפט נאָוועמבער. צווישן מיינע פּאַפּירן וואָס געפינען זיך אין זייערע הענט, קאָנט איר געפינען די טעלעגראַמע פון סעקרעטאַריאַט פון דער פעדעראַציע, אַז מיר דאַרפן פאָרן קיין בערלין דורך פּראַג; אַז אין פּראַג זענען פאַר אונדז אָנגעגרייט וויזעס קיין בערלין, קיין מזרח־דייטשלאַנד. דערפאַר בין איך געווען געצוווּנגען צו פאָרן דורך פּראַג. צווייטנס: נישט איך האָב באַשטימט דעם טערמין פון צוזאַמענקומען זיך פונעם ראַט פון דער פעדעראַציע פּונקט אין דער העלפט נאָוועמבער. ווען איך בין אַרויסגעפאָרן פון ישראל, האָט מיר גאַרנישט געקאָנט איינפאַלן, אַז אין דער צווייטער העלפט נאָוועמבער וועט סלאַנסקי אַרעסטירט ווערן. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פּראַג, האָט סלאַנסקי נאָך אַמטירט אַלס וויצע־פּרעמיער. איך געדענק, אַז מיטן פאַרענדיקן דעם ראַט אין בערלין — פאַר מיין אָפּפאָרן אַהיים — האָב איך אין אַ דייטשישער צייטונג געלייענט די אָפיציעלע און סענסאַציאָנעלע ידיעה וועגן סלאַנסקיס אַרעסט. מיר זענען אויך געווען געצוווּנגען צוריקצופאָרן דורך פּראַג. דאָס איז נישט געווען אָפּהענגיק אין אונדז. פיל דעלעגאַטן זענען געקומען קיין בערלין און זיך אומגעקערט אין זייערע לענדער דורך פּראַג. נישט מיין שולד, אַז סלאַנסקי איז אַרעסטירט געוואָרן אַ וואָך אָדער צוויי פאַר מיין

אַדורכפאָרן פּראָג אויפן וועג אַהיים. דעריבער איז נישטאָ קיין אמת אין דעם, אַז כ׳בין געקומען קיין פּראָג אין צוזאַמענהאַנג מיט סלאַנסקיס אַרעסט. דאָס איז געווען אַ צופעליקער צונויפפאַל פון דאַטעס, וואָס נישט איך האָב זיי באַשטימט. דריטנס: נישט אמת, אַז כ׳האָב געוואָלט עפּעס טאָן פאַר סלאַנסקיס באַפרייונג, כדי כלומרשט אויסצומיידן די אויפדעקונג פון זיין צוגעהעריקייט צום ציוניזם אאז״וו אאז״וו. איך קען נישט סלאַנסקין, נאָר מיר איז באַוווּסט, אַז ער איז געווען אַ געשוואָרענער פיינד פון ציוניזם, ווי איינער וואָס איז אָפּגעפאַלן פון זיין פאָלק און האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צום וועג פון אַסימילאַציע אין אַ צווייט פאָלק. דאָס יידישע פאָלק וועט לאַכן אין די הויפנס אַז מען וועט אים פּרובירן דערציילן, אַז סלאַנסקי איז געווען אַ ציוניסט אָדער אַן אַגענט פון ציוניזם און דער ישראל־רעגירונג. איך בין נישט געקומען קיין פּראָג אין שייכות מיט סלאַנסקיס אַרעסט און ס׳איז מיר בכלל נישט געקומען אויפן געדאַנק אַריינצולייגן מיין קאָפּ אין אַן אינערלעכן ענין פון אייער מדינה.

— אונדז איז באַוווּסט, אַז אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט אין פּראָג איז אייך איבערגעגעבן געוואָרן אַן אָנווייזונג פון דער ישראל־רעגירונג צו שפּיאָנירן אין ענין סלאַנסקי. מיר וועלן זיך נאָך צו דעם אומקערן. איצט, אַן אַנדערע פראַגע, פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער פּרשה: מיר באַזיצן דאָקומענטן וואָס באַווייזן, אַז יעדער בירגער וועלכער באַקומט אַ פּאַספּאָרט אין ישראל און פאָרט אַרויס קיין אויסלאַנד, מוז זיך פאַרפליכטן אַדורכצופירן שפּיאָנאַזש־טעטיקייט אין דעם לאַנד וווּ ער פאָרט. איר זענט פיל מאָל אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד אין פאַרשידענע שליחותן. וואָגט איר אָפּצולייקענען, אַז איר האָט אויף זיך גענומען אַדורכצופירן שפּיאָנאַזש לטובת דער ישראל־רעגירונג?

— דאָס איז אַ בלבול.

— דרייט זיך נישט אַרויס פון אַ זאַכלעכן ענטפער דורך באַליידיקנדיקע ווערטער. אויף אַ קלאָרער פראַגע גיט אַ דייטלעכן ענטפער.

— די זאַך איז נישט ריכטיק. ווער עס האָט דאָס אייך געזאָגט — גלייבט אַליין נישט אין דעם. אפשר איז אייך באַוווּסט פון דערפאַרונג, אַז עס עקזיסטירט אין דער וועלט אַ לאַנד וואָס צווינגט אויף יעדן בירגער זיינעם וואָס פאָרט קיין אויסלאַנד, צו שפּיאָנירן פאַר איר. איך האָב נישט געהערט וועגן אַזאַ מדינה. אַלנפאַלס — מדינת ישראל איז נישט אַזעלכע,

דער אויספֿאָרשער ווענדט אָן אַ בייזן טאָן: — וואָס זענט איר אויסן, זאָגנדיק, אַז כ׳האָב דערפֿאַרונג מיט אַזאַ לאַנד? מיינט איר צו טרעפֿן אין מיר און אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע? —

— כ׳בין נישט אויסן געווען פּוגע צו זיין אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איך האָב געפֿרעגט צי פֿון אייער דערפֿאַרונג איז אייך באַקאַנט אַזאַ מדינה. איך קאָן נישט גלייבן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ לאַנד וואָס צווינגט אירע בירגער וואָס פֿאָרן קיין אויסלאַנד זיך צו פֿאַרנעמען מיט שפּיאָנאַזש.

— איך רעד וועגן ישראל און נישט וועגן וועלכן ס׳איז לאַנד אויף דער וועלט. און איר האָט דערפֿילט צענטראַלע שפּיאָנאַזש־אויפֿגאַבן. וועגן זיי וועט איר אונדז נאָך דערציילן מיט אַלע פּיטשעווקעס. צווייפֿלט איר דערין, אַז ישראל פֿאַרנעמט זיך מיט שפּיאָנאַזש? איר ווייסט אויסגעצייכנט גוט פֿון אייגענער דערפֿאַרונג, אַז ישראל פֿאַרנעמט זיך זייער פֿיל מיט שפּיאָנאַזש. וואָס איז אייך באַוווּסט וועגן דער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע? ווער שטייט אין איר שפּיץ? ווער האָט אויף אייך אַרויפֿגעלייגט אויפֿגאַבן אין דעם שטח פֿאָרן אַרויספֿאָרן קיין אויסלאַנד?

— איך בין נישט בקי אין דעם געביט. כ׳האָב זיך דערמיט קיינמאָל נישט אינטערעסירט. און וואָלט איך יאָ געוווּסט, וועט איר זיכער פֿאַרשטיין, אַז דאָס וואָלט נישט געווען פֿון מיינע פֿליכטן דערציילן אייך וועגן דעם. איך בין זיכער, אַז איר האָט גענוג מיטלען אויף אויספֿאָרשן די דאָזיקע פּראָבלעמען. עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז איך בין נישט באַהאַוונט אין דעם שטח.

— איר ווילט נישט אויפֿדעקן? איר וועט אונדז נאָך אַלץ אויפֿדעקן. אפֿשר וועט דאָס דאָזיקע בילד אייך העלפֿן זיך דערמאָנען, אויב איר האָט צופֿעליק פֿאַרגעסן.

דער אויספֿאָרשער גיט מיר אַ ווונק צוצוגיין צום טיש. ער נעמט אַרויס פֿון שופֿלאָד אייניקע בילדער און לייגט זיי אַוועק אויפֿן טיש, ער באַפֿעלט מיר זיך איינצוקוקן אין די בילדער:

— וועמען פֿון די דאָזיקע מענטשן קענט איר?

איך קוק. לויט אַלע סימנים פֿאַרשטיי איך, אַז די פֿאָטאָגראַפֿיע איז פֿון אַן אויפֿנאַמע אָדער מאָלצייט, וואָס דאָס ישראלדיקע אויסערן־מיניסטעריום האָט איינגעאָרדנט פֿאַר די פֿרעמדע דיפּלאָמאַטישע פֿאַרשטייער וואָס אַמטירן אין ישראל. איך געפֿין דאָרט שרתן, איתן, שילוח און

אַנדערע הויכע באַאַמטע פון אויסערן־מיניסטעריום וועמען איך קען, פאַר־שידענע פרעמדע דיפּלאָמאַטן.

אויפן פאַרלאַנג פון אויספאָרשער ווייז איך אָן אויף די מענטשן וועלכע איך קען פערזענלעך אָדער לויט זייערע בילדער אין די צייטונגען.

— ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אָנפירער פון דער ישראלדיקער שפּיאָ־נאַזש־נעץ איז אייך באַוווּסט נאָר איר ווילט דאָס נישט אַנטפּלעקן צוליב דורכזיכטיקע סיבות. איצט האָט איר אָנגערופן זיין נאָמען.

איך מאַך אויפמערקזאַם, דאָס מיר איז נישט באַוווּסט וועגן דעם, אַז עמעץ פון די מענטשן וואָס אויפן בילד און וואָס איך קען אים, זאָל שטיין אין שפּיץ פון ישראלדיקן שפּיאָנאַזש.

— ווער איז דער? — פרעגט ער און ווייזט אָן אויף איינעם פונעם בילד.

איך ענטפער: — ראובן שילוח.

— איז נישט ער דער מאַן מיט וועמען איר האָט זיך געטראָפן פאַר אייער אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד? וואָס איז, לויט אייער מיינונג, זיין אויפ־גאַבע? וויפל מאָל האָט איר זיך מיט אים געטראָפן? ווען האָט איר זיך באַגעגנט דאָס לעצטע מאָל?

איך זוך אין זכרון. יאָ, איינמאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט ראובן שילוח. דאָס איז געווען מיט 9—10 יאָר צוריק, נאָך פאַרן אַנטשטיין פון מדינת ישראל. ער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין דער פּאָליטישער אָפּטיי־לונג פון דער יידישער אַגענץ. דאָס איז געווען אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג, ווען ראָמעל איז געגאַנגען פאָרויס אין מצרים און מען האָט מורא געהאַט פאַרן גורל פון ארץ־ישראל. די הסתדרות־קאָנפערענץ האָט אויסגעטיילט אַ דעלעגאַציע צום הויפּט־קאָמאַנדיר פון די אַליאירטע אַרמייען אין ארץ־ישראל און צום ערשטן סעקרעטאַר פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, מיט דער פאָדערונג צוצושטעלן פאַר די יידן געווער פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן. די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זענען געווען: א. גאָלאָמב ז״ל, ד. הכהן און איך. מיר האָבן דעמאָלט געשמועסט מיט די מענטשן פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין שייכות מיטן פאָרמולירן אונדזער פאָדע־רונג צום בריטישן קאָמאַנדיר. צווישן די מענטשן מיט וועלכע מיר האָבן זיך דעמאָלט געטראָפן אין ביורא פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע איז אויך געווען ר. שילוח. און פון יענער צייט האָבן מיר זיך נישט באַגעגנט אַפילו קיין איין מאָל.

דער אויספֿאָרשער קערט זיך אום צו זיינע פֿראַגן. איך ענטפֿער:

— ר. שילוח איז אַ הויכער באַאַמטער אין ישראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום. איך האָב זיך מיט אים געטראָפֿן איינמאָל, מיט 10 יאָר צוריק. דאָס איז נישט געווען פֿאַר מיין אַרויספֿאָרן קיין אויסלאַנד. דאָס איז געשען אין דער צייט פֿון צווייטן וועלט־קריג, נאָך איידער ס'איז געווען מדינת ישראל. זינט דאַן האָב איך אים נישט באַגעגנט. פֿון דער פּרעסע איז מיר באַוווּסט, אַז ער איז איינער פֿון די צענטראַלע אַרבעטער אין אויסערן־מיניסטעריום. איך דערצייל אים וועגן דער הסתדרותישער דעלע־גאַציע.

— און אַ וואָסערע נאָך אויפֿגאַבן האָט ער? אין שטח פֿון שפּיאָנאַזש?

— מיר איז נישט באַוווּסט, אויב ער האָט נאָך אַנדערע אויפֿגאַבן. כ'האָב זיך דערמיט קיינמאָל נישט באַשעפֿטיקט.

— ווילט איר נישט אויסזאָגן?

— כ'האָב נישט וואָס אויסצוזאָגן. איך דערקלער נאָכאַמאָל: אפֿילו ווען איך וואָלט עס געוווּסט, וואָלט איר נישט געווען באַרעכטיקט צו פֿאַרלאַנגען פֿון מיר דערציילן אייך זאַכן פֿון דעם מין.

— איר וועט מיר נאָך דערציילן. איר וועט אַלץ דערציילן. עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איר וועט זיין גרייט אַלץ צו דערציילן וועגן דעם ענין פֿון אייער שפּיאָנאַזש־אַרבעט. איר וועט נאָך אויף די קניען זיך בעטן ביי מיר כ'זאָל מסכים זיין אויסצוהערן אייערע ווידויים.

— קאָן זיין, אַז איר וועט מיך דערצו דערפֿירן. אָבער אַזעלכע ווידויים וועלן זיין פֿאַלשע.

דער אויספֿאָרשער שפּאַצירט איבערן ביוראָ. ער טרייבט מיך אונטער אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען איך זאָל זיך מודה זיין אין מיינע פֿאַרבינדונגען מיט הימלערן בעת מיין שליחות אין דייטשלאַנד. ער שפּאַצירט און אַנט־וויקלט כל מיני נאַרישע טעאָריעס וועגן דער אידענטיטעט צווישן ציוניזם און נאַציזם. וועגן היטלערס סימפּאַטיע צום ציוניזם און וועגן ציוניזם וואָס האָט געבאַנט אַ וועג דער נאַצישער השפּעה אויפֿן נאָענטן מזרח. זיין עם־הארצישער מאָנאָלאָג, אַדורכגעפֿלאָכטן מיט דערנידעריקנדיקע און פּראָוואָקאַטיווע פֿראַגן, ציט זיך שעהן. כ'האָב שוין אויפֿגעהערט רעאַגירן. ס'איז אויך שווער צו דיסקוטירן מיט אַזאַ סאָרט עם־הארצות.

צווישן אַנדערן פרעגט ער מיך, צי איז נישט היטלער פון יידישער אָפּשטאַמונג? אויב גאָר געבעלס איז נישט קיין ייד? ער טענהט, אַז איך בין זיכער היטלערס אַ קרוב. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס מיין פריזור איז ענלעך צו היטלערס.

די דאָזיקע פּערלדיקע חכמות און ענלעכע צו זיי — האָבן איין צוועק: מיך צו דערנידריקן. צו דערדריקן מיין גייסט. מיין גייסט ווערט אָבער דערדריקט פון אַן אַנדער זאַך: דער סאָציאַליסטישער רעזשים פון צדק און משפּט אין זיין צעפוילטקייט. און די פּאָליציי דאָ איז דאָך אַ מעכטיקער כוח. און איר נעץ איז אויסגעשפּרייט איבער אַלץ און איבער אַלע שטחים פון לעבן...

דער אויספאָרשער קערט זיך אום צום ענין: ווי קומט דאָס, אַז איר האָט נישט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט הימלערן? איר האָט דאָך געמוזט איינאָרדענען אייערע פּאַפּירן אויף צו בלייבן אין דייטשלאַנד. מיט וועלכע אינסטאַנצן זענט איר געקומען אין בארירונג?

אַלע פאָרמאַליטעטן פאַר מיר — און אַנדערע פון ארץ־ישראל — זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך אַן אָרטיקן מענטש. און אין דער מאָס ווי איך געדענק, האָט מיט די אַלע יידישע ענינים זיך פאַרנומען אַ ספּע־ציעלער אַמט פאַר פרעמדע אָדער פאַר יידישע ענינים. איך געדענק נישט גענוי.

— איר לייקנט אַלץ אָפּ, אַז איר האָט זיך געטראָפן מיט הימלערן. וואָס וועט איר זאָגן, אויב כ'וועל אייך אויפווייזן מיט דאָקומענטן, אַז איר האָט זיך מיט אים אָפט געטראָפן און אַז איר זענט אַ שותף צו דער אחריות פאַר די שווידערלעכע טאַטן פונעם געסטאַפּאָ־שעף? —

דער אויספאָרשער פירט מיך אַרויס פון די כלים, איך שריי:

— דאָס איז אַ נידערטרעכטיקער ליגן. אויב איר האָט דאָקומענטן, זענען זיי פון אייער פּראָדוקציע. איר ווייסט עס אַזוי ווי איך.

דער אויספאָרשער הויבט אָן ווילדעווען און איזדיעקעוועט זיך איבער מיר. צום סוף הייסט ער מיך אַוועקשטעלן אויף אַכטונג.

— דערציילט וועגן אייערע קאָנטאַקטן מיט הימלערן. איך ענטפער: — כ'האָב נישט וואָס צו דערציילן. אומצאָליקע מאָל חזרט ער איבער זיין פאָדערונג. צום סוף הער איך אויף ענטפערן. דער אויס־פאָרשער דערנענטערט זיך צו מיר. אַז איך ענטפער נישט, באַקום איך

קלעפּ פון זיינע פויסטן אין קאָפּ, רוקן, בויך. ער זעצט מיט מיין קאָפּ אין וואַנט וואָס הינטער מיר. איך ענטפער נישט.

איך ציטער אינגאַנצן. יענער שטייט אָבער נישט אָפּ. ער פרעגט אַלץ זיינע פראַגן. אויב ער וועט נישט אויפהערן, גיי איך אַראָפּ פון זינען. נישט קלערנדיק אפילו, צעשריי איך זיך אַזוי אויפן גאַנצן קול, אַז כ'האָב עס אַליין נישט דערקענט. כ'בין זיכער, אַז מיין קול רייסט זיך אַדורך דורך דער אויסגעבעטער טיר, דורך די פאַרשלאָסענע פענצטער. אַז מען הערט אים אין אַלע קאָרידאָרן פון תפיסה. כ'בין אינגאַנצן אויפ־געוודערט און אויפגעציטערט. דעם אויספאַרשערס פנים איז פול מיט שטוינונג צוליב מיינע שרעקלעכע געשרייען. איך ליאַרם: — ס'איז אַ ליגן אַז איך האָב זיך געטראָפן מיט הימלערן. איך וועל אייך אָבער אויסזאָגן דעם אמת. דער אמת איז דער, אַז כ'האָב זיך געטראָפן מיט היטלערן גופא. אייניקע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן. דאָס האָב איך אים פאָרגעברענגט דעם פּלאַן צו פאַרניכטן מיליאָנען יידן. אַלזאָ, שרייבט אַ פּראָטאָקאָל און כ'וועל אים אונטערחתמענען. —

ביים הערן די דאָזיקע רייד האָבן די אויגן פונעם סאַדיסט־שוטה אויפגעלויכטן. אין איילעניש פאַרצייכנט ער עפּעס אין זיין העפטל — זיכער מיין „ווידוי". ער באַפעלט מיר זיך אַוועקזעצן. ער רופט דעם וועכטער און הייסט אים מיך היטן. ער אַליין טראָגט זיך אָפּ. ווייזט אויס, אַז ער איילט זיך צו זיין שעף אים אָנזאָגן זיין וויכטיקע דערגריי־כונג און „נעמען פון אים שכל".

אַ דערשטוינטער קוקט אויף מיר דער וועכטער. איך זיץ אינגאַנצן אַ ציטערדיקער. ער פאַרשטייט, אַז עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען. נאָר אים איז פאַרבאָטן צו רעדן מיט מיר.

וואָס האָב איך געטאָן? נאָכוואָס בין איך אויסגעבראָכן מיט נאַרישע רייד וועגן באַגעגענישן מיט היטלערן? כ'האָב שוין מערער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די פראַגע וועגן פאַרבינדונגען מיט הימלערן. כ'האָב מורא גע־האַט, אַז כ'וועל משוגע ווערן, אויב ער וועט נאָך איינמאָל איבערחזרן די דאָזיקע פראַגע. כ'האָב געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דעם געשפּענסט. כ'האָב נישט געוואָלט משוגע ווערן. און וואָס וועט זיין, אויב דער אויספאַרשער וועט צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל און פאָדערן פון מיר אים אונטערצו־שרייבן? וועל איך חתמענען? פאַרוואָס נישט? זאָלן זיי זיך אַליין מאַכן

לעכערלעך אין די אויגן פון די יידן און פון דער וועלט. ווער וועט גלויבן אין דער נאַרישקייט? אפשר וועט דער ממונה איבער מיין אויספאָרשער אים עפענען די אויגן בנוגע די מעלות פון דער „ווידוי״ און זיין דער־גרייכונג? כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל נאָך אַריינכאַפּן אַן אָנשטענדיקע פּאַרציע קלעפּ און זידלערייען פאַרן „שעדיקן אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג.״

דער אויספאָרשער קומט צוריק, מיט אַ פאַרכעסט פנים. נישט פון אַ זיגער. אדרבא: ווי איינער וואָס האָט געליטן אַ מפלה. ער קוקט נישט אויף מיר אינגאַנצן. ער באַפעלט מיר פאַרבינדן די אויגן און מיט גראָבקייט פירט ער מיך אַוועק אין קאַמער.

שפּיאָנען, שפּיאָנען, שפּיאָנען

אין די לעצטע וואָכן גייט נישט כמעט פאַרביי אַ נאַכט אָן אַן אויס־פאָרשונג. גאַנצע נעכט ווער איך געפאָרשט. אָפטמאָל לאָזט מען מיך שלאָפן אַ שעה־צוויי. ווען נישט איז, לאָזט מען מיך אָפּ אויף אייניקע שעה בייטאָג. איך גיי אַרום אין קאַמער ווי אַ שיכור. אויב איך זעץ זיך אַוועק, שלאָף איך גלייך איין. די קעלט אין קאַמער איז קלענער געוואָרן. אינגיכן ענדיקט זיך אַפּריל. די זון קומט אַריין אַ ווײַלע אין קאַמער יעדן טאָג. נאָר אין מיינסטע פאַלן שפּילט מיר נישט צו דאָס מזל צו געפינען זיך דעמאָלט אין קאַמער.

מיין שכן לאָזט מיך נישט אָפּ. ער מאַכט אומאויפהערלעכע אָנ־שטרענגונגען מיך איבערצוצייגן, אַז מיין צוגאַנג איז נישט קיין וויכטי־קער. איך דאַרף נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אויספאָרשער. ער הערט נישט אויף מיר דערציילן וועגן זיינע אומזיסטיקע יסורים אין דער צייט פון די אויספאָרשונגען. מיינע אויסזיכטן זענען די סאַמע האַרבסטע. לויטן פאַרשמאַטעריאַל, דערוואַרט מיך מינדעסטנס אייביקע תפיסה. דער איינציקער וועג צו ראַטעווען מיין לעבן און פאַרלייכטערן די שטראָף איז ענטפערן די אויספאָרשער. מודה זיין זיך אין אַלץ, אפילו ווען כ׳האָב גאָרנישט געזינדיקט. ער דערמאָנט מיך מיין אחריות כלפּי דער משפחה. אויך צוליב זיי דאַרף איך נאָכגעבן די אויספאָרשער.

אַלץ מער און מער הייב איך אָן פאַרדעכטיקן מיין שכן. קיין ספק, אַז מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַן אויפגאַבע: צו ווירקן אויף איינברעכן מיין „עקשנות". אויסנוצן די צייט פון מיין זיין אין קאַמער און דאָ פאַרזעצן דעם דרוק, וואָס ווערט אויף מיר אויסגעאיבט בעת די אויספאַרשונגען. זיכער האָט מען מיין שכן עפּעס פאַרשפּראָכן, אויב ער וועט מצליח זיין דערפירן מיך צו ענדערן די מיינונג. פון דער פריינד־לעכער איבערצייגונג־שפּראַך גייט ער אַפּטמאָל איבער צו אַ לשון פון פאָדערונג און ביי אונדז איז שוין דערגאַנגען צו אומאַנגענעמע געשפּרעכן.

נאָכט. דער אויספאַרשער הייסט מיך צוגיין צום שרייבטיש. פאַראַן דאָרט אַ גרויסע קופּע בילדער. פון יחידים. אויך פון גרופּן. ער באַפעלט צו אידענטיפיצירן פון די בילדער די מענטשן, וואָס זענען מיר באַקאַנט. ער דערלאַנגט מיר איין בילד נאָכן צווייטן. מיט פלייס פאָלגט ער נאָך מיינע געזיכטס־אויסדרוקן. דער רוב בילדער זענען פון ארץ־ישראלדיקן לעבן פון פאַרשידענע תקופות. זיי דערמאָנען מיך די קאַרטלעך פון „קרן־קימת" און „קרן־היסוד". פאַראַן אויך בילדער פון צענטראַלע פּערזענ־לעכקייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און מיניסטאָרן פון דער ישראל־רעגירונג. און בילדער פון ציוניסטישע צוזאַמענטרעפן. פון אַ רעגיאָנאַלער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּראָג, דוכט זיך אין יאָר 1946. פון דער אייראָפּעישער קאָנפערענץ פון די ציו־ניסטישע אָרגאַניזאַציעס, פאָרגעקומען אין קאַרלסבאַד 1947, ווו איך האָב זיך באַטייליקט. איך פאַרשטיי, אַז די דאָזיקע פאָטאָס זענען קאָנפיס־קירט געוואָרן דורך דער זיכערהייטס־פּאָליציי אין ציוניסטישע אַמטן און אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער אָפּטיילונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין דער תקופה פון זייער אויפלייזונג. אייניקע בילדער זענען זיכער גענומען געוואָרן ביי ציוניסטישע עסקנים, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן. מען דערלאַנגט מיר אויך בילדער פונעם לעבן פון די חלוצישע יונגט־באַווע־גונגען אין טשעכאָסלאָוואַקיע, זייערע צוזאַמענפליען אין זומער־לאַגערן, באַזונדערס פון „השומר־הצעיר". אַ טרויעריקער גרוס פון די טוער פון „השומר־הצעיר", פאַרשפאַרטע אין תפיסה.

פון די מיינסטע בילדער קען איך נישט קיינעם. דער אויספאָרשער גלייבט מיר נישט.

— איך זענען באַקאַנט פיל שפּיאָנען פון די דאָזיקע בילדער. איך פּרובירט מיך איבערכיטרעווען.

ער דערלאַנגט מיר אַ פּאַטאָ פון ישראל. דער באַזוך פון העברי וואלאַס, וועלכער איז בשעתו געווען וויצע־פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי און איר מנהיג. איך אידענטיפיציר וואַלאַסן.

— ווי קומט דאָס, אַז איר קענט דעם דאָזיקן אַמעריקאַנער שפּיאָן? און די גאַנצע צייט טענהט ער, אַז איר האָט נישט קיין שום שייכות מיט שפּיאָנען. איך זע, אַז אויך דער שעף פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש איז אייך באַקאַנט. —

איך קלער אים אויף דעם טעות, אַז מסתמא מישט ער אויס העברי וואלאַס און אַלאַן דאַלעס, וועלכער איז באַוווּסט אַלס ראש פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט. וואלאַס האָט באַזוכט דאָס לאַנד מיט אייניקע יאָר צוריק, ווען ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער פּראָגרע־סיווער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן און געקעמפט פאַר שלום און פאַרשטענדיקונג צווישן מזרח און מערב.

— דאָס אַלץ זענען באָבע־מעשיות. איר ווייסט אויסגעצייכנט גוט, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער שפּיאָן. קענט איר אים פּערזענלעך?

— ער איז באַוווּסט אין דער וועלט אַלס אַמעריקאַנער פּאָליטישער פירער און נישט אַלס שפּיאָן. ווען ער האָט באַזוכט אין לאַנד האָט אויך די סאָוויעטישע פּרעסע געשריבן וועגן אים מיט פול סימפּאַטיע און אָנער־קענונג. עס איז מיר שווער צו באַצייכענען ווי פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט די עטלעכע געציילטע ווערטער וואָס מיר האָבן צווישן זיך אויסגעטוישט בעת זיין באַזוך אין לאַנד. ער איז אויך געווען דער גאַסט פון דער אַרבע־טער־הסתדרות. אויף דער זיצונג פון אויספיר־קאָמיטעט וואָס איז פּאַר־געקומען לכבוד אים, בין אויך איך געווען צווישן זיינע באַגריסער. נאָך מיין אַרויסטריט האָט ער מיר באַדאַנקט פאַר דער באַגריסונג. דעמאָלט האָבן מיר גערעדט עטלעכע ווערטער. דאָס איז אונדזער גאַנצע באַקאַנטשאַפט.

— פון אייערע רייד פאַרשטיי איך, אַז איר קענט אויך אַלאַן דאַלעס. אַ וואָסערע פאַרבינדונגען זענען געווען צווישן אייך? —

— איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך קען אַלאַן דאַלעס. כ׳האָב נאָר געזאָגט בלויז, אַז מיר איז באַוווּסט, דאָס נישט העברי וואלאַס, נאָר אַלאַן דאַלעס שטייט בראש פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט. כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געזען.

— באַשווינדלט מיך נישט. פונוואַנען ווייסט איר, אַז ער שטייט אין שפּיץ פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש? אַזאַ סוד איז באַקאַנט נאָר די וואָס זענען מיט אים אין פאַרבינדונגען.

— דאָס איז גאָרנישט קיין סוד. יעדער וואָס לייענט אַ צייטונג, ווייסט וועגן דעם. די פאַרייניקטע שטאַטן האַלטן דאָס נישט פאַר קיין סוד.—

— דערציילט מיר נישט קיין נאַרישקייטן. מיר האָבן באַוויזן, אַז איר קענט פּערזענלעך אַלאַן דאַלעסן צוליב אייערע אויפגאַבן אויפן געביט פון שפּיאָנאַזש. איר קענט אויך די שעפן פון שפּיאָנאַזש פון אַ גאַנצער ריי קאַפּיטאַליסטישע לענדער. צו די דאָזיקע בכבודיקע פראַגן וועלן מיר זיך נאָך אומקערן ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט. ווער זענען עס די מענטשן אויף דעם דאָזיקן בילד? געפינט דאָ איינעם וואָס איז אייך זייער גוט באַקאַנט. לאָמיר זען צי איר וועט אים דערקענען.

ער דערלאַנגט מיר דאָס בילד פון דער אייראָפּעישער קאָנפערענץ פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס (קאַרלסבאַד 1947). דאָס פּרעזידיום אויף דער בינע. איך אידענטיפיציר אויפן בילד שרת, ד"ר נ. גאָלדמאַן, שפּרינ־צאַק, הרב מימון, ד"ר סנה, דאַבקין, ערעם, רפאל פרידל (בנשלום) און געפין אויך זיך. ווייזט אויס, אַז צו דעם האָט געצילט דער אויספאָרשער, זאָגנדיק, אַז כ'וועל אויפן בילד געפינען אַ מענטש וועלכער איז מיר גוט באַקאַנט.

— אַ פיינע אויסשטעלונג פון אייערע שפּיאָנען־עלטסטע! נישט אַזוי? וואָס איז די דאָזיקע קאָנפערענץ? אונדז איז אַלץ באַוווסט וועגן אירע אמתדיקע צילן: שפּיאָנאַזש און אָרגאַניזירונג פון סאַבאָטאַזש־טע־טיקייט אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. אונדז זענען אויך באַקאַנט די שפּיאָנען וואָס זיצן אויף דער טריבונע. נאָר מיך אינטערעסירט, וועלכע מעשה וועט איר אונדז דערציילן וועגן דער דאָזיקער קאָנפערענץ און אירע מענטשן. נו, דערציילט!

איך קלער אויף דעם אויספאָרשער דעם זין פון דער דאָזיקער אייראָפּעישער ציוניסטישער קאָנפערענץ. זי איז פאָרגעקומען אין סאַמע ברען פון אונדזער געראַנגל און אין צענטער פון דעם צוזאַמענקונפט פון פאָרשטייער פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין מערב־און מזרח־אייראָפּע גלייכצייטיק איז געשטאַנען די פראַגע פון יידישן קאַמף אין ארץ־ישראל פאַר אומאָפּהענגיקייט. די יידישע קיבוצים אין די דאָזיקע לענדער זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו דערלאַנגען זייער הילף פאַר דער מלחמה פון

יידישן פאָלק — דורך עליה, פינאַנסיעלע הילף פאַר דער „הגנה" און געווי־נען סימפּאַטיע און פּאָליטישע הילף פון דער אַלגעמיינער עפנטלעכער מיינונג. אַלע רייד וועגן אַנדערע אויפגאַבן, וועגן אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אָדער שפּיאָנאַזש, זענען נישט מער ווי סתם דיבורים.

— האָבן די ציוניסטישע פאָרשטייער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטי־שע מדינות נישט דערציילט אויף דער קאָנפערענץ וועגן דער לאַגע אין זייערע לענדער? איז דאָס נישט קיין שפּיאָנאַזש? זענען די דאָזיקע אַלע ידיעות נישט איבערגעגעבן געוואָרן דעם ציוניסטישן שפּיאָנאַזש־דינסט און דורך איר פאַרמיטלונג — צום אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש? אויף דער קאָנפערענץ האָט מען גערעדט און באַשלאָסן וועגן פאַרשטאַרקן די עליה קיין ארץ־ישראל און געלט־קאַמפּיינען לטובת דעם ציוניזם אויך אין די פאָלקס־דע־מאָקראַטיעס. קאָן דען געמאָלט זיין אַ נאָך הארבערער סאַבאָטאַזש אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, ווי די פּראָפּאַגאַנדע צו דעזערטירן פונעם פראָנט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, די פּראָפּאַגאַנדע אַרויסצושלעפּן געלט פון די סאָציאַליסטישע בוי־פּראָצעסן קיין אויסלאַנד, פאַר ציוניסטישע באַדערפענישן?

— וואָלטן אייערע רייד געווען ריכטיקע, וואָלט די טשעכאָסלאָ־וואַקישע רעגירונג נישט דערלויבט אָפּצוהאַלטן די דאָזיקע קאָנפערענץ אויף איר טעריטאָריע, אין קאַרלאָווע וואַרי (קאַרלסבאַד). אָבער זי האָט נישט נאָר דערלויבט אַדורכצופירן דעם צוזאַמענקונפט ביי זיך אין לאַנד. זי האָט אויך באַגריסט די קאָנפערענץ און געווינטשן פולן דערפאָלג אירע פאַרהאַנדלונגען. די דאָזיקע באַגריסונג איז דער קאָנפערענץ געבראַכט געוואָרן דורך פאָרשטייער פון צוויי מיניסטעריומס: פון אויסערן־מיניס־טעריום און פון דערציונגס־מיניסטעריום. אָט זיצן זיי דאָ אויף דער בינע, צווישן די פּרעזידיום־מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ. אויך דאַרף מען זיך נישט ערנסט באַציען צו דער סברא, אַז די אַרויסטרעטונגען פון די דעלעגאַטן זענען געווען שפּיאָנאַזש־טאַטן. זיכער האָבן זיי דערציילט וועגן דער לאַגע פון די ציוניסטישע אַקטיוויטעטן און די פּראָבלעמען פון זייערע לענדער. אָבער זיי האָבן זיך נישט באַשעפטיקט מיט פראַגן וואָס באַלאַנגען צו מיליטערישע אָדער מלוכהשע סודות. אויסער דעם זענען אויף דער קאָנפערענץ אַנוועזנדיק געווען — אויף דער איינלאַדונג פון אירע אָרגאַניזאַטאָרן — פאָרשטייער פון דער פּרעסע.

— איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט פּרובירן מיר פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט קינדער־מעשיות... דערלויבט די קאָנפערענץ האָבן אייערע ציוניסטי־שע אַגענטן אין אונדזער רעגירונג. דאָס האָבן זיי באַגריסט די קאָנפערענץ. היינט ווייסן מיר גענוי, אַז די קאָנפערענץ איז צושטאַנדגעקומען מיט פּאַר אונדזו פאַרברעכערישע און פיינדלעכע צילן. היינט איז אונדז באַוווּסט, אַז דער פאַרעטער רודאָלף סלאַנסקי האָט זיך באַטייליקט אין דעם צוזאַמענ־קונפט און זיך געטראָפן מיט די ציוניסטישע אָנפירער און די הויפּט־שפּיאָנען וואָס זיצן דאָ אויף דער בינע. אויך איר וועט אונדז דערציילן וועגן דעם פּרט, ווען ס'וועט קומען די צייט. נאָר איצט אינטערעסירן מיך די דאָזיקע שפּיאָנען. דערציילט אונדז וועגן זייער איינצלהייטן. וועמען פון זיי קענט איר פּערזענלעך?

איך רעכן אויס די נעמען פון די וואָס זיצן אין פּרעזידיום און אין קורצע ווערטער גיב איך איבער זייערע אַמטן און אויפגאַבן בעת דער קאָנפערענץ (1947) און איצט. צו יעדן נאָמען וואָס איך רעכן אויס, גיט צו דער אויספאָרשער זיינע עפּיטעטן: „שפּיאָן", „בריטישער אַגענט", „אַמעריקאַנער שפּיאָן", אַן אַלטער שפּיאָן אייערער", „אַ געשוווירענער שונא פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע". ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויפן נאָמען פון הרב מימון. ער ברענגט אַרויס זיין שטוינונג, וואָס אַ ייד מיט אַ באָרד זאָל זיך פאַרנעמען מיט שפּיאָנאַזש. דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער קאַמופלאַזש. ער מאַכט זיך נישט וויסן פון מיינע אַפּלייקענונגען און פּראָטעסטן. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז הרב מימון און מ. שרת זענען היינט מיניסטאָרן אין דער ישראל־רעגירונג און אַז י. שפּרינצאַק איז פאַרזיצער פון ישראלדיקן פּאַרלאַמענט. אַז די אויפגאַבע פון אַן אויס־פאָרשער, אַלס רעגירונגס־באַאַמטער, איז אויסצומיידן באַליידיקן אָפיציעלע פערזענלעכקייטן פון אַ מדינה, וואָס האַלט אַן נאָרמאַלע דיפּלאָ־מאַטישע באַציונגען מיט טשעכאָסלאָוואַקיע. אויף מיינע פּראָטעסטן רעאַ־גירט דער אויספאָרשער מיט באַליידיקונגען. זאָל איך אים נישט לערנען קיין העפלעכקייט. מיין אויפגאַבע איז אַן איינציקע: ענטפערן אויף די פראַגן פון אויספאָרשער. נישט לערנען אים און נישט פּרעדיקן קיין מאָראַל.

— וועמען פון די שפּיאָנען און אַגענטן קענט איר פּערזענלעך?

— איך זע נישט דאָ קיין איין שפּיאָן. איך קען נישט בכלל קיין שפּיאָנען. איך זע דאָ נאָר ישראלדיקע פּאָליטיקער, ציוניסטישע עסקנים, טוער פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. אויך צוויי פאָרשטייער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג. פּערזענלעך קען איך מ. שרת, ד״ר גאָלדמאַן, ד״ר סנה, ערעם, בנשלום און אַנדערע. די לעצטע דריי געהערן צו מפּ״ם.

— וועגן שרתן און ד״ר גאָלדמאַן וועט איר אונדז דערנאָך דערציילן. איך האָב אַ ספּעציעל בילד, ווו איר זענט פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט זיי. ד״ר סנה איז אונדז באַקאַנט ווי אַן אַלטער שפּיאָן. און נישט בלויז ווי אַ שפּיאָן. ער האָט פּונקט ווי איר, אָנגעהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיטן פאַרעטער און שפּיאָן קלעמענטיס. אַלע דריי צוזאַמען האָט איר געוועבט אַ פאַרשווערונג קעגן דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע. האָט ער זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ אין נאָמען פון מפּ״ם? —

— מיר האָבן אין אונדזערע געשפּרעכן מיט קלעמענטיסן נישט פּלאַנירט קיין שום אינטריגעס קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע. נישט איך און נישט ד״ר סנה. מיר איז באַוווסט וועגן סנה׳ס באַגעגעניש מיט קלעמענ־טיסן אין יאָר 1947. זיי האָבן געשמועסט וועגן פּראָבלעמען פון אונדזער געראַנגל אין ארץ־ישראל. דאָסזעלבע — אין באַצוג צו מיינע געשפּרעכן מיט קלעמענטיסן. ד״ר סנה האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ נישט אַלס פאָרשטייער פון מפּ״ם. עס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען מפּ״ם. צו יענער צייט האָט ער באַלאַנגט צו אַן אַנדערער פּאַרטיי. נישט קיין אַרבעטער־פּאַרטיי. אין דעם צוזאַמענקום האָט ער זיך באַטייליקט אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, ווי דער לייטער פון דער פיליע פון דער ציוניסטישער אָנפירונג אין אייראָפּע. אין יענער צייט איז ער געזעסן אין פּאַריז. אין יאָר 1948, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן מפּ״ם, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אירע רייען און אפילו דער־ווײלט געוואָרן אין די צענטראַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. ווי אַ חבר פון מפּ״ם, האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער פריינד־שאַפט־ליגע ישראל־פסס״ר.

— דאָס אַלץ איז נישט מער ווי מאַסקירונג. פון פּאַריז האָט ער עס אָרגאַניזירט ציוניסטישע שפּיאָנאַזש־טעטיקייט אין אַלע פאָלקס־דע־מאָקראַטיעס. ער איז איינער פון די געשוווירענע שונאים אונדזערע, אַ

שאָד וואָס ער איז נישט געקומען קיין פּראָג צוזאַמען מיט אייך. איר וואָלט געגאַנגען פון זיין חברשאַפט אין דעם דאָזיקן הויז. וואָס האָט איר צו זאָגן וועגן ערעם און בנשלום? בנשלום איז אונדז גוט באַקאַנט. דערציילט אונדז וועגן זיי פּרטים. —

— זיי זענען מיטגלידער פון מפ״ם. ערעם איז איינער פון די אַלטע אַרבעטער־טוער אין ישראל; היינט איז ער פון די מפ״ם־אָנפירער. בנשלום האָב איך דערקענט אין פּראָג, בעת מיין באַזוך דאָרט אין יאָר 1945. ער איז דעמאָלט געווען דער צענטראַלער מאַן אין אונדזער באַוועגונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע און באַגלייך דערמיט — דער לייטער פון ארץ־ישראלדיקן אַמט. אין זיין באַגלייטונג האָב איך צום ערשטן מאָל באַזוכט קלעמענטיסן, ווען ער איז געווען אונטערשטאַטס־סעקרעטאַר אין אויסערן־מיניסטעריום. מיט בנשלום האָב איך זיך אייניקע מאָל געטראָפן אין ישראל, דערנאָך אין פּראָג, ווען ער איז געווען סעקרעטאַר פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט. אין זיין קאַדענץ פון אַמטירן האָט ער זיך געפלייסט איינצושטעלן ענגע, פריינדלעכע באַציונגען מיט די דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטערשאַפטן פון די סאָציאַליסטישע לענדער. איצט געפינט ער זיך אין ישראל. ער איז אַ חבר אין קיבוץ און אַרבעט אין פאַבריק פון קיבוץ.

— מעשיות! איר ווייסט אויסגעצייכנט גוט, אַז ער איז איינער פון אייערע צענטראַלע שפּיאָנען. אונטער אַ דיפּלאָמאַטישן מאַנטל האָט ער זיך ביי אונדז פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש לטובת מפ״ם, לטובת ישראל און לטובת די אַמעריקאַנער. מפ״ם האָט געשיקט אירע שפּיאָנען אונטער כל־המינים מאַסקירונגען. — איך — אונטערן מאַנטל פון אַ שליח פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צו אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענטרעפן און בנשלום'ן — אונטער אַ דיפּלאָמאַטישן מאַנטל. ווען וועט איר אויפהערן מיך באַשווינדלען?

פאַרשטייט זיך, אַז איך לייקן דאָס אָפּ קאַטעגאָריש. דער אויספאָרשער רעאַגירט אויף אַ ברוטאַלן אופן.

ער דערלאַנגט מיר אַ בילד: שרת, ד״ר גאָלדמאַן און איך.

— אַ שיין בילד. ווייזט אויס, אַז אַלע דריי זענט איר אין זייער פריינדלעכע באַציונגען. ווען איז דאָס בילד גענומען געוואָרן? ווו? ווער האָט אייך פאָטאָגראַפירט? אַ וואָסערע פאַרבינדונגען זענען פאַראַן צווישן אייך?

איך בין דערשעפּט ביז די לעצטע כוחות. כ׳וויל זייער שלאָפן. איך בין עטוואָס איבעראַשט פון דעם דאָזיקן בילד. עס גייען אַריבער אייניקע מינוטן ביז איך דערמאָן זיך, אַז בשעתו האָב איך זיך טאַקע פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט מ. שרת און נ. גאָלדמאַן. דער אויספאָרשער פאַרדעכטיקט, אַז איך פּרוביר דאָ אויסבאַהאַלטן אַ גרויסן סוד. ער יאָגט מיך אונטער. — מאַכט נישט דעם אָנשטעל, אַז איר געדענקט נישט. איר האָט אַן אויסגעצייכנטן זכרון. זוכט זיך נישט קיין אויסרייד. ענטפערט גלייך.׳ איך דערמאָן זיך פּרטים פון דעם דאָזיקן בילד.

— יאָ, כ׳געדענק. דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן אויפן וועג קיין קאַרלאָווע וואַרי. רפאל בנשלום, אַלס לייטער פון ארץ־ישראלדיקן אמט, האָט אין אַ באַזונדערער מאַשין געפירט שרתן און גאָלדמאַנען פון פּראָג קיין קאַרלסבאַד. ער האָט אויך מיך פאַרבעטן צו פאָרן אין דער דאָזיקער מאַשין. אויפן וועג האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אויף אייניקע מינוטן. ביי דער געלעגנהייט האָט אונדז בנשלום פאָטאָגראַפירט. מ. שרת, דעם ישראלדיקן אויסערן־מיניסטער זינט דער אָנטשטייונג פון דער מדינה, קען איך שוין פיל יאָרן. דעם ד״ר גאָלדמאַן, מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין דער לעצטער צייט — פאָרזיצער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, איינעם פון די בולטסטע פערזענלעכקייטן אין ציוניזם, האָב איך נעענטער דערקענט ערשט אין יאָר 1948, ווען כ׳בין דערווײלט געוואָרן אין דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. איך פלעג זיך מיט אים טרעפן אויף די זיצונגען פון דער וועלט־עקזעקוטיווע. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ אין קאַרלאָווע וואַרי ווי צענטראַלע מיטגלידער פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע. זיי זענען אויך געווען די עיקרדיקע רעדנער אויף דער קאָנפערענץ.

— פאַרוואָס דערציילט איר נישט וועגן זייער פאַרברעכערישער טעטיקייט קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע? האָבן זיי זיך דאָך געטראָפן מיט זייער אַגענט רודאָלף סלאַנסקי — פאַרשטייט זיך, באַהאַלטענערהייט. פאַרוואָס דערציילט איר נישט וועגן דעם? אונדז איז באַוווּסט, אַז אויך איר האָט זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע געשפּרעכן. דאָרט זענען ענגער געוואָרן די פאַרבינדונגען צווישן ציוניזם און די פאַרעטער אין אונדזערע רייען.

— כ׳האָב נישט וואָס צו דערציילן וועגן דעם. נאָך ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָב איך געזאָגט מיין מיינונג איבער דעם ווערט פון דעם בלבול קעגן ציוניזם. איך בין איבערצייגט, אַז די פירער פון ציוניזם האָבן

זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום פאַרברעכערישע מעשים קעגן טשע־כאָסלאָוואַקיע. זיי זענען נאָר געווען טעטיק פאַרן רענעסאַנס פון יידישן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד. איך בין זיכער, אַז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער טשעכישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ר. סלאַנסקי, באַקאַנט אַלס געשוואוירענער שונא פון ציוניזם, איז נישט געווען אויף דער קאָנפערענץ אין קאַרלאָווע וואַרי. און דעריבער האָבן זיי זיך נישט געקאָנט טרעפן.

— אויב איך שטעל פעסט, אַז ער איז דאָרט געווען — טאָ זייט נישט חוצפּהדיק און זאָגט נישט, אַז ער איז דאָרט נישט געווען. ער אַליין האָט עס אונדז דערציילט. מיט וועלכע נאָך פאַרעטער אונדזערע האָבן זיי זיך געטראָפן ?

— פונדעסטוועגן גלייב איך נישט, אַז רודאָלף סלאַנסקי זאָל דאָרט האָבן געווען. איך ווייס בלויז וועגן צוויי אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג, וואָס זענען געקומען באַגריסן די קאָנפע־רענץ. איינעם פון זיי איך קען איך פערזענלעך : ד״ר עקהאַרד, פון דערציונגס־מיניסטעריום, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות. מיט וועמען שרת און ד״ר גאָלדמאַן האָבן זיך בכלל געטראָפן — ווייס איך נישט. כ׳האָב זיי נישט געפרעגט. כ׳האָב אויך נישט נאָכגעקוקט נאָך זיי און זייערע באַגעגענישן. דאָס האָט מיך בכלל נישט אינטערעסירט. וויאַזוי עס זאָל נישט זיין, בין איך איבערצייגט, אַז זיי זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ פאַר אָפענע און לעגיטימע צילן.

— כ׳וועל פאַר אייך ברענגען דאָקומענטן און עדות וואָס וועלן דאָס אָפּפרעגן און אייך פאָרשטעלן ווי אַן אומפאַרבעסערלעכן שווינדלער.

דער אויספאָרשער באַווייזט מיר נאָך אַ גאַנצע ריי בילדער. פון דעם שאָפונג־ און בוי־פּראָצעס אין לאַנד. צוזאַמענקונפטן און לאַגערן פון די חלוצישע באַוועגונגען אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איין בילד באַווייזט אַ יוגנט־לאַגער. עס איז קענטיק, אַז מען איבט זיך דאָרט מיט געווער.

איך ווייס נישט צו אידענטיפיצירן די באַוועגונג. איך ברענג אַרויס געוויסע השערות : איבונגען אין אַ לאַגער פון אַ מיליטערישער איינהייט, וואָס די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט דערלויבט אויפצושטעלן פאַר אַ גרופּע יידישע קאָמוניסטן און וואָס האָט באַדאַרפט עולה זיין אין לאַנד אין יאָר 1948 און זיך אָנשליסן אין די רייען פון צה״ל. און אפשר איז דאָס אַ מחנה ישראלדיקע יוגנט אויף אַן אויספלוג ?

דער אויספאָרשער זידלט מיך ענערגיש. לויט זיין מיינונג, ווייס איך געווי — נאָר פּרוביר צו באַהאַלטן — וואָס איז דער דאָזיקער לאַגער. ער שטעלט פעסט: „אַ לאַגער פון דער אָרטיקער ציוניסטישער יוגנט, וואָס האָט אין געהיים זיך געגרייט — באַזאַמען מיט אַנדערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן — צו אַ באַוואָפנטער מלחמה קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע".

אַ ליגן ווי אַלע זיינע ליגנס.

דער הימל אינדרויסן ווערט בלייכער. עס דערנענטערט זיך אַ נייער באַגינען. דער אויספאָרשער עפנט אויף איייניקע מינוטן די פענצטער. אַ לייכט, פרילינגדיק ווינטל רייסט זיך אַריין אין צימער. דער אויספאָרשער שפּאַצירט אַהין און צוריק. אויך ער וויל שלאָפן. איך מאַך גרויסע אָנשטרענגונגען נישט איינצודרימלען.

— זאָגט מיר וואָס מיינט דער טערמין שליח? — דער אויספאָרשער ברענט אַרויס דאָס דאָזיקע וואָרט אין עברית, נאָר מיט אַ שווא ביי דער ש׳. דעם דאָזיקן אויסדרוק אין העברעיש האָט ער פון מיר נישט געהערט. ווייזט אויס, אַז ער פאָרשט אויך אַנדערע ציוניסטן. זיכער האָט ער געהערט פון זיי.

איך קלער אים אויף. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער ווייסט אויך בלשון רבים: „שליחים". ער אינטערעסירט זיך אין זייער טעטיקייט. איך זאָג עס אים. ער פרעגט:

— אין אַלע אייערע רייזעס, זענט איר אויך געווען אַלס שליח?

— בלויז אין איין פאַל, ווען כ׳בין אין יאָר 1934 געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד צו אַרבעטן אין אונדזער דערציערישער באַוועגונג.

— די פליכט פון אַ שליח איז דאָך פון צייט צו צייט צו באַריכטן דער אינסטאַנץ, וואָס האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די שליחות, נישט אַזוי?

— אַוודאי, אָבער די באַריכטן פאַרנעמען זיך דער עיקר מיט אינערלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלע און דערציערישע פראַגן פון דער באַוועגונג.

— דאָס הייסט, אַז איר באַשטעטיקט, אַז די שליחים פלעגן איבערפירן קיין ישראל ידיעות פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. דאָס הייסט, איר באַשטעטיקט, אַז די שליחים האָבן זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. זייערע ידיעות זענען געשיקט געוואָרן צו די אינסטאַנצן

פון זייערע באַוועגונגען אין ארץ־ישראל. פון דאָרט זענען זיי איבערגע־פירט געוואָרן אין ישראלדיקן שפּיאָנאַזש־דינסט און פון דאָרט צו די מע־רבדיקע שפּיאָנאַזש־דינסטן. נישט אַזוי?

— דאָס זענען נאַרישע רייד.

— ציוניסטישער שווינדלער, נבזה. פאַרבינדט אויף זיך די „שמאַ־טע" און — מאַרש!

שפּיאָנען, שפּיאָנען, שפּיאָנען. פונוואַנען די דאָזיקע נאַרישע שפּיאָ־נאַזש־היסטעריע, מיט וועלכע די אויספאָרשער זענען געשלאָגן? יעדער ישראלדיקער פּאָליטיקער איז אַ שפּיאָן. יעדער ציוניסט — אַ שפּיאָן. יעדער שליח פון ארץ־ישראל — אַ שפּיאָן. יעדער אַרבעטער־טוער פון ישראל — אַ שפּיאָן. סלאַנסקי, דער, וואָס איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און וויצע־פּרעמיער — אַ שפּיאָן. קלעמענטיס — דער אויסערן־מיניסטער פון טשעכאָסלאָוואַקיע — אַ שפּיאָן. אַ רב אין יש־ראל — אַ שפּיאָן. איז דאָס נישט קיין טעכניק, באַזירט אויף צינישער פּעלשונג? די דראַטן־ציער אין דער זיכערהייטס־פּאָליציי וויסן זיכער דעם אמתדיקן אמת. אָבער מיר שיינט, אַז די אויספאָרשער גלייבן, אַז אַלע וויסטע באַשולדיקונגען זענען לויטערער אמת. דאָס איז דערשיטערנדיק. איך שפּיר ווי זיי פאַרפּלאָנטערן מיך פון אַלע זייטן אין שפּינוועבס פון שפּיאָנאַזש. נאָכדעם ווי זיי האָבן מיך „געמאַכט" פּאַר אַ שעדיקער פון זייער רעזשים צוליב מיין ציוניסטישער טעטיקייט, באַמיען זיי זיך איצט צו „מאַכן" פון מיר אַ שפּיאָן לטובת ישראל און דעם מערב.

איך האָב געמיינט, אַז פּאַרלויפיק האָט זיך פאַרענדיקט דער גע־שפּענסטיקער שפּיל אין „שפּיאָנען". איך האָב אַ טעות געהאַט. ביי מיין אויספאָרשער זענען אָבער פאַראַן נאָך „באַווייזן", אַז ישראל פירט דורך שפּיאָנאַזש־אַקציעס אויף פאַרשידענע וועגן און אומוועגן אין די פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס. אַז איך קען פאַרשידענע קאַטעגאָריעס שפּיאָנען. אַז איך אַליין האָב זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש. אין משך פון עטלעכע אויס־פאָרשונגען ברענגט ער מיר נאָך „באַווייזן".

— פון פאַרשידענע דאָקומענטן איז מיר קלאָר, — הייבט אָן דער אויספאָרשער — אַז אַמאָל האָט איר געהייסן מרדכי אָרענשטיין. פאַרוואָס האָט איר געביטן דעם נאָמען אויף מרדכי אורן? — זיין אויסדרוק פון

פּנים איז גליַיך ער וואָלט מיך געכאַפּט ביַי אַ מיאוסער זאַך און אין זיַינע הענט — אַן אויסערסט וויכטיק געווער.

— מיַין נאָמען איז נישט געווען מרדכי אָרענשטיין, נאָר מאַרקוס אָרענשטיין — לויט מיַין מעטריקע. אין ארץ־ישראל האָב איך מיר געטוישט דעם נאָמען אויף מרדכי אורן. די סיבה דערפאַר איז געווען אַן איינציקע: צופּאַסן מיַין נאָמען וואָס האָט געקלינגען פרעמד, דיַיטשיש, און אים אָנ־געבן אַ העברעישן קלאַנג און באַדיַיטונג. דאָס איז ביַי אונדז זייער אָנ־גענומען אין ישראל. אין רעזולטאַט פון דער יידישער עליה וואָס שטראָמט פון פאַרשידענע לענדער, האָט זיך געשאַפן אַ מין בבל־טורעם פון נעמען. עס איז פאַראַן אַן אַלגעמיינע טענדענץ צו טוישן די פרעמדע נעמען אויף העברעישע. דאָס איז די סיבה.

דער אויספאָרשער פרעגט, הלמאי האָב איך געטוישט מיַין נאָמען דווקא אויף מרדכי אורן. איך דערקלער אים פאַרוואָס. ער פאָדערט אַנדערע ביַישפּילן — פון מענטשן וועמענס נעמען ס׳זענען אים באַקאַנט. איך ברענג אים עטלעכע ביַישפּילן: גרין — בן־גוריון, שערטאָק — שרת, איבעראַל — אבריאל, פרידל — בנשלום.

— איר פאַרוויקלט מיך אין ליגנס. איר ווייסט אַזוי וויי איך די אמתע סיבות פון טוישן נעמען — און נישט בלויז אייערן. דאָס איז פאַרבונדן מיט דער אויפגאַבע פון אַ שפּיאָן — פּסקנט דער אויספאָרשער. אַלס שטראָף פאַר מיַין געלעכטער, כאַפּט איך אַריין דאָס, וואָס כ׳בין שוין געוווינט געווען צו באַקומען פאַר מיַין „יידישער חוצפּה״ — דאָס אָפּלייקענען נאַרישע ליגנס דורך געלעכטער.

דער אויספאָרשער שלעפּט אַרויס אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר. ער פרעגט צי כ׳בין געווען אין פּראַג אין מיטן יאָר 1947. איך ענטפער יאָ. ער פרעגט, צי כ׳האָב זיך באַטייליקט אינעם וועלט־פעסטיוואַל פון דער יוגנט. איך ענטפער: — כ׳בין געגאַנגען זען אייניקע קינסטלערישע אויפטריטן. כ׳האָב נישט געהערט, פאַרשטייט זיך, צו דער ישראלדיקער דעלעגאַציע.

— זיכער קענט איר די מיטגלידער פון אייער דעלעגאַציע.

— בלויז זייער ווייניקע פון זיי.

ער זאָגט, אַז ער וועט מיר פאַרלייענען די ליסטע פון דער דעלע־גאַציע און איך דאַרף אונטערשטרייכן וועמען פון זיי איז מיר באַקאַנט און מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך.

ער רעכנט אויס אַ רשימה פון צענדליקער מענטשן. איך שטרייך אונטער די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, וואָס איך קען: זאב חבצלת (בית־אלפא), אברהם יסעור (בומא) און אמנה לבבי (מרחביה), נתן שחם (בית־אלפא), דער פידלער פעניוועש, די טענצערין נעמי אלעסקאָווסקי, די זינגערין אסתר גמליאלית און נאָך.

— מיט וואָס האָבן זיך פאַרנומען די מיטגלידער פון דער ישראל־דיקער דעלעגאַציע בעת זייער זיין אין פּראָג?

— מיט דעם מיט וועלכן עס האָבן זיך פאַרנומען די דעלעגאַציעס פון אַנדערע לענדער, זיי האָבן זיך באַטייליקט אין פעסטיוואַל: אין קינסט־לערישע אויפטריטן און אין צוזאַמענקונפטן.

— איך מיין מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרנומען אויסער דעם תחום פון פעסטיוואַל? איר ווייסט צו וואָס איך ציל!

— איך מיין נישט, אַז זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט עפּעס אַנ־דערש. זיי זענען געקומען קיין פּראָג, כדי זיך באַטייליקן אין פעסטיוואַל.

— איר ווייסט גוט, אַז פאַר דער דעלעגאַציע איז דער פעסטיוואַל געווען אַ קאַמופלאַזש פאַר זייער עיקרדיקער טעטיקייט.

— איך האַלט, אַז איר זענט זיך טועה.

— ניין, איך בין זיך נישט טועה, נאָר איר זאָגט אַ ליגן. איר פּרו־בירט פאַר מיר אויסבאַהאַלטן דאָס, וואָס אייך איז גוט באַקאַנט. דעריבער וועל איך אייך זאָגן: אַלע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זענען געווען שפּיאָנאַזש־אַגענטן פון ציוניזם. זיי זענען געקומען קיין פּראָג פאַר שפּיאָ־נאַזש־צוועקן. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אויך איר זענט צו יענער צייט געווען אין פּראָג. אויף יעדן אָרט ווו עס געפינען זיך שפּיאָנען, זענט איר אויך דאָ. אונדז איז באַוווּסט, אַז אַלע מענטשן פון דער ישראלדיקער דעלעגאַציע פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש, אויך אין ישראל. דערציילט אונדז, אין וועלכע שטחים האָבן זיי שפּיאָנירט אין פּראָג?

— כ'האָב נישט וואָס צו זאָגן אין שייכות מיט דער אויסגעטראַכ־טער מעשה. איך בין זיכער, אַז אויך איר גלייבט נישט אין דעם.

דער אויספאָרשער ווענדעט אָן די באַוווּסטע, שרעקלעכע טעכניק. ער שטעלט אין פראַגע מיט אַ מאַנאַטאָן קול הונדערטער מאָל וועגן יעדן איינעם פון דער דעלעגאַציע. אין אַ וואָסער תחום האָט יעדער פון זיי־

זיך באַשעפּטיקט מיט שפּיאָנאַזש אין פּראָג. די זאַך ציט זיך פיל שעהן. די דאָזיקע טעכניק צעשטערט די נערוון. זי מאַכט משוגע.

אַ דערשעפּטער קום איך צוריק אין קאַמער.

שפּיאָנען, שפּיאָנען, שפּיאָנען. איך בין נישט זיכער, אויב דער אויספאָרשער גופא ווייסט, דאָס אַלע זיינע רייד זענען פון גרונט אויס אַ ליגן. לויט דער דביקות און איבערגעגעבנקייט וואָס ער ווייזט אַרויס אין זיין אַרבעט, שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז ער גלייבט אין אַלץ. און טאָמער מוז ער גלייבן אין דעם וואָס עס גיבן אים איבער זיינע עלטסטע? אַלנפאַלס, די כוונה איז אַ קלאָרע: דערפירן מיך דערצו, אַז כ'זאָל גלייבן, אַז יעדער ישראל־מענטש באַשעפטיקט זיך מיט שפּיאָנאַזש, אָדער ווינציקסטנס צע־שטערן מיין זיכערקייט, אַז אַזוי זעט אויס די זאַך. אַז יעדן מענטש וואָס איך קען איז אַ שפּיאָן. אַז כ'האָב זיך געפונען אין דער מחיצה פון שפּיאָנען. איך זאָל אָנהייבן גלייבן, דאָס איך אַליין בין אַ שפּיאָן.

„גרוסן" פון דער היים

כ'האָב אויפגעהערט פאָדערן ווינטער־קליידער. כאָטש דאָס אַפּריל־וועטער איז לגמרי נישט קיין אָנגענעמס. פאַראַן טעג, וואָס זענען קעלטער ווי ווינטער־צייט. דאָס איז אַן אַנדערע מין קעלט, וואָס דרינגט אָפּטמאָל טיף אַריין אין די ביינער און מאַכט ציטערן אַלע אברים פון גוף. קאָן זיין דערפאַר וואָס דו שלאָפסט אַ מינימום שבמינימום. עס זענען אויך דאָ וואַרעמע טעג. באַלד וועט קומען דער חודש מאַי. אין אַלגעמיין איז אין מאַי וואַרעם. און בכלל האָב איך אויפגעהערט אַלע פאָדערונגען און פאַר־לאַנגען: רייכערן, לייענען ביכער, נאָרמאַלע פּאָרציעס עסן, איינלאַגעס צו די שיך, שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט. אגב: אפילו ווען זיי וואָלטן מיר דערלויבט צו לייענען ביכער — האָב איך נישט אויף דעם קיין צייט. די אויספאָרשונגען פאַרשלינגען מיין גאַנצע צייט. אויספאָרשונגען באַטאָג און אויספאָרשונגען ביינאַכט. אויך אין די פרייע שעהן וואָלסטו נישט געווען מסוגל צו לייענען — צוליבן פעלן פון שלאָף. איך האָב אויפגעהערט מאָנען. כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז יעדע פאָדערונג מיינע שטויסט זיך אָן אויף

טויבע אויערן. זיי שטעלן פאַר איין באַדינג: מודה זיין זיך אין מיינע פאַר־ברעכנס. פאַרברעכנס פון שעדיקעריי אינעם רעזשים און שפּיאָנאַזש קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע לטובת ישראל און דעם מערב.

איך האָב נישט אויפגעהערט מאָנען איין זאַך. מען זאָל מיר דערלויבן שרייבן אַ בריוו אַהיים. מען זאָל מיר געבן די בריוו, וואָס זענען אָן שום ספק צו מיר אַהערגעקומען אין צווישנצייט. פאַרשטאָפּטע אויערן. עס זענען נישט געקומען פאַר מיר קיין שום בריוו פון דער היים. ווייל אין דער היים זענען זיי זיכער, אַז איך לעב שוין נישט. אַז מיר איז געשען אַן אומגליק אויסער טשעכאָסלאָוואַקיע. און וואָלט אפילו אָנגעקומען אַ בריוו פון דער היים, וואָלטן זיי מיר אים נישט געגעבן, אָן זיך מודה זיין אין מיינע פיינדלעכע טאַטן קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע. ס'איז אָבער קיין שום בריוו נישט אָנגעקומען. איך הער נישט אויף פאָדערן: דערלויבט מיר שרייבן אַהיים אַ קורץ בריוול. בלויז צוויי ווערטער: „איך לעב". זייער ענטפער: ניין.

— נאָכוואָס זאָלט איר פון זיי צאַפּן דאָס בלוט? — פון מיין פרוי, פון מיינע צוויי קליינע קינדער. זיי זענען קיינמאָל נישט געווען אין טשע־כאָסלאָוואַקיע. זיי האָבן נישט געקאָנט שעדיקן אייער רעזשים און שפּיאָ־נירן קעגן אים. מיט וועלכע רעכט זיין זיי אָן אכזר און זיך איזדיעקעווען איבער זיי? מיט וועלכע רעכט פּייניקט איר זיי, שטעלט איר זיי אויס אויף גייסטי־קע יסורים? מיט וועלכע רעכט ווילט איר איינפירן אין מיין שטוב אַן אַט־מאָספער פון אַלמנהשאַפט און יתומהשאַפט, בעת איך לעב נאָך? כאָטש איך ווער געפּייניקט און לייד פון אייערע טומאה־הענט, פונדעסטוועגן לעב איך נאָך, — פאַרוואָס זאָלט איר מיר נישט דערלויבן אָנזאָגן מיין היים די צוויי ווערטער „איך לעב"? איז שוין נישט געבליבן אַ פּשוטער פונק פון מענטשלעכקייט אין אייער אַפּאַראַט פון משפט און צדק?

איך הער נישט אויף מאָנען. אַ קורץ בריוול. נאָר צוויי ווערטער. זיי ענטפערן: ניין. איך פאָדער דאָס פון יעדן אויספאָרשער. פון יעדן אָפיציר. פון דעם אָפיציר וואָס גייט יעדן פרימאָרגן פאַרביי די קאַמערן און פרעגט די אַרעסטאַנטן וואָס זיי פאַרלאַנגען. ניין און ניין. איך טראַכט וועגן גורל פון מיין בני־בית. בעת די אויספאָרשונגען און אויסער זיי. בעת מיינע שפּאַצירן אין קאַמער. ביים אַרויפגיין אויפן געלעגער. די אויספאָרשער כאַפּן מיך נישט איינמאָל ביים פאַרטראַכטן זיך. אָפטמאָל לייג איך נישט קיין אַכט אויף זייערע פראַגן. איך ציטער איבערן גורל פון מיין בני־בית.

טרויערט מען טאַקע נאָך מיר אין שטוב? גלייבן זיי טאַקע, אַז כ׳בין אומגעקומען אין אַ וועג־קאַטאַסטראָפע? מיין גייסטיקע גלייכגעוויכט האַלט אין איין פאַלן. אַזעלכע געדאַנקען דערדריקן מיך ביז שטויב. איך הער נישט אויף מאָנען אין זאָך: צוויי ווערטער אַהיים — „איך לעב״.

אַ שווערע נאַכט פון אויספאָרשונג. מיין „שפּיאָנאַזש״־טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ווידער מיין „באַקאַנטשאַפט״ מיט סלאַנסקין. מיינע „געג־שפּרעכן״ מיט די טשעכאָסלאָוואַקישע פּאַרטעער, די ציוניסטישע אַגענטן אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער רעגירונג — אין די טעג פון דער ציוניסטישער אייראָפּעי־שער קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד. און נאָך פאַרשידענע טעמעס. אין די לעצטע אויספאָרשונגען האָט דער אויספאָרשער שוין נישט אומגעקערט זיך צו דער פראַגע פון מיינע „פאַרבינדונגען״ מיט הימלערן. מסתמא האָט ער באַקומען אַן אָנווייזונג אָפּצולאָזן די זאַך. מיין גרייטקייט זיך מודה צו זיין אין פאַרבינדונגען מיט היטלערן און אין דעם, אַז דאָס האָב איך אויסגעקלערט און געבערענגט פאַר אים דעם פּלאַן צו פאַרטיליקן מיליאָנען יידן — האָט זיי צעדרייט, וויזט אויס, זייער פּלאַן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ „ווידוי״ קאָן זיי אויסשטעלן אויף אַ דורכפאַל. מאַכן זיי צו שאַנד און שפּאָט.

די אויספאָרשונג איז געגליכן צו אַ שיף, וואָס איז אַרויף אויף אַ זאַמד־באַנק. איך רוק זיך נישט פונעם אָרט. דער אויספאָרשער רוקט זיך נישט פונעם ליגן. אַ שפּעטע נאַכט־שעה. ער האָט שוין אָנגעווענדט אַלע פאַרטלען: שטיין אויף אַכטונג, שטיקן, מאַנאַלאָגן, וואָס יעדע באַצייכענונג איז אַ זידלעריי, קלעפּ, אויסגיסן שעפלעך וואַסער „כ׳זאָל נישט איינדרימ־לען״. אינדעראמתן, שלאָפט ער עס איין פון צייט צו צייט אָבער מיר גייען נישט פאַרויס. ער ווילדעוועט, ווי אַ בייזע חיה. פּלוצים לאָזט ער הערן אַ מענטשלעכן קלאַנג. אַ פלעפנדיקע איבעראַשונג.

ס׳איז צו באַוווּנדערן, ווי פלינק די אויספאָרשער קאָנען בייטן זייערע מאַניערן. דעם אויסדרוק פון פּנים, דעם קלאַנג פון די ווערטער. פון זונט־בילעריי איבערגיין צו אַ מענטשלעך לשון. פון צאָרן צו פאַרגעבונג. מאַכן פאַר דיר דעם אָנשטעל פון אַ בייזער חיה, און פּלוצים אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אַ דערבאַרעמדיקער מענטש. נישטאָ אין דעם קיין וועזנטלעכע ענדע־

רונג. דאָס טוישט זיך נאָר די טעכניק. דער אויספאָרשער איז געבליבן אַ ווילדע חיה. ער טוט נאָר אָן די מאַסקע פון אַ מענטש. ווייזט אויס, אַז אויף די קורסן פאַר אויספאָרשונג לערנט מען אויך די תורה פון דעם טעאַטראַלן שפּיל. זיי זענען אויסגעצייכנטע אַרטיסטן. און איך טראַכט — צי זענען זיי אינעווייניק אַזוי קאַלט און ליידיק, צי זענען זיי אינעווייניק אין דער נשמה צעפּרעסן ביזן סוף אַזוי, אַז זיי קאָנען זיך אָנטאָן אין יעדער פּאָזע?

ער דערלויבט מיר צו זיצן. ער פרעגט, צי מיינע פיס זענען נאָך אָנגעשוואָלן פון שטיין אויף אַכטונג. ער וויל, כ׳זאָל פאַרשאַרצן די הויזן כדי זיך איבערצייגן. מיינע פיס זענען שרעקלעך אָנגעשוואָלן. ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ דערשטוינטן, פון אַ ליבנסווירדיקן מיטבאַטייליקטן אין מיין צער. ער איז מיך מכבד מיט אַ סיגאַרעט.

— איר וואָלט געקאָנט רייכערן וויפל ס׳וואָלט זיך אייך געגלוסט · שלאָפן; נישט זיין הונגעריק; נישט שטיין אויף אַכטונג. נאָר איר פירט זיך נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. איר זענט זיך אַליין אַ שונא. איר ווילט זיין אַ העלד דאָ, אין דעם דאָזיקן הויז. דאָס ברענגט אויף אייך אַלע צרות. דאָ קאָן מען נישט זיין קיין גיבור. די אַרעסטירטע דאָ זענען נאָרמאַלע מענטשן. דערפאַר זענען זיי זיך מודה אין זייערע פאַרברעכנס. נאָר אייערע אויערן זענען פאַרשטאָפּט. אַז איר וועט ענדיקן רייכערן דעם סיגאַרעט, וועט איר צוריקגיין אין קאַמער. איר וועט נאָך קאָנען אַ ביסל שלאָפן.

וויאַזוי וועל איך קאָנען שלאָפן, אינגאַנצן אַ נאַסער פון די שעפּלעך וואַסער דיינע, סאַדיסט, מנוּוול?

איך באַניי מיין ווענדונג, ער זאָל מיר דערלויבן שרייבן אַהיים עטלעכע ווערטער. ער ענטפערט: „כל־זמן איר וועט זיך נישט מודה זיין אין די פאַרברעכנס, קומט דאָס נישט אין באַטראַכט. אגב: מען שרייבט אייך נישט פון דערהיים, ווייל זיי האַלטן נישט, אַז איר לעבט. נאָר איך האָב ידיעות פון אייער בני־בית. זיי זענען נישט פון די סאַמע בעסטע”. איך בעט אים ער זאָל מיר זאָגן וואָסערע זענען די ידיעות. ער זאָגט אָפּ: „זיי וועלן אייך נישט פאַרשאַפן קיין פרייד”.

דער אויספאָרשער קערט מיך אום אין קאַמער.

די אָנדייטונגען פונעם אויספאָרשער וועגן נישט־דערפרייענדיקע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון מיין היים, צעשטערן מיין רעשט גייסטיקע גלייכגעוויכט.

זענען זיינע רמזים אמתע צי ליגנערישע? איך בין שוין צופיל דערפֿאַרן, אַז איך זאָל גלייבן אין דער אויפריכטיקייט פון זיינע הומאַנע „אויסברוכן״. מיר איז קלאָר, אַז דאָס איז אַן אויסגעלערנטער געבאָט פון אויספֿאָרשער.

עס קאָן אָבער זיין, אַז זיינע רמזים זענען טאַקע אמתדיקע. אויב מען האָט זיך טאַקע אין לאַנד צוגעאײלט אונטערצירען אַ סך־הכל, אַז ס׳איז מיר געשען אַן אומגליק און איך לעב שוין נישט — קאָן דאָך טאַקע זיין, אַז עפּעס האָרבס איז געשען ביי מיר אינדערהיים. יאָ, דאָס איז מעגלעך. אָבער — גלייב נישט די דאָזיקע שווינדלער. גיב זיי נישט קיין קרעדיט. די אָנצוגעהערעניש פונעם אויספֿאָרשער איז מסתמא אַ שווינדל, אַזוי־ווי די איבעריקע שווינדלען זייערע. זיי ווילן אונטערברעכן דיינע גייסטיקע יסודות. אָפּשוואַכן דיין האַלטונג, דיך ברעכן. גלייב זיי נישט.

טראָץ מיין באַשלוס — נישט גלייבן די אָנדייטונגען פונעם אויס־פֿאָרשער, טראַכט איך אָן אויפהער, וואָס מאַכן מיינע בני־בית. פֿאַר יעדער אויספֿאָרשונג, בעת דער אויספֿאָרשונג, נאָך איר. מיין באַשלוס איז אַ ראַ־ציאָנעלער אַקט — מיין באַוווסטזיין. אָבער מיין נשמה־געפיל זאָגט זיך אָפּ אונטערצוואַרפן דער דיסציפּלין. מיין באַשלוס איז נישט צו גלייבן, אָבער איך גלייב. דער אויספֿאָרשער דערגרייכט זיין ציל. אויף די קורסן פֿאַר אויספֿאָרשונג לערנט מען אוודאי פּסיכאָלאָגיע. די אויספֿאָרשונג איז איינ־געשטעלט נישט נאָר צו ברעכן דעם געפֿאָרשטן פיזיש, נאָר אויך גייסטיק.

דער אויספֿאָרשער מיטן פּרצוף פון אַ קצב באַשעפטיקט זיך ווייטער מיטן פּראָבלעם פון מיין „באַקאַנטשאַפט״ מיט סלאַנסקין. דער עיקר אין די נאַכט־אויספֿאָרשונגען. הונדערטער און טויזנטער מאָל חזרט ער איבער זיינע אַרגומענטן און „באַווייזן״. סלאַנסקי אַליין איז זיך „מודה״ אין אונדזער באַקאַנטשאַפט. נאָכדעם ווי איך פלעג גיין צו פֿאַרשידענע פּאָליטישע מענ־טשן, קאָן נישט געמאָלט זיין, אַז כ׳בין נישט געווען ביים „דעצידירנדיקן מענטש״. עס קאָן נישט מעגלעך זיין, אַז כ׳זאָל נישט האָבן אָנגעהאַלטן קיין קאָנטאַקטן מיטן עיקרדיקסטן „ציוניסטישן אַגענט״. און נאָך און נאָך אַזעלכע „שניידנדיקע באַווייזן״. איך חזר איבער הונדערטער און טויזנטער מאָל דעם איינציקן אַרגומענט און ענטפער: איך קען נישט סלאַנסקין און האָב זיך נישט געטראָפן מיט אים קיין איין־און־איינציק מאָל. מיר איז קלאָר: מיין שטענדיקער אויספֿאָרשער ווייסט, אַז ער וועט פון מיין מויל נישט אַרויסבאַקומען די „ווידוי״ וועגן קאָנטאַקטן מיט סלאַנסקין. און ער

האָט שוין אויף דעם מוותר געווען. נאָר די אויפגאַבע וואָס איז אַרויפגע־לייגט געוואָרן אויפן „קצב" איז — צו פּליקן מײַנע נערוון. ער באַנוצט זיך מיט די אָנגענומענע טריקס פון דער אויספאָרשונג: איבערהזרן אײן פראַגע במשך אַ גאַנצער נאַכט; באַליידיקונגען; לאָזן אין גאַנג די פויסטן; איבונגען פון שטיקן; שטיין אויף אַכטונג; דראָונגען מיט דער תליה; לאָ־קונגען. לאַנגע שעהן איז ער אַ טייוול. פלוצים פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ מלאך. אין עטלעכע מינוט אַרום ווערט ער ווידער אַ טייוול.

מיך רודערט איצט אויף איין פראַגע: וואָס מאַכן איצט מײַנע בני־בית?

מײַן אויספאָרשער — דער שטענדיקער — הייבט זיך אויף פון זײַן בענקל. ער נעמט שפּאַצירן איבערן צימער. ער שפּאַצירט און שווייגט. איי־ניקע שעה האָט ער מיט מיר געשוויצט. גאָרנישט אַרויסבאַקומען. ער שפּאַ־צירט. איך טראַכט וועגן איין־און־איינציקער זאַך, וואָס צעשטורעמט מײַן וועזן אייניקע טעג: וואָס הערט זיך בײַ מײַנע בני־בית? באַהאַלט טאַקע דער אויספאָרשער עפּעס פון מיר? אויב יאָ — טאָ וואָס?

ער שפּאַצירט. אָט גייט ער פאַרביי מיר. זײַן אויסדרוק פון פּנים איז נאָך אַלץ כעסדיקער, אַ סאַדיסטישער, ווי פאַר דער גאַנצער צייט פון די לעצטע אויספאָרשונגען. גלייך ער וואָלט געזוכט נייע פאַרטלען פאַרטצו־זעצן די אויספאָרשונג. אָבער קומענדיק צום שרײַבטיש, זעצט ער זיך אַוועק אויף זײַן בענקל — און זײַן פּנים טוישט זיך אינגאַנצן. ער קוקט אויף מיר מיט אַ מענטשלעכן בליק. איינע פון די פּלוצימדיקע, אויסגע־לערנטע מעטאַמאָרפאָזעס, וואָס זענען אַזוי אָנגענומען בײַ מײַנע אויס־פאָרשער.

— כ׳האָב אײַך געזאָגט מיט אייניקע טעג צוריק, אַז עס זענען צו מיר געקומען נישט קיין פריילעכע ידיעות פון אייער היים. איז אייער פרוי בדרך־כלל נישט געווען קיין געזונטע? האָט זי אַמאָל געהאַט אַ נערוון־קראַנקהייט?

אויף דער ערשטער פראַגע ענטפער איך יאָ, אויף דער צווייטער — ניין. איך בעט מיר ווײַזן דעם בריוו פון דער היים. ער ענטפערט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין בריוו פון דער היים. אַז מײַן פרוי, איז צו זײַן באַדויערן, אין אַזאַ לאַגע, אַז זי איז בכלל נישט פעיק צו שרײַבן. עס זענען אָנגעקומען

ידיעות דורך אַנדערע וועגן. „אַ שאָד אייערע קינדער. נישט גוט פאַר קינ־דער אין דעם עלטער, אַז זייער מאַמע ליגט אין שפיטאָל, ווייט פון דער היים״.

איך וויל נישט גלייבן. נאָר איך גלייב.

— אין אייער היים איז מען זיכער, ווי איר ווייסט, אַז איר לעבט שוין נישט. איך שטוין נישט, אַז אַזאַ פּלוצימדיקע ידיעה קאָן אַ פרוי אַראָפּפירן פון זינען. איך וויל גלייבן, אַז זי וועט זיך דערמונטערן און קומען צו זיך. נאָר ווער ווייסט וויפל צייט דאָס דאַרף נעמען. אַ שאָד אייערע קינדער. זייער גורל איז מיר גורם אמתדיקן צער.

איך וויל קלאָרע דיבורים. ער ענטפערט, אַז ר׳האָט מיר אַלץ געזאָגט קלאָר.

— זענען ביי אייך אין ישראל פאַראַן גוטע שפּיטעלער פאַר גייסטיק־קראַנקע?

איך ענטפער נישט.

— נישט איינמאָל האָט איר מיר געזאָגט, אַז איר קאָנט משוגע ווערן. זאָרגט זיך נישט. ביי אונדז אין טשעכאָסלאָוואַקיע זענען פאַראַן אויסגעצייכנטע שפּיטעלער פאַר גייסטיק־קראַנקע. אויב דאָס וועט אייך געשען, וועלן מיר אייך שנעל געזונט מאַכן און איר וועט צוריקקומען אַהער, פעיק פאָרטצוזעצן די אויספאָרשונגען.

איך רעאַגיר נישט.

— אַ שאָד אייערע קינדער. איך בין זיכער, אַז איר באַשולדיקט אונדז נישט אין דעם, וואָס ס׳איז געשען אייער פרוי. אָבער איר דאַרפט באַשולדיקן נאָר זיך אַליין. איר האָט זיך נישט באַדאַרפט פאַרנעמען מיט שפּיאָנאַזש און פיינדלעכער טעטיקייט קעגן אונדז. נאָכמער, איר האָט שוין פון לאַנג געקאָנט זיין אינדערהיים, ווען איר וואָלט אונדז גלייך געווען דערציילט דעם גאַנצן אמת. ווען איר וואָלט זיך געווען אויפגעפירט מיט פאַרשטאַנד.

איך שווייג. און וואָס וועל איך אים זאָגן?

— וויפל איז אַלט אייער זון?

—כמעט פינף יאָר.

— אויפן הויף ווו איר וווינט, זענען פאַראַןביימער? הויכע ביימער?

— יאָ.

— און ביי אייך טוט מען נישט אַכטונג אויף קינדער אין דעם עלטער, אַז זיי זאָלן נישט קלעטערן אויף דיביימער? ביי אונדז דערלויבט מען נישט אַזאַ קליינוואַרג צו קריכן אויף די ביימער. אייגנטלעך, ווער האָט געקאָנט אַכטונג געבן אויף אייער זון ער זאָל נישט קריכן אויף די ביימער? זענען שוין ביי אייך קליינע קינדער אַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון בוים?

איך בעט אים ער זאָל מיר זאָגן קלאָר וואָס איז געשען מיין זון.

— איך דאַרף אייך נישט זאָגן מער. אַ שאָד, וואָס אייער פרוי איז געשען דאָס, וואָס ס׳איז געשען און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אַכטונג געבן אויפן קינד, ער זאָל נישט קלעטערן אויף הויכע ביימער.

אין געדאַנק מאָביליזיר איך אַלע אַרגומענטן אויף אָפּצושטויסן די אָנצוהערענישן פונעם אויספאָרשער ווי אַ גבוזהדיקן שקר. אָבער אין די טיפענישן פון מיין נשמה גראָבן זיי ווי אַ ביטערער, פּלעפנדיקער אמת. קאָן מען גלייבן, אַז ס׳זאָל עקזיסטירן אַזאַ קלאַס פון טייוולאָנישן איזדיעקעווען זיך, כדי איינברעכן דעם גייסט פון מענטש? איך קאָן דאָס נישט גלייבן.

איך באַניי מיין בקשה מען זאָל מיר דערלויבן אַהיים שרייבן עט־לעכע ווערטער. זיין ענטפער: „איר וועט קאָנען שרייבן אַ לאַנגן בריוו — כאָטש אייער פרוי איז נישט מסוגל צו לייענען. נאָר קודם מוזט איר ענדערן אייער צוגאַנג צו דער אויספאָרשונג. איר דאַרפט זיך מודה זיין אין אייערע פאַרברעכנס״.

ערשטער מאַי 1952

שוין נעכטן נאָכמיטאָג און ביינאַכט האָט מען מיך נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונג. אויך מיין שכן האָט מען נישט גערופן. אין קאָרידאָר הערשט אַן אומגעווינלעכע שטילקייט. ערב יום־טוב. איין טאָג אין יאָר וועלן די אויספאָרשער שרייען „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם״ — באַזאַמען מיט מאַסן אַרבעטנדיקע מענטשן וואָס בויען דעם סאָציאַליזם. צומאָרגנס וועלן זיי זיך אומקערן צו פּייניקן אומשולדיקע מענטשן. דאָס וועט שוין זיין דעם 2־טן מאַי.

פאַר מיין שכן אין קאַמער איז דער דאָזיקער טאָג אַ געוויינלעכער. איך האָב דאָס געפיל פון אַ יום־טוב. אין משך פון 25 יאָר איז דער דאָזיקער טאָג געווען פאַר מיר אַ פייערלעכער. און דאָס יאָר — אַ מאָדנער ערשטער מאַי. צווישן תפיסה־מויערן. אָט בין איך געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. מען האָט מיך נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונג. ווייזט אויס — אין זכות פון ערשטן מאַי.

אין די לעצטע טעג דרינגט דער פרילינג אַריין אויך אין מיין קאַמער. דאָס זון־שפּרענקעלע וואַנדערט לאַנגזאַם אויף דער וואַנט און פאַדלאָגע פון מיין קאַמער. דאָס פענצטער איז אָפן. אָבער אפילו ווען עס איז אָפן, זע איך דעם הימל און די זון מטושטש — דורך דער מאַטער שויב מיט די קרייצונגען פון אייזן־דראָט. דאָס פענצטערל איז אַזוי געמאַכט, אַז זאָלסט נישט זען דעם עצם הימל און די זון. דאָס פענצטערל איז אַ קונסט־ווערק. און דערביי איז די קאַמער פול מיט ליכט אַ סך שעהן פון טאָג. היינט. אפילו אַ ביסל שטיקנדיק.

נישט־ווילנדיק שווימען אַוועק מיינע געדאַנקען צום ערשטן מאַי אין לאַנד. מאַסן־מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס. איך געדענק די מיטינגען אין וועלכע כ'האָב זיך באַטייליקט יעדעס יאָר אַלס רעדנער: אין מיין היים, אין חיפה, עמק־חפר, עמק־הירדן, תל־אביב, הגליל העליון. און אַ גאַנצער ריי אַנדערע ערטער. אויף די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַרזאַמלונגען האָב איך גערופן צו פריינדשאַפט מיט דער וועלט פון דער רעוואָלוציע, מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

פאַראַיאָרן האָב איך גערעדט אין ירושלים. היי־יאָר איז מיר באַשערט שטומקייט צווישן תפיסה־מויערן אין דער וועלט פון דער רעוואָלוציע. היינט איז מיר פאַרבאָטן צו זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". היינט בין איך אַ „פאַרעטער פון סאָציאַליזם". אַ „מערבדיקער שפּיאָן". אַ „שונא פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים".

אין די לעצטע טעג האָב איך נישט קיין גייסטיקע רו — מחמת די אָנדייטונגען פונעם אויספאָרשער וועגן די אומגליקן וואָס האָבן געטראָפן מיין בני־בית. זיינע רייד זענען געזאָגט געוואָרן אין אַ צוריקגעהאַלטענער פאָרם, גלייך ער וואָלט מיר נישט געוואָלט גורם זיין קיין צער. ער האָט בלויז געגעבן אָנצוגעהערעניש, באַגלייטע מיט אַ מענטשלעכן טאָן. ער האָט אפילו אַרויסגעוויזן געניטקייט אין באַשטימטע פּרטים פונעם הויף

אין קיבוץ. אַז ס׳זענען דאָרט פּאַראַןביימער. אַז קליינע קינדער זענען דאָרט געוווינט אויף זיי צו קלעטערן. און נישט תמיד אונטער דער אויפזיכט פון עלטערע. און קאָן דען נישט געמאָלט זיין, אַז אַ קליין קינד זאָל אַראָפּפאַלן פון אַ בוים? און קאָן דען נישט געמאָלט זיין, אַז אַ פרוי זאָל זיך איינברעכן און גייסטיק איינפאַלן, הערנדיק וועגן אומגליק וואָס האָט געטראָפן איר מאַן? און פונדעסטוועגן, אפשר איז עס פאָרט אַ נידערטרעכטיקער אויספאָרשונג־פּאָרטל? אפשר איז דאָס אַלץ נישט מער ווי ליגן? אַ טריק אין זייער פאָרש־סיסטעם, ווען מען ציל ס׳איז צו דערדריקן און איינצוברעכן דעם גייסט פון געפאַרשטן? וואָס טאָן? איך מוז שרייבן אַהיים און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. דער סאַדיסט וועט מיר דערלויבן שרייבן אַהיים, מיטן באַדינג, אַז כ׳וועל זיך מודה זיין פריער אין מיינע „פאַרברעכנס״. וואָלט איך געווען זיכער, אַז דעם אויספאָרשערס אָנצוגעהערענישן זענען אַן אַבסאָלוטער ליגן. איך בין אָבער נישט זיכער. וואָלט איך געווען זיכער, אַז אינדערהיים ווייסט מען, אַז איך לעב! אָבער איך בין נישט זיכער. איך מוז צו זיי שרייבן און זאָל זיין וואָס עס וויל. געבן זיי אַ סימן פון לעבן. אויך אויב די רייד פון אויספאָרשער זענען שקר. אין מיין היים וואַרט מען שוין דעם פינפטן חודש אויף אַ לעבנסצייכן פון מיר. אויך אויב מיין פרוי האָט זיך נישט איינגעבראָכן גייסטיק — קאָן דאָס פּאַסירן, אויב זי באַקומט נישט פון מיר אַ סימן פון לעבן. איך מוז שרייבן. אפילו ווען כ׳וועל פאַר דעם צוועק זיין געצוווּנגען זיך מודה צו זיין אין פאַרברעכנס, וואָס כ׳בין נישט באַגאַנגען. איך מוז דאָס טאָן אַלס פּיקוח־נפש. פאַר מיין פרוי און די זיך פיינינקדיקע קינדער. איך בין פאַרפליכטעט זיי אָנצוזאָגן, אַז זייער פאָטער איז נישט געשטאָרבן און נישט „פאַרשוווּנדן״, אַז ער לעבט. איך מוז זיי דאָס מבשר זיין, אפילו ווען כ׳וועל דאַרפן באַצאָלן אַ שרעקלעכן פּרייז: זיך מודה זיין אין „פאַרברעכנס״. דאָס הייסט, אָפּטרעטן פון פּראַנט, אויף וועלכן איך באַמי זיך צו שטיין מיט די פולע כוחות וואָס האַלטן זיך אין איין אויסשעפּן. דעמאָלט וועט אַלץ זיין פאַרלוירן. איך וועל זיך שוין נישט קאָנען מערער פאַרטיידיקן. אַ האַרבע דילעמע פאַרן געוויסן. איז מיר דערלויבט דאָס צו טאָן? מפקיר זיין דעם פאַרטיידיקונגס־פּראַנט צוליב אָנשרייבן אַ בריוו, וואָס איז נייטיק צו ראַטעווען די נפשות פון מיין בני־בית? איז מיר דערלויבט צו טאָן אַזאַ זאַך? דער ענין איז גאָרנישט אַזוי פּשוט. דאָ זענען פאַרמישט זאַכן, וואָס נייטיקן זיך אין אַ גרויסן ישוב־הדעת.

ערשטער מאַי 1952. פּאַרמיטאָג. ערגעץ־ווו אין קאָרידאָר צעשרייט זיך אַ הילכער. צו מיין קאַמער דערטראָגן זיך געדעמפּטע קלאַנגען פון טומלדיקע מאַרש־מעלאָדיעס. ווייזט אויס, אַז ס'הייבט זיך אָן די דעמאָנסטראַציע פון די הויפּטשטאָטישע אַרבעטער. נאָך אַ ביסל וועט אוודאי פאַרקומען דער פייערלעכער מיטינג פון די פּראַגער אַרבעטער. זיכער וועלן אין אַלע שטעט אין לאַנד אַדורכגעפירט ווערן מאַסן־מיטינגען פון די אַרבעטנדיקע — אויף מאַכן אַ סך־הכל פון די דערגרייכונגען ביז איצט און אָנצייכענען אויפגאַבן אויף ווייטער. זיי האָבן וואָס צו רעזומירן: גרויסע דערגרייכונגען אינעם פּאָרשריט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. אָן שום ספק, אַז דער רוב פון זיי ווייסט נישט וועגן דעם גיפטיקן געוויקס וואָס פרעסט דעם גוף פון זייער ווערק. פיל ווייסן נישט, אָן שום ספק, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין דער תפיסה רוזין און ענלעכע.

ערשטער מאַי. מיינע מחשבות אַנטרינען פון מיין פּאַרקראַטעוועטער קאַמער — צו די אַרבעטער פון ישראל. אין אַלע ישובים אין לאַנד פייערן איצט די אַרבעטער אין ישראל זייער יום־טוב. וואָס שטייט איצט אין צענטער פון די פייערונגען?

כמעט אַ האַלב יאָר ווי כ'בין אָפּגעשניטן פון ישראל און פון דער גאַנצער וועלט. עס איז נישט דערגאַנגען צו מיר קיין שום ידיעה וואָס עס קומט פאָר אין ישראל. די אויספאַרשער זענען געוואָרנט אין זייערע רייד, אַז ס'זאָל זיך נישט אַריינגנבענען דאָרט אַ ידיעה וועגן דעם וואָס ס'קומט פאָר אויף דער וועלט. פון זייערע רייד לערנסטו בלויז וועגן אַרעסט פון גייע, אומשולדיקע מענטשן. וועגן דער אַנטי־ציוניסטישער העצע און אַנטיסעמיטיזם וואָס צעוואַקסן אין דער פרעסע און אין די קרייזן פונוואַנען די אויספאָרשער באַקומען זייערע אינספּיראַציעס און דירעקטיוון. דער געפאָרשטער דאַרף זיין לחלוטין אָפּגעשניטן פון דער וועלט און פון דעם וואָס אין איר פּאַסירט. טעג און נעכט, וואָכן און חדשים דאַרף ער זיך קאָכן אין בלוט פון זיינע ליידן און פּיין. נישט קיין ציטונג, נישט קיין בוך. הערמעטישע אָפּגעשלאָסנקייט איז איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פונעם פאָרש־סיסטעם, וועמענס כוונה עס איז נישט צו דערגרייכן דעם אמת, נאָר צו צעברעכן דעם געפאָרשטן און אים דערפירן צו פאַלשע ווידויים.

איך ווייס דעריבער גאָרנישט וועגן דעם וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אינדרויסן. איך בין זיכער, אַז די אַרבעטער אין ישראל פייערן היינט זייער

יום־טוב. אין אַלע ישובים— פון דן ביז אילת — פלאַטערן די נאַציאָנאַלע און קלאַסן־פענער און עס הערט זיך דאָס ספּעציפישע וואָרט פונעם אַרבע־טער. פיזיש קאָן איך היינט נישט זיין צוזאַמען מיט זיי. גייסטיק אָבער געפין איך זיך מיט זיי. ווי פריער, אַזוי היינט, אידענטיפיציר איך זיך פולשטענדיק מיט די נאַציאָנאַלע און קלאַסן־אינטערעסן פון די ישראלדיקע אַרבעטער, אַזויווי זיי האָבן געפונען זייער אויסדרוק אינעם וועג פון מפ״ם.

נאָכמיטאָג. אַ מאַלצייט מיט פלייש. אַזויווי זונטיק. אָבער דער הונ־גער מאַטערט אַלץ. דאָס איז דער דויערנדיקער הונגער במשך חדשים. דורכן אָפענעם פענצטער דערטראָגן זיך צו מיר קלאַנגען פון מאַרשן. די יום־טוב־באַוועגונג פון דעם ישוב רוזין, אין וועמענס תחום עס געפינט זיך מיין תפיסה. מיינע אויערן כאַפּן אויף דעם עכאָ פון רוישיקע רייד. מסתמא איז נישט ווייט פונדאַנען פאַרגעקומען אַ פייערלעכער מיטינג פון די אָרטיקע איינוווינער. קאָן זיין, אַז די כנופיה מיינע אויספאָרשער האָט זיך אין אים באַטייליקט. אָט רייסן זיך אַדורך קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל״. און דערנאָך די הימנען פון טשעכאָסלאָוואַקיע און דעם ראַטנפאַרבאַנד. גע־דעמפטע אָפּקלאַנגען פון שטיקער רעדעס. אָפטע אַפּלאָדיסמענטן. אַן אָר־קעסטער. אַ כאָר. דער דערבייאיקער ישוב פייערט דעם יום־טוב פון סאָ־ציאַליזם. און דאָ, הינטערן פאַרקראַטעוועטן פענצטער, פייניקט זיך אַן אומשולדיקער ישראלדיקער סאָציאַליסט. נישט געקוקט אויף די באַמיונגען פון זיינע פייניקער, איז נישט צעבראָכן געוואָרן זיין גייסטיקע און אידעישע צוגעבונדנקייט צום סאָציאַליזם, וואָס וועט דעם מענטש ברענגען שפע און גליק, גערעכטיקייט און אמת.

פאַרנאַכט־דעמערונג. אין קאָרידאָר איז שטיל. געמאָסטן זענען די פאַמעלעכע טריט פון די וועכטער. און יעדע עטלעכע מינוט אַ לייכטער שאָרך אין טיר. אינעם נאָכשפיר־פענצטערל באַווייזט זיך דאָס אויג פונעם וועכטער.

דער ערשטער מאַי דערנענטערט זיך צום סוף. איך האָף, אַז אויך היינטיקע נאַכט וועט מען מיך לאָזן שלאָפן און נישט רופן מיך צו אַן אויספאָרשונג. מאָרגן וועט שוין נישט זיין קיין ערשטער מאַי. מאָרגן וועט זיך באַנייען מיין גהינום־לעבן.

מרדכי אורן

אין די קליינע נאַכט-שעהן

אין די לעצטע וואָכן האָב איך אָנגעהויבן חתמענען אונטער פאַרשידענע פּראָטאָקאָלן — וועגן מיין „ביאָגראַפיע", פּאָליטישער טעטיקייט, פאַרשידענע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן זענען נישט פאַראַן קיין „ווידויים". דאָס דאַרפן זיין פּראָטאָקאָלן מיט פאַקטן. אָבער די דאָזיקע פאַקטן וועלן אָן שום ספק דינען מיינע אויספאָרשער אַלס באַזע צו דערגיין צו פאַלשע מסקנות קעגן מיר. פון דעם ריכטיקן פאַקט, אַז מיין פאָטער איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַריער, נאָר אַ סוחר — וועלן זיי מסתמא דערגיין צו דער „וויסנשאַפטלעכער" מסקנה, אַז צוליב מיין דערציונג אין דער היים פון די עלטערן בעת מיין קינדהייט — קאָן איך נישט נישט זיין אַ שונא פון סאָציאַליזם. אין איניקע פּראָטאָקאָלן ווערן בדרך כלל דערציילט ריכטיקע פאַקטן וועגן מיין געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט. אָבער נאָר אין ציוניסטישן שטח: מיין אָנטייל אין ציוניסטישע קאָנגרעסן, מיינע רעפעראַטן אויף צוזאַמענקונפטן פון ציוניסטישע טוער, מיין אויפקלער־טעטיקייט צווישן דער יוגנט — אין ציוניסטישן גייסט. אַנטקעגן דעם זענען קאָנפיסקירט געוואָרן אַלע פאַקטן פון מיין סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־טעטיקייט. וועגן מיין זיין אַ טוער פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז אויך אַ ציוניסטישע און אויך אַ לינק־סאָציאַליסטישע. וועגן מיין פּיליאַריקער טעטיקייט אין דער הסתדרות און אויפן געביט פון קלאַסן־קאַמף פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער. וועגן מיין אַרבעט אין פּרעזידיום פון דער „פריינדשאַפט־ליגע ישראל—פסס"ר". וועגן מיין אָנטייל אין די קאָנגרעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. וועגן מיין אַרבעט אין דער שלום־באַוועגונג. דאָס אַלץ איז אין די פּראָטאָקאָלן קאָנפיסקירט געוואָרן.

און ווי באַוווסט, איז אַ האַלבער אמת נישט איינמאָל ערגער פון אַ גאַנצן ליגן. פון דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל וואָס אַנטהאַלט האַלבע אמתן, וועט מיטן מאָמענט קומען די פאַלשע מסקנה, אַז מיין ציוניסטישע טעטיקייט איז געווען געריכטעט אונטערצוברעכן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין די פּראָטאָקאָלן וועגן מיינע פאַרשידענע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע ווערט דערציילט וועגן מיינע צוזאַמענטרעפן איבער „ציוניסטישע" ענינים מיט דעם „פאַרעטער" און געשוווירענעם שונא פון דער

פּאָלקס־דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, קלעמענטיס. עס איז אָבער פאַרבאַ־
האַלטן געוואָרן דער פאַקט פון מיין באַגעגעניש מיטן פּרעמיער זאַפּאָטאָצקי
וועגן די זעלבע „ציוניסטישע" ענינים. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז כ׳האָב
אַרויסגעוויזן פיל אינטערעס אין די פאַרשידענע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פונעם
נייעם רעזשים. אַז כ׳האָב דאָס געטאָן פאַר מפ״ם. עס ווערט אָבער נישט
געזאָגט, אַז אומקערנדיק זיך אַהיים פון מיינע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַ־
קיע און אַנדערע פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס, האָב איך אין וואָרט און אין
שריפט דערציילט וועגן פאַרשריט און פאַרפעסטיקונג פונעם נייעם רעזשים,
וועגן גרויסן פאַרנעם פון סאָציאַליסטישן בוי אין די דאָזיקע לענדער און;
אַז איך האָב געטאָן דאָס בעסטע אויף צו געווינען סימפּאַטיע פון די מאַסן
אין ישראל פאַר דעם ראַטנפאַרבאַנד און די פּאָלקס־דעמאָקראַטישע לענ־
דער. אַז ס׳וועט קומען די נייטיקע שעה, וועט דער דאָזיקער פּראָטאָקאָל
דינען אַלס באַזע פאַר פאַלשע מסקנות וועגן מיינע צוזאַמענטרעפן מיט
דער „באַנדע פאַרעטער" אין טשעכאָסלאָוואַקיע און מיין פאַראינטערעסירונג
מיט דער אַנטוויקלונג פונעם נייעם רעזשים — פאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן אין
דינסט פון מפ״ם, מדינת ישראל, דעם מערב.

די פּראָצעדור פון צונויפשטעלן די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן איז אַזעל־
כע: נאָך פיל אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט, אין וועמענס צענטער
עס שטייט אַ געוויסע טעמע, הייבט אָן דער אויספאָרשער שרייבן דעם
פּראָטאָקאָל אויף אַ שרייבמאַשין. אין מיינסטע פאַלן ביינאַכט. ער טוט דאָס
אין דיין אָנוועזנהייט, אויפן יסוד פון די פיל נאָטיצן, וואָס ער האָט פאַר־
שריבן אין זיין העפט בעת די אויספאָרשונגען. דער פּראָטאָקאָל איז צוזאַ־
מענגעשטעלט פון פראַגן און ענטפערס. דו זיצסט אין ווינקל. הונגעריק.
אַ דורשטיקער נאָך שלאָף. אַ דערשעפּטער. אָפטמאָל באַפעלט דיר דער
אויספאָרשער צו שטיין אויף אַכטונג פיל שעהן. ער שרייבט אויף דער
מאַשין אַ פראַגע און אַן ענטפער, אַ פראַגע און אַן ענטפער. ער לאָזט דיך
נישט הערן זיינע פראַגן. ער שרייבט זיי אַריין אין פּראָטאָקאָל. ער פאָר־
מולירט אויך די ענטפערס. אויפן יסוד פון די נאָטיצן אין זיין העפט. דער
גאַנצער דרוק ווערט איצט אויסגעאיבט דו זאָלסט באַשטעטיקן, אַז דעם
ענטפער וועלכן ער האָט פאָרמולירט און אים שוין אַריינגעשריבן אין פּראָ־
טאָקאָל, אָדער גייט זי ערשט אַריינשרייבן, איז דיין ענטפער. יעדע פראַגע
און ענטפער איז פיזישע און גייסטיקע ליידן פאַרן געפאָרשטן. די פראַגע
איז פאָרמולירט אויף אַ טענדענציעזן, כיטרען אופן. יעדער ענטפער, וועלכן

ער פֿאַרמולירט אין דיין נאָמען, אַנטהאַלט אומזעבאַרן ליגן אָדער אַ האַלבן אמת, וואָס איז ערגער פֿון אַן אָפֿענעם שקר. ער לאָזט צו האַרבע קאָמענ־טאַרן. מאָרגן וועט ער דינען אַלס מאַטעריאַל פֿאַר אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דיר.

נישט צופֿעליק ווערן די פּראָטאָקאָלן על־פּי־רוב צונויפֿגעשטעלט בעת די נאַכט־אויספֿאָרשונגען. דער אויספֿאָרשער רעגולירט אַזוי זיינע רייד, אַז די צייט פֿון אונטערשרייבן זאָל אויספֿאַלן אין די קליינע שעהן פֿון דער נאַכט. די פֿיזישע ווידערשטאַנד־פֿעיקייט איז שוואַך. דער געדאַנק איז טעמפּ. דו דאַרפֿסט זיך זייער אָנשטרענגען, כדי אין יעדער פֿראַגע און ענטפֿער אַנטדעקן די אונטערגעשטעלטע פֿולאָפּקע. דו ווייסט, אַז אין אַ שעה־צוויי אַרום וועסטו דערהערן דעם פֿרימאָרגן־קלונג. אויב דו שרייבסט אונטער, קאָנסטו נאָך שלאָפֿן אַ שעה־צוויי. דו ווילסט שלאָפֿן. נישט נאָר דערפֿאַר וואָס ביסט טויט־מיד. ווילסט אויך שלאָפֿן צוליב אַן אַנדערע סיבה: זאָלסט האָבן אַביסל כוח — כוח פֿון האַלטן זיך אין פּשוטן זין פֿון וואָרט און כוח צו שטיין אין פֿאַרטיידיקונג — פֿאַר אויספֿאָרשונגען וואָס וועלן זיין מאָרגן, בייטאָג און ביינאַכט.

יעדער פֿראַגמענט פֿון פּראָטאָקאָל קאָסט מיך בלוט. איבער יעדער ענטפֿער „מיינעם", ראַנגל איך זיך שעהן. דער אויספֿאָרשער שרייט. ז'דלט זיך. לאָזט אין גאַנג זיינע פֿויסטן. באַפֿעלט מיר שטיין אויף אַכטונג. וואַרפֿט מיך אַרויס פֿון ביוראָ און מיט פֿאַרבונדענע אויגן שטעלט ער מיך אַוועק אין קאָרידאָר אָדער אין אַ פֿאַרלאָזטער קאַמער. ער ברענגט מיך צוריק אין ביוראָ; ער נעמט ווידער ליאַרעמען. באַליידיקן. ער טענהט, אַז „מיין ענטפֿער" — דאָס הייסט וואָס ער האָט פֿאַרמולירט אַלס מיין ענטפֿער — שטיצט זיך אויף זיינע פֿאַרצייכענונגען אין העפֿט. איך ענטפֿער, אַז כ'בין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דאָס וואָס כ'האָב געזאָגט, ווען ער האָט געמאַכט זיינע נאָטיצן. כ'בין אָבער נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם וואָס ער האָט פֿאַרשריבן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין זיינע נאָטיצן האָט ער אין מיין מויל אַריינגעלייגט רייד, וועלכע כ'האָב קיינמאָל נישט געזאָגט. זיינע פֿאַר־צייכענונגען ווימלען פֿון פֿאַרקריפּלונגען, פֿעלשונגען און סתם שקרים, אַז איך פּרוביר פֿאַריכטן זיינע פֿעלשונגען — טענהט ער, אַז איך שעדיק ביי־וויליק דעם גאַנג פֿון דער אויספֿאָרשונג.

— האָט איר דען נישט באַשטעטיקט בעת דער אויספֿאָרשונג נעכטן, אַז אין אייערע צוזאַמענטרעפֿן מיט קלעמענטיסן, ווען ער איז געווען אונ־

טערשטאַטס־סעקרעטאַר און דערנאָך אויסערן־מיניסטער, האָט איר מיט אים באַהאַנדלט פראַגן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע? אַזוי איז דאָך פאַרשריבן אין מיין העפט!

— כ׳האָב דאָס נישט געזאָגט און כ׳האָב נישט געקאָנט אַזעלכעס זאָגן, וויל קיין איינמאָל האָב איך נישט מיט קלעמענטיסן גערעדט וועגן ציוניסטישער טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין די יאָרן 1945 און 1947 — האָב איך מיט אים באַהאַנדלט די פראַגע וועגן גרעניצן פון יידישן ישוב קעגן דער בריטישער פּאָליטיק און הערשאַפט אין ארץ־ישראל און אין יאָר 1948 וועגן פאַרשטאַרקן די הילף פון טשעכאָסלאָוואַקיע פאַר יש־ראל אין איר מלחמה מיט די אַראַבישע אַריינדרינגלער. בעת אונדזערע צו־זאַמענטרעפן איז קיין איינמאָל נישט באַהאַנדלט געוואָרן די ציוניסטישע טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אויב איר האָט דאָס פאַרשריבן אין אייער העפט — האָט איר פאַרשריבן עפּעס אַנדערש ווי איר האָט געהערט פון מיר. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע ווערטער און נישט פאַר אייערע נאָטיצן.

צום סוף פאַרבעסערט ער דעם נוסח פון „מיין ענטפער״: כ׳האָב גערעדט מיט קלעמענטיסן וועגן „ציוניסטישע ענינים״. איך בין נישט מסכים אויך מיט דער דאָזיקער אויסבעסערונג. ערשטנס, פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט. אַן ענטפער, פאָרמולירט אַלס מיינער, דאַרף אַנטהאַלטן מיי־נע ווערטער און נישט די פונעם אויספאָרשער. צווייטנס, איך ווייס אַ וואָ־סער פאַרשווערונג עס פאַרבאַהאַלט זיך אונטער דעם נוסח: „כ׳האָב גערעדט מיט קלעמענטיסן וועגן ציוניסטישע ענינים״. דער מיין איז — צו פאַר־וואַנדלען קלעמענטיסן אין אַ „ציוניסטישן אַגענט״ און מיך — אין זיינעם אַ שותף צו די ציוניסטישע „סאַבאָטאַזש־אַקטן״ קעגן רעזשים. און ס׳וועט קומען די צייט, ווען געשריבן ווערן אַ נייער פּראָטאָקאָל און דאָרט וועט מען אַרויסציען די דאָזיקע פאַלשע מסקנה. דערפאַר אייל איך זיך נישט צו באַשטעטיקן דעם אויבנדערמאָנטן נוסח. איך ראַנגל זיך מיטן אויספאָרשער, בעת מיינע כוחות האַלטן אין אויסגיין, ווען די אויגן פאַרמאַכן זיך. בעת איך שטיי אָן אויפהער אויף אַכטונג און האָב מורא, אַז באַלד וועל איך פאַלן פון דערשעפּונג.

איך קאָן נישט מער. דער הימל אינדרויסן ווערט בלייך. באַלד וועט זיין באַגינען. איך מוז שלאָפן. ווינציקסטנס אַ שעה, אַ האַלבע שעה. סוף־כל־סוף איז נישטאָ אין פּראָטאָקאָל קיין שום ווידוי, קיין שום בפירושע באַ־

שולדיקונג. פֿאַראַן דאָרט אַ בכיוונדיקע גרייזונג וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ בייזע כוונה. איך וועל זיך ראַנגלען, ווען זיי וועלן קומען אַדורכפֿירן די כוונה.

איך מעלד דעם אויספֿאָרשער, אַז דאָס איז טאַקע נישט מיין ענט־פֿער, אָבער איך וועל חתמענען. ער גיט מיר איבערצולייענען און אונטער־צושרייבן. איך פּרוביר לייענען, איך בין אָבער נישט אימשטאַנד צו לייע־נען און צו פֿאַרשטיין. קאָן זיין, אַז דער אויספֿאָרשער האָט דאָרט אַריינ־געפֿירט נאָך פֿאַרקריפּלונגען. כ׳האָב אָבער נישט קיין כוח היינטיקע נאַכט. זאָל שוין נעמען אַן עק.

איך שרייב אונטער.

אַן אַנדערע נאַכט. דער אויספֿאָרשער זיצט ביי דער שרייבמאַשין. ער שטעלט צונויף אַ פּראָטאָקאָל וועגן מיין ציוניסטישער טעטיקייט. אַ גאַנצע ריי פֿראַגן און ענטפֿערס. אויגנשיינלעך, אַנטהאַלט דער פּראָטאָקאָל אַ פֿולע באַצייכענונג פֿון מיין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. דער פּראָטאָ־קאָל פֿאַרבאַהאַלט אָבער דעם פֿאַקט, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט און אַז מיין געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט איז אויך געווען אַ סאָציאַליסטישע.

— פֿאַרוואָס מאַכט איר שווריקייטן? אייער ענטפֿער איז צוזאַמענ־געשטעלט אויפֿן יסוד פֿון נאָטיצן וואָס כ׳האָב געהערט פֿון אייער מויל. אין מיינע נאָטיצן געפֿין איך נישט קיין וואָרט וועגן אייער כלומרשטער סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

— בעת אַלע אויספֿאָרשונגען האָב איך אייך פֿיל דערציילט וועגן מיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט. אַלץ, וואָס כ׳האָב געטאָן — איז געטאָן געוואָרן אין שליחות פֿון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי וועלכע איז אי אַ ציוניסטי־שע, אי אַ סאָציאַליסטישע. מיין פּאָליטישע טעטיקייט האָט באַדינט נישט בלויז דאָס רענעסאַנס־ווערק פֿון מיין פֿאָלק, נאָר אויך דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם לאַגער פֿון סאָציאַליזם אין ישראל. נאָר איר האָט פֿאַרצייכנט אין העפֿט דאָס וואָס ס׳איז אייך נייטיק און נישט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן מיין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. דאָס וואָס איר שרייבט איצט, שטיצט זיך נישט אויף מיינע רייד. דאָס וועט זיין אַן איינזייטיקער פּראָטאָקאָל, און דערפֿאַר אַ געפֿעלשטער.

זידלערייען. — וויאַזוי וואַגט איר מיך באַשולדיקן אין פעלשונגען, פּראָפעסיאָנעלער שווינדלער וואָס איר זענט? האָט איר דען ווען עס איז געטאָן עפּעס פאַרן אַרבעטער־קלאַס, פאַרן סאָציאַליזם? קאָן אַ ציוניסט זיין אַ סאָציאַליסט?

איך ברעך אויס: — יאָ, אַ ציוניסט, דאָס הייסט אַ נאַציאָנאַלער ייד, קאָן זיין אַ סאָציאַליסט ווי אַ נאַציאָנאַלער טשעך קאָן זיין אַ סאָציאַליסט. אָבער נישט דאָס איז איצט דער וויכוח. איצט זאָג איך עפּעס אַנדערש. דאָס וואָס איר שרייבט אין פּראָטאָקאָל אַלס מיין ענטפער, דאַרף אַנטהאַלטן מיינע ווערטער און נישט די, וועלכע איר ווילט מיר אַריינלייגן אין מויל. פאַר־מולירט אייערע פראַגן אַזויווי איר פאָרמולירט זיי, אָבער לאָזט איבער פאַר מיר צו ענטפערן מיינע ענטפערס. דער פּראָטאָקאָל דאַרף זיין אַן אמתדיקער.

ווידער זידלערייען, אַז כ׳זאָל אים נישט לערנען קיין פּרק צונויפ־שטעלן פּראָטאָקאָלן. אויב כ׳וועל נאָך געבן אָנצוגעהערן וועגן פעלשונגען אויף דעם געביט, גיי איך אין קאַרצער. ער פּרובירט מיך איבערכיטרעווען:

— דאָס איז אַ פּראָטאָקאָל וועגן אייער ציוניסטישער טעטיקייט. אויב ס׳וועט זיך פונדעסטוועגן אַרויסווייזן, אַז איר האָט זיך אויך פאַרנו־מען מיט ענינים פונעם אַרבעטער־קלאַס, וועט מען צונויפשטעלן אַ באַ־זונדערן פּראָטאָקאָל.

איך גיי ווייטער אָן מיט מיין געראַנגל. און אין די קליינע נאַכט־שעהן שרייב איך אונטער דעם פּראָטאָקאָל, וואָס שילדערט מיין געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייט איינזייטיק, און דעריבער אין אַ פאַלש ליכט.

כ׳האָב שוין געחתמעט אַ סך פּראָטאָקאָלן. פול מיט גרייזן און פאַר־דרייונגען. אָנגעפּראָפּטע מיט האַלבע אמתן וואָס זענען געפערלעכער פון ליגנס. אייניקע מאָל רוקט מיר אונטער דער אויספאָרשער צו חתמענען אויף פּראָטאָקאָלן וועגן מיין „שעדיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד". כ׳האָב נישט אונטערגעשריבן.

אַנטקעגן דעם שיינט מיר, אַז כ׳האָב אונטערגעשריבן אין פּראָטאָ־קאָל ווו עס איז אומדירעקט אָדער דירעקט געוווען געזאָגט, אַז איך בין... אַ פיינד פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

אַ גאַנצן מעת־לעת, אָן איבערייס, באַשעפטיקט מיך דער אויספאָר־שער מיט אייניקע פראַגן: מיין אַריינמישונג לטובת די אסירי־ציון, מיין בלייבן אין טשעכאָסלאָוואַקיע אַ טאָג נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט

די גילטיקייט פון מיין אַריינפּאַר־וויזע (צוליב דער שולד פון דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס האָט צוגעזאָגט איינצואָרדענען די זאַך מיט דער גרענעץ־וואַך, אַזויווי זי האָט עס געטאָן פריער — בעת מיין נסיעה קיין ווין); אַז כ׳האָב פאַר עמעצן אין בראַטיסלאַוואַ געבראַכט צוויי טעוועלעך שאָקאָלאַד און אַ בריוו פון זיין פרוי אין ווין, אַ ישראלדיקע ביר־גערין, אַ מיטגלידערין פון „השומר הצעיר״ (דעם בריוו האָב איך געגעבן אויף קאָנטראָל ביי דער גרענעץ־סטאַציע).

דער אויספאָרשער פאַרלאַנגט, אַז כ׳זאָל באַשטעטיקן דאָס די דאָזיקע „פאַרברעכנס״ בין איך באַגאַנגען דערפאַר, ווייל כ׳בין אַ פיינד פון טשע־כאָסלאָוואַקיע. די דאָזיקע פּיאַווקע אין מונדיר צאַפּט מיין בלוט טאָג און נאַכט. הונדערטער און טויזנטער מאָל קערט ער זיך אום צו דער פאָדערונג. הונדערטער און טויזנטער מאָל בין איך געצוווּנגען צו געבן מיין ענטפער: „כ׳בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכנס. איך בין נישט קיין שונא פון טשעכאָסלאָוואַקיע״. דער אויספאָרשער ווענדט אָן אַלע דרוק־מיטלען וואָס ער האָט געלערנט אויף די קורסן פאַר סאַדיסטן־אויספאָרשער. קיין עסן און קיין טרונק זענען היינטיקן טאָג נישט געקומען אין מיין מויל. די מיינסטע שעהן פון טאָג און פון דער נאַכט בין איך געשטאַנען אויף אַכ־טונג. צום סוף — פאַרטאָג — פאַל איך אום. מען גיסט אויף מיר קאַלט וואַסער.

דער אויספאָרשער דערלאַנגט מיר דעם פּראָטאָקאָל אונטערצוחתמע־נען. מיינע אויגן נעמען נישט אויף קיין איין וואָרט פונעם אָנגעשריבענעם. איך שרייב אונטער. זיכער איז דאָרט פאַרצייכנט, אַז איך בין אַ שונא פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

איך געדענק בלויז ווי אין נעפּל די באַמערקונג פונעם אויספאָרשער: „פאַרשטייט זיך, אַז איר האָט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל פון פרייען ווילן״. אָן שום ספק, אַז אַזוי איז אויך פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל.

אוממענטשלעכע פיזישע און גייסטיקע פּייניקונגען פירן די האַנט וואָס חתמעט. אָבער אינעם פּראָטאָקאָל איז אַריינגעשריבן, אַז ער איז גע־חתמעט פונעם פרייען ווילן פונעם געפאַרשטן.

זיי הייבן מיך אָן ברעכן. פאַמעלעך־פאַמעלעך. עטאַפּ נאָך עטאַפּ.

דאָס געשפּענסט פון טיטאָיזם

ווידער ווער איך געפּאַרשט בנוגע מיינע רייזעס אין די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אין צענטער פון דער אויספאָרשונג שטייען מיינע באַזוכן אין יוגאָסלאַוויע אין 1947 און 1948.

אין דער העלפט 1947 האָב איך אַלס מיטגליד פון דער הסתדרות־דעלעגאַציע זיך באַטייליקט אינעם צוזאַמענקונפט פון דער וועלט־פעדע־ראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַרגעקומען אין פּראָג. פון דאָרט בין איך אַרויסגעפאָרן באַזוכן אייניקע לענדער: פוילן, אונגאַרן, בולגאַריע. קיין בולגאַריע בין איך פאַרבעטן געוואָרן דורך דער בולגאַרישער דעלע־גאַציע, וואָס האָט זיך באַטייליקט אינעם צוזאַמענקונפט פון דער וועלט־פעדעראַציע. בעת מיינע באַזוכן אין די דאָזיקע לענדער בין איך געווען טעטיק אויף דריי געביטן: כ׳האָב זיך געטראָפן מיט די צענטראַלע איב־סטאַנצן פון אונדזער באַוועגונג. כ׳האָב געפירט אַן אויפקלער־אַרבעט וועגן אונדזער פּאָליטישן קאַמף אין ארץ־ישראל. כ׳האָב זיך געטראָפן מיט פּאָ־ליטיקער פון די דאָזיקע לענדער. כ׳האָב אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די אָנגעזעענסטע טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און פאַר קרייזן פון זייערע צענטראַלע אַקטיוויסטן האָב איך אויפגעקלערט די פּראָבלעמען פון אונדזער פּאָליטישן גערangל.

זייענדיק אין פּראָג האָב איך פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון מיין פּאַרטיי באַקומען אַן אָנווייזונג אַריינצופאָרן קיין בעלגראַד. אין יענע טעג איז אין לאָזאַן געזעסן אַ ספּעציעלע אונ״אָ־קאָמיסיע פאַר די ענינים פון ארץ־ישראל. אונדז האָט געמאַכט זאָרג די שטעלונג פונעם יוגאָסלאַווישן פאַרשטייער אין דער קאָמיסיע. כ׳בין געפאָרן קיין בעלגראַד. כ׳האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט אַ גאַנצער ריי מענטשן, דער עיקר מיט ד״ר אלעש בעבלער, וויצע אויסערן־מיניסטער, מיט משה פּיאַדע, איינער פון די צענטראַלע פּערזענלעכקייטן אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיט אַנדערע פּערזענלעכקייטן. מיט ד״ר בעבלער האָב איך געהאַט צוויי לענגערע צוזאַמענטרעפן. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין אויסערן־מיניסטעריום איז ער דער ממונה איבערן ענין ארץ־ישראל. ער האָט מיט איבערגעגעבנקייט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון זייער פאַרשטייער אין דער אונ״אָ־קאָמיסיע. ער האָט זיך אָבער אויפמערקזאַם

צוגעהערט צו מיינע אַרגומענטן. אונדזערע געשפּרעכן זענען געווען די סאַמע חברישע. אויך האָט ער עס מיר געעצהט צו טרעפן זיך מיט משה פּיאַדע. פּיאַדע איז געווען מער צוריקגעהאַלטן. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו דעם וואָס קומט פאָר אין ארץ־ישראל. ער האָט אַ סך גע־פרעגט — באַזונדערס אין תחום פון באַציונגען צווישן יידן און אַראַבער און אין שטח פון אויפלעבן די העברעישע שפּראַך און קולטור. כ׳האָב זיך גע־טראָפן מיט די אָנפירנדיקע חברים פון דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַריינען. פון צווישן די יידן האָב איך זיך געטראָפן מיט ד״ר אַל־קלעי, פאָרזיצער פון דער פאַראייניקונג פון די יידישע קהילות אין יוגאָסלאַ־וויע און מיט ד״ר ווייס, פאָרשטייער פון יוגאָסלאַווישן יידנטום אויף די צוזאַמענקונפטן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. בעת מיין זיין אין בעלגראַד איז דאָרט אַהינגעקומען משה שערטאָק (שרת), אין זיין אַמט אַלס לייטער פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע. מיר האָבן געוווינט אין איין האָטעל. אונדזערע באַציונגען זענען געווען אַ ביסל גע־שפּאַנט, צוליב זיין אומווילן לגבי דער זעלבשטענדיקער פּאָליטישער טע־טיקייט פון אונדזער פּאַרטיי. אין איין עראָפּלאַן האָבן מיר פאַרלאָזט בעל־גראַד, אויפן וועג קיין פּראָג. אין קאַרלסבאַד האָט געדאַרפט פאָרקומען די איראָפּעישע קאָנפערענץ פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין יענע טעג איז אין ציריך פאָרגעקומען די זיצונג פון ציוניס־טישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. כ׳בין אָנגעקומען קיין ציריך און דערציילט מיינע חברים וועגן די פּאָליטישע צוזאַמענטרעפן אין די לענדער, וועלכע כ׳האָב באַזוכט און באַזונדערס וועגן מיינע געשפּרעכן אין בעלגראַד. דער באַריכט פון דער אונ״אָ־קאָמיסיע פאַר די ענינים פון ארץ־ישראל האָט זיך דעמאָלט געפונען אין לעצטן עטאַפּ פון פאָרמולירונג. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די יוגאָסלאַוון האָבן זיך נישט אַ ריר געטאָן פון זייער שטעלונג. אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַריבערצופאָרן דרינגלעך קיין בעל־גראַד און מאַכן אַ לעצטע אָנשטרענגונג אַ ריר צו טאָן די יוגאָסלאַוון פון זייער שטעלונג. כ׳בין געפלויגן קיין בעלגראַד. כ׳האָב נאָך באַוויזן צו דערגרייכן דעם ד״ר בעבלער, ערב זיין ארויספאָרן קיין לאָזאַן און ניו־יאָרק — צו דער פול־פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ, וואָס האָט באַדאַרפט באַ־האַנדלען דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו באַ־גלייטן אים אַ שטיקל וועג אין דער באַן, וואָס האָט געפירט די יוגאָסלאַ־

ווישע דעלעגאַציע קיין אויסלאַנד. אונדזער געשפּרעך איז פאַרגעקומען אין זיין קופּע, אין דעם ספּעציעלן רעגירונגס־וואַגאָן, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַן אויף דער ליניע בעלגראַד־זשענעווע.

אויך זומער 1948 בין איך געפאָרן פון פּראַג אין איניקע לענדער. אויף דער איינלאַדונג פון פּראָפ׳ זשאַק נתן, ראש פון דער בולגאַרישער דעלעגאַציע צו דער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין מאָנטרע (שווייץ), בין איך אַריינגעפאָרן קיין סאָפיע. אין פּראַג און אין סאָפיע האָבן מיך דערגרייכט זאַרגנפולע ידיעות פון רומעניע וועגן אויפלייזן די הכשרה־קיבוצים און אָפּשטעלן די עליה. אין טעלעגראַמעס און טעלעפאָנישע געשפּרעכן האָבן מיך די חברים אין רומעניע אונטערגעיאָגט איך זאָל אַהין קומען. בעת מיין זיין אין סאָפיע איז מיר קלאָר געוואָרן פון דער פּרעסע, אַז אין איניקע טעג אַרום וועט אין בעלגראַד פאָרקומען אַ קאָנפערענץ פון די דונאַי־לענדער און אַז אין שפּיץ פון דער רומענישער דעלעגאַציע וועט שטיין דער אויסערן־מיניסטער אַננאַ פּאַוקער. די קאָנפערענץ וועט זיך צונויפקומען אין בעלגראַד, טראָץ דעם האַרבן ריס וואָס איז מיט ווינציקע וואָכן צוריק פאָרגעקומען צווישן דעם אַלגעמיינעם קאָמוניסטישן לאַגער און דער יוגאָסלאַווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם אינפאָרמביוראָ. אַנשטאָט צו באַזוכן רומעניע, האָב איך באַשלאָסן פאַרהאַלטן זיך אין בעלגראַד — אויפן וועג פון סאָפיע קיין פּראַג — און פּרובירן דערגרייכן אַ געשפּרעך מיט א. פּאַוקער. איך האָב איבערגעריסן מיין רייזע קיין בעלגראַד. מיט אַ גאַסט־קאַרטע אין האַנט האָב איך זיך באַטייליקט אין צוויי־דריי־זיצונגען פון דער קאָנפערענץ פון די דונאַי־לענדער. מיט דער הילף פון ד״ר בעבלער און קלעמענטיס, דעם טשעכאָסלאָוואַקישן אויסערן־מיניסטער, בין איך אויפגענומען געוואָרן אויף אַ לאַנגן שמועס מיט אַננאַ פּאַוקער און מיט דעם לייטער פון אויסערן־מיניסטעריום, מאַזשיינעסקו.

כ׳האָב אויך געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט ד״ר בעבלער. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע אין ישראל. ער האָט זיך געפרייט מיט ישראלס זיגן אין דער מלחמה מיט די אַגרעסאָרן. איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט דער מעגלעכקייט איינצושאַפן ביי זיי באַשטימטע קאַטעגאָריעס געווער. ער האָט מיר צוגעזאָגט אויסצופאָרשן דעם ענין פון פּראַק־

טישן שטאַנדפּונקט און זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין פּריצי־
פּיעלע שוועריקייטן. אין איניקע טעג אַרום האָב איך פון אים באַקומען אַ
פּאָזיטיוון ענטפער אין דער פראַגע. דאָס מטפל זיין זיך מיט דעם ענין האָב
איך איבערגעגעבן אונדזער געזאַנדשאַפט אין פּראַג. אין דעם געשפּרעך
האָב איך געבעטן ד״ר בעבלער, ער זאָל מיר אויפקלערן דעם מהות פונעם
ריס אינעם אינפאָרמביוראָ, פון יוגאָסלאַווישן שטאַנדפּונקט, ווייל די
ווערסיע פון דער מערהייט אין אינפאָרמביוראָ איז מיר באַוווּסט פונעם
אָפיציעלן קאָמוניקאַט פון דער דאָזיקער אינסטאַנץ און פון דער אַלגעמיי־
נער קאָמוניסטישער פּרעסע. ד״ר בעבלער איז נאָכגעקומען מיין בקשה. די
באַשולדיקונגען וועגן אַ דעזערציע פון יוגאָסלאַוויע פונעם סאָציאַליסטישן
לאַגער האָט ער באַצייכנט אַלס נאַרישקייט און בלבול. דער אמת איז, אַז
יוגאָסלאַוויע האָט באַשלאָסן נישט משלים זיין מיט דער לאַגע פון סאַטעליט,
אונטערגעאָרדנט דעם דיקטאַט פון ראַטנפאַרבאַנד — אויפן געביט פון
ווירטשאַפט, פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. יוגאָסלאַוויע וויל בויען
סאָציאַליזם אין איינקלאַנג מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען פון איר לאַנד
און פון אירע פעלקער און נישט לויט אָנווייזונגען פון ראַטנפאַרבאַנד. זי
שטייט דערויף, אַז די באַציונגען אינערהאַלב דעם סאָציאַליסטישן בלאָק
זאָלן זיך שטיצן אויף דער באַזע פון גלייכהייט צווישן די מדינות און שעצן
די נאַציאָנאַלע און מלוכהשע סוווערעניטעט. ער האָט מיר געגעבן אָנצוגע־
הערן, אַז אַ באַשטימטער פאַקטאָר אינערהאַלב דעם סאָציאַליסטישן בלאָק
האָט פאַרן ריס פּלאַנירט דערפירן צו אַן איבערקערעניש, וועמענס טענדענץ
כ׳איז געווען צו פאַרבייטן טיטאָן מיט אַן אַנדערן — וואָס איז אַ גאָרנישט
פון אַלע שטאַנדפּונקטן, נאָר איין אייגנשאַפט באַזיצט ער: גרענעצלאָזע
קאַפּיטולאַנטישקייט כלפּי דעם ראַטנפאַרבאַנד. ער האָפט, אַז עס וועלן גע־
מאַכט ווערן באַמיונגען גובר צו זיין איבער דעם ריס און אַז ס׳וועט געפונען
ווערן אַ קאָנסטרוקטיווער וועג איינצושטעלן די באַציונגען צווישן די סאָ־
ציאַליסטישע לענדער אויף נייע יסודות. יוגאָסלאַוויע פּסלט נישט די אָנפי־
רנדיקע ראָל פון ראַטנפאַרבאַנד. אָבער אָנפירונג מיינט נישט אַ פּאָליטיק
פון דיקטאַטן און גרינגשעצן די סוווערעניטעט פון מדינות. אויב דער
קריזיס וועט נישט ווערן ליקווידירט, וועט יוגאָסלאַוויע זיין געצוווּנגען צו
בלייבן אויסערן סאָציאַליסטישן בלאָק. זי וועט אָבער ווייטער גיין מיט איר
וועג — דער וועג פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.

מיט אַנדערע יוגאָסלאַווישע פּאָליטיקער האָב איך זיך נישט געטראָפֿן. בלויז מיטן פּאַרזיצער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, דעם ה׳ סאלאי, וועמען כ׳האָב דערקענט אויף דער קאָנפערענץ אין פּראָג. אויך פון אים האָב איך געהערט אַן אויפקלערונג וועגן ריס — אין גייסט פון ד״ר בעבלערס רייד. אויף אַ יידישן צוזאַמענקונפט, צונויפגערופן אויף דער איניציאַטיוו פון דער פאַראייניקונג פון די יידישע קהילות אין יוגאָסלאַוויע. די אָפיציעלע צענטראַלע יידישע אינסטאַנץ אין דעם לאַנד, האָב איך רעפערירט וועגן דער באַפרייונגס־מלחמה פון ישראל.

די זענען עס געווען מיינע דריי באַזוכן אין יוגאָסלאַוויע: צוויי פאַרן ריס אין קאָמוניסטישן לאַגער (1947) און איינער נאָך אים (זומער 1948). מיט ד״ר בעבלער האָב איך זיך געטראָפן נאָכאַמאָל, ווינטער 1948/49 אין פּאַריז, בעת דער פּול־פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ.

מיינע באַזוכן אין יוגאָסלאַוויע גייען נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדע־נונג. איין אויספאָרשונג יאָגט די צווייטע. בייטאָג און ביינאַכט. מיין אויס־פאָרשער באַגנוגנט זיך נישט מיט אויסהערן די דערציילטע פאַקטן וועגן מיין באַזוך אין בעלגראַד און מיין טעטיקייט דאָרט בעת די באַזוכן. צענד־ליקער מאָל הייסט ער מיר איבערדערציילן די פאַקטן. אָן שום ספק, אַז ער ווייסט שוין דאָס אַלץ פון אויסנווייניק. אָבער איך מוז דאָס אומצאָליקע מאָל איבערחזרן. ער וויל אָפּשוואַכן דעם כוח פון מיין געדולד. אַ סברה, אַז ער לויערט אויף עפּעס אַ נייעם פאַקט, וואָס אפשר האָב איך אים נישט אַרויסגעבריינגט אין די פריערדיקע דערציילונגען, כדי זיך דערין אָנכאַפּן און באַווייזן, אַז מסתמא זענען פאַראַן נאָך פאַקטן וועלכע איך באַהאַלט אויס. און יעדעס מאָל ווען איך פאַרענדיק די דערציילונג, גיט ער אַ לייכטן, אויפרעגנדיקן שמייכל, ווי איינער רעדט: „ביז איצט ווילט איר נאָך נישט דערציילן אַלץ? פאַרוואָס באַהאַלט איר פון מיר דעם עיקר?״

צום סוף פּלאַצט זיין געדולד. ער רעדט קלאָרע רייד:

— אַזוי וועט עס נישט גיין, אורן. איר ווייסט, אַז איר באַהאַלט פאַר אונדז אויס דער עיקר. דאָס וואָס מיך אינטערעסירט צום מערסטן. דערציילט נאָכאַמאָל וועגן אייער באַזוך אין בעלגראַד. נאָר ווי וועט זיין, אויב איר וועט עפּעס דורכלאָזן. דער עיקר פון אייערע געשפּרעכן מיט בעבלערן און פּיאַדען.

איך באַמערק, אַז כ׳באַהאַלט גאָרנישט אויס. איך האָב נישט קיין שום סיבה אויסצובאַהאַלטן. אוודאי זענען פאַריבער אייניקע יאָר זינט מיין באַזוך אין יוגאָסלאַוויע און איך קאָן נישט געדענקען אַלע פּרטים פון מיינע געשפּרעכן מיט בעבלערן און פּיאַדען. איך בין אָבער זיכער, אַז די עיקר־זאַכן געדענק איך און פאַרהויל נישט קיין שום וויכטיקע זאַך.

— איר האָט אַ גוטן זכרון. איר געדענקט די פּרטים. אָבער בכיוון לאָזט איר אויס וויכטיקע זאַכן. דערציילט נאָכאַמאָל.

איך חזר איבער מיין דערציילונג, אפשר צום פופציקסטן מאָל אין משך פון די לעצטע אויספאָרשונגען.

איינער פון די דריי אָפיצירן־אויספאָרשער קומט אַריין. כ׳בין שוין געווען נאָענט צו פאַרענדיקן די דערציילונג. דער אויספאָרשער רייסט מיר איבער. איך מוז אָנהייבן די דערציילונג פון אָנהייב. ווייזט אויס, אַז זיי ווילן מיך משוגע מאַכן מיט דער הילף פון די דערציילונגען וועגן מיינע באַזוכן אין יוגאָסלאַוויע. ווידעראַמאָל חזר איך איבער די דערציילונג. דער אָפיציר שפּאַצירט אַהין־און־צוריק איבערן צימער און הערט זיך איין. ווייזט־אויס, אַז ער וויל לערנען דעם מאַטעריאַל פון דער ערשטער קוועלע. דערנאָך ווערט ער דעם אים אונטערגעאָרדנטן אויספאָרשער אויסשטאַטן מיט „שכל" ווי אַזוי אַרויסבאַקומען פון דעם דאָזיקן רוי־שטאָף פון אמת־דיקע פאַקטן וואָס כ׳דערצייל, די ליגנס־פּראָדוקטן וואָס זענען זיי נייטיק. איך ענדיק. דער אויספאָרשער גייט איבער אין דער לאַגע פון אַ פּאַסיוון צושויער. איצט איז עס דער אָפיציר, וואָס באַשטימט. ער שפּאַצירט ווייטער און שווייגט. פּלוצים פאַרהאַלט ער זיך נעבן מיר און באַמערקט: „דאָס איז אַלץ? אורן, דאָס איז נישט אַלץ. איר האָט אויסגעלאָזן וויכטיקע זאַכן. אוודאי האָט איר פאַרגעסן. דערציילט נאָכאַמאָל און פאַרגעסט נישט דעם עיקר".

ער באַנייט זיין שפּאַציר איבערן צימער. איך חזר איבער מיין דער־ציילונג. איך דערמאָן זיך אין דעם בלינדן קעמל וואָס איז איינגעשפּאַנט אין אַ קערעט און מאַכט אויף אַן אַפּאַטישן אופן זיינע אומקרייזן טויזנטער מאָל אין טאָג.

ס׳איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן וואָס זיי ווילן פון מיר. נישט איינמאָל האָבן זיי מיר געגעבן אָנצוּועהערן — נאָך איידער מיר זענען צו־געקומען צום קאַפּיטל יוגאָסלאַוויע — אַז איך האָב פאַרמיטלט צווישן סלאַנ־

סקין און טשעכאָסלאָוואַקיעס אויסערלעכע שונאים. איך האָב זיך געטראָפן מיט יוגאָסלאַווישע פּאָליטיקער פּאַרן ריס און נאָך אים. ווילן זיי פון מיר „מאַכן" אַ טיטאָיסט? איך פאַרשטיי, אַז סלאַנסקין וועלן זיי פאַרוואַנדלען אין אַ טיטאָיסט. נאָכן באַזייטיקן די יוגאָסלאַוון פון אינפאָרמביוראָ, איז די כּטראַשידלע „טראָצקיזם" פאַרביטן געוואָרן אויף דער סטראַשידלע „טי־טאָיזם". אַז מען וויל ליקווידירן וועלכן ס'איז קאָמוניסטישן מנהיג — שטעמפּלט מען אים אַלס טיטאָיסט. אַזוי, שיינט מיר, לגבי טראַיטשאָ קאָס־טאָוו אין בולגאַריע. און דער עיקר — לאַסלאָ ראַיק אין אונגאַרן. סלאַנסקי, אַ סברה, וועט געשטעמפּלט ווערן נישט נאָר ווי אַ ציוניסטישער אַגענט און מערבדיקער שפּיאָן, נאָר אויך ווי אַ טיטאָיסט.

דער אָפיציר נעמט אויף זיך אַרויף אַ מאַסקע פון כעס, ווען איך פאַרענדיק די דערציילונג, נישט אַרויסברענגענדיק די „וויכטיקע זאַכן" אין וועלכע ער איז פאַראינטערעסירט. „מיר איז שווער צו גלייבן — זאָגט ער — אַז אייער זכרון זאָל אייך פאַרפירן. איך בין זיכער, אַז איר ווילט אונדז איבערכיטרעווען דורך אויסבאַהאַלטן דעם אמת. מילא. מיר וועלן דורך אייניקע פראַגן אייך צוהעלפן דערמאָנען זיך פאַרשידענע זאַכן. וואָס, אייגנט־לעך, האָט אייך אַזוי געצויגן קיין יוגאָסלאַוויע? האָט איר געהאַט עפּעס אַ ספּעציעלע נטיה צו די יוגאָסלאַוון? און מיט וועלכע פּערזענלעכקייטן האָט איר זיך געטראָפן אין פּראָג נאָכן באַזוך אין בעלגראַד?".

איך רעכן אויס די טשעכאָסלאָוואַקישע מענטשן מיט וועלכע כ'האָב זיך באַגעגנט. איך קאָן נישט געדענקען מיט וועמען פון זיי כ'האָב זיך גע־טראָפן פאַר מיינע באַזוכן אין יוגאָסלאַוויע און מיט וועמען דערנאָך.

ער פאָדערט פון מיר איבערחזרן עטלעכע מאָל די רשימה פון מענ־טשן מיט וועמען כ'האָב זיך געטראָפן.

— אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן לאָזט איר אַדורך דעם נאָמען פון אַ מענטש מיט וועמען איר האָט זיך געטראָפן נאָך אייערע באַזוכן אין יוגאָ־סלאַוויע. טראַכט אַביסל, דערמאָנט זיך און רעכנט נאָכאַמאָל אויס די־ רשימה, נאָר אָן אויסלאָזונגען.

איך זוך אין זכרון.

כ'האָב קיינעם נישט אויסגעלאָזט. ער איז אויסן סלאַנסקין. ער וועט זיך ווידער אומקערן צו דער פראַגע פון מיין „באַקאַנטשאַפט" מיט סלאַנ־סקין.

איך קער זיך אום צו דער רשימה פון די טשעכאָסלאָוואַקישע מענטשן:

— כ׳האָב זיך נישט געדאַרפט טרעפן מיט קיין שום טשעכאָסלאָוואַקישער פערזענלעכקייט נאָך מיין באַזוך אין בעלגראַד.

דער אָפיציר דערנענטערט זיך צו מיר. זיינע אויגן זענען איינגעשטעלט אין מיינע:

— האָט איר זיך נישט געטראָפן מיט סלאַנסקין נאָכן אומקערן זיך קיין פראָג?

— ניין. כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיט סלאַנסקין. איך קען אים בכלל נישט. כ׳האָב אייך שוין דאָס געזאָגט טויזנטער מאָל.

— סלאַנסקי זאָגט, אַז ער פלעגט זיך מיט אייך טרעפן. אַז איר, למשל, זענט באַהאַוונט אין די פרטים פון זיינע באַגעגענישן מיט פיאַדע.

— איך גלייב נישט, אַז סלאַנסקי זאָל דאָס האָבן געזאָגט. אויב אפילו יאָ, איז עס נישט אמת. סלאַנסקין קען איך בכלל נישט. מיט פיאַדען האָב איך זיך געטראָפן איינמאָל — אין יאָר 1947 — וועגן ארץ־ישׂראל־פראַגן. די מיינסטע יאָרן זיץ איך אין ישׂראל. וויאַזוי קאָן איך — אַ ציוניסט און אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסט, נישט קיין קאָמוניסט — זיין בקי אין פרטים פון צוזאַמענטרעפן צווישן די צוויי קאָמוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע פירער?

— סלאַנסקי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פאַרמאַסקירטער ציוניסט. פיאַדע איז אַ ציוניסט. דערפאַר האָט איר אים באַזוכט. איר זענט אַ ציוניסט. איר האָט זיך בכלל נוהג געווען צו גיין צו קאָמוניסטישע מנהיגים וואָס זענען פאַרמאַסקירטע ציוניסטן.

— דווקא אַלס ציוניסט ווייס איך, אַז סלאַנסקי איז אַן אַסימילאַטאָר און קאָסמאָפּאָליט און דערפאַר אַ שונא פון ציוניזם. אויך פיאַדע איז אַלע זיינע יאָרן אַ קאָמוניסט און קעגנער פון ציוניזם. אין מיין פּאָליטישער טעטיקייט האָב איך זיך אינערהאַלב דער אַרבעטער־באַוועגונג געטראָפן נישט מיט פאַרשטעלטע ציוניסטן, נאָר מיט קאָמוניסטישע פירער, דיפּלאָמאַטן און פערזענלעכקייטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. כ׳האָב זיך געטראָפן מיט אייער פרעמיער זאַפּאָטאָצקי. איז ער אַ פאַרמאַס־

קירטער ציוניסט? מיט וו. אולבריכט אין דייטשלאַנד. מיט ראַקאָשי אין אונגאַרן. זענען זיי פאַרשטעלטע ציוניסטן? מיט זשאַק דיקלאָ אין פראַנקרייך. מיט סאָוויעטישע געזאַנדטע און דיפּלאָמאַטן, ווי גוסיעוו (ענגלאַנד), באָגאָמאָלאָוו (פראַנקרייך), צאַראַפּקין (אין אונ״אָ). מיט דע־וויטאָריאָ, לואי סאַיאַן, לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ. זענען זיי אַלע פאַרמאַסקירטע ציוניסטן?

— מען האָט אייך איצט נישט געפרעגט מיט וועמען איר האָט זיך געטראָפן. איר דאַרפט ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגן. אויסער דעם, שיינט מיר, איז אייך שוין קלאָר געוואָרן, אַז איר האָט זיך נישט געטראָפן מיט אונדזער פּרעמיער. חזרט נישט דעריבער איבער די דאָזיקע באָבע־מעשה. מיט אַ כוונה ווייכט איר אָפּ פון דער טעמע מיט וועלכער מיר באַשעפטיקן זיך איצט. ווייזט אויס, אַז איר האָט אַ סיבה מורא צו האָבן פאַר איר און פון דעם וואָס עס קאָן אויפגעדעקט ווערן נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג. לאָמיר זיך דעריבער אומקערן צום ענין. סלאַנסקי איז זיך פאָרט מודה, אַז איר זענט באַהאַוונט אין די באַציונגען צווישן אים און די אָנפירער פון די טיטאָאיסטן. איר לייקנט עס אָפּ. פיין. איר זאָגט, אַז איר האָט זיך געטראָפן מיט בעבלערן און מיט פּיאַדען. דערציילט נאָכאַמאָל — נאָר אין דעטאַל — וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעבלערן און פּיאַדען.

איצט ווערט מיר קלאָר זייער אַלגעמיינע טענדענץ: פאַרפּלאָנטערן סלאַנסקין און מיך אַלס שותּפים צו אַ טיטאָאיסטישער פאַרשווערונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע. עס איז מיר אויך קלאָר זייער ממשותדיקע פאָדערונג פון מיר: אַז כ׳זאָל אויסטראַכטן ווערטער, וואָס בעבלער און פּיאַדע האָבן מיר כלומרשט געזאָגט וועגן זייערע צוזאַמענטרעפן מיט סלאַנסקין, אַלס אָנהענגער פון טיטאָאיזם. דער אָפיציר פאַרשטייט שוין, אַז איך ווייס וואָס ער וויל פון מיר. נאָר אים דערוואַרט נאָך פון מיר אַן אַנטוישונג.

איך דערצייל נאָכאַמאָל וועגן מיינע געשפּרעכן מיט די צוויי יוגאָסלאַווישע פּאָליטיקער.

דער אָפיציר ווערט אין כעס: „ווי לאַנג וועט איר אונדז נאָך פאַרמאַטערן מיט פאַלשע שילדערונגען פון אייערע געשפּרעכן מיט די יוגאָסלאַווישע פאַרעטער? פאַרוואָס באַהאַלט איר די פראַגמענטן פון אייערע געשפּרעכן, געווידמעט סלאַנסקין? שפּאַנט נישט איבער אונדזער געדולד. כ׳וועל אייך פרעגן אַ קלאָרע פראַגע: וואָס האָט אייך בעבלער געזאָגט וועגן סלאַנסקין? און דער עיקר, וואָס האָט אייך פּיאַדע געזאָגט וועגן סלאַנסקין? ענטפערט גלייך! זוכט נישט קיין תּחבולות. ענטפערט!".

סלאַנסקיס נאָמען איז בכלל נישט דערמאָנט געוואָרן אין די דאָזיקע געשפּרעכן. נישט דורך מיר און נישט דורך זיי. אַנדערע זאָרגן האָבן מיך געצווונגען צו טרעפן זיך מיט די יוגאָסלאַוון — זאָרגן פאַרבונדענע מיט מיין היימלאַנד, מיט ישראלס געראַנגל פאַר איר זעלבשטענדיקייט. אַ וואָ־ מער אינטערעס האָב איך געקאָנט האָבן מיט סלאַנסקין, ווען כ׳האָב נישט געקענט? כ׳האָב זיך אויך נישט אינטערעסירט מיט אַנדערע קאָמוניסטן, נישט פון טשעכאָסלאָוואַקיע און נישט פון אַנדערע לענדער.

— אורן, איר זענט אַ ליגנער. איר לייקנט אויף אַ נבזהדיקן אופן.

(דו אַליין ביסט אַ ליגנער, נבזה. און נישט נאָר דאָס: דו אַליין ווייסט, דאָס דו ווילסט כ׳זאָל זאָגן ליגן. דו ווייסט, אַז שוין שעהן ווי דו צאַפּסט מיין בלוט און דו ווילסט מיר אויפצווינגען איך זאָל אַריינפלעכטן אין מיינע אמתדיקע רייד דיינע ליגנערישע פאַקטן. דו ווייסט אויך, אַז איך זע דיין פּלאַן אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, מנוול!).

— וואָס האָט איך פּיאַדע דערציילט וועגן סלאַנסקיס פּאָזיטיווער באַציונג צו דער פאַשיסטישער כנופיה פון טיטאָ און פון סלאַנסקיס פּלאַן אַדורכצופירן אַ טיטאָיסטישע איבערקערעניש אין טשעכאָסלאָוואַקיע?

— מיט פּיאַדען האָב איך זיך געטראָפן אין יאָר 1947, אַ גאַנץ קיי־ לעכדיק יאָר פאַרן ריס מיט די יוגאָסלאַוון.

— דאָס איז נישט וויכטיק. שוין אין יאָר 1947 האָט איר געוווּסט וועגן פּלאַן פון פּאַראַט מצד דער טיטאָיסטישער כנופיה.

איך שמייכל.

— איר זאָגט אָבער ווידער ליגן. איר האָט זיך געטראָפן מיט פּיאַדע בלויז אין יאָר 1947, אַ יאָר פאַרן טיטאָיסטישן פּאַראַט? די גאַנצע צייט דערציילט איר דאָך וועגן אייערע צוזאַמענטרעפן מיט פּיאַדע אויך אין יאָר 1948, נאָך טיטאָס פּאַראַט.

איך לייקן דאָס אָפּ. כ׳האָב זיך נישט געטראָפן מיט מ. פּיאַדע, נאָר אין יאָר 1947.

נישט שווער צו פאַרשטיין וווהין עס צילט דער אָפיציר. פאַר זיינע טונקעלע פּלענער איז פּיאַדע וויכטיקער איידער בעבלער. פּיאַדע איז איי־ נער פון דעם באַשמוצטן פערטליצג טיטאָ—קאַרדעל—פּיאַדע—ראַנקאָוויטש. דער אָפיציר שעמט זיך טאַקע נישט מיר צוצושרייבן, אַז אין יאָר 1947 האָב איך געוווּסט דאָס אין 1948 וועט זיין אַ ריס מיט די יוגאָסלאַוון. פּונ־

דעסטוועגן איז אים נישט געגנוג מיין געשפּרעך מיט פּיאַדען אין 1947. ער נייטיקט זיך אין מיינעם אַ שמועס מיט פּיאַדען אין יאָר 1948, נאָכן ריס. אַ געשפּרעך, אין וועלכן פּיאַדע האָט כלומרשט מיר — אַ נישט־קאָמוניסט פון ישראל, מיט וועמען ער האָט גערעדט איינמאָל אין לעבן, — אַנט־דעקט די געהיימע צוגעהעריקייט פון סלאַנסקין צו דער „פאַשיסטיש־פּאַ־רעטערישער כנופיה פון טיטאָ". וואָס טוט מען אָבער, אַז אורן האָט זיך נישט געטראָפן מיט פּיאַדען נאָכן ריס? נישקשה. וועלן מיר באַשאַפן אַזאַ צוזאַמענטרעף. איצט איז טאַקע דאָס יאָר 1952. מאַכט נישט אויס. מיר וועלן איצט אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענטרעף אורן—פּיאַדע אין יאָר 1948. נישטאָ עפּעס גרינגערס פאַרן אַלמעכטיקן אויספאָרש־אַפּאַראַט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי.

— איר קאָנט נישט אָפּלייקענען, אורן, די גאַנצע צייט רעדט איר וועגן אייערע געשפּרעכן מיט פּיאַדען אויך אין יאָר 1948. דאָס איז זיכער פאַרצייכנט אין די נאָטיצן פונעם אויספאָרשער. — ער ווענדעט זיך צום אויספאָרשער: — ביטע, קאָנטראָלירט די זאַך אין אייער העפט. דער אויס־פאָרשער מישט כלומרשט דאָס העפטל. שנעל באַשטעטיקט ער, פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב זיך געטראָפן מיט פּיאַדען אויך אין יאָר 1948...

— איר האַלט נאָך אַלץ אין איין אָפּלייקענען? טראַכט דעם וואָס דאָס איז פאַרשריבן אינעם העפט פונעם הער אויספאָרשער?

— יאָ, איך לייקן דאָס ווייטער. איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס ס'איז אַריינגעשריבן אינעם העפט פון הער אויספאָרשער. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע רייד...

— איר האָט אַליין געזאָגט, אַז אויף בעבלערס עצה האָט איר זיך אויך געטראָפן מיט פּיאַדען. פאַרוואָס לייקנט איר דאָס אָפּ?

— כ'האָב זיך געטראָפן מיט פּיאַדען, לויט דער עצה פון בעבלערן, אין זומער 1947, אָבער נישט אין יאָר 1948. איך פאַרשטיי גוט, אַז איר האָט אַ גרויסן אינטערעס אין מיינער אַ באַגעגעניש מיט פּיאַדען אין 1948 — נאָכן ריס. נאָר צו מיין פרייד האָב איך דעמאָלט נישט געהאַט קיין שום נויטיקייט זיך מיט אים צו טרעפן. און כ'האָב זיך מיט אים נישט געטראָפן.

— מיר וועלן אייך אויפווייזן, אַז איר האָט זיך געזען מיט פּיאַדען אויך אין יאָר 1948, נאָכדעם ווי דער פּאַראַט פון דער דאָזיקער פאַשיס־טישער כנופיה איז אויפגעדעקט געוואָרן אין אינפאָרמביוראָ. און דעסגלייכן

אַז איר האָט פון אים געהערט גאָר וויכטיקע זאַכן וועגן זיינע אונטערער־דישע פאַרבינדונגען מיטן פאַרעטער סלאַנסקי און דעם לעצטנס פאַרשווע־רונגען קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע. איך בין זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט איר זיך אין דעם מודה זיין. לאָמיר זיך אומקערן צום געשפּרעך מיט בעבלערן אין 1948. איר וועט נישט לייקענען, אַז ער האָט פאַר אייך אויפ־געדעקט אַלע סודות פון זייער פאַראַט און זייערע פאַרברעכערישע פּלענער אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער ?

— כ׳האָב דאָס נישט געזאָגט. איך האָב געזאָגט, אַז לויט מיין בקשה האָט מיר ד״ר בעבלער אויפגעקלערט דעם יוגאָסלאַווישן שטאַנד־פּונקט וועגן די סיבות פונעם ריס. זיכער וועט איר פאַרשטיין, אַז ער האָט מיט מיר נישט גערעדט וועגן „זייער פאַראַט״. זיין אָפּשאַצונג, פאַרשטייט זיך, איז געווען אַן אַנדערע: אַז די יוגאָסלאַוון פאַרטיידיקן די פּרינציפּן פון זעלבשטענדיקייט און סוווערעניטעט פון די סאָציאַליסטישע מדינות און דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט אַלס באַזע פאַר די צווישנמלוכהשע באַציונגען אין דעם סאָציאַליסטישן בלאָק און ער האָט מיר נישט דערציילט וועגן וועלכע ס׳איז פאַרברעכערישע פּלענער פון יוגאָסלאַוויע אין די פאָלקס־דע־מאָקראַטישע לענדער. אדרבא, אין זיין געשפּרעך מיט מיר האָט ער אויפ־ריכטיק אַרויסגעבראַכט די האָפענונג, אַז עס וועט געפונען ווערן אַ קאָנ־סטרוקטיווער וועג צו פאַריכטן די ענינים.

— דער פאַקט, וואָס גלייך נאָכן ריס זענט איר אַוועק צו בעבלערן — זאָגט גענוג עדות וועגן אייער אידענטיפיצירן זיך מיטן טיטאָיזם, נישט אַזוי ?

— ניין. כ׳האָב דערציילט, אַז דער עיקר בין איך געפאָרן קיין בעל־גראַד, כדי זיך טרעפן מיט אַננאַ פּאַוקער, דער אויסערן־מיניסטאָרין פון רומעניע. צו יענער צייט איז אין בעלגראַד פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון די דונאַי־לענדער. דאָרט איז אויך געווען אַ בכבודיקע סאָוויעטישע דעלעגאַציע מיט ווישינסקין בראש. די קאָמוניסטישע פירער האָבן בכלל נישט בויקאָטירט בעבלערן. זיי האָבן זיך מיט אים געטראָפן אויף דער קאָנפערענץ גופא און אויף פאַרשידענע אומאָפיציעלע אויפנאַמעס, מערער ווי איך האָב זיך מיט אים געטראָפן. און פון דעם דאַרף מען דרינגען, אַז זיי האָבן זיך אידענטיפיצירט מיטן טיטאָיזם ?

— וואָס האָט אייך בעבלער דערציילט וועגן סלאַנסקין ?

— גאָרנישט. ער האָט בכלל נישט דערמאָנט זיין נאָמען.

— דאָס איז אַ ליגן. ווילט איר זאָגן, אַז איר האָט זיך בכלל נישט אינטערעסירט מיט סלאַנסקיס באַציאונג צו דער טיטאָיסטישער כנופיה?

— כ'האָב זיך נישט אינטערעסירט. פאַר מיר זענען דער עיקר געווען וויכטיק די סיבות פונעם ריס. פאַרוואָס דווקא האָב איך זיך באַדאַרפט אינטערעסירן מיט סלאַנסקיס שטעלונג? איך בין נישט קיין טשעכאָסלאָוואַק. איך קען נישט סלאַנסקין. ער איז אויך נישט געווען פון די גאָר בולטע געשטאַלטן אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם. טאָרעז, טאָליאַטי, ראַקאָשי האָבן מיך מערער אינטערעסירט איידער סלאַנסקי. פון אייערע רייד דרינגט אַרויס, גלייך אין צענטער פון מיינע פאַראינטערעסירונגען אין די לעצטע צען יאָר, וואָלט געשטאַנען... סלאַנסקי. אַקוראַט אין אַלע מיינע פּאָליטישע באַגעגענישן האָב איך זיך פאַרנומען מיט איין ענין: סלאַנסקי, סלאַנסקי, סלאַנסקי. ווי קום איך צו סלאַנסקין? דער דאָזיקער קאָסמאָפּאָליט און שונא פון ציוניזם האָט מיך בכלל נישט באַשעפטיקט.

— אורן, איר האָט באַשלאָסן סיסטעמאַטיש צו שעדיקן דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג. איר ווילט פאַרווישן שפורן. ביז איצט קענט איר נאָך נישט געגנוג די עקשנות פון אונדזער זיכערהייט־פּאָליציי. איר זענט אַן עקשן. מיר זענען גרעסערע עקשנים. דעם אמת וועלן מיר פון אייך אַרויסבאַקומען, און זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין.

— דעם אמת האָב איך אייך געזאָגט אַן שוועריקייטן. אַ שוועריקייט האָט זיך געשאַפן — ווען איר האָט באַשלאָסן פאַרלאַנגען פון מיר צו דערציילן נישט קיין אמתדיקע זאַכן.

— באַליידיקט נישט אונדזער זיכערהייט־פּאָליציי. מיר פאָדערן פון אייך גאָרנישט, ווי נאָר דעם אמת. אויב מיר זאָגן אייך, אַז בעבלער האָט אייך אַנטפּלעקט וויכטיקע זאַכן וועגן סלאַנסקין און זיינע פאַרברעכערישע פּלענער קעגן אונדזער רעזשים — געמיינזאַמע פאַרשווערונגען מיט דער טיטאָיסטישער כנופיה — איז דאָס אמת. איר האָט מאָדנע באַגריפן וועגן אמת.

— יאָ, פאַר מיר איז דער אמת — ווי אין איצטיקן פאַל — פיזישע פאַקטן, וואָס זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט און נישט דאָס וואָס איר האָט באַשלאָסן אַז עס איז געווען.

— לאָמיר זיך נישט פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע. איר באַהאַלט אויס

דעם אמת. נאָר מיר וועלן אים פון אייך אַרויסבאַקומען. איר צווינגט אונדז בלויז פירן זיך כלפּי אייך מיט אַ האַרטער האַנט. מיר וועלן זיך נאָך זען.

דער אָפיציר סודעט זיך מיטן אויספאָרשער אַ שטיקל צייט. ער גייט אַרויס. דער אויספאָרשער פאַרשרייבט. ער לייענט מיר פאָר „מיינע ענטפערס״, איידער ער ציט זיי אַריין אין פּראָטאָקאָל. ער פּרובירט דאָ און דאָרט אַריינפלעכטן אַנדייטונגען אין גייסט פונעם אָפיצירס „אמת״. איך ראַנגל זיך מיט אים. איך מעלד, אַז כ'וועל נישט אונטערשרייבן. צום סוף שטעלט ער צונויף מיינע ענטפערס בדרך כלל אויפן יסוד פון מיינע רייד. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז עס בלייבן פיל פאַרקריפּלונגען, נישט מיינע באַצייכענונגען, וואָס פאַרדעכטיקן מיך. מיטן באַגינען שרייב איך אונטער. דער עיקר פונעם געראַנגל — אין דער פראַגע פון טיטאָיזם — שטייט נאָך פאַר מיר.

מיין שכן אין קאַמער פאַרשטאַרקט זיין דרוק אויף מיר איך זאָל נאָכגעבן די אויספאָרשער.

איך האָב אים דערציילט וועגן די אָנדייטונגען פונעם אויספאָרשער בנוגע דעם געזונט פון מיין פרוי און דעם קליינעם זון. ער באַמיט זיך מיך צו איבערצייגן, אַז אַזעלכע „בשורות״ זענען נישט קיין פאַרטל אין די אויספאָרשונגען. איז זיך נישט פאַרצושטעלן אַזאַ זאַך? וואָלט זיין ווייב דערהאַלטן אַ ידיעה וועגן זיין טויט אָדער וועגן זיין שפּורלאָזן פאַרשווינדן — וואָלט זי אָן שום ספק אַראָפּ פון זינען. און אַז קליינע קינדער פאַלן אַראָפּ פון אַ בוים — קאָן פאַסירן. ער באַשולדיקט מיך: איר האָט שוין פון לאַנג געקאָנט זיין אינדערהיים, ווען איר וואָלט נישט געגאַנגען קעגן אייערע אויספאָרשער. איר וועט חרוב מאַכן אייער משפּחה. אויך זיך אליין — אויב איר וועט נישט ענדערן די ביזאַציטקע ליניע. — ער זאָגט: איר ווייסט נישט אין וועמענס הענט איר געפינט זיך. איך דאַרף זיך מודה זיין — צי כ'האָב יאָ געזינדיקט צי נישט. זאָלן פון מיר די אויספאָרשער פאַרלאַנגען וואָס זיי ווילן — איך דאַרף זיי ענטפערן. איך דאַרף זיך מודה זיין.

איך נעם נישט אָן זיין ליניע. מיר איז קלאָר, אַז פון זיין מויל רעדן די אויספאָרשער. דערפאַר האָט מען אונדז ביידע צונויפגעפירט אין איין קאַמער. ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

יעדעס מאָל ווען מיר טרעפן זיך אין קאַמער, באַמיט ער זיך מיך איבעררעדן, איבערצייגן. אין זכות פון זיין דערפאַרונג און לאַנגן זיין אין

תּפיסה פֿאָדערט ער פֿון מיר אָנצונעמען זיין אינסטרוקציע. איך וואַרף אָפּ זיינע פֿאָדערונגען. אונדזערע באַציונגען ווערן אַלץ האַרבער.

דער „אמת" וועגן מיין קיבוץ

די אויספֿאָרשונג ציט זיך לאַנגע שעהן. אויך אין משך פֿון דעם טאָג בין איך אייניקע מאָל געפּאָרשט געוואָרן. איצט איז שוין נאָענט צו חצות. די טעמעס זענען: בעלגראַד, סלאַנסקי, באַגעגענישן מיט קלעמענטיסן, מיי־נע פֿאַרשידענע באַזוכן אין ענגלאַנד. די אויספֿאָרשונג גייט אָבער נישט אַראָפּ פֿון דער זאַמד־באַנק אויף וועלכער זי איז אַרויף. דער אויספֿאָרשער איז מיד. ער פֿאַררייכערט אַ סיגאַרעט און שפּאַצירט איבערן צימער. עס ווערט שטיל.

איך באַניי מיין בקשה מען זאָל מיר דערלויבן אָנשרייבן עטלעכע ווערטער אַהיים. ער ענטפֿערט: — נאָכדעם ווי איר וועט זיך מודה זיין אין אייערע פֿאַרברעכנס. איר ווייסט אויך נישט וואַהין צו שרייבן. אייער פֿרוי איז נישט אינדערהיים. איך ווייס נישט ווו זענען אייערע קינדער. אייער היים איז פֿאַרלאָזט. נישטאָ ווער עס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אייערע קינדער.

— פֿונדעסטוועגן האָף איך, אַז מיין פֿרוי איז אינדערהיים. על־כּל־פּנים בין איך זיכער, אַז מיינע קינדער זענען נישט פֿאַרלאָזט. אין קיבוץ זאָרגט מען פֿאַר קינדער. אַפֿילו אויב עס געשעט עפּעס זייער פֿאָטער צי מוטער.

— יאָ, כ'האָב עפּעס וואָס געהערט וועגן קיבוצים אין ישראל. די סאַמע משונהדיקע זאַכן.

ער בעט כ'זאָל אים דערקלערן וואָס אַזוינס איז דער קיבוץ. ער דער־לויבט מיר צו זיצן. פֿיל שעהן בין איך געשטאַנען אויף אַכטונג.

איך טו אים צוליב. איך דערקלער אים וואָס אַזוינס עס איז דער קיבוץ. איך ווייס, אַז מיינע אויפֿקלערן וועגן קיבוץ דעם דאָזיקן סאַדיסט איז ווי אַ גאָלדענער רינג אינעם שנוק פֿון אַ חזיר. נאָר איך באַמי זיך צו

רעדן וואָס ברייטער — כדי צו פאַרלענגערן די צייט פון דער דערלויבע־ניש צו זיצן און געבן אָפּרו מיינע אָנגעווייטיקטע און געשוואָלענע פיס.

ער הערט זיך צו צו מיינע רייד. די גאַנצע צייט איז אויף זיין פּרצוף צעגאָסן אַ שמייכל פון איינעם וואָס ווייסט בעסער. דער שמייכל זאָגט: דו דערציילסט מיר קינדער־מעשיות. ס׳וועט דיר נישט געלונגען מיך באַ־שווינדלען. רעד, רעד. דעם אמת ווייס איך, טראָץ דיינע באָבע־מעשיות.

איך רעד ווייטער וועגן קיבוץ. די אָרגאַניזאַציע פון דער ווירטשאַפט און פון דער אַרבעט, די שותפותדיקע עלעמענטן, דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן, דערציונג, די לאַנד־אָרגאַניזאַציע, דער קיבוץ און זיין אויפגאַבע אין אויפשטעלן די לאַנדווירטשאַפט, דער קיבוץ און דער קלאַסנקאַמף. ער הערט זיך איין. דער שמייכל פאַרשווינדט נישט פון זיין פּנים.

איך פאַרענדיק. ער ברעכט אויס אין אַ געלעכטער:

— אורן, איר זענט אַן אומפאַרבעסערלעכער שווינדלער. כ׳האָב מיט כוונה אייך געלאָזט רעדן ברייט. איר האָט אַ סברה געמיינט, אַז כ׳ווייס באמת נישט וואָס אַזוינס עס איז דער קיבוץ. אויך איר ווייסט. נאָר ווי אייער שטייגער אין אַלע פראַגן — אַזוי אויך דאָ אין דעם קאָמפּלעקס וואָס האָט נישט קיין שייכות צו דער אויספאָרשונג און ס׳איז נישט נייטיק לייקענען, אפילו אין דער פראַגע ווילט איר מיך נאַרן. אָבער די זיכערהייט־פּאָליציי ווייסט אַלץ. מיר ווייסן אויך וואָס אַזוינס איז אַ קיבוץ. הערט־זשע פון מיר וואָס איז אַ קיבוץ.

ער דערקלערט מיר וואָס אַ קיבוץ איז: „אַ קאַפּיטאַליסטישע פאָרם וואָס עקספּלאָאַטירט די אַרבעטער. אויך אין פאַבריק נוצט מען אויס. אָבער דאָרט צאָלט מען דעם אַרבעטער אַרבעטס־לוין. דער אַרבעטער אין קיבוץ באַקומט נישט קיין לוין. ער באַקומט אַ הונגער־באַשפּייזונג. אַנשטאָט מלבו־שים, באַקומט ער שמאַטעס. איין זאַך באַקומט אַ מיטגליד פון קיבוץ: אַ צאָן־בערשטל און פּאַסטע. עס פּאַסירט, אַז אַ מיטגליד פון קיבוץ געפינט זיך אַרבעט אין שטאָט — און דער קיבוץ רויבט ביי אים צו זיין אַרבעטס־לוין. אויך דאָס ווייס איך: פאַראַן מיניסטאָרן, מיטגלידער אין קיבוץ. אפילו פון זיי רויבט צו דער קיבוץ זייער געהאַלט. דער קיבוץ איז די סאַמע רע־אַקציאָנערע זאַך אין ישראל. נאָך ערגער פון קאַפּיטאַליזם. אַ באַוווסטזיני־קער סאָציאַליסט דאַרף קעמפן קעגן קיבוץ. איך וווּנדער זיך נישט וואָס איר זענט אַ חבר אין קיבוץ. און ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַלע אייערע

שפּיאָנען וועלכע איר האָט געשיקט צו אונדז — איר רופט זיי „שליחים״ — זענען געקומען פון קיבוצים. וואָס האָט איר אויף דעם אַלעם צו זאָגן?

— דאָס זענען פּוסטע רייד. כ׳האָב נישט וואָס צוצוגעבן צו דעם וואָס כ׳האָב געזאָגט וועגן וועזן פונעם קיבוץ. איך זע נישט קיין טעם צו דיסקוטירן וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען.

— פאַראַן אָבער עטלעכע פראַגן וואָס מיר ווילן דאַרפן אויפקלערן אין צוזאַמענהאַנג מיט אייער קיבוץ. — ער ציט אַרויס פון שופלאָד פונעם שרייבטיש פאַרשריבענע בייגנס פּאַפּיר. אַ ווײַלע קוקט ער אין זיי אַריין.

האָט ער אַן אינפאָרמאַציע וועגן מיין קיבוץ? פון וועמען? פון וועל־כער קוועלע? זיינע אומרייפע רייד און באַשמוצונגען אויף די קיבוצים בכלל זענען אַ צונויפשמעלץ פון מק״יסטישער פעלשונג און פערזענלעכער עם־הארצות. עס האָט נישט קיין זין מיט אים צו דיסקוטירן. אָבער וואָס וויל ער איצט פון מיין קיבוץ? איז עמעץ פאַראַן אין לאַנד וואָס שטעלט צו דער דאָזיקער באַנדע סאַדיסטן געפעלשטן מאַטעריאַל, כדי מיר באַשווערן די לאַגע? איז ווער פאַראַן אין לאַנד וואָס איז דערגאַנגען צו אַזאַ רעקאָרד פון געפאַלנקייט?

— איר זענט אַ מיטגליד אין קיבוץ מזרע. נישט אַזוי? זענט איר דאָרט געווען אויך אַ דירעקטאָר? נישט אַזוי?

— איך בין אַ חבר אין קיבוץ מזרע. אין קיבוץ זענען נישטאָ קיין דירעקטאָרן. פאַראַן מענטשן מיט אַמטן און אינסטאַנצן געוויילטע דורך אַלע חברים פונעם קיבוץ. מיין טעטיקייט איז געווען אין דער פּאַרטיי. אין שטאָט. אָבער אין פאַרשידענע צייטן בין איך געווען אַ מיטגליד אין פאַר־שידענע קיבוצישע אינסטאַנצן. אין יאָר (1949/50) בין איך געווען סע־קרעטאַר פון קיבוץ.

— איז אייך באַוווסט, אַז איר זענט געווען דער אַמיינסטן געהאַסטער מענטש אין קיבוץ? וואָלטן די חברים פון אייער קיבוץ געוווּסט, אַז מיר האַלטן אייך דאָ — וואָלטן זיי אָן שום ספק אונדז געבענטשט דערפאַר.

— איך האַלט נישט, אַז די חברים פון קיבוץ האַסן מיך. אויב עמעץ האָט אייך געשיקט די דאָזיקע אינפאָרמאַציע פון ישראל, איז ער אַ ליגנער. איך בין נוטה אָנצונעמען, אַז מיינע חברים אין קיבוץ ווייסן אַז איר האַלט מיך דאָ און זיי שעלטן אייך דערפאַר.

— איר האָט געזאָגט, אַז די חברים אין קיבוץ אַרבעטן ממש. מיר איז באַוווסט, אַז אין אייער קיבוץ — זענען באַשעפטיקט אַראַבישע אַרבע־

טער פון נצרת. דאַקעגן די מיטגלידער פון קיבוץ זענען אַרבעטס־לייטער.

— דאָס איז פאַלש. אַלע חברים אין קיבוץ אַרבעטן: אין דער לאַנד־ווירטשאַפט, ביי מלאכה, אין דערציונג, אין באַדינונגען. מיר האָבן נישט גענוג מענטשן אויף אַדורכצופירן די אַרבעטן פון בוי און אויפשטעלן וווי־נונגען. אַזוי איז אויך היינט די לאַגע אין אַנדערע קיבוצים. דעריבער איז נייטיק צו רעאַליזירן בוי־אַרבעטן מיט דער הילף פון לוין־אַרבעטער. אַלזאָ, אין אַזאַ פאַל איז נייטיק, אַז אַ חבר פון קיבוץ, אַ ספּעציאַליסט אין בוי, זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט. ביי אונדז זענען אין דער לעצטער צייט געווען באַשעפטיקט ביי אַ 10 לוין־אַרבעטער, יידן און אַראַבער. די אַראַבער זענען פון נצרת.

ער קוקט ווידער אַריין אין די פּאַפּירן וואָס ליגן פאַר אים:

— דאָס איז נישט ריכטיק. לויט מיינע קוועלן — און זיי זענען די סאַמע באַגלייבטע — זענען אייערע רייד נישט קיין אמתדיקע. נאָר לאָמיר דאָס איצט איבערלאָזן. אַ וואָסער איז דער לוין וועלכן עס באַקומען ביי אייך די אַראַבישע אַרבעטער?

— לויט די טאַריפן פון דער אַרבעטס־ביוראָ אין ישראל. די אַראַבישע אַרבעטער וועלכע האָבן געאַרבעט אין מזרע, זענען אין זייער מערהייט געווען פאַכלייט, אַזוי, אַז זייער לוין איז געווען אַ גענוג הויכער.

— אַ הויכער לוין? אַן אַראַבישער אַרבעטער אין מזרע האָט פאַר זיין אַרבעט באַקומען איין פונט אין יאָר. דאָס איז אַ הויכער געהאַלט? דאָס איז דער טאַריף פון אַרבעטס־ביוראָ? דאָס איז דאָך עקספּלאָאַטאַציע וואָס האָט נישט אירס גלייכן. איין פונט פאַר אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר!

איך קאָן נישט נישט אויסשיסן אין אַ געלעכטער. דער אויספאָרשער פאַרוועט מיר לאַכן. איך באַמערק:

— איר האָט די סאַמע ערגסטע אינפאָרמאַטאָרן אין ישראל. מיט צוויי יאָר צוריק בין איך געווען סעקרעטאַר פון קיבוץ און איך ווייס דעם לוין, וועלכן אַראַבישע אַרבעטער האָבן באַקומען. די הייך פון דעם לוין אין דורכשניט — 4 פונט אַ טאָג, לויט דער קאַטעגאָריע פון פאַכמענישקייט. דעם געהאַלט האָט מען זיי געצאָלט נישט איינמאָל אין יאָר, נאָר איינמאָל אין וואָך. אַן אַראַבישער אַרבעטער פלעגט באַקומען 20 פונט אַ וואָך און נישט איין פונט אין יאָר.

— פונדעסטוועגן איז אמת דאָס וואָס איך זאָג. אייער „אמת" ווייסן מיר שוין איבערגענוג. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז די יידן נוצן אויס די

אַראַבער אויף אַן אוממענטשלעכן אופן. נאָך אייניקע פראַגן: פאַרוואָס האָט איר אונדז נישט דערציילט ביז איצט וועגן די געהיימע קורסן וואָס ווערן אַדורכגעפירט אין קיבוץ מזרע?

— איך ווייס נישט קיין זאַך וועגן געהיימע קורסן אין מיין קיבוץ. איר האָט מיך אויך נישט געפרעגט קיין איין מאָל וועגן אַזעלכע קורסן.

— מאַכט זיך נישט תמעוואַטע. איר ווייסט אויסגעצייכנט וועלכע געהיימע קורסן ס׳ווערן געפירט אין מזרע.

— אפשר מיינט איר די געהיימע קורסן וועלכע זענען געפירט געוואָרן אין דער תקופה פון בריטישן מאַנדאַט. דעמאָלט האָבן אין גאַנצן ישוב עקזיסטירט געהיימע קורסן פון דער „הגנה״, קורסן אויף צו דערלערנען זיך באַנוצן מיט קאָמפּס־געווער.

— איך רעד וועגן געהיימע קורסן אין דער לעצטער צייט — אויך ווען איר זענט געווען סעקרעטאַר פון קיבוץ. פּרובירט זיך נישט אַרויסצו־דרייען. מיר ווייסן אַלץ.

איך שטרענג אָן מיין זכרון: — ניין, ס׳זענען נישט געווען ביי אונדז קיין שום געהיימע קורסן אין דער לעצטער צייט.

— כ׳וועל אייך העלפן זיך דערמאָנען — ער בליקט אַריין אין זיינע פּאַפּירן: — אין עק הויף זענען געשטאַנען אייניקע רייען געצעלטן. וועל־כער געהיימער קורס איז געפירט געוואָרן פאַר די מענטשן וואָס האָבן גע־וווינט אין די געצעלטן?

איך באַמי זיך צו דערמאָנען. כ׳דערמאָן זיך.

— יאָ, אין די געצעלטן האָבן געוווינט נייע עולים. וואָס זענען צו אונדז געשיקט געוואָרן אויף אַ האַלב יאָר צייט כדי זיך לערנען העברעיש. דאָס איז אַ סעמינאַר פאַר עברית פאַר דערוואַקסענע עולים. אַ האַלבן טאָג אַרבעטן זיי אין קיבוץ און אַ האַלבן טאָג לערנען זיי. דאָס זענען נישט קיין געהיימע קורסן. דאָס איז אַ סעמינאַר, וועמענס טעטיקייט איז אַבסאָלוט עפנטלעך.

— פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ. דער אָפיציעלער נאָמען — וואָס דינט צו קאַמופלאַזש — אינטערעסירט מיך נישט. אויך איר ווייסט, אַז דאָרט האָט מען נישט געלערנט קיין עברית. דאָרט האָט מען אינסטרואירט שפּיאָנען, וואָס האָבן אַלס „שליחים״ באַדאַרפט געשיקט ווערן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ליגנער וואָס איר זענט! אויך איר קענט גוט דעם מאַן וואָס

האַט אָנגעפירט מיט די קורסן. ווער אין אייער קיבוץ האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער שפּיאָנען־שול?

— נישטאָ ביי אונדז קיין שפּיאָנען־שול. פאַראַן נאָר אַן אולפּן פאַר עברית. ריכטיק, מיין פרוי פירט אָן מיט דעם דאָזיקן אולפּן.

— איר זייט אַ פּיין פּאָר. איר באַשעפטיקט זיך מיט שפּיאָנאַזש און די פרוי גרייט צו קאַדרען פאַר שפּיאָנען. איר לייקנט נאָך אַלץ אָפּ?

— יאָ.

— נאָך איין פראַגע: האָט מען אין די לעצטע יאָרן געפלאַסטערט ביי אייך אין קיבוץ אַן אינערלעכן שאָסיי? ווער האָט אים געפלאַסטערט? אַ וואָסערע אַרבעטער?

— יאָ, מען האָט געלייגט אַן אינערלעכן שאָסיי. די אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ יידישן אונטערנעמער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע אַרבעטן און ער ברענגט אויך זיינע אַרבעטער. קאָן זיין, אַז ביי דעם זענען אויך געווען באַשעפטיקט איינער אָדער צוויי אַראַבישע אַרבעטער פון נצרת.

— דאָס איז אַ ליגן. די גאַנצע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן דורך אַראַבישע אַרבעטער. איין מיטגליד פון אייער קיבוץ האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען מיט אַ לאַנגער בייטש אין דער האַנט און אונטערגעטריבן די אראבישע אַרבעטער זיי זאָלן פאַרשטאַרקן דעם אַרבעטס־טעמפּאָ.

א ספּאָנטאַן געלעכטער מיינס דערקלערט אַז דאָס איז אַ ליגן פון א׳ ביז ת׳. איך כאַפּ אַריין אַ האָגל זידלערייען פאַר מיין העזה צונישטצומאַכן דעם שקר מיט געלעכטער.

ווער האָט געקאָנט צושטעלן קיין פראַג די דאָזיקע פּערל פון „אמת" וועגן מזרע? איך שטויס זיך אָן, ווו ס׳איז דער מוטנער קוואַל פון אַזעלכע „באַגלויבלעכע" אינפאָרמאַציעס וועגן מיין קיבוץ און וועגן דער עקספּלאָאַטאַציע פון אַראַבישע אַרבעטער. און וועגן די קיבוצים בכלל.

די מוסרים זאָלן קיין האָפענונג נישט האָבן.

די מיסטעריע בעקעלמאַן

צו די פיל צרות וואָס האָבן זיך אויף מיר אָנגעזעצט אין גאַנג פון די אויספאָרשונגען, האָט אין די לעצטע וואָכן זיך צוגעטשעפּעט אַן אייגנאַר־טיקע צרה־צרורה: בעקעלמאַן. אין די טאָג־ און נאַכט־אויספאָרשונגען דערשיינט אַ פּרשה בעקעלמאַן. אין אָנהייב האָט זי פאַרנומען פיל שעהן פון אייניקע אויספאָרשונגען. אין דער לעצטער צייט איז נישטאָ קיין אויס־פאָרשונג, זי זאָל זיך נישט פאַרענדיקן מיטן פּסוק פון אויספאָרשער: „און איצט צום ענין בעקעלמאַן. דערציילט אונדז פּרטים פון אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען". צוליב דעם בעקעלמאַן פאַרליר איך די הונגער־פּאַרציע פונעם מיטאָג און אָוונטברויט. צוליב דעם בעקעלמאַן פאַרליר איך אָפּטמאָל — מיטן אָנהייבן טאָגן — די אויסזיכט צו שלאָפן איין שעה אין מעת־לעת, פאַרן פרימאָרגן־קלונג.

ווער איז בעקעלמאַן? איך ווייס נישט. כ'האָב מיר שוין אויסגעע־טרוקנט דעם מוח און אויסגעמאַטערט דעם זכרון אַרויסצוברענגען די מיס־טעריעזע געשטאַלט וואָס הייסט בעקעלמאַן און מיט אים האָב איך זיך כלומרשט אָפּט געטראָפן. אין די לעצטע טעג און נעכט, בעת די אויספאָר־שונגען און צווישן זיי, בעתן שפּאַצירן אין קאַמער, ביים לייגן זיך און אויפ־שטיין פון געלעגער נאָך אַ שעה אָדער אַ האַלבער פון שלאָפן, טראַכט איך נישט מער ווי נאָר וועגן איין זאַך: ווער איז בעקעלמאַן? איך מאָל זיך אויס אין געדאַנק באַגעגענישן מיט צענדליקער און הונדערטער מענטשן, יידן און נישט־יידן, אין אַלע לענדער ווו מיר איז אויסגעקומען צו זיין. איך מאַ־טער און פּרעס אויס דעם כוח פון מיין מחשבה. איך געפין נישט דעם מינ־דעסטן סימן פאַר שפּורן פון אַ מענטש וואָס הייסט בעקעלמאַן. בעקעלמאַן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ שאָטן־געשפּענסט וואָס באַלעסטיקט מיך אָן אויפ־הער. בעקעלמאַן. בעקעלמאַן. בעקעלמאַן.

בעקעלמאַן וועט מיך משוגע מאַכן. דער אויספאָרשער טרייסט מיך: פאַראַן אין פּראָג גוטע משוגעים־הייזער.

די לעצטע שעהן פון דער נאַכט. אפשר וועט דער אויספאָרשער דאָסמאָל פאַרגעסן אין בעקעלמאַנען? אפשר וועל איך זוכה זיין צו אַ שעה שלאָף? איך באַמי זיך צו האַלטן ברייט־אָפן מיינע מידע אויגן. דורכן פענצ־

טער רייסט זיך אַריין דער אָנזאָג פון אַ פּרעכטיקן מאַי־פרימאָרגן. ווער וועט מיר געבן אַ טראָפּן שלאָף? דער אויספאָרשער האָט מיט עטלעכע מינוט פריער איבערגעריסן די אויספאָרשונג. ער ציט זיך אויס. געגעצט. בגניבה פאָלג איך נאָך נאָך יעדער באַוועגונג זיינער. מיין שעה שלאָף ליגט אין זיינע הענט. וועט ער דאָסמאָל פאַרגעסן די פּרשה בעקעלמאַן?

ניין, דער אויספאָרשער פאַרגעסט נישט. ער קוקט אויף מיר. ער ווייסט וועגן וואָס איך טראַכט איצט: וועט מען מיך לאָזן אַביסל שלאָפן, אָדער מען וועט זיך באַשעפטיקן מיטן ענין בעקעלמאַן, ווי עס איז לעצטנס איינגעפירט ביים סוף פון יעדער אויספאָרשונג.

דער אויספאָרשער דערנעענטערט זיך צו מיר:

— איך ווייס, אַז איר ווילט זייער שלאָפן. אָבער ביז איצט האָבן מיר זיך נישט פאַרנומען מיט דער פּרשה בעקעלמאַן. דערציילט אונדז אויף גיך וועגן אייערע צוזאַמענטרעפן מיט בעקעלמאַנען און איר וועט נאָך קאָנען עטוואָס שלאָפן.

די אַנטשיידונג איז געפאַלן. אַ שעה פון גייסטיקע יסורים, אַנשטאָט אַ שעה שלאָף נאָך וועלכן מיין קערפּער שרייט אַזוי. בעתן פאַרנעמען זיך מיט דער פּרשה בעקעלמאַן, באַפעלט מען מיר צו שטיין אויף אַכטונג. איך גיב מיין תשובה צום פינפהונדערטסטן מאָל:

— איך קען נישט קיין שום בעקעלמאַן. איך ווייס נישט בכלל ווער עס איז בעקעלמאַן.

די ערשטע זידלעריי: „שווינדלער!" ער זעצט פאָר: — איר קענט אים אויסגעצייכנט. איר האָט זיך מיט אים אָפט געטראָפן. אונדז איז באַוווּסט אַלץ וועגן אייערע געשפּרעכן, זייער צייט און אינהאַלט. דערציילט.

— זאָגט מיר ווער עס איז בעקעלמאַן — אַ ייד, אַ טשעך, אַן ענגלענדער, אַ דייטש אָדער אַן אַמעריקאַנער? איך געדענק נישט כ'זאָל זיך ווען האָבן געטראָפן מיט אַ בעקעלמאַן. וואָלט איר מיר געזאָגט ווער דאָס איז — אפשר וואָלט עס מיר געהאָלפן צו דערמאָנען זיך.

צווייטע זידלעריי: — נבזהדיקער שפּיאָן! — איר ווילט עס ביי מיר שפּיאָנירן ווער ס'איז בעקעלמאַן? איר ווייסט גוט ווער עס איז בעקעלמאַן. איר האָט זיך מיט אים געטראָפן פיל מאָל. דערציילט וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען.

— זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, ווו האָב איך זיך מיט אים געטראָפֿן, אין וועלכן לאַנד, אין ישראל, טשעכאָסלאָוואַקיע אָדער אין אַן אַנדערע מדינה. אפשר וועט מיר דאָס העלפֿן צו דערמאָנען זיך.

דריטע זידלעריי: — קאָמעדיאַנט! מאַכט נישט דעם אָנשטעל, גלײַך איר ווייסט נישט ווו איר האָט זיך געטראָפֿן. נאָכדעם ווי איר האָט זיך זייער אָפֿט באַגעגנט, געדענקט איר אָן שום ספק ווו. דערציילט און ברענגט מיך נישט אַרויס פֿון די כלים.

— איך שווער, אַז איך ווייס נישט ווער ס׳איז בעקעלמאַן. גיט מיר עפּעס אַן אָנדייטונג, עפּעס אַן אָנהאַלט, כדי זיך דערמאָנען. איך האָב נישט קיין שום גרונט צו פֿאַרבאַהאַלטן מײַנע געשפּרעכן מיט וועמען. אין ישראל זענען פֿאַראַן מאַסן מענטשן וואָס האָבן געטוישט זייערע נעמען אויף העבּ־רעישע. קאָן זײַן, אַז כ׳האָב זיך געטראָפֿן מיט וועמען וואָס האָט אַמאָל געהייסן בעקעלמאַן און היינט טראָגט ער אַ העברעישן נאָמען.

פֿערטע זידלעריי: — מיט אַ צוגאָב פֿון אַ זעץ אין קאָפּ: — דרעק! וואָס דרייט איר מיר אַ מוח מיט טוישן נעמען? איר האָט זיך געטראָפֿן מיט בעקעלמאַנען. איך האָב אײַך געזאָגט הונדערטער מאָל, אַז איר וועט פֿון מיר נישט הערן קיין איין רמז. איר נייטיקט זיך נישט אין וועלכער ס׳איז אָנצוגעהערעניש. דערציילט וועגן אײַערע געשפּרעכן.

בעקעלמאַן וועט מיך משוגע מאַכן. איך ווייס נישט ווער דאָס איז. איך ווייס נישט צי ער עקזיסטירט בכלל. אָבער ער וועט מיך משוגע מאַכן. און אפשר זיך מודה זײַן אַז איך קען אַזאַ איינעם? און קוים איז בעקעלמאַן אַ באַוווסטער אַגענט פֿון וועלכער מערבדיקער שפּיאָנאַזש־נעץ? אייל זיך נישט מודה צו זײַן!

— פֿאַרוואָס דערציילט איר נישט? — טרײַבט מיך אונטער דער אויספֿאָרשער. איך ענטפֿער נישט. אַ זעץ אין בויך פֿון זײַן פֿויסט וואַרפֿט מיך צוריק צו דער וואַנט וואָס הינטער מיר. מײַן קאָפּ כאַפּט אַן אָנשטעענדיקן קלאַפּ אין וואַנט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס שטיין אויף אַכטונג איז צעשטערט געוואָרן. „וויאַזוי וואַגט איר נישט שטיין גלײַך". נאָך אַ זעץ מיט דער פֿויסט אין בויך. די דאָזיקע מלאכה ווייסט ער אויסגעצייכנט פֿון די קורסן פֿאַר פֿאָלקס־דעמאָקראַטישער אויספֿאָרשונג.

ער שטעלט מיך צוריק אויף אַכטונג: — דערציילט וועגן בעקעל־מאַנען!

— איך געדענק נישט קיין שום מענטש מיטן נאָמען בעקעלמאַן. אפשר מיינט איר בערגעלמאַן?

פינפטע זידלעריי: — בהמה וואָס איר זענט! בעקעלמאַן איז בעקעלמאַן און נישט בערגעלמאַן. נאַר וואָרט. ווער איז בערגעלמאַן? ווו האָט איר אים געטראָפן? וועגן וואָס האָט איר געשמועסט?

— איך בין געווען אין מוקאַטשעווא (מונקאַטש) און געדענק איינעם פון די לערער אין דער אָרטיקער העברעישער גימנאַזיע. איך האָב רעפערירט פאַר די לערער. און דער לערער בערגעלמאַן האָט זיך דאַן באַטייליקט אין דער דיסקוסיע.

דער אויספאָרשער איילט זיך צו נעמען זיין העפט. — איר האָט זיך מיט אים געטראָפן אין מוקאַטשעווא? ווו איז מוקאַטשעווא — איר ווייסט?

דער אויספאָרשער מאַכט דעם איינדרוק גלייך ער וואָלט געפונען אַ גרויסן שלל. איך ענטפער: „זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — אַ שטאָט אין סאָוויעטישן הינטער־קאַרפּאַטן־אוקראַינע".

ער פאַרצייכנט עפּעס אין זיין העפט.

— זענט איר עס געווען אין ראַטנפאַרבאַנד? פאַרוואָס האָט איר עס פאַר מיר אויסבאַהאַלטן? אַ וואָסערע געשעפטן האָט איר דאָרט געהאַט?

— איך בין נישט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. איך בין געווען אין מוקאַטשעווא, ווען קאַרפּאַטן־רוסלאַנד האָט נאָך געהערט צו טשעכאָסלאָוואַקיע. איך בין דאָרט געווען מיט 17 יאָר צוריק. — דער אויספאָרשער איז אַנטוישט.

— און דער שפּיאָן בערגעלמאַן — לעבט ער נאָך איצט אין מוקאַטשעווא?

— דער גימנאַזיע־לערער בערגעלמאַן האָט שוין פון לאַנג עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

דער אויספאָרשער איז נאָך מערער אַנטוישט. ער נייטיקט זיך אינעם „שפּיאָן" בערגעלמאַן וואָס לעבט אין דער סאָוויעטישער מוקאַטשעווא.

— אָבער וואָס בעצם האָט איר געזוכט אין מוקאַטשעווא? איר זענט דאָך נישט געקומען סתם האַלטן רעדעס פאַר די לערער פון דער אָרטיקער גימנאַזיע? ווייזט אויס, אַז איר זענט געקומען צוגרייטן דעם באָדן פאַר ציוניסטישן שפּיאָנאַזש אין ראַטנפאַרבאַנד. זייט זיך אין דעם מודה און כאָטש איינמאָל וועט איר באַווייזן, אַז איר ווייסט אויך צו זאָגן אמת.

— כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש. אויסער דעם האָב איך אין יאָר 1935 נישט געקאָנט וויסן, אַז אין צען יאָר אַרום וועט מוקאַטשעוואָ זיך געפונען אין שטח פון ראַטנפאַרבאַנד. כ׳האָב זיך דעמאָלט באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון „החלוץ״ אין קאָשיץ און פון דאָרט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזוכן מוקאַטשעוואָ. דאָס איז אַלץ.

זיין אַנטווישונג באַקומט אַן אויסלאָדונג אין אַ מבול זידלערייען:

— פאַרדרייט מיר נישט קיין קאָפּ מיט בערגעלמאַנען. דערציילט מיר איצט וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען. שנעל!

האָב איך זיך טאַקע געטראָפן מיט אַ בעקעלמאַן? צי עקזיסטירט טאַקע בעקעלמאַן? איך הייב אָן צווייפלען. אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט נאָך א נאַכט, שיקט ער מיר אָן דעם שאָטן־געשפּענסט בעקעלמאַן. דאָס פּנים פון אויספאָרשער זאָגט, אַז ער גלייבט דערין באמונה שלימה. און אפשר פאָרט איז בעקעלמאַן נישט מער ווי אַ פּאָרטל פון דער אויספאָרשונג, כדי צו רייסן מיינע נערוון, אָפּשוואַכן מיינע כוחות, צורויבן דאָס ביסל שלאָף און עסן, דערפירן מיך אויף דער שוועל פון משוגעת? איך קאָן שוין מערער נישט פאַרטראָגן דאָס דאָזיקע געשפּענסט. איך וועל זיך מודה זיין אין קאָנטאַקטן מיט בעקעלמאַנען. זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין.

— קרעציקע מויז, פאַרוואָס שווייגט איר? דערציילט וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען.

— איך קען נישט אַזעלכן. איך בעט אייך, לאָזט אָפּ דעם ענין בע־קעלמאַן אויף עטלעכע טעג. איך וועל ווייטער זוכן אין מיין זכרון. איך בעט אייך, הערט איצט אויף מיט דעם. איר וועט מיך דערפירן צו משוגעת.

— באַנדיט, דערציילט וועגן אייערע שמועסן מיט בעקעלמאַן, און שוין! האָט נישט מורא פאַר משוגעת. פאַראַן ביי אונדז גוטע שפּיטעלער פאַר גייסטיק־קראַנקע. דערציילט גלייך וועגן בעקעלמאַנען.

איך קאָן זיך שוין נישט האַלטן אויף די פיס — פון דעם לאַנגדויע־רנדיקן, אָנגעשטרענגטן שטיין אויף אַכטונג. איך בין הונגעריק. מיין גאַנץ וועזן שרייט נאָך אַביסל שלאָף.

איך ברעך אויס: — וואָס ווילט איר פון מיין לעבן? איך ווייס נישט ווער עס איז בעקעלמאַן. נאָר איך בין גרייט זיך מודה צו זיין, אַז כ׳האָב זיך יעדן טאָג מיט אים געטראָפן. ביטע, פאַרשרייבט אין פּראָטאָקאָל וועגן מיינע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַן. שרייבט וואָס איך איז נייטיק, וועגן שפּיאָנאַזש, וועגן פיינדלעכע אַקטן קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע, כ׳וועל אַלץ

אונטערשרייבן. אַבי עס זאָל נעמען צו דעם אַן עק. — מיינע רייד זענען כמעט היסטערישע. איך ציטער אינגאַנצן.

דער אויספאָרשער איז אינגאַנצן ווי פאַרלוירן. נאָר שנעל איז ער זיך גובר. דער קלאַנג פון זיין רעדן ווערט עטוואָס מעסיקער. ער האָט זיך אויפגעהערט זידלען.

— ניין, אורן, אַזוי וועט עס נישט גיין. איר ווילט טאַקע זיין פאַר־שטענדיק, נאָר ביז איצט ווייסט איר נישט וויאַזוי מען מאַכט דאָס. איר ווילט זיך מודה זיין? דאָס איז גוט. זעצט זיך. איר זענט גענוג געשטאַנען. אָבער נישט אַזוי איז מען זיך מודה. מיר איז טאַקע באַוווסט וועגן אַלע אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַן. פונדעסטוועגן דאַרפט איר מיר אַלץ דערציילן, גלייך כ׳וואָלט גאָרנישט געוווסט. פון אייערע רייד וועל איך צונויפשטעלן אַ קורצן פּראָטאָקאָל. און דערנאָך וועט איר אים אייגנווייליק אונטערשרייבן. אָבער איצט זענט איר צופיל אויפגערעגט. מיר וועלן דאָס מאַכן ביי דער צווייטער אויספאָרשונג. אין אייניקע מינוטן אַרום וועט במילא זיין דער פרימאָרגן־קלונג. דאָס איז אייער שולד וואָס איר זענט נישט גע־שלאָפן ביינאַכט. פאַרבינדט זיך מיט דער שמאַטע די אויגן און צוריק אין קאַמער.

אַ גאַנצע וואָך האָב איך נישט צוגעטאָן קיין אויג.

ניין, דער אויספאָרשער וויל נישט, ווייזט אויס, אַ ווידוי אין שייכות מיט בעקעלמאַן. בעקעלמאַן עקזיסטירט נישט. דאָס איז אַ פיקטיוו וועזן, אַ תחבולה פון דער אויספאָרשונג. נאָך דער לעצטער, בעקעלמאַנישער, טייוו־לאָנישער נאַכט, האָט מיך דער אויספאָרשער איבערגעלאָזט אין קאַמער אַ האַלבן טאָג, ביז מיטאָג. מיין שכן געפינט זיך אויף אַן אויספאָרשונג. אײ־בערבלייבן אין קאַמער נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, נאָך אַ וואָך נישט שלאָפן, דאָס איז פיל ערגער ווי געפאָרשט צו ווערן. געפאָרשט, באַשעפטיקסטו זיך מיט עפּעס. געצוווּנגענערהייט ביסטו איצט וואַכזאַם. ביסט נישט קיין קרבן פאַר מאַטערנדיקע געדאַנקען. ביסטו אין קאַמער, פייניקסטו זיך צום טויט צוליבן דורשט נאָך שלאָף. האָסט מורא זיך אָוועקצוזעצן, קוים וועסטו איינדרימלען. מען טאָר נישט בייטאָג צוטאָן אַן אויג. האָסט אָבער נישט קיין כוח צו שטיין אויף די פיס. דו מוזט שפּאַנען, שפּאַנען, שפּאַנען. און ווייטיקלעכע און פיינלעכע געדאַנקען באַפאַלן דיך ווי פליגן אויף אַ לעבעדיקן פּגר אין פעלד. געפינסטו זיך אויף אַן אויספאָרשונג, בענקסטו

נאָך דער קאַמער — אַרויסרייסן זיך פון די געשפּענסטיקע אויספאַרשונגען און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. ביסטו אין קאַמער, מיד און נאָך שלאָפלאָזע נעכט — בענקסטו נאָך די אויספאַרשונגען — אַרויסצורייסן זיך פון דער פּיין פון איינזאַמקייט און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. ווי דו וואָלסט אָפּגע־ווינט געוואָרן צו בענקען נאָך אַ לעבן אויף דער פריי. די דאָזיקע מעג־לעכקייט האָט אויפגעהערט צו זיין רעאַל. אָפטמאָל חלומסטו וועגן דעם ווי וועגן אַ ווייטער וויזיע, איינגעוויקלט אין אַ דיקן נעפּל פון טעג, וואָס וועלן אפשר אַמאָל, אַמאָל קומען. און אפשר וועלן זיי נישט קומען. דו פילסט זיך ווי איינער, וואָס איז ביים קלאָרן געדאַנק, נאָר צוליב וואָס־עס־איז, האָט מען אים דערקלערט פאַר אַ מטורף. מען האָט אים אָנגעטאָן אַ משוגעים־העמד. ער דרייט זיך אַרום צווישן די מויערן פונעם משוגעים־הויז און שרייט: „איך בין ביים קלאָרן געדאַנק". אָבער מ׳איז נישט אויפמערקזאַם צו זיינע רייד. וויל ערגעץ־ווו האָט אַ באַנדע פאַרברעכער, געוויסנלאָזע ציניקער, נאָר מיט שטאַרקע פויסטן, געפּסקנט, אַז ער איז נישט נאָרמאַל.

וויפל צייט וועל איך קאָנען ביישטיין דעם טייוולאָנישן דרוק? איך האָב מורא, אַז דער טאָג פון מיין איינברעכן זיך איז נאָענט.

סוף פון ערשטן באַנד

אינהאַלט פון ערשטן באַנד

	זייט
אַריינפיר	7
חעגן יענע טעג	13
די סילוועסטער־נאַכט 1951	17
די ערשטע אויספאָרשונג	29
וואָס חעט זיין מיין סוף ?	35
די ערשטע נאַכט אין תפיסה	45
אַ באַגעגעניש	54
אַ „שפּראַכן־מחלוקה"	63
איך רעד טשעכיש	70
נאַכט־באַזוכן	79
מען נישטערט אין מיין ביאָגראַפיע	92
דער היפּנאָטיזירנדיקער אויספאָרשער	97
די אינטערנאַציאָנאַלע ציוניסטישע פאַרשווערונג	103
די באַפרייונגס־מלחמה פון ישראל אין אַ קרומען שפּיגל	108
אין קאַרצער	129
48 שעה	136
דער אַרעסט־באַפעל	144
דער קרייז־פאַרהער	149
אַליין אין קאַמער	152
די פרילינג־זון	163
דאָס בילד	168
דער צווייטער צוזאַמענטרעף	173
די אויספאָרשונג חערט באַנייט	177
טעג און נעכט	188
אַ קליינער פאַרס	203
רודאָלף סלאַנסקי	207
מיין באַקאַנטשאַפט מיט... הימלערן	218
שפּיאָנען, שפּיאָנען, שפּיאָנען	234
„גרוסן" פון דער היים	248
ערשטער מאַי 1952	255
אין די קליינע נאַכט־שעהן	260
דאָס געשפּענסט פון טיטאָיזם	267
דער „אמת" חעגן מיין קיבוץ	281
די מיסטעריע בעקעלמאַן	287

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיע ביכער:

י. זרבבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושיוא
אברהם סוצקעווער:	מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
ד. זאַקאַליק:	גערנאַגל
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
יוסף ראָזען:	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
מלך נוי־ניישטאַט:	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
יצחק לעוו:	אין גערנאַגל — געקליבענע שריפטן
יצחק פּאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
מרדכי יפה:	צען ישראל־דיכטער
יחיאל האָפער:	אַ הויף אויף פּאַקאָרנע (2 טיילן)
ה. לייוויק:	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
עזרא קאָרמאַן:	צייכנס און צירופים (לידער)
נחמן דרוזדוב:	אחד העם
פרץ גראַנאַטשטיין:	מענטשן פון נעכטן
י. לעשצינסקי:	דאָס פנים פון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פאַט:	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)
רבקה באַסמאַן:	טויבן ביים ברונעם (לידער)
א. קאַרפּינאָוויטש:	דער וועג קיין סדום
י. צ. שאַרגעל:	פון וויי און גלויבן (לידער)
א. ריוועס:	מיט דער שיף „טשיטשערין"
מאָטעס דייטש:	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער)